STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09485

MEGILES POYLN

Leo Finkelstein

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לעאָ פינקלשטיין

מגילת פוילן

די אויסגאַבע פון דעם בוך איז פינאַנסירט געוואָרן
דורך דער יידישער פאָלקס-באַנק אין בוענאָס-איי-
רעס. די גאַנצע הכנסה פונעם בוך איז באַשטימט
פאַר קולטור-הילף פאַר די שארית-הפליטה.

ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע ייִדנטום

26

רעדאַקטאָר:
מאַרק טורקאָוו
פֿאַרלאַגס-לייטער:
אַבֿרהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פון בוך

לעאָ פינקלשטיין

מגילת פוילן

(תורה, חסידות און שטייגער־קולטור אין יידישן פוילן.)

ארויסגעגעבן דורכן

צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע

(מיט דער פינאַנסיעלער הילף פון דער יידישער פאָלקס-באַנק)

בוענאָס-איירעס, 1947.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE
Copyright by
Leo Finkielstein, New York

LEO FINKIELSTEIN

MEGUILATH POILIN

Buenos Aires, 1947.

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
INDUSTRIA ARGENTINA

אינהאַלט

	זייט
על נהרות פוילן	9
די שליחות פון יידישן שרייבער	17
גלגולים פון פוילישער יידישקייט	
א) אכסניה של תורה	28
ב) גאונים, מקובלים און קדושים	65
ג) דער פוילישער „גאַנג" אין חסידות	115
ד) אויפן וועג צו דער פּערזענלעכקייט	202
ה) די אשת חיל אין פוילן	219
ו) יידישע אַרענדאַרן אין פוילן	258
תנא ר' עקיבא אין אונדזער צייט	
א) מיט איין פוס אין אָפּגרונט	275
ב) ר' עקיבא אין קאָזשעניצער בית המדרש	284
ג) דער גייסטיקער ווידערגעבורט	290
איבער די גאַסן פון מיינץ און וואַרשע	303
יידיש און יידישע ליטעראַטור אין דער יידישער שול	333

יידיש פוילן,

איך יערב לי אכל ושתות בעת אחזה,
כי יסחבו הכלבים את כפיריך?
או איך מאור יום יהי מתוק לעיני, בעוד
אראה בפי עורבים פגרי נשריך?

יהודה הלוי

קען עסן און טרינקען איינגיין — זעענדיק
ווי הינט די פגרים פון די לייבן דיינע פליקן —
און ווי קען זונליכט ליב זיין פאַר די אויגן מיינע,
אַז ראָבן טוען דיינע אָדלער פיקן?

איבערז. ו. י. שווארץ.

על נהרות פוילן

איבער די טייכן פון פוילן זיצן די ניצול-געוואָרענע רעשטלעך פון צעשטערטן יידישן ישוב און דערמאָנען מיט ווייטיק די פארשוואונדענע יאָרן. ווי א טערקלטויב פון די שפּאַרבער-נעגל האָבן זיי זיך ארויסגעריסן פון די נאַציסטיש-רוצחישע הענט און האַלב-וואַנזיניקע מיט פאַריתומטע אויגן קוקן זיי איצט אויף די חורבות פון אַמאָליקן פּוילישיידישן פּראַכט. מחשבות שוועבן אין דער נאָענט-ווייטער פאַרגאַנגענהייט, גראָבן אויף אין זכרון בלענדנדיקע בילדער פון פּאַרצייטיקן פּויליש-יידישן שטייגער, וואָס איז געווען אָנגעפּילט מיט פאַרשידנאַרטיקער שפע: מיט ווילטאָג און נויט, זעטיקייט און הונגער, פרייד און אומעט, ארבעט און גראַנגל, געלעבטער און געוויין. אין אַלעם, וואָס איז במשך פון לאַנגע יאָרהונדערטער געבויט געוואָרן אין פּוילן, איז פאַראַן א גרויסער חלק יידישער פליים, יידישע מי, יידישער שוויים און ענערגיע.

איצט זיצט ביי די ברעגעס פון דער ווייסל א הייפל בונקער-יידן און וואַרפט ארום זיך פאַרלוירענע בליקן. איינגעהילט אין בליי איז איצט דער פּוילישער הימל, וועלכער האָט אַמאָל זוניק געשמייכלט צום אַלט-געזעסענעם פּוילישן ייד. קאַלט-פרעמד איז געוואָרן די פּוילישע לאַנדשאַפט, וואָס האָט אַמאָל צאַרט געגלעט דאָס יידישע אויג. פאַרוויסט זענען געוואָרן די יידישע גאַסן, איבער וועלכע עס האָט זיך געהערט דער האַמער-קלאַפּ פון יידישן בעל-מלאכה און פיבערהאַפטיקער רוף פון יידישן קרעמער. פאַרשטומט איז געוואָרן דאָס פאָלקס-ליד פון יידישן ארבעטער

און קאמפס-ליד פון יידישן רעוואָלוציאָנער. אָפּגעהאַקט זענען געוואָרן די פלאַמיקע רייד פון די פאָלקס-רעדנער, וואָס האָבן ביים יידישן מאַסן־מענטש געוועקט ווירדע און שטאָלץ. ביים יידישן וויסנשאַפטלער האָט מען ארויסגעריסן דאָס בוך, ביים יידישן דיכטער — די פען, ביים יידישן קינסטלער — דעם פענזל. אַלע, אַלע האָבן אויף אַ מיתה־משונהדיקן אופן אויסגעהויכט זייערע נשמות אין די היטלעריסטישע גאַז־קאַמערן, אָפּגעווישט איז געוואָרן פון דער פוילישער ערד־פלאַך דער אויף דער גאָרער וועלט שעפערישסטער און פילפאַרביקסטער יידישער קיבוץ. ווי זאָגט ביירואָן:

„דער פויגל האָט זיין נעסט,
די חיה — איר הייל,
דער מענטש — זיין היים,
דער ייד נאָר אַ בית-עלמין".

איצטער האָבן מיר אפילו נישט קיין בית־עלמין. דאָס אַש פון אונדזערע אומגעקומענע האָט דער ווינט צעבלאָזן איבער אַלע עקן פון דער פוילישער און אוקראַינישער ערד.

מיר, דאָס געקרייציקטע פאָלק, ברענגען פונדעסטוועגן נישט ארויס פאַר דער גאַנץ־ און האַלב-פאַשיסטישער וועלט אונדזער ווייַ-וואָרט און אוודאי שוין נישט אונדזער וויי-געשריי, ווייל דאָס אומפאַרשעמטע „הומאַניטאַרע" געזינדל איז גאָרנישט מסוגל צו פילן דעם אָפּגרונט פון אונדזערע יסורים. יעדער צינישער „מיטגעפיל"־קרעכץ וועט נאָר פאַרשוועכן דעם הייליקן שאָטן פון אונדזערע קדושים. פאַר דער היינטיקער הפקר־וועלט דאַרפן מיר נאָר ארויסברענגען די נאַקעטע פאַקטן און ס'איז שוין איר זאַך, צי זי וועט זיין בכוח פאַרציטערט צו ווערן פון גרויל.

פונקט ווי אונדזערע אמאָליקע מקוננים טרעטן מיר אריין אין זיך גופא, כדי מיט ליבשאַפט און יראת־הכבוד צום געדעכעניש פון די מאַרטירער אינערלעך-שטיל צווישן זיך אָדורכשמועסן וועגן אונדזער גרויסן פאָלקס־ברוך. ווי שוידערלעך אונדזער אומגליק זאָל נישט זיין, ווי טיף דער ווייטיק זאָל אונדז נישט פרעסן, ווי שווער די בענקשאַפט נאָך די אומגע-

בראַכטע זאָל אונדז נישט נאָגן, טאָרן מיר זיך אָבער נישט לאָזן פאַרפירן
פון יאוש־שטימונגען. אַז אַלט אין לײדן געפּרוּווט פאָלק נעמט גאַנץ אַנ־
דערש אויף דערשיטערונגען, אַלנפאַלס מיט ה י ס ט אָ ר י ש ן א ו י ס־
ב ל י ק. די היטלעריסטישע אינוואַזיע איז בלי שום ספק דער בלוטיק־
סטער פּעריאָד אין אונדזער געשיכטע, אָבער נישט קײן אַבסאָלוט אָפּגע־
זונדערטער.

אויך בעת די בלוטיקע קרײץ־צוגן האָבן בײ די ברעגעס פון רײן,
סען און דונאַי געוואַנדערט מחנות צעשראָקענע ײדישע פּליטים, אנשים,
נשים וטף, באַרויבט פון אַלעם. אויך יענע אומגליקלעכע האָבן זײערע גע־
דאַנקען און געפילן געשיקט צו די טראַגיש־אומגעקומענע; פאַר זײערע
אויגן האָט תמיד געשוועבט דאָס פײער־בילד פון די חרובֿע קהילות קעלן,
שפּײער, מײנץ, וואָרמס, טריער, רעגענסבורג א. אנד. װיפל יונגע ײדישע
פרויען און מײדלעך, וועלכע זענען דורך די ווילדע קרײצטרעגער געשטעלט
געוואָרן פאַר אויסוואַל La mort o le baptem (טויט אָדער שמד), האָ־
בן זיך געוואָרפן אין טײך אַרײן. די דעמאָלטיקע קינות דערצײלן וועגן זײ:
„הלכו על הגשר והטילו עצמם במים וטבעו”.

ווען די רדיפות, וואָס האָבן נאָר אויסערלעך געהאַט אַ רעליגיעזן כאַ־
ראַקטער, זענען אַריבערגעטראָגן געוואָרן אויפן מזרח און אויף דער דאָר־
טיקער ײדישער באַפעלקערונג אָנגעוואָרפן גרויס פאַרצווייפלונג, איז דער
גרעסטער אינטעלעקטועלער אויטאָריטעט פון יענער צײט, דער רמב”ם,
אַרויסגעטראָטן מיט אַ הויכמוטיקער זענדונג „אגרת תימן”, אין וועלכער
ער באַמיט זיך — אין גײסט פון יענער צײט — אַרײנלײגן אין די לײדן אַ
באַשטימטן היסטאָרישן זינען.

„די פעלקער האָבן אונדז פײנט — זאָגט דער רמב”ם — נישט פאַר אונדז
גופא, נאָר מחמת דעם געטלעכן עלעמענט, וואָס לעבט אין אונדז, בכדי אַזוי
אַרום נישט דערלאָזן, אַז עס זאָל פאַרווירקלעכט ווערן די „געטלעכע שליחות.
אָנהײבנדיק פון מעמד הר סיני איז נישט געווען קײן אײן עפּאָכע, בעת וועל־
כער דאָס יהדות אָדער זײנע נאָכפאָלגער זאָלן נישט האָבן אויסצושטײן צרות
און רדיפות.”

אַנאַליזירנדיק די פאַרשידענע קאַמפּס־מעטאָדן קעגן ײדנטום און באַ־
ווײזנדיק זײער אומזיניקײט, זאָגט דער רמב”ם:

> „און איצט, ברידער, שאצט אפּ די דאזיקע אמתן. זאלן די כסדרדיקע פאַרפאלגונגען נישט ברעכן אייער מוט, זיי דינען בלויז ווי א נסיון פאַר אייער אויסדויער.”

נישט ווייניקער בלוטיק האָבן מיר איבערגעלעבט די שפּאַנישע אינקוויזיציע, בעת וועלכער צענדליקער טויזנטער אנוסים האָבן געפלאַקערט אויף די שייטערהויפנס. אונטער די גיפטיקע העץ־רייד פון די יעזואיטן האָט דער פּאַנאַטיש־צעווילדעוועטער המון צערויבט און פאַרוויסט די יידישע קהילות קאָרדאָווע, באַרסעלאָן, סאַראַגאָסע, סעוויל, טאָלעדאָ א. אַנד. דער דעמאָלטיקער הימלער — טאָמאַס טאָרקוועמאַדאָ האָט איינגעאָרדנט עפנטלעכע ברען־ספּעקטאַקלען און אין נאָמען פון „העכערע אידייען”. ביים אַקאָמפּאַניאַמענט פון צבועקיש־פרומע אויסרופן, Misericordia et justicia („באַרמהאַרציקייט און גערעכטיקייט”) קאָלט־רוצחיש אומגעבראַכט „ווידערשפּעניקע” מאַראַנען.

ווי גייסטיק נישטיק זעט אויס די גזלנישע קרעאַטור פון סאַדיסטיש אומגעזעטיקטן אַלמעכטיקן גרויס־אינקוויזיטאָר לגבי דער הויכער גייסטיקייט פון דעם שוצלאָז פאַרפייניקטן מאַראַן, וועלכער איז מוטיק געגאַנגען אויפן שייטערהויפן. ווען די פלאַמען האָבן אים ארומגענומען פון אַלע זייטן, האָט ער אויסגעהויכט זיין נשמה מיט התלהבותדיקן געזאַנג: „בידך אפקיד רוחי!”

דער סעקרעטאַר פון דער מאַדרידער אינקוויזיציע ליאָרענטע שרייבט דערוועגן:

> „מיין פעדער זאָגט זיך אָפּ צו צייכענען דאָס דאזיקע שוידער־בילד, ווייל עס איז אויף דער וועלט נישטאָ קיין מער נבזהדיקע זאַך ווי דאָס פאַרהאַלטן זיך פון די אינקוויזיטאָרן.”

און ענדלעך דער גרויזאַמער גירוש ספרד, דאָס פאַרטרייבן יידן פון לאַנד, מיט וועלכן זיי האָבן זיך ענג צונויפגעלעבט במשך פון אַנדערטהאַלבן טויזנט יאָר. ווי נאַאיוו־רירנדיק איז דער פאַקט, וואָס פאַרן פאַרלאָזן שפּאַניע האָט די יידישע קהילה אין וויטאָריע איר גאַנץ פאַרמעגן אָפיציעל אָפּגעשריבן דער דאָרטיקער שטאָט־פאַרוואַלטונג בתנאי, אַז די לעצטע זאָלן שאַנעווען דעם יידישן בית־עלמין, ד. ה. פלעגן די קברים און מצבות.

וויפל טראַגישע געוואַגטקייט און היסטאָרישע ווייטזעעוודיקייט ליגט אין דעם פאַקט, וואָס בעת די אַלגעמיינע יאוש-שטימונגען האָבן די דע־מאָלטיקע יידישע גייסטיקע פירער געפּאָדערט פון די פאַרטריבענע צו האַלטן זיך מוטיק און אויפן אויסזיכטלאָזן וואַנדערוועג, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיט גרויסע געפאַרן, האָבן זיי פּאַראָרדנט זינגען לידער און אַן אָרקעסטער זאָל צושפּילן. אזוי אַרום האָבן זיי געהאָפט איינצושטילן די בייסנדיקע בענקשאַפט נאָך די אומגעבראַכטע און שטאַרקן דעם ווייטער־דיקן אויסדויער-כוח.

פון די זעלביקע גולי ספרד ופּורטוגאַל זענען שפּעטער אויסגעוואַקסן באַדייטנדיקע קהילות אין איטאַליע, טערקיי, פּאַלעסטינע און האָלאַנד, וועלכע האָבן זיך קונה שם געווען מיט אַ רייע גרויסע פּערזענלעכקייטן צוו. אנד.: לעאָנע העברעאָ, יוסף כהן, עזריא דעי ראָסי, יוסף נשיא, משה אַלמאָנסינאָ, שמואל שולאַם, יוסף קארו, מנשה בן ישראל, אוריאל אַקאָס־טאַ און ברוך שפּינאָזע. חוץ דעם איז די ספרדישע קהילה אין אַמסטער־דאַם, דער דאָזיקער עיר ואם בישראל, שפּעטער געוואָרן די מוטער פון די יידישע קהילות אין ענגלאַנד, דענעמאַרק און בראַזיליע.

עס זענען נאָך נישט פאַרלאָשן געוואָרן די שייטערהויפנס אין שפּאַ־ניע און פּאָרטוגאַל ווי ס׳איז אין דער יידישער געשיכטע ווידער איינגע־טראָטן אַ בלוטיקע תקופה. אין מזרח-אייראָפּע, דערהויפּט אין אוקראַינע איז דערגאַנגען צו מאַסן יידן-שחיטות, באַקאַנט אונטער דער באַצייכע־נונג גזירת ת״ח ות״ט. די היידאַמאַקעס האָבן זייער קאַמף קעגן די פּוי־לישע מאַגנאַטן געפירט דורך טייכן יידיש בלוט. מיט רויך זענען אַוועק די יידישע ישובים אין נעמיראָוו, טאַלטשין, האָמעל, סטאַראָדוב, פּאָלאָננע, טשערניגאָוו, אָסטראָוו, קאָנסטאַנטינאָוו א. אנד. דעם גרויל פון די היידאַ־מאַקישע רציחות גיט אונדז איבער נתן האַנאָווער אין זיין „יון מצולה״. בלויז דער שמד האָט דעמאָלט געקענט די יידן ראַטעווען פון טויט. די רעליגיע, וועלכע איז דעמאָלט געווען דער הויפּט-קענצייכן פון יידישן אייגנאַרט, האָט זיי געמאַכט ווידערשטאַנדפעאיק. גאַנצע קהילות זענען מיט באַגייסטערטן געזאַנג געגאַנגען צום טויט, בכדי נישט צו רעזיגנירן פון גייסטיקער זעלבסטשטענדיקייט. אמת די דאָזיקע שחיטות האָבן נאָכדעם

דערפירט צו א גייסטיקן ווירוואר, וואס האט געפונען זיין אויסדרוק אין דער טרויעריקער שבתי צבי און יעקב פראנק־באוועגונג. מיט דער צייט אבער איז אויסגעוואקסן א קעגן־כוח — דאס חסידות ווי א פאלקס־באוועגונג, וואס האט צו יענער צייט צעמענטירט דאס יידישע פאלקס־לעבן און שפעטער אפילו באפרוכפערט דאס מאדערנע יידיש־וועלטלעך לעבן.

תמיד און אומעטום האט דער נאציאנאלער זעלבסטדערהאלטונגס־אינסטינקט אונדז אונטערגעזאגט וויאזוי ארויסצוגיין פון דער קאטאסטראפע, בכדי מיט באנייטע כוחות צוריק אויפבויען דאס חרוב געווארענע.

איצטער אין דער מיטן 20טן יארהונדערט האבן אונדז די דייטשישע מענטשנפרעסער געשטעלט פאר אכזריותן פון אזא גיגאנטיש־היסטארישן פארנעם, וואס רוקט ממש אוועק אין שאטן אלע ביז איצטיקע ווילדקייטן. לגבי טרעבלינקע, מאידאנעק, אשוויענטשים, בוכענוואלד און טערעזענשטאט ווייזט אוים די צענטראלע קאטאסטראפע אין דער יידישער געשיכטע — חורבן ירושלים — צו זיין א שפילעכל. וואס באטייט אייגנטלעך טיטוס הרשע לגבי דעם געקרוינטן גרוים־טויטמייסטער היינריך הימלער, וועלכער האט צו אלע זיינע קאלט־ראפינירטע סאדיסטישע מאסן־מארדן באקומען די ברכה מצד דעם פון בלוט פארשכורטן „הערען־פאלק". אפשאצנדיק די יידן־רדיפות אין אייראפע אין 16טן יארהונדערט האט זיך מארטין לוטער אויסגעדריקט: „ווען איך וואלט געווען א ייד און געזען ווי די דאזיקע פייניקער און פארפאלגער פריידיקן דערביי די קריסטלעכע לערע, וואלט איך גיכער געוואלט פארוואנדלט ווערן אין א חזיר איידער אין א קריסט". נישט מיט קיין קלענערער זיכערקייט לאזט זיך דאס זאגן וועגן די נאציסטישע „אריער", וואס פריידיקן „נארדישע ראסן־ריינקייט".

נישט קוקנדיק אויף די כסדרדיקע פארזיכערונגען פון די כלערליי פויפסטן, מאנארכן און אינקוויזיטארן, אז נאר דער איבערגאנג צום קריסטנטום וואלט אונדז באפרייט פון די נגישות בעת די קרייץ־צוגן, שווארצע מגפות און אינקוויזיציעס, איז דאך פון יעדן איינעם קלאר, אז אין הינטערגרונט פון די אלערליי „ריין־קריסטלעכע" פראצעסן זענען גע־

לעגן גראָב־מאַטעריעלע אינטערעסן. אומעטום איז מען אויסן געווען אַרויסצופּרעסן ביי יידן וואָס גרעסערע שטייערן און געלט־שטראָפן, אַנו־לירן ריזיקע חובות, קאָנפיסקירן יידישע פאַרמעגנס א. ד. גל. נאָך מער איז דאָס נוגע די „נאָבעלע" פּעכטער פון „ריינער אַרישקייט", וועמענס „אַקציעס" זענען באַשטאַנען אין אויסשליסלעכן רויבן יידיש האָב און גוטס. דער קינסטלעך אָנגעצויגענער ראַסן־האַס האָט נאָר געזאָלט פאַר־לייכטערן זייערע אימפּעריאַליסטישע ציל. ווען דאָס רוצחישע „הערען־פאָלק" וואָלט פאַרמאָגט עפּעס פון דעם, וואָס מען רופט געוויסן, וואָלט עס כסדר פאַרפאָלגט געוואָרן פון זעלישן פּיבער און מאָראַלישער שרעק צו־ליב די לעצטע פאַראַכטונגס־בליקן, וועלכע די הילפלאָזע פאַרפּייניקטע יידן האָבן אין די גאַז־קאַמערן געשיקט צו די „אויסדערוויילטע" ס. ס.־גזלנים. דאָס יאָמערלעכע געוויין פון די דורך אָנגערייצטע הינט פאַרצוקטע עלנטע יידישע קינדער וועט אין דער געשיכטע איבערדוירן דאָס טייוולאָניש־ציי־נישע געלעכטער פון די נאַציסטישע דעגענעראַטן און וועט מעכטיק מאָנען ביי דער וועלט — באַזינונג.

יאָ, עס וועלן נאָך אַפּלויפן אַ סך וואַסערן ביז מיר וועלן זיין מסוגל צו פאַרהיילן אונדזערע בראַנדווייען. עס איז צווישן אונדז נישטאָ קיין איינער, וואָס זאָל אין דער קאַטאַסטראָפע נישט האָבן פאַרלוירן זיינע ליבלעכע קרובים. עס וועט נישט זיין קיין גוזמא צו זאָגן, אַז דאָס זעל־ביקע איז אויך נוגע דעם רוב צפון־אַמעריקאַנער, אַרגענטינער און פּאַלעס־טינער יידן. עס איז זייער שווער זיך אַליין צו טרייסטן.

פונדעסטוועגן דאַרפן זיך ביי אונדז געפינען מענטשן, וואָס זאָלן זיין בכוח צו דערשטיקן אין זיך דעם ווייטיק, בכדי אַרויסצובאַקומען אַ מיני־מום ניכטערקייט. מ'טאָר נישט אָטעמען בלויז מיט בית הקברות־לופט; דאָס, וואָס איז דערלויבט אַ יחיד איז באין אופן נישט פאַרגעבלעך קיין כלל. אַ קאָלעקטיוו מוז טראַכטן באַהערשט מיט געשיכטלעכע קאַטעגאָ־גאָריעס. היסטאָריש טראַדיציאָנעל איז דער פּויליש־יידישער קיבוץ געווען דער סאַמע איינגעפונדעוועטער און דערביי דער קאָלירפולסטער און סאַמע פּרוכטבאַרסטער, וועלכער האָט באַקומען אַן אָפּקלאַנג אין דער גאָרער יידישער וועלט. אַן פּוילישן קיבוץ איז פּשוט נישט געמאָלט קיין איירא־

פּעאיש יידנטום. אין רומעניע, פראנקרייך, אונגארן און דייטשלאַנד וועט זיין צוזאַמען אַן ערך אַ מיליאָן יידן. אין ראַטנפאַרבאַנד — צוויי מיליאָן. אין פּוילן וועט צוזאַמען מיט די רעפּאַטריאַנטן פון ראַטנפאַרבאַנד זיך צו־נויפקלייבן אַ 250.000 יידן. אויף די דאָזיקע 250.000 פּוילישע יידן ליגט אַ גרויסע היסטאָרישע אחריות פאַר דער צוקונפט פון יידן אין אייראָפּע. דער היטלער־חלום פון אויבער־תלין אונדז אָפּצווישן פון דער אייראָפּע־אישער ערדפלאַך טאָר נישט מקוים ווערן. ווען אונדזערע קדושים האָבן פאַר יציאת נשמתם געוואָרפן אַרום זיך דעם לעצטן בליק, האָבן זיי מסתמא געהאָפט, אַז עס וועלן קומען זייערע גואלי הדם. היינט צו טאָג זענען די רוימיש־בבלישע און בערלינער־סדומישע זונות שוין געבענדיקט; זייערע פּאַשיסטישע civitates diaboli זענען שוין צעקרישלט געוואָרן אויף שטויב. אויף די חורבות פון קאַניבאַלישן פאַשיזם וועט זיך בויען אַ נייע וועלט. מיר פאַרבינדן אונדזערע אויסבליקן מיטן געמיינזאַמען קאַמף פאַרן ענד־גילטיקן נצחון פון אַרבעטער־קלאַס אין אייראָפּע, וועלכער וועט אָפּשאַפן די פאַרשאָלטענע קאַפּיטאַליסטישע אָרדענונג וואָס איז דער הויפּט־קוואַל פון אַלע אימפּעריאַליסטישע מלחמות און פעלקער־שנאה.

די שליחות פון יידישן שרייבער

נאָך קנאַפּע זיבן יאָר האָבן מיר, יידישע שרייבער פון פּוילן, זיך אומגעקערט אין אונדזער היימלאַנד. במשך פון דער דאָזיקער פינצטערער צייט האָבן מיר פיל איבערגעלעבט, אַ סך דורכגעפילט און דורכגעפיבערט. געיאָגט פון נאַציסטישן האַס-שגעון האָבן מיר אַנגעשפּאַרט אַזש אין קאַלט-ווייטן צפון און מיטלאַזיע, וווּ עס זענען צו אונדז דערגאַנגען די ביטערע איוב-בשורות וועגן פאַרוויסטן אונדזערע אַלטע היימען אין פּוילן און וועגן אכזריותדיקן פאַרלענדן אונדזער שטאַם. אַוועק זענען מיר פונדאַנען, וועןדאָס יידישע לעבן האָט דאָ געבליט, צוריקגעקומען זענען מיר אויף חור־בות און אויף פּוסטע פעלדער, וואָס זענען „פאַרגוטיקט" געוואָרן מיט אַש פון אונדזערע קדושים.

פּונקט ווי אונדזער פאָלק האָט אויך אונדזער ליטעראַטור געליטן שיף־בראָך. מיר זענען פאַרבליבן אַ הייפעלע, רעשטלעך פון דער אַמאָליקער רוישיקער שרייבער-משפּחה. מיר טוליען זיך אין אַ ווינקל און דערציילן איבער צום וויפלסטן מאָל אונדזער גרויליקן בראָך, וואָס וועט זיך קיינ־מאָל נישט לאָזן אויסדערציילן.

די קאַשמאַרע נאַכט

עס איז אפשר אויסטערליש. מיר, די צוריקגעקומענע, וואַנדלען איצט אויף דער פּוילישער ערד אין אַ הין-הער-פּלעט. מיר ווערן כסדר געשליי־

דערט פון קעגנזעצלעכע שטימונגען. אַט שיינט און וואַרעמט די מילד־פוילישע זון און אויפן האַרצן ווערט הייטערער. אָבער תוך כדי דיבור גיט אונדז אַ שטויס אַן אַנדערע ווירקלעכקייט און מיר שטאַמלען מיט שטוי־נונג: ווו זענען מיר? וועמענס זענען מיר? ווו זענען אונדזערע נאָענטע? האָטס רחמנות, ווייזט אונדז אַ פּראָסטן ייד פון דזשיקע מיט זיין יידיש־לעכן הולך און ברייט־פוילישער אויסשפּראַך, מיר ווען אים האַרציק אויסקושן! נישטאָ... זאָלן מיר גיין אויף קבר־אָבות! גיין... דעם אַש פון די אומגעקומענע האָט דער ווינט צעבלאָזן. נישטאָ קיין קברים צו רייסן, סיידן — ווי עס זאָגט דער דיכטער שולשטיין — רייסן ס׳אייגענע האַרץ אויף שטיקער.

במשך פון זעקס יאָר האָט אויף דער פוילישער ערד געהערשט אַ קאָשמאַרע נאַכט, אַ וואַלפּורגיס־נאַכט, וואָס האָט אַ גאַנץ פאָלק נישט נאָר באַרויבט פון זעלישער מנוחה, נאָר געטריבן עס אין די קאַלך־אויוונס. אוודאי גלויבן מיר, אַז דער שיין פון די טרעבלינקער פייער־צונגען וועט ווי אַן אייביקע שאַנד פלאַמען אויף די פּנימער פון אַלע פעלקער, אונדזערע דירעקטע און אומדירעקטע פּאַרטיליקער.

די וואַלפּורגיס־נאַכט איז — לויטן פאַוסטן — געווען אַ נאַכט פון שווימיקער גראָבקייט, ווילדער הנאה, אומפאַרשעמטער אויסגעלאַסנקייט, חזירישער תאווה, טייוולאָנישע גלוסטונגען און שוואַרצקינצלערישער טומאה. אַ שדים־טאַנץ אַרום שאַלקהאַפטיקער און מיאוסער עולם הזהדי־קייט. די דאָזיקע גיהנום־נאַכט, וואָס האָט אויסגעטאָן דעם בר־נש פון יעטוועדן מענטשלעכקייטס־לבוש, איז אויסן געווען צו פאַרשטריקן פאַוסטן — דעם טראַגישן שטורעם און דראַנג־מענטש — אין אַ נעץ פון סאַמע ני־דעריקסטע אינסטינקטן, פון וועלכע עס איז שוין נישטאָ קיין וועג צו זויבערע מענטשלעכע געפילן און זיטלעכער לויטערקייט.

מיר יידן זענען די הויפּט־קרבנות פון דער נאַציסטישער אויפלאַגע פון דער וואַלפּורגיס־נאַכט, וואָס האָט מיט איר שטאָק־פינצטערניש גע־הילט אייראָפּע אין די יאָרן 1945-1939. די דאָזיקע גיהנום־נאַכט שווידערט אונדז אויף נישט בלויז צוליב איר משונהדיקער אכזריותדיקייט, נאָר נישט מינער צוליב דער מאָראַלישער העסלעכקייט, הינטישער געפאַלנקייט און

רוח הטומאה וואָס טראָגט זיך פון איר. מיר זענען שטאָלץ דערויף, וואָס בעת אַרום אונדז איז געווען גערדיכט־נאַכטיקע חשכות און אַלץ האָט זיך געבוקט צו די פאַרחזירישטע נפשות, וואָס האָבן זיך געטאָרעט אין דער בלאָטע און געזשלאָקעט מענטשלעך בלוט, האָבן מיר אין די בונקערס און היילן געפליסטערט אונדזער אייגענע מעלאָדיע: „אזכרה נגונתי בלילה".

דאָס געמאָסטענע וואָרט

פאַר פאַוסטן האָט זיך די שאַלקהאַפטיקע וואַלפּורגיס־נאַכט דאָך גע־ענדיקט. ביים באַווייזן זיך פון ערשטן זונענשטראַל איז ער געגאַנגען זיך לייטערן אין דער קונסט. צי האָט זיך אָבער שוין אויך פאַר אונדז געענ־דיקט די גיהנום־נאַכט? צי האָט זיך אויך פאַר אונדז באַוויזן דער מאָרגנ־שטערן? צי האָט שוין אויך פאַר אונדז אויפגעשיינט דער לאַנג־דערוואַר־טעטער טאָג?

עס איז דערויף באמת שווער צו ענטפערן. מיר זיצן נאָך גייסטיק אין די בונקערס און זענען נאָך נישט מסוגל צו אונטערשיידן צווישן טאָג און נאַכט.

מיר געפינען זיך גיכער אין אַ צושטאַנד פון לא יום ולא לילה. שכור פון ווייטיק וואַקלען מיר זיך צווישן ווירקלעכקייט און טרוים, באַלאַנסירן צווישן וואָר און חלום און קענען לעת עתה נישט געפינען דעם וועג צו עבטער קינסטלערישער ווידערשפּיגלונג. פונקט ווי ביי מעטערלינקס „בלינדע" בלאָנדזשען דאָ די געפירטע צוזאַמען מיט די פירערס. אַמאָל האָט מען וועגן שיבת ציון געזאָגט „היינו כחולמים", היינט האָט אונדז שיבת פוילן פאַרוואַנדלט אין סאָמנאַמבוליקער.

אונדזער גאַנצער לעבנס־באַנעם איז געוועבט פון חלומות־פעדעם וועגן אַ וועלט, וואָס איז פאַרצערט געוואָרן פון פייער און ממילא פאַרלוירן איר ממשותדיקייט.

אָבער דער חלום וועגן דער זעלביקער וועלט איז געוואָרן אונדזער רעאַליטעט.

אויפן זכרון קומען שעקספּירס ווערטער אין „שטורעם":

מיר זענען פון דעם זעלביקן שטאָף

ווי דער, וואָס איז צו חלומען געמאַכט,
און רינגלט אַ שלאָף אַרום
דאָס קליינע לעבן אונדזערס.

יאָ, קוים וועט אָבער די בונקער־פּריזמע אונדז ווייזן (מעג זיין אי־לוזאָריש), אַז עס איז „שוין טאָג", דעמאָלט איז נישט שייך זיך אָפּצור־זאָגן פון פאָוסטנס וועג צו דער געלייטערטער קונסט. אין איצטיקן מאָ־מענט אָבער ווערט דורך דער קונסט ביי אונדז קודם כל אַרויסגעהויבן ד אָ ס וו אָ ר ט.

במשך פון איבער זעקס יאָר איז דאָס וואָרט פאַרשוועכט און פאַר־ליגנערישט געוואָרן. אין אומווירדיקן מויל פון דער נאַציסטישער מענטש־חיה איז דאָס מענטשלעכע וואָרט אַליין געשענדעט געוואָרן און גערופן צו שענדן אַלע הייליקייטן. אונדזער באַשטרעבונג דאַרף דעריבער זיין אומ־קערן דעם וואָרט און קודם כל דעם יידישן וואָרט די פריערדיקע חשיבות און וואָרהאַפטיקייט. דאָס וואָרט דאַרף זיך אַנטפּלעקן אין קינסטלערישן לבוש אין ציטער־שפּיל פון בילד און קלאַנג.

אָט זענען מיר פון לעצטן געטאָ-שניט אַריינגעפאַלן אין האַנט מרדכי געבירטיגס „ס'ברענט", און משה שולשטיינס „אויפן אַש פון מיין היים". אוודאי בין איך ביז גאָר גערירט פון געבירטיגס דאָקומענטאַרן אמת און פאָלקסטימלעכן בטחון־ריטם, אין וועלכע עס זענען פאַרוועבט זיינע לי־דער פון קראָקעווער געטאָ און לאַנגעוויניקער לאַגער.

און איך זאָג אייך ברידער, געדענקט וואָס איך זאָג
דער איינציקער טרייסט און נחמה
ס'וועט קומען, איר הערט? ס'וועט קומען אַ טאָג,
וואָס וועט פאַר אונדז נעמען נקמה!

אָבער מאָמענטן פון זעלישן פיבער און דערשיטערונגס-געגנוס לעב איך איבער לייענענדיק שולשטיינס געטאָ־פּערזן:

די געטאָ-היים, דער ברענענדיקער שייטער,
ווו ס'ווערט געבראָטן מיין פאַרשעמטער שטאָט.

צום הימל שטייגן פלאַמען אויף, ווי די לייטערס,
גייט אויף מיין היים געהייליקט אין דעם פלאַם.

ס'וועט איצט אונדזערע טאַלאַנטירטע שרייבער אויסקומען צו אָפּערירן מיטן געשליפן וואָרט. „טאַלאַנטאָס” באַדייט אייגנטלעך באַשרענקונג, מאָס, ס'רעגולירטע וואָרט.

מיט אַ צייט צוריק איז אונדז אויסגעקומען בייצוווינען אַן אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פון יידיש־סאָוויעטישע שרייבער אין מאָסקווע. איין שרייבער האָט עפנטלעך דערקלערט: „מיר יידישע שרייבער דאַרפן איצט ברענגען צום אויסדרוק אַזעלכע מאָטיוון, וואָס זאָלן וועקן אַכטונג און ליבע צום יידישן פאָלק”. הגם ליטעראַטור דאַרף נישט אָפּווייכן פון לעבנס־אמת, ווייזט זיך אונדז פונדעסטוועגן אויס, אַז דער סאָוויעטישער שרייבער איז דאָך גערעכט.

אַוודאי זענען מיר ווייט אָנצוּוואַרפן דעם שרייבער אַזעלכע ס'איז דרויסנדיקע טענדענץ. דאָס איז זיין אייגענע הייליקע קינסטלערישע און אידייאישע רעכט; די געשעענישן וועלן אים שוין נעמען אָדער נעמען אים שוין איצט פאַרן גאָרגל, בכדי אים צו פירן אין זיין דיכטערישער סטיכיע. עס איז אָבער בלתי ספק, אַז דעם קינסטלערס רעגולירט וואָרט דאַרף היינט צו טאָג: א) רעגולירן די מיינונג פון דער וועלט וועגן אונדז און ב) רעגולירן אונדזער מיינונג וועגן זיך גופא.

אַלט־נייע טעמאַטיק

דער צופאַל, אָדער דער גורל האָט געוואָלט, אַז מיר דאָס הייפל שרייבער, זאָלן פאַרהיט ווערן פון אומקום. פון איין זייט פילן מיר אַ פאַרשעמונג לגבי די קדושים וטהורים, פון דער אַנדערער זייט זענען מיר אַדורכגעדרונגען מיט אַ פליכט־געפיל לגבי דער געשיכטע. מיר זענען באַרופן צו פאַרפיקסירן פאַר די קינפטיקע דורות, פאַר דער גאָרער וועלט, אַלץ, וואָס מיר ווייסן און אַלץ, וואָס מיר זעען. אַנדערש איז נישט כדאי געווען,

אז מיר זאָלן אָפּגעראַטעוועט ווערן און אַנדערש וועלן מיר נישט געפינען קיין רו, פון דעם כסדר אונדז עקבערנדיקן טרעבלינקע-רוף: ארץ אל תכסי דמי!

מיר ווערן איצט פאַרבליניעט פון אַ מאַסע טעמעס, וואָס מאָנען זייער תיקון, אָבער אין פאָדערגרונט רוקט זיך ארויס די הויפּט-טעמע — מ אַ ר־ ט י ר ע ר ט ו ם און ה ע ר אָ א י ז ם. די דאָזיקע טעמע, וועלכע ווייזט אויס אין פלוג צו זיין פאַרשטענדלעך פאַר אַלעמען, איז בעצם אַ זייער קאָמפּליצירטע. בעת די קרייץ-צוגן האָט מען דעם ייד געשטעלט פאַר אַן אַלטערנאַטיוו — „שמד אָדער טויט!". דער ייד האָט דעמאָלט אויסגעקליבן דעם טויט. בעת דער שפּאַנישער אינקוויזיציע האָט זיך דאָס זעלביקע איבערגעחזרט. יידן זענען הארטנעקיק פאַרבליבן ביי זייער גלויבן און מוטיק געגאַנגען אויפן שייטערהויפן. ווען די פלאַמען האָבן זיי אַרומ־ גענומען, האָבן זיי באַגייסטערט געזונגען — בידך אפקיד רוחי! אין די צייטן פון גזירת ת"ח ות"ט האָט מען דעם ייד געשטעלט פאַרן אויסוואַל — קושן דעם צלם אָדער שטעקן דעם האַלדז! דער ענטפער איז געווען פּאַראויסצוזען — יידן האָבן געשטרעקט דעם האַלדז. אָט וואָס עס שרייבט דערוועגן דער עד ראיה ר' נתן-נטע האַנאָווער אין „יון מצולה":

„אין יאָר זא"ת (ת"ח) פון בריאת העולם האָבן לויט זייער שטייגער, יונים צו יידן אַזוי געזאָגט: ווער עס וויל בלייבן לעבן, זאָל בייטן זיין גלויבן און זיך אָפּזאָגן פון ישראל און זיין גאָט. נאָר יידן האָבן נישט גע־ האָרכט צו זייערע רייד און האָבן דעם האַלדז אויסגעשטרעקט צו דער שחיטה פון וועגן זיין הייליקן נאָמען; די גאונים פון דור איניינעם מיט אַלע אַנדערע פּשוטע לייט, מאַנסבילן, ווייבער מיט קליינע קינדער, גאָר די עדה פון די קהלות. גאָט וועט פאַר זיי נקמה נעמען און וועט אונדז פירן צוריק אין זיין לאַנד".

שלום אַש צייכנט אין זיין „קידוש השם" דאָס אומפאַרגעסלעכע בילד פון נסיון. כמיעלניצקים באַנדעס ווענדן זיך צו יידן מיטן פאָרשלאָג וועגן שמד. אַנשטאָט אַן ענטפער זינגט די גאַנצע עדה התלהבותדיק קאַפּיטלעך תהילים.

ווי זעט אויס מיט דעם העראָאיזם אין טרעבלינקע און מאַידאַנעק?

איז דאָרט דער אויסוואַל אויך געווען אַ פּריווילעגיע? צי האָט דער עוועגטועלער שמד אויך געקענט אָפּראַטעווען פון קאַלך־אויוון? קיינער לייקנט נישט, אַז צווישן די אומגעקומענע זענען געווען אַ סך מאמינים בני מאמינים, אייניקלעך פון די גולי ספרד, וואָס זענען געווען גרייט צו שפּרינגען אין קאַלך־אויוון פאַר יידישקייט. אָבער דער אמת דאַרף גע־זאָגט ווערן, אַז בדרך הכלל איז אין די נאַציסטישע טויט־לאַגערן נישט געווען קיין אויסוואַל. די מאַרטירערישקייט איז געווען אַ דעטערמינירטע. דער טויט איז געווען געוואָלט געווענדעט קעגן אונדז שוין צוליב דעם פאַקט פון אונדזער ביאָלאָגישער, אַ פּשיטא שוין באַוווסטזיניק נאַציאָנאַלער אָנגע־העריקייט. קיין שום אויסוועג איז דאָ נישט געווען. יידישקייט אין זיך גופא באַדייט שוין גאָלגאָטאַ און אין דעם באַשטייט דער אימאַנענטער קידוש השם פון אונדזער אומקום.

פאַר שרייבער שטייט איצט אַ גרויסע שליחות. עס דאַרפן זיך אין אונדז אַנטפּלעקן נייע שעפערישע כוחות, וואָס זאָלן זיין מסוגל — אָן דער פעלשונג פון געשיכטלעכן אמת — בילדלעך אַרויסצוברענגען דעם וויי־טיק פון די, וואָס האָבן מיט צעקרימטע פּנימער און אויסגעלאָשענע אויגן געווענדעט זייער שטוינונג צום הימל און דערביי מאַכטלאָז געבײַלט די פויסטן אַקעגן דער אַנטאַרטעטער רשעותדיקער וועלט.

יעדע שורה וואָס ווערט היינט צו טאָג אַרויסגעבראַכט דורך אַ יידישן שרייבער מוז פון איין זייט באַווייזן די אומגעהויערע מאַרטירער־קדושה פון אונדזער געקרייציקט פאָלק און פון דער אַנדערער זייט אַנטבלויזן די גרויסע שאַנד פון דער דעגענערירטער וועלט, אַ טייל פון וועלכער האָט אונדז בעסטיאַליש געמאָרדעט און אַ טייל ווידער האָט זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צום „מערקווירדיקן" בלוט־ספּעקטאַקל.

אל נקמות

דער היינטיקער דור יידישע שרייבער איז — אפילו פון ליטעראַטור שטאַנדפּונקט — נישט קיין גליקלעכער, גיכער אַ פאַרשאָלטענער. מיר פאַרשטייען, אַז דאָס שעפערישע וואָרט איז קודם כל באַרופן צו געבן דאָס שיינע און געלייטערטע, וועקן ליבע און אַכטונג צום מענטש. דער היינטיקער יידישער שרייבער אָבער איז באַרופן צו פאַרשפּרייטן האַס

ד. ה. שנאה צום שלעכטן און בלוטדורשטיקן. מיר שעמען זיך לגמרי נישט דערמיט, ווייל שנאה צו שלעכטס הייסט ממילא ליבע צו גוטס.

זאָל עס געזאָגט ווערן אָפן: מיר זענען איבערפולט מיט נקמה-דורשט. די אין די גאַז-קאַמערן אויסגעשריגענע צוואה פון די קדושים מאָנט ביי אונדז ג א ו ל ת ה ד ם. דאָס איז נישט קיין נקמה לשם נקמה, נאָר א באַגער צו באַשטראָפן די צעהוליעטע רוצחישקייט, וועלכע האָט אין איר בלוטבאַזויפטקייט נישט אָפגעשטעלט זיך אפילו פאַר א צעשמייכלט קינד. אזוי ארום דאַרף טריאומפירן דער פּרינציפּ פון גערעכטיקייט. יאָ, א תלמיד חכם איז א נוקם ונוטר כנחש, אָבער נישט ווייל די נקמה איז בעצם אַן אידעאַל, נאָר ווייל דורך נקמה דאַרף אויסגעוואָרצלט ווערן דאָס בייזע און אומווירדיקע, עס דאַרף זיגן דער פּרינציפּ פון צדק ומשפּט. ביים באַשרייבן דעם טויט פון פאַרשידענע מאַרטירער שטעלן די יידישע כראָניקער ס׳רוב צו די ראשי תיבות הי״ד ד. ה. ה׳ ינקום דמו — גאָט זאָל נקמה נעמען פאַר זיין בלוט! די נקמה דערשיינט דאָ ווי אַן עטישער עלעמענט פון דער וועלט-געשיכטע, וואָס צאָלט מיט גוטס פאַר גוטס, מיט שלעכטס פאַר שלעכטס.

אונדזערע בליקן דאַרפן אויך זיין געווענדעט כלפּי פּנים, ווייל אויך דער אינערלעך יידישער פראָנט נייטיקט זיך אין אַן ערלעך דערציערישן וואָרט פון יידישן אינטעלעקטועלער.

די פייער-מגילה פון אונדזער צייט דאַרף דערציילן נישט בלויז וועגן די, וואָס זענען פאַרברענט געוואָרן, נאָר אויך וועגן די, וואָס זענען אָפּ-געזעגנקט געוואָרן. מיר ווייסן, אז א טייל פון די ניצול-געוואָרענע יידן זע-נען אַרויס פון דער געטאָ-שריפה עטיש געמינערט און נאַציאָנאַל געבראָכן. בשעת מגפה זענען זיי אַוועק פון אונדז, פאַרלייקנט זייער אָפּשטאַם, גע-טוישט זייער פאָלק און זיך אָפּגעזאָגט פון זייער לשון. אין אָנבליק פון דראָענדיקן טויט ווערן א סך זאַכן פאַרשטענדלעך, און ביי קיינעם פון אונדז וועט זיך נישט הייבן די האַנט צו וואַרפן אין זיי א שטיין.

מיר האָבן איבעריקנס אויף דעם געביט רייכע היסטאָרישע דער-פאַרונג.

ווען די אַלמאָהאדן האָבן אין צוועלפטן יאָרהונדערט מיט רדיפות

אויפגעצווונגען א געוויסע צאָל יידן אויסערלעך אָנצונעמען דעם איסלאָם, האָבן טייל גייסטיקע פירער דעמאָלט שאַרף פאַראורטיילט די למראית עינדיקע אָפּטריניקע און געפאָדערט זיי אויסשליסן פון כלל ישראל. ערשט דער גרעסטער אויטאָריטעט פון יענער צייט, דער רמב"ם, איז אַרויסגע־טרעטן מיט זיין „אגרת השמד", אין וועלכן ער מילדערט די באַציאונג צו די אומגליקלעכע אנוסים, וואָס טוען אַלץ נישט פון איבערצייגונג, נאָר אויס מורא פאַר פאַרפאָלגונגען, און ביי דער ערשטער געלעגנהייט וועלן זיי זיך אומקערן צום יידנטום. זייער איסלאָם דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַן אויסערלעך אויפגעצוווּנגענער און פאַרבייגייענדיקער.

דאָס זעלביקע איז אויך נוגע די מאַראַנען אין שפּאַניע, וועלכע מען האָט אויך גערופן אנוסים. ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דאָס פרעמדע און זענען געווען גליקלעך צו קענען זיך ווי־דער פאַראייניקן מיט דער יידישער סביבה.

גאַנץ אַנדערש זעט אויס דער ענין ביי די היינטצייטיקע מאַראַנען פון וואַרשע, פון לאָדזש, קראָקע און לובלין. אָוודאי פאַרשטייען מיר זייער לאַגע בעת היטלער האָט פאַרוואַנדלט פוילן אין סדום. מיר הייבן אָבער אָן צו שטוינען ווען מיר זעען ווי די זעלביקע מאַראַנען האָבן זיך צונויפגע־לעבט מיט זייערע ראָלן און איצט, אין צווייטן יאָר נאָך דער היטלער־אָקו־פּאַציע, קלערן זיי גאָרנישט וועגן אומקערן זיך צו דער יידישער סביבה.

מיר ווילן לכתחילה קיינעם נישט פאַרדאַמען, אָבער מיר פילן דערביי אַ ווייטיק און אַ שאַנד. דאָס איז דער גרעסטער פּאַטש אין פּנים, וואָס עס האָבן אונדז געגעבן אונדזערע ברידער פון דער „אַרישער זייט", וועלכע בלייבן אין דער פרעמד נישט באונס נאָר ברצון. דאָ דאַרף קומען דער קינסטלער און פּלאַסטיש אַרויסברענגען אַלע ניואַנסן פון דער דאָזיקער אָפּטער דערשיינונג — סיי די טראַגישע געשפּאַלטנקייט פון די, וואָס מאַכן אַדורך אַ געראַנגל מיט זיך גופא, סיי די געוויסנלאָזיקייט פון די האַרטהויטיקע, וואָס לעבן נאָר מיטן געגנוס פון היינטיקן טאָג.

דאָ איז דער יידישער שרייבער מסוגל מיט זיין וואָרט צו רעגולירן די יידיש־געזעלשאַפטלעכע מיינונג.

לעא פינקלשטיין

דער שרייבער — אַ וועגווייזער

קליין איז אונדזער ישוב אין פּוילן. אין פאַרגלייך מיט דעם רומפּולן נעכטן זענען מיר היינט אַ חומץ בן יין. דערצו איז אונדזער מיניאַטור־קיבוץ אַטאָמיזירט אויף כלערליי ריכטונגען, וואָס האָבן ביז היינט נישט באַוויזן אויסצובילדן קיין געשלאָסענע געזעלשאַפטלעכע מיינונג — ס'איז נישטאָ קיין אויטאָריטאַטיווער דעת־הקהל. עס דראָט אונדז אונטערצוגיין מחמת אינערלעכע רייסענישן.

דער שרייבער דאַרף זיך דעריבער איצט פאַרטראַכטן וועגן זיין שליחות, אפשר וועט אים מיט זיין געמאָסטן וואָרט געלינגען צו שאַפן אַן אויסקריסטאַליזירטע מיינונג, צו וועלכער עס וועט זיך מיט דרך ארץ צוהערן די חרובע יידישע גאַס.

מיר פון אונדזער זייט דאַרפן אין זיך זאַמלען אַלע גייסטיקע כוחות כדי צו זיין ראוי צו די היינטיקע אויפגאַבן ד. ה. אַריינברענגען אַביסל ליכט אין די איצטיקע בלאָנדזשענישן.

זאָלן מיר זיך נישט אָפּשרעקן פאַר די עווענטועלע פאָרוורפן, אַז מיר גייען אויף דעם וועג פון פריידיקער, מגידים.

נישט מ י ר גייען, נאָר די היסטאָרישע אומשטענדן שטויסן אונדז דערצו. מיר לעבן דאָך — אין די טעג פון פאַראַכטונג. אין אַזאַ צייט דאַרף דאָס קינסטלערישע בילד זיך צונויפשמעלצן מיטן פלאַמיקן וואָרט פון נביא.

אין דעם פּרט קען אונדז באַלערנען די פאַרגאַנגענהייט. עס קומען אויפן זכרון צוויי עפּאָכן אין דער יידישער געשיכטע:

א) דאָס צוועלפטע יאָרהונדערט, וואָס צייכנט זיך אויס מיט רדיפות אויף יידן, און —

ב) דאָס זיבעצנטע יאָרהונדערט מיט די הײַדאַמאַקישע ייִדן־שחיטות. ביידע עפּאָכן האָבן אַרויסגעגעבן צוויי גאונים.

אין דער ערשטער עפּאָכע איז דערשינען דער רמב"ם מיט זיין „מורה נבוכים", אַ ווערק פון גרויס באַדייט פאַר דער געשיכטע פון דער פילאָזאָפיע. מערקווירדיק, נאָך דעם ווי דער רמב"ם אַנאַליזירט טיף די מעטאַפיזישע פּראָבלעמען, ווי קדמות־העולם, יש מאין, טעלעאָלאָגיע, מאַטעריע,

גייסט, אטריבוטן און אנטראָפּאָמאָרפיזמען, פאַרענדיקט ער סיורפּריז־אַר־טיק זיין גאוניש פילאָזאָפיש ווערק מיט א לירישינאציאָנאלן ווונטש. „העם ההולכים בחושך ראו אור גדול", — דאָס פאָלק, וואָס בלאָנדזשעט אין דער פינצטער האָט דערזען א גרויס ליכט. דער אבסטראַקטער דענקער האָט אַזוי אַרום זיין פילאָזאָפיש ווערק געהייליקט מיט דעם פּראַקטישן ציל אַרויסצופירן זיין פאָלק פון גייסטיקע בלאָנדזשעניש.

אין דער צווייטער עפּאָכע דערשיינט שפּינאָזעס „עטיק" — אַן איינ־ציקאַרטיק געניאַל ווערק אין דער געשיכטע פון אַלגעמיין־פילאָזאָפישן גע־דאַנק. א ווערק וואָס באַהאַנדלט פּראָבלעמען פון קאָסמאָס־דערקענטעניש, מאַטעריע, גייסט, ראַציאָנאַליזם, אינטואיציע, דעטערמיניזם, פרייער ווילן און אַפעקטן. א פילאָזאָפיש סיסטעם, וואָס לאָזט נישט צו קיין שום נאָר־מען, רופט נישט צו קיין שום האַנדלונגען, נאָר שפּיגלט געדאַנקלעך אָפּ די געזעצמעסיקייט פון וועלטאַל און די געזעצמעסיקייט פון די מענטשלעכע אַפעקטן. פונדעסטוועגן האַלט זיך שפּינאָזע נישט איין און לסוף פון זיין ווערק שאַפט ער א קליינטשיק אינדזעלע פון קוואַזי־פרייע מענטשלעכע האַנדלונגען, רופנדיק דערביי „מגידיש" דעם מענטש, אַז ער זאָל שטרעבן צו אַלעם, וואָס איז ש יי ן און דערהויבן, „ווייל אַלץ, וואָס איז ש יי ן און ד ע ר ה ו י ב ן איז ש ו ו ע ר פּונקט ווי עס איז ז ע ל ט ן".

ביידע פילאָזאָפן האָבן בעצם זיך געשטעלט ריין אבסטראַקטע צוועקן, אָבער פון זיך אַליין האָבן זיך אויסגעטיילט נאַציאָנאַל־עטישע אידעאַלן אָן שאָדן פאַר דער פילאָזאָפישער גאַנצקייט פון זייערע סיסטעמען.

זאָל זשע דאָס אויך אונדז דינען ווי אַן איבערצייגונג, אַז די א. ג. ריינע קונסט וועט מיט גאָרנישט פאַרמינערט ווערן, ווען פון אונדזערע לידער, דערציילונגען און עסייען וועט אַרויסשיינען א פאָלקסטימלעך־נאַ־ציאָנאַל פייערל, וואָס וועט באַלייכטן דאָס פאַרפינצטערט לעבן פון שווער־געפּרוווטן יידישן קיבוץ אין פּוילן. א שרייבער איז סוף כל סוף — א ו ו ע ג ו ו ייז ע ר.

גלגולים פון פוילישער יידישקייט

— א —

אכסניה של תורה

> עם היה בארץ פוילן — ישראל שמו
> והיה העם הזה תם וישר וירא
> אלהים וסר מרע.

איך וויל דאָ באַלד מוסר מודעה־זיין, אַז כ׳בין דאָס מאָל נישט אויסן צו געבן קיין אָביעקטיווע וויסנשאַפטלעך־געשיכטלעכע אָפּהאַנדלונג וועגן דער אַנטוויקלונגס־ליניע פון יידישן לעבן אין פוילן. דאָס איז היינט פאַר אַ פוילישן ייד ממש אוממעגלעך, ווייל דערצו פעלט אונדז באותו רגע ס׳נייטיקע געמיט, שכלדיקע געזעצטקייט און דערהויפּט פּסיכיש גלייכגעוויכט. ס׳כסדרדיקע קלעטערן איבער די חורבות, דער צעשראָקענער אַרומבליק איבער אונדזער פאַרוויסטונג, ס׳שטענדיקע מורמלען: „מה נשמו אוהליך יעקב ומשכנותיך ישראל“, די פאַר אונדז תמיד שוועבנדיקע טרער־בלינקע־וויזיע איז ווייט נישט מסוגל אָפּצושוואַכן אונדזער אינעווייניקסטן אומרו און פלאַטער. גיכער איז דאָ אונדזער באַגער עסייאיסטיש צו סקיצירן אַ געלייפיק בילד, וואָס זאָל איבערגעבן די גרונט־פּולסאַציעס פון אונדזער גייסטיקן שטייגער אין מדינת פוילן, וועלכן מיר באַצייכענען מיטן אויסטערלישן נאָמען „אווירא דפולניא“.

יאָ, די באַצייכנונג „אויסטערליש“ איז נישט קיין שוגרא דלישנא. וואָרום צי שטעלט זיך עמיץ פאָר, אַז מיט צען יאָר צוריק זאָל איינער פון

אונדז זיך פארנעמען צו שרייבן א. ד. ט. נוסח פוילן. דעמאלט ווען דער פוילישער קיבוץ איז געווען טיף איינגעווארצלט אין יידישן לעבן, ווען זיין שעפערישקייט האט געשפילט מיט דער פארבן־רייכקייט פון א רעגנבויגן, ווען אלץ האט געהאלטן אין איין שטייגן און וואקסן, וואלט אוודאי קיינעם נישט איינגעפאלן צו גריבלען זיך אין כאראקטער פון פוילישער יידישקייט און באמיען זיך ציען סך הכלען. ווען מען איז בבחינת עליה איז נישטא קיין צייט און ווילן ארומצוקוקן זיך. מען איז דעמאלט צו פיל פארכאפט מיט אייגענע אימפולסן, אז מ׳זאל קענען פירן ניכטערע חשבונות און אונטערציען די לעצטע שורה.

אויב מיר טוען עס היינט פונדעסטוועגן יא, איז עס פשוט צוליב דעם טראגיש־שוידערלעכן אמת, וואס פויליש יידישקייט האט פארלוירן איר אקטועלקייט און איז מגלגל געווארן אין א היסטארישן באגריף.

דערביי דארף מען זיך אבער נישט לאזן פארפירן פון קיין קאנווענציאנעלע דעפיניציעס — פון היסטארישקייט, ווייל אין דעם פאל איז עס נישט קיין היסטארישקייט אין אנגענומענעם זינען פוןווארט. היסטארישקייט באטייט על פי רוב — פערספעקטיוו, דיסטאנס, מהלך, לויט וועלכן מ׳קען אפשאצן אן עפאכע אביעקטיוו־געדאנקלעך אן די באזונדערע עמאציאנעלע צאפלענישן. מיט אונדז איז אבער געשען א שווארצער „נס" פון שקיעת החמה בהרף עין. דער פוילישער קיבוץ האט נישט אויסגעהויכט זיין נשמה אויף א היסטאריש־נאטירלעכן וועג. ער איז נישט געווארן רייף פאר אונטערגאנג, נאך נישט געווען געשיכטלעך קיין נוטה למות. עס איז פשוט דערגאנגען צו כרת, ביי וועלכן מ׳האט אנגעווענדעט אלע ארבע מיתות בית־דין פון מלכות הרשעה.

דארף דעריבער נישט זיין קיין חידוש, וואס ביים פוילישן ייד איז היינט צו מערקן א פסיכישע געשפאלטנקייט. ער איז אי געשיכטע אי היינטצייטיקט. די פארגאנגענהייט, וואס איז פארשווינדן לעולם ועד, באטייט פאר אים גאענטע פערזענלעכע איבערלעבענישן, — אייגן בלוט. און די איצטיקייט ווידער איז א סאמנאמבוליש וואנדערן איבער שטאק

און שטיין פון א פארשניטענער וועלט. צוזאמען מיט אים וואגלט צווישן די חורבות, בונקערס און הײלן דער אַלט־פּוילישער ניגון, וועלכן ס'האבן דרייסיק דורות יידן אויסגעזונגען אין פּוילן. אָט דער ניגון האָט אין יעדער תקופה דורכגעמאַכט אַן אַנדערן שעפערישן גלגול. אַנדערש האָבן אים געזונגען דער רמ״א, מהרש״א און מהרש״ל; אַנדערש — מענדל סאטאַנאָווער, ר׳ נחמן קראָכמאַל און יוסף פּערל; אַנדערש — ר׳ מענדל קאָצקער, חידושי הרי״ם און ר׳ אברהם סאכאטשעווער; אַנדערש — ד״ר שלמה עטינגער, י. ל. פּרץ, שלום אַש און י. מ. ווייסנבערג; אַנדערש — נחום סאָקאָלאָוו, ביניש מיכאַלעוויטש און הענריק ערליך; אַנדערש — ברוך שולמאָן, הירש לעקערט און נפתלי באָטווין. אַנדערש — ישראל שטערן, שלמה גילבערט און יהושע פּערלע; די אַלע גלגולים זענען אָבער דורכגעפלאָכטן מיט אַ קוים באַמערקבאַרן Nervus vagus, אַ בלאָנדזשענדיקן נערוו, וואָס פאַרבינדט אַלע וואַריאַנטן אין איין גרויסן ניגון, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין איין און דער זעלביקער אַטמאָספער פון אַוירא דפּולניא און איז רק אייגנטימלעך פאַרן פּוילישן ייד אין אַלע דורות.

אַזוי אַרום קען גאָר קיין רייד נישט זיין וועגן אַן אָביעקטיווער שטרענג־לאָגישער אָפּשאַצונג. גיכער איז דאָס — ווי געזאָגט — אַן עסייאיסטישער פּרוּוו אויפצולעבן ס'בילד פון יידיש־פּוילישן לעבנס־נוסח אויפן פאָן פון דער אַלגעמיין־יידישער געשיכטע. מיר ווילן דעם לייענער אַריינפירן אין שטייגער־געוועב פון אַמאָליקן יידישן פאָלקסלעבן אין מדינת פּוילן לויט דעם, וואָס מיר האָבן געזען, געהערט און בקבלה איבערגענומען פון אונדזערע אבות.

*
**

ווען ס'איז אויסגעקומען גרינטלעכער זיך צו באַקענען מיט דעם געשיכטלעכן מהות פון דער יידישער גייסטיקייט, דעם איז מסתמא געוואָרן קלאָר, אַז איר הויפּט־ריטם איז דער צ ײ ט ־ ב אַ ג ר י ף להיפוך צו די גריכן, וועמענס גרונט־עלעמענט איז דער ש ט ח ־ ב אַ ג ר י ף. די גריכישע קולטור האָט מען בדרך כלל באַצייכנט מיטן באַגריף ז ײ ן און די יידישע קולטור מיטן באַגריף ו ו ע ר ן. פון ניטשען האָט

מען אין דעם פּרט אַרויסגעבאַרגט די טערמינען אַ פּ אָ ל י נ י ש און ד י אָ נ י ז אָ ס י ש; אין קינסטלערישן זינען הייסט עס פּ ל אַ ס ט י ק, וואָס לעבט זיך אויס אין שטח און מ ו ז י ק, ווי אַ פּראָצעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ אין דער צייט.

די גריכן האָבן געהאַט לאָקאַלע קולטן; זייערע געצן זענען ממש גע־ווען צוגעבונדן צו אַ באַשטימט אָרט, ווייטער האָט זייער שליטה נישט דערגרייכט. דער ספּאַרטאַנער האָט מתפּלל געווען צו „זיין" געץ און דער אַטענער ווידער האָט געבעטן צו „זיין" געץ. צוזאַמען מיטן פאַרלאָזן ס'אַל־טע אָרט האָט מען אויך פאַרלאָזט דעם אַלטן געץ. דער יידישער מאָנאָטע־איסטישער קולט דאַקעגן איז אַן איבערשטחדיקער, ער האָט געווירקט אַלע־מאָל און א ו מ ע ט ו ם. זיין אָפּשטאַם איז דער מדבר, זיין אויסבליק ישעיהס וויזיע פון באחרית הימים, וואָס איז נישט געגעבן נאָר א ו י פ־ג ע ג ע ב ן געוואָרן ווי אַ פּאָסטולאַט, וואָס דאַרף מקוים ווערן במשך פון דער צייט. די יידישע גייסטיקייט קאָן זיך אומעטום אַקלימאַטיזירן. שוין לויט דער אורשפּרינגלעכער חומשדיקער דעפיניציע קומט אויס, אַז אומעטום, ווו מ'דערמאָנט דעם באַשעפערס נאָמען עמאַנירט זיין ברכה אויפן מענטש. „בכל המקום אשר אזכיר את שמי אבא אליך וברכתיך".

איז טאַקע דער גורל פון יידישן פאָלק אַ גאָר באַזונדערער. אין דער ביאָלאָגיע און סאָציאָלאָגיע אָפּערירט מען אָפט מיט טערמינען „ד אָ־ז יי ן" און „וו אַ כ ז יי ן". למשל אַ פלאַנץ לעבט בבחינת ד אַ ז יי ן; זי איז צוגעפעסטיקט צום באָדן און קען זיך נישט שיצן קעגן די חיות, וואָס פרעסן זי אויף. אַנדערש איז מיט אַ לעבעדיק וועזן, וואָס איז בבחינת וו אַ כ ז יי ן, ד"ה תמיד אינסטינקטיוו אָדער שכלדיק וואַך, בכדי אין דער ריכטיקער מינוט דורך געשיקטער באַוועגלעכקייט אויסצומיידן ס'גע־פאַר, וואָס דראָט איר. דאָס זעלביקע לאָזט זיך זאָגן וועגן שיכטן אין דער געזעלשאַפט. דער דאָרפס־פּויער למשל איז לויט זיין פּראָפעסיע בבחינת ד אַ ז יי ן. זיין באַשעפטיקונג טוישט זיך קיינמאָל נישט, זי גייט איבער פון טאַטן צום זון און פון זון צום אייניקל. אַן אומענדלעכע קיום דורות, וואָס זענען צוגעבונדן צו איין און דעם זעלביקן לעבנסשטייגער. אַנדערש איז עס מיטן שטאָט־מענטש. ער איז שטענדיק וואַך און לויט די ניי־גע־

שאַפֿענע לעבנס־באַדינגונגען וואַרפֿט ער זיך איבער פֿון איין אָרט באַ־שעפֿטיקונג צו אַ צווייטן אָרט, בכדי צו שטעלן אַ ווידערשטאַנד די סאָ־ציאַלע לעבנס־געפֿאַרן, וואָס דראָען אים.

דאָס איינגענע לאָזט זיך אָנווענדן לגבי פֿעלקער. פֿאַראַן דאָזיין־פֿעל־קער, וואָס זענען צוגעפֿעסטיקט צום באָדן און ווערן אויפֿגעפֿרעסן דורך מלוכה און לאַנד. מחוץ אייגן לאַנד און מלוכה קענען זיי נישט אָטעמען און גייען אונטער. אַנדערש איז עס מיטן יידישן וואַכזיין־פֿאָלק, וועמענס קיום איז אַן אוניווערסאַלער און איז דעריבער מסוגל אויסער מלוכה און אויסער אייגן לאַנד צו זיין אומעטום שעפֿעריש און זיך כסדר גייסטיק באַנייען. וווּ ס׳פֿאָלק גייט, באַגלייט אים תמיד זיין שאַפֿונגס־כוח — שכינתא בגלותא.

דער אינעווייניקסטער עלעמענט פֿון יידיש־נאַציאָנאַלן פּראָצעס אין דער וועלט איז דעריבער די צ יי ט, אַדאַנק וועלכער אָט דער פּראָצעס האַלט זיך אין איין שפּינען. דערביי איז שווערלעך פֿעסטצושטעלן דעם איינגנטלעכן כאַראַקטער פֿון דער „יידישער" צייט. ס׳איז נישט קלאָר: צי איז זי איינגעוועבט אין היסטאָרישן פּראָצעס ד י א ל ע ק ט י ש ד"ה דורך געשיכטלעכן גאַנג לויט אַ צונויפֿשמעלץ פֿון ווידערשפּרוכן, אָדער זי דערשיינט מ ע ט אַ פֿ י ז י ש ד"ה זי איז געגעבן איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל.

אמת, ס׳איז פֿאַראַן אַ שו"ת׳דיק־דיאַלעקטישער שפּרוך „מה שיעשה הזמן לא יעשה השכל" אָבער אַקעגן דעם שטייט דער קלאַסישער מאמר התלמוד „אין מוקדם למאוחר בתורה" (פּסחים ו׳) ד"ה אַז דער יסוד פֿון יידישער גייסטיקייט איז מ ע ט אַ פֿ י ז י ש ע אַ נ ט פֿ ל ע ק ו נ ג, וואָס אונטערליגט נישט קיין שום צייטלעכער קווזאַלער געזעצמעסיקייט; דער תכלית דרינגט נישט אַרויס פֿון קיין סיבה. ממילא איז אין דער תורה נישט שייך קיין „פֿריער" און קיין „שפּעטער".

איז טאַקע כדאי אָנצווייזן אויף דעם פּאַראַדאָקסאַלן אומשטאַנד, אַז נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער אימאַנענטער ריטם פֿון דער יידישער קולטור איז צ יי ט, ווערט פֿונדעסטוועגן איר היסטאָרישער גאַנג אויסנ־ווייניק באַצייכנט און געמאָסטן גראָד מיט ש ט ח, מיט אָ ר ט. נאָך

מער, דעם גאָט־באַגריף אַליין ווערט באַצייכנט מיטן טערמין „מקום". עס זאָגט זיך, „המקום גורם" (סוטה מ"ה) און נישט הזמן גרמא. ווייטער שטויסן מיר זיך אָפּט אָן אויף „אוהב את המקום", „משמח את המקום", „על דעת המקום", „המקום יהיה בעזרו" (סוכה ל"ה), „המקום ימלא חסרונך" (ברכות ט"ז) א. ד. גל. אפילו די אורשפּרינגלעכע גאָט־דעפיניציע „אהיה אשר אהיה" ווערט פאַרשידנאַרטיק אינטערפּרעטירט. אין חדר האָט מען געטייטשט „איך וועל זיין, ווער איך וועל זיין" (נישט אַריינלאָזנדיק זיך איצט אין רש"יס פרייע אינטערפּרעטאַציע: „אהיה עמם בצרת זאת, אשר אהיה עמם בשעבוד שאר מלכיות"). אויך לוטער זעצט איבער „איך ווערדע זיין, דער איך זיין ווערדע". אָבער די היינטצייטיקע איבערזעצונגען ברענגען אַרויס דעם איצטיקייט־צושטאַנד. אין דער ענגלישער איבערזעצונג זאָגט זיך "I am that I am" אויך יהואש טייטשט „איך בין, ווער איך בין". אויב ס'זאָל טאַקע זיין ריכטיק די איצטיקייט־פאָרם וואָלט עס געהייסן, אַז עס דעקט זיך מיטן באַגריף „זיין" און נישט „ווערן"; אַזוי אַרום דאַרף מען דעם שם הויה נישט פאַרשטיין ווי אַ איבערשטעלן די אותיות „י. ה. ו. ה" אויף „ה. ו. י. ה" נאָר פשוט ווי אַ גענויע איבערזעצונג פון „זיין" (הויה איז ס'זעלביקע, וואָס עקזיסטענץ, מציאות). מהאי טעמא דאַרף מען זיך אויך נישט חידושן, וואָס דער אָרטאָדאָקסאַלער סאַראַגאָסער מרא דאתרא ר' חסדאי קרשקש האָט נאָך אין פערצנטן יאָרהונדערט אין זיין פילאָזאָפישן ספר „אור ד'" צוגעשריבן גאָט דעם אַטריבוט — „ה ת פ ש ט ו ת", אויסגעשפּרייטקייט, וואָס איז שפּעטער ביי שפּינאָזען מגלגול געוואָרן אין „עקסטענזאַ".

**
*

פון אָט דעם געפלעכט צייט־שטח ווערט קלאָר, אַז די כראָנאָלאָגיע, וואָס ווערט אין דער אַלגעמיינער געשיכטע געמאָסטן לויט דער צייט, תקופה, ווערט ביי אונדז אויפן יידישן שטייגער באַצייכנט לויטן אָרט, לאַנד, וווּ דער באַזונדערער שאַפונגס־פּעריאָד איז אַנטשטאַנען און זיך אַנטוויקלט. די תקופה פון דער ערשטער נאָכביבלישער גרויסער זאַמלונג פון געזעץ־אויסטייטשונגען און לעבנס־פילאָזאָפישע אַגדות ווערט ביי

אונדז באַצייכנט ווי ת ל מ ו ד י ר ו ש ל מ י. דאָס צווייטע גיגאַנ־טישע קאָלעקטיווע ווערק, וואָס איז געבויט געוואָרן במשך פון לאַנגע דו־רות, ווערט ווידער אָנגערופן ת ל מ ו ד ב ב ל י. דער אויפבלי־פּע־ריאָד פון יידישער פּאָעזיע, ביבל־קריטיק און פילאָזאָפיע אין מיטלאַלטער פיגורירט ווי אַ געשאַף פון ח כ מ י ס פ ר ד. דער שפּעטערדיקער פּעריאָד פון רש״י און בעלי התוספות הייסט — די ווערק פון ח כ מ י צ ר פ ת, אאז״וו. אויך די נסחאות התפילה ווערן אין פאַרשידענע סי־דורים און מחזורים באַצייכנט לויט די לענדער: נ ו ס ח ס פ ר ד, נ ו ס ח א ש כ נ ז, נ ו ס ח ר ו מ י, נ ו ס ח ר ו מ נ י א אאז״וו.

די יידישע געשיכטס־פּעריאָדן ווערן דעריבער טעכניש איינגעטיילט נישט לויט דער צייט, נאָר לויט די לענדער, לויט די באַזונדערע קיבוצים, וואָס האָבן באַוויזן אויסצופאָרמען אַן אייגן גייסטיק פּרצוף־פּנים. די אומ־לאָקאַלע גייסטיקייט האָט אַ לאָקאַלע נאָמענקלאַטור.

איז אוודאי כדאי צו מאַכן אַ שטיקל חשבון פון די גרונט־קיבוצים, וואָס האָבן אויף זיך געטראָגן דעם חותם פון אַ יידישן צענטער. לויט דער צאָל זענען זיי זיבן: א ר ץ י ש ר א ל, ב ב ל, א ל כ ס נ ד ר י א, ש פּ א נ י ע, פ ר א נ ק ר י י ך, ד י י ט ש ל א נ ד און מ ז ר ח־א י י ר א פּ ע (מיט דעם מרכז פּוילן)*).

פון די אין דער גלייכער ליניע אויסגערעכנטע קיבוצים וואָלט כדאי געווען אויסצוטיילן צוויי קיבוצים: א ל כ ס נ ד ר י א און ס פ ר ד. דעם ספרדישן צענטער דאַרף מען גראַפיש אָוועקשטעלן אין דער ברייט און דאָס צוליב זיין גאָר באַזונדערן כאַראַקטער. דאַקעגן דעם אַלכסנדרישן קיבוץ דאַרף מען אינגאַנצן אַרויסנעמען פון דער המשך־ליניע.

אַלכסנדריאַ איז בלתי ספק געווען אַ באַדייטנדיקער יידישער צענטער. קוואַנטיטאַטיוו אויך נישט צו פאַרזינדיקן „כפלים היוצאי מצרים״ (סוכה

*) מיר שליסן דאָ בכיון אוים דעם איטאַליענישן קיבוץ. נישט קוקנדיק אויף די באַדייטנדיקע פּייטנים, מליצי רומי, וויסנשאַפטלער און מיסטיקער בראָש מיט עמנואל הרומי, עזריה מן האדומים און משה חיים לוצאַטי מיט זיין „זוהר תנינא״, איז דאָך אין איטאַליע נישט געשאַפן געוואָרן קיין גרויס נאַציאָנאַל־קאָלעקטיוו ווערק.

נ״א); דאָס וואָלט געהייסן אַ מיליאָן מיט צוויי הונדערט טויזנט יידישע נפשות. ס׳איז דאָרט געווען אַ שיין אָרגאַניזירט יידיש לעבן. געווען אַ סנהדרין, דער בנין האָט אַלעמען פאַרבליפט מיט זיין אויסערגעוועגלעכער פראַכט. געווען באַזונדערע שולן פאַר בעלי מלאכות („זהבין בפני עצמן וכספין בפני עצמן" — סוכה נ״א). דאָרט איז געשאַפן געוואָרן די סעפּ־טואַגינטאַ (חרגום השבעים), אַפּאָקריפן (כתובים אחרונים) און בעיקר דאָרט האָט געווירקט און געשאַפן דער ערשטער יידישער פילאָזאָף ידי־דיה האלכסנדרוני. אויך אין היינטיקן לשון יידיש האָבן זיך איינגעבירגערט קערנדיקע ווערטער, וואָס זענען אָרגאַניש פאַרבונדן מיט יידישן לעבנסשטייגער, און זענען פון גריכישן אָפּשטאַם ווי למשל: פרנס, פנקס, סנדק, סנהדרין, נוטריקין, סי־נאַגאָגע, פיוט אאז״וו.

פונדעסטוועגן איז אלכסנדריא אָרגאַניש נישט פאַרבונדן מיטן המשך פון יידישן וואָרט; זי איז נישט קיין רינג אין דער קייט פון יידישן שאַפן. ביי אירע אַלע דערגרייכונגען שטייט זי אינדרויסן פון דער יידישער גייסטיקייט. דאָרט הויכט אַלץ מיט פרעמדקייט; ס׳איז אויף גריכיש פרעפּאַרירטע יידישקייט. ביז איצט וויסן מיר וועגן „חכמות חי־צוניות". בנוגע אלכסנדריא קען מען אפשר ריזיקירן דעם נאָמען — הי־צוניותדיקער קיבוץ.

אויך דער אלכסנדרישער לעבענסשטייגער איז געווען פרעמד דעם יידישן גייסט. אין די גאָטספּאָרכטיקע קרייזן האָט מען זיך צו אים באַ־צויגן מיט ביטול און צייטנווייז אַפילו מיט דערווידערקייט. מ׳האָט אָט די שטאָט באַטראַכט ווי אַ מקום פון אויסגעלאַסנקייט. „עשרה חלקים זנות ירדו לעולם, תשעה נטלה אלכסנדריא ואחד כל העולם" (קידושין מ״ט) פון די צען חלקים זנות, וואָס איז צוגעטיילט געוואָרן דער וועלט, זענען ניין חלקים אויסגעפאַלן אויף אלכסנדריא.

דערהויפּט, ס׳זענען פון אלכסנדריא נישט געבליבן קיין דענקמעלער פון יידיש־קאָלעקטיוון שאַפן. אפלא והפלא, פילאָ איז דער שעפער פון אַלעגאָריסטישן מעטאָד, און פונדעסטוועגן איז אַ גרויסער ספק צי דער רמב״ם, דער אולטראַ־אַלעגאָריסט, האָט געקענט פילאָ און גאָר געוווּסט

וועגן זיינע ווערק. אמת, ס'איז פאַראַן אַ יש אומרים, אַז פילאָס השפּעות זאָלן האָבן אַריינגעדרונגען קיין ארץ ישראל אין אַ טייל מדרשים און תרגום. טייל ווילן אַפילו האָבן, אַז די „מימרא דה'" אין תרגום זאָל ציען איר יחוס פון פילאָס לאָגאָס. אָבער דאָס איז נישט מער ווי אַ השערה און אויך נישט פון גאָר גרויסן באַטייט פאַרן געשיכטלעכן המשך פון יידישן שאַפן.

ס'קומען דעריבער אין באַטראַכט זעקס העגעמאָנישע צענטערס, וואָס זענען צווישן זיך פאַרבונדן מיט דעם שוין דערמאַנטן „בלאָנדזשענדיקן נערוו", און בילדן אַזוי אַרום די היסטאָרישע קאָנטינואיטעט. גראַפיש וואָלטן מיר עס אויפגעצייכנט אַזוי:



פון ארץ ישראל ביז פוילן ציט זיך אַ באַשיינפּערלעכער המשך, הגם ער שלענגלט זיך דורך פאַרשידענע גלגולים. צווישן בבל און ספרד ציט זיך אַ פאַרבינדונג, אָבער מיט דער צייט ווערט זי אינגאַנצן איינגעשלונגען דורך דעם אַבסאָלוט נייעם, וואָס האָט זיך אויסגעפאָרמט אין שפּאַניע. ווידער די גייסטיקע פאַרבינדונג צווישן אלכסנדריא און ספרד, הגם זי לייגט זיך אויפן שכל, איז זי אָבער עד היום נישט פעסטגעשטעלט.

אוממיטלבאַר האָט פוילן איבערגענומען די ירושה און דערהויפּט דעם

גייסט פון סינטעז אשכנז־צרפת. ער איז איבערגעפלאנצט געוואָרן אויפן פוילישן באָדן און געפונען די נייטיקע אַטמאָספער פאַר פונאַנדערבלי. לויט דעם שאַפונגס־פּאַרנעם האָט פוילן אין דער יידישער געשיכטע פאַר־נומען ס'אָרט וואָס איז געבליבן ליידיק נאָכן גירוש־ספרד. אָבער לויטן וועזן איז פוילן נישט קיין ספרדישער המשך. אוודאי האָט מען אין פוילן געקלאָגט קינות און געזאָגט פיוט, וואָס זענען פאַרפאַסט אין ספרד, און דאָך אונטערשיידט זיך פוילן פון שפּאַניע מיט גאָר אַנדערע יידישע אויסבליקן.

דער באַזונדערער נוסח פון יידיש־גייסטיקן לעבן אין פוילן, וואָס איז במשך פון דורות געשטאַלטיקט געוואָרן דורך ספּעציפיש־געשיכטלעכע אומשטענדן, קלימאַטישע באַדינגונגען און סאָציאַל־עקאָנאָמישע פאַרהעל־טענישן, אַנטפּלעקט ס'אייגנאַרטיקע בילד פון פוילישן ייד אין זיינע אַלע גלגולים; זיין וועלט־געפיל, לעבנס־באַנעם און שטייגער־געמיט. ווי דיאַ־מעטראַל אַנדערש דערשיינט היסטאָריש דער גייסטיקער קאָלאָריט פון פוי־לישער יידישקייט — לאָמיר זאָגן — פון ספרדישן קיבוץ. הגם ס'רוב פוילישע יידן דאַוונען על פּי „נוסח ספרד", האָט עס אין דער אמתן — נישט קיין שום שייכות צו דער קלאַסישער ספרדישקייט.

דער בולטער קאָנטראַסט צווישן דער פוילישער און ספרדישער מענ־טאַליטעט טרעט בעיקר אַרויס ביי די צוויי גרויסע אויטאָריטעטן: דעם ספרדישן רמב"ם און פראַנצויזיש־דייטשישן רש"י (זיינע בלע"זן זענען דאָך דערהויפּט פראַנצויזישע). דער ערשטער איז אַ חוץ געניאַלער פּוסק, אויך פרייער פאָרשער, גרינטלעכער חקרן, טיפער סינטעטיקער, שטרענגער ראַציאָנאַליסט, אויסגעהאַלטענער סיסטעמאַטיקער און קלאָרער סטיליסט מיט אַ זעלטן געפיל פאַר שפּראַך. דער צווייטער ווידער איז ב י ל ד ע־ר י ש ע ר פ ר ש ן. ער איז קודם כל גאָטספאָרכטיקער מאמין, וואָס צייכנט זיך אויס מיט געניאַלער נאַאיוויטעט, ווי ביי אַ מבאר דרינגט זיין אויסטייטשונג אַרויס אימאַנענט פון דער ב'בל גופא; ער דערלויבט זיך נישט אויף קיין שום זייטיקע חקירות אָדער קריטישע אָפּווייכונגען. ער איז ביז גאָר תמימותדיק צוגעבונדן צו יעדן וואָרט פון דער תורה. אָפט פאַרווישט ער פשוט די גרענעצן צווישן לעגענדע און רעאַליטעט, צווישן

חלום און וואר. אלץ קומט אים אוים ריינער אמת. דערצו איז זיין אלצ־ארומנעמענדיקער פירוש געשריבן אין א צמצומדיקער שפראך און סטי־ליסטישער רעטאריק, ממש קארג אויף א ווארט.

די פרומגלויביקע האבן קודם פארערט רש״י און מיט א שטיקל רע־זערוו זיך באצויגן צום רמב״ם. און ווען ס׳האבן אנגעהויבן וואקסן דעם רמב״מס פילאזאפישע השפעות, האבן די גאטספארכטיקע קרייזן זיך אנט־שיידן אקעגנגעשטעלט די ראציאנאליסטישע שטרעמונגען.

דער הויפט־אנגריף קעגן דעם רמב״מס קריטישער זעלבסטשטענדיקייט און בכלל קעגן וועלטלעכער קולטור ביי יידן איז געקומען פון פראנקרייך. דער דארטיקער באגלייך מיטן אשכנזישן קיבוץ האט גייסטיק געלעבט אינגאנצן אפגעזונדערט פון דעםברייטן וועלט־שליאך און זיך איינגעשלאסן אין קרייז פון אינעווייניקסטע יידישע בליקן און דינים. די רבני צרפת האבן פון זיך געטריבן יעדן דרויסנדיקן איינפלוס און דערפירט יידישקייט צום ווארטלעכן באנעמען אלץ, וואס איז געזאגט אין תורה שבכתב און תורה שבעל פה. אלץ, וואס איז צו אונדז דערגאנגען בקבלה, דארף אנער־קענט ווערן ווי ריינער אמת און מוז באקומען א פאקטישן אויסדרוק אין טאג־טעגלעכן מקיים זיין מצוות מעשיות. אן דעם איז בכלל נישטא קיין יסוד פאר קיום היהדות. די ספרדישע חקירה מיט איר חכמות חיצוניות איז עלול אריינצוברענגען, חס ושלום, א רים אין דער יידישער גייסטיקייט.

ס׳איז דעריבער פארשטענדלעך דער ליידנשאפטלעכער קאמף קעגן דער מימוניסטישער שול, וואס עס האט אונטערגענומען ר׳ שלמה מהרר (מאנפעליע) מיט זיינע תלמידים. זיי האבן באין אופן נישט געקענט מוחל זיין דעם רמב״ם הלמאי ער „שמוגלט״ אדורך זיין אלעגאריסטישן מעטאד אונטערן מאנטל פון מאמרי חז״ל. צו וואס שטרעבט אייגנטלעך דער אלע־גאריסטישער מעטאד? — ער באשטרעבט אוועקצונעמען ביי די ספורי־חומש זייער אמתדיקן אינהאלט, בכדי צו באפרייען די גאט-פארשטעלונג פון מענטשלעכע אייגנשאפטן. ער דערקלערט זיי פראסט ווי משלים, וואס האבן א פארבארגענעם העכערן לאגישן זינען. ר׳ שלמה פאלט דא ארייך אין גרימצארן — היתכן, ווי דערוועגט מען זיך עס תורת משה צו דער־קלערן פאר א זאמלונג פון משלים?! ס׳טייטש, דאס איז דאך א געפערלע־

בער וועג, ער פארפלאָנטערט דעם אמתן פשט פון דער תורה. „אלץ — זאָגט ר׳ שלמה מהרר — ווערט ביי זיי א משל, מעשה בראשית, די גע־שיכטע פון קין און הבל און אלץ, וואָס איז געשריבן אין דער תורה, ווערט ביי זיי אויסגעטייטשט ווי א משל, אן אויסגעטראַכטע זאַך" („ולמשול משלים בדברי התורות, להפך למשל ולהבל"). די רבני צרפת האָבן דערי־בער פאַרבאָטן ס׳לערנען דעם „ספר מדע" און דעם „מורה נבוכים", וואָס זענען מסוגל דערפירן, חלילה, צו אפיקורסות.

אָט די אשכנז־צרפתישע אַטמאָספער איז אין גלייכער ליניע איבער־געטראָגן געוואָרן קיין מדינת פוילן. פון דאָרט האָט דאָס יידישע פוילן איבערגענומען די גרונט־עלעמענטן פון איר גייסטיקייט. נישט מער, ס׳אָפּ־געשטאַנענע קאַטוילישע פוילן איז געווען א נאָך מער פאַרוואָרפענער העק. פוילישע יידן זענען לגמרי נישט געקומען אין באַרירונג מיט דער דרויסנ־דיקער אינטעלעקטועלער וועלט און זענען אבערגלויביש געטונקען אין יעדן וואָרט פון דער מסורה.

פאַרשטייט זיך, אז דער מענטאַליטעט פון פוילישן ייד איז בלי ספק נענטער רש״י איידער דעם רמב״ם. און נישט נאָר רש״י, וועלכער איז המשך פון ערשטן מערב־אייראָפּעאישן פוסק ליאונטין (יהודה בן מאיר) און דערהויפּט פון רבנו גרשום, דעם „מאור הגולה", נאָר אויך די בעלי התוספות, רשב״ם און רבנו תם. אוודאי האָט מען אין פוילן געהאַלטן און שטאַרק הנאה געהאַט פון א „הארבן רמב״ם", אָבער דאָס איז נוגע דער־הויפּט דער „משנה תורה", און נישט דעם „מורה נבוכים", וועלכער איז פאַרן פוילישן ייד געווען א ווילד־פרעמדע וועלט און ממילא — אסור למקרא, אפילו אינעם „יד החזקה" האָט מען פלייסיק אויסגעמיטן דעם „ספר המדע". דעם רמב״מס שכלדיק אויפקלערן די טעמי המצוות, זיין קריטיש אָרומרעדן דעם ווערט פון געוויסע דינים בכדי מבטל צו מאַכן די פאַרעלטערטע גמרא־באַגרינדונג און לסוף זיין אריינפירן נייע ראַציאָ־נעלע אויסטייטשונגען אומאָפּהענגיק פון גמרא־טעקסט, זענען דורכאויס געווען דערווידער דעם געמיט פון פרומגלויביקן פוילישן ייד, וועלכער איז אין תוך געווען פאַרכישופט פון גיגאַנטישן גמרא־ווערק, וואָס האָט אים, דעם צעפלאָשעטן איטשע פון צווזמיר, געגעבן טרייסט און אויסדויער. עס

איז נישט געווען קיין זאַכלעך שטודירן, נאָר אַ פאַרבענקט-צעצויגן אַריינ־זינגען אין די הייליקע „תנו רבנן"־אותיות, וואָס דאַרפן געבן הימלישן זי־נען דעם אומזיניק-עלנטן ערדיש לעבן.

ס'איז דעריבער פאַרשטענדלעך די באַזונדערע גרויסע פאַרערונג און ליבע, וואָס דער פּוילישער לומד תורה האָט ברייטהאַרציק אַרויסגעוויזן לגבי רש"י. ער האָט אין רש"י אַרויסגעשפּירט דעם גאַנצן ייד. להיפּוך צום רמב"ם, וועלכער האָט זיך געוואַקלט צווישן תורת משה און חכמת אַריסטו, איז רש"י געקנאַטן פון איין אמונה-שטאָף. אַט דער געניאַל-תמי־מותדיקער ביבל-עגזעגעט האָט דערוואָרבן די הערצער פון פּוילישן קיבוץ. מ'האָט אין אים דערפילט אַ פון הימל באַרופענעם מורה דרך, וועלכער האָט זיין חכמה באַקומען בהתגלות.

דער נאָמען רש"י איז געווען טייער נישט בלויז דעם פּוילישן למדן, נאָר אויך געווען נאָענט דעם יונגן לערן-בחור און גאָר היימיש יעדן פּוי־לישן חדר־יינגל, וואָס האָט „חומש מיט רש"י" געקענט „ווי אַ וואַסער". איז דאָך באַוווסט, אַז רש"י האָט נישט געקענט צוזען ווי אַזוי ס'חדר־יינגל מאַטערט זיך נעבעך ביים נישט קלאָרן פּשט און איז תיכף פּאַטערלעך געקומען צו הילף. ס'חדר־יינגל איז געווען זיכער, אַז רש"י איז אַ היימי־שער ייד, וועלכער שטאַמט מסתמא פון אַ דערבייאיק פּויליש שטעטל. אין די לאַנגע ווינטער־אָוונטן האָבן באַפּיאַהטע בחורימלעך ביים בלאַסן שיין פון חדר־לעמפּל מיט צאַרטן געזאַנג ריטמיש זיך געשאָקלט איבער די דריבנע רש"י־אותיותלעך, וועלכע האָבן פאַרטריבן אַלע טונקלקייטן. שפּעט אין אָוונט, ווען ס'יינגל האָט שוין פאַרלאָזט דעם חדר און מיט אַן אָנגעצונ־דענעם לאַמטערן אין האַנט געשפּאַנט איבער די פינצטער־בלאָטיקע געס־לעך, האָט ער זיך גענומען אין זינען אַריין רש"י, אַז ער זאָל אים באַ־גלייטן אַהיים און שיצן פון כלערליי שדים און בייזע רוחות, וועלכע — כידוע — פּילן ביינאַכט אויס די צעקרימטע אין חושך-געהילטע געסלעך און לויערן אויף כשר־יידישע נשמהלעך.

דעם רמב"ם האָט מען שטאַרק פאַרערט; רש"י האָט מען פאַרהיי־ליקט; אַן עמוד האש, וואָס טאָר באַין אופן נישט זיין קיין אָביעקט פון וועלכע ס'איז חקירה-באַוואָרענישן.

**
*

אווירא דפולניא...

אין מדינת פוילן האָט דער יידישער לעבנסשטייגער אַ באַזונדערן קאָלאָריט. פאַרשטייט זיך, אַז דאָרט האָט זיך מיט דער צייט אויסגעקריסטאַליזירט אַן אייגענער סטיל. אָבער ס׳וועט דערווייל זיין אַ רייד נאָר וועגן נוסח. אין פלוג קען זיך אויסדוכטן, אַז נוסח און סטיל זענען צונויפגעוואַקסן כשלהבתא בגומרא ווי ס׳פלעמל מיט דער קויל. אין דער אמתן איז סטיל גאָר עפּעס אַנדערש. נוסח איז קאָלעקטיווער ריטם, וואָס אַנטשטייט סטיכיש און פאָרמירט זיך לויטן נאַטירלעכן לעבנס-שטראָם. סטיל באַטייט שוין אינעווייניקסטע געלייטערטקייט. ער איז שוין אַ רעזולטאַט פון אַ גייסטיקער אָרגאַניזירטקייט, וואָס ברענגט צום אויסדרוק ספּעציעלע ניואַנסן, סובטעלע פלאַטערן און דינע פולסאַציעס. זיי דערשיינען ווי אַ באַהויכונג פונעם נוסח־יסוד, ווי אַן אָפּשפּיגלונג פון עכטן אייגנאַרט. דאָ ווערט דערווייל דער טראָפּ געלייגט אויפן כלל־ריטם און זיינע אַלגעמיינע עוואָלוציע־גלגולים.

קודם כל דער אויסנווייניקסטער אויסזען פון פּוילישן ייד. ס׳דערציילט זיך, אַז פאַרצייטנס האָבן יידן אין פּוילן זיך געקליידט ווי די פּוילישע „מיעשטשאַנעס". אין פערצנטן יאָרהונדערט ווידער — ווי די פּוילישע שליאַכטע און אין פופצנטן יאָרהונדערט — קריק ווי די „מיעשטשאַנעס". לסוף, ווען די פּאָליאַקן האָבן געביטן זייערע קאָנטושן אויף אייראָפּעאישע קליידער, איז יידן פאַרבאָטן געוואָרן צו טאָן ס׳זעלביקע און זענען דעריבער געבליבן ביי דער אַלט־מיעשטשאַנישער קליידונג. מיט דער צייט איז דער כאַלאַט פאַרהייליקט געוואָרן ווי אַ „עכט יידישע" הלבשה. אין די לעצטע צייטן האָבן מיר געזען דעם קאָנסערוואַטיוו־פּוילישן ייד אַ באַבערדיקטן און געקרייזלט־באַפּאיהטן אין אַ לאַנגער קאַפּאָטע און טוכענעם קאַשקעט. אין קליינפּוילן — אין אַ בעקעשע און קאַפּעלאַטש. פון פאָרנט האָט ער געטראָגן אַ טלית קטן ד"ה אַ ציצית־כנפות׳ל אָדער לייב־צודעקל. אָט דער משונהדיקער טראַכט האָט ביים פּאָליאַק אַרויסגערופן אַ חוזק־שמייכעלע און אין מאָמענטן פון צאָרן פלעגט ער רופן צום ייד — „טי לאַפּסערדאַקו". און גערעדט האָבן פּוילישע יידן אויף אַ „מאָד־

נע״ לשון, וואָס דער פּאָליאַק האָט נישט פאַרשטאַנען. זיי האָבן עפּעס „געשוואַרגאָטשעט״ אויף „דייטש״. איבעריקנס האָט דאָך אפילו דער מהרש״ל באַצייכנט ס׳דעמאָלטיקע יידיש ווי א „לשון אשכנז גסה״ (ים של שלמה, גיטן כ״ח).

איז טאַקע די סלאַווישע סביבה געווען א ברכה פאַר יידיש. דאָרט, אין דייטשלאַנד, אין שטאַמלאַנד פון יידיש, איז געווען א געפאַר, אַז יידיש זאָל זיך אַסימילירן מיט דער לאַנדשפּראַך. דאָ אָבער, אין פּוילן ווייט פון איר שטאַמלאַנד האָט די שפּראַך געהאַט גרויסע מעגלעכקייט זיך צו אַנטוויקלען, באַרייכערן און אויספאָרמען אַן אייגנאַרטיק פּרצוף־פּנים. אין מיט דער צייט איז אָט דאָס לשון געוואָרן אַ גרויסער נאַציאָנאַליזירנדיקער פאַקטאָר.

ווען זענען יידן געקומען קיין פּוילן? דאָס איז שווער גענוי פעסטצושטעלן. עס איז פאַראַן אַ יש אומרים, אַז אין גראָען אורבאַגין פון דער פּוילישער געשיכטע, ווען אַלץ איז נאָך געווען איינגעהילט אין א נעפּלשלייער פון דער פּיאַסט־לעגענדע, אין פּוילישן בראשית־פּעריאָד נאָך איידער עס איז פאָרגעקומען דאָס צונויפגיסן זיך פון די שכנותדיקע שבטים — פּאָליאַנען, לעכן, מאַזורן, פּאָמעראַניער און שלעזיער, זענען שוין אַלע באַדייטנדיקע מלוכה־געשעענישן פאַרבונדן מיט יידישן פּליים און מי.

עס איז אפילו פאַראַן אַ סברא, אַז אַ באַדייטנדיקע טייל יידן איז געקומען קיין פּוילן פון מזרח. זיי זאָלן שטאַמען פון די כוזרים און זאָלן זיך האָבן מפרנס געווען פון ערדאַרבעט. זייער פריערדיק היימלאַנד האָט זיך דאָך אויסגעצייכנט מיט אַ הויכער אַגראַרישער קולטור. די נעמען פון די דערפער „Żydów'', „Żydowo'', „Sidowo'', „Kozara'', Żydowska wola''. זאָלן באַצייכענען יידישע דערפער אין פּוילן, וואָס ווערן דערמאָנט אין די דאָקומענטן פון 12טן און 13טן יאָהונדערט.

אַנדערש איז עס געווען אויף דער מערב־זייט פון פּוילן. געשטיצט דורך פּריווילעגיעס און אייזערנע שוץ־בריוו (salvus conductus) פון באַלעסלאַוו קאַליסקי, קאַזשימיעזש דעם גרויסן, קאַזשימיעזש יאַגעלאָנטשיק

א. אנד. האָבן יידן אין משך פון הונדערטער יאָרן באַוויזן זיך אַדורכצור-שלאָגן דורכן שנאה-בראַנד פון די פוילישע מיעשטשאַנעס.

קראָקעווער, קאַלישער און פּויזנער יידן האָבן געפירט אַ פאַרצווייגטן האַנדל מיט מזרח און מערב; דורכן דאַנציקער פּאָרט האָבן יידן פאַרבונדן פּוילן מיט דער ברייטער וועלט. יידן האָבן אין פּוילן געבויט שאָסייען, אויפגעשטעלט שטעט, געגרינדעט די אינדוסטריע, געשאַפן און אַנטוויקלט דעם האַנדל.

ברייטע פאַרשוינען מיט באַוועגלעכע קאַרע אויגן, בראָנז-אָפּגעברענטע פּנימער און געדיכטע בערד. אַנגעטאָן אין בעקעשעס און לאַנגע פעלצן האָבן זיי געשפּאַנט איבער די פּוילישע שאָסייען, געפירט אין מרחקים תבואה, געהילץ און פלאַקס און שפּעטער געמינצט פּוילישע מטבעות מיט יידישע אותיות „מיעשקאָ קרול בלאַגאָסלאַוויאָני ספּראַוויעדליווי".

נעבן דעם יידישן אונטערנעמערישן סוחר זענען אין אַלטן פּוילן פאַראַן ברייטע יידישע מאַסן בעלי-מלאכות און קרעמער, וואָס האָבן דעם פּוילישן מאַרק פאַרזאָרגט מיט מלבושים, שיך, מעבל, הויז-געפעס און געבעקס; יידן האָבן געגלאָזט פענצטער, גענייט פעלצן, פאַרראָכטן זייגערס א. ד. גל. אַליין האָבן זיי אָבער אָפּגעפינצטערט אַ בידנעם הונגער-לעבן אין די פאַרהויקערטע יידישע געסלעך און רק געטרייסט זיך מיטן איין-און-איינציקן זאַט - ליכטיקן טאָג אין דער וואָך — שבת.

שבת האָבן איבער די פּוילישע געסלעך מלכותדיק זיך געשאָטנט נשמה-יתירהדיקע יידן אין גלאַנץ-זיידענע קאַפּאָטעס. במשך דעם שבת-קודשדיקן מעת-לעת האָבן זיי פון זיך אַראָפּגעוואָרפן דעם גרויען עול פּרנסה, וואָס איז פאַרבונדן מיט הכנעהדיקייט לגבי דעם פּריץ, און פרינצאַרטיק זיך געפרייט מיטן מנוחה-טאָג.

נישט קוקנדיק דערויף, וואָס דער יידישער פאָלקס-מענטש האָט דאָ געהאַט דעם ביסן ברויט בצמצום, האָבן יידן בדרך כלל זיך געפילט אין פּוילן זיכערער, איידער אין די שכנותדיקע לענדער, ווו דער אַנטיסעמיטיזם איז געווען געפערלעכער. דער רמ"א וויל ליבער אַ טרוקן שטיקל ברויט אין פּוילן, איידער די מכלומרשטע שפע אין דייטשלאַנד. „עדיף לפי ערך רוואיקן פּוילן, איידער די מכלומרשטע שפע אין דייטשלאַנד. „עדיף טפי פת חרבה ושלוה בה במדינות אלו אשר אין שנאתן גוברת עלינו כמו

במדינת אשכנז" (רמ"א שו"ת). נישט אַכטנדיק אויף דעם ווערטל „אָן פּוילן איז קיין ברכה" האָבן יידן דאָך געהאַט אַ קריטישע באַציאונג צו דער פּוילישער ווירטשאַפט. מ'פלעגט זאָגן: „אין פּוילן איז אַלץ קרום, נאָר די שטיגן זענען גלייך".

יידן האָבן געזעלשאַפטלעך געלעבט מיט זיך אַליין. לכתחילה זענען זיי נישט געקומען אין באַרירונג מיט דער פּוילישער אינטעליגענץ, נישט געגאַנגען אין קיין פּוילישע שולן, נישט געלייענט קיין פּוילישע ביכער, נישט געקומען אין פּוילישן טעאַטער און נישט באַזוכט קיין פּוילישע אוניווערזיטעטן. דער יידישער בעל־מלאכה, קרעמער, מאַרק־הענדלער, סעדער, פּאַרמיטלער, מילך־פּאַכטער, קרעטשמער און דאָרפגייער איז געקומען אין באַרירונג רק מיטן פּוילישן פּאָלקס־מענטש, דערהויפּט מיטן פּויער אין דאָרף אָדער אויף ירידים. אויב דער יידישער גביר ד"ה דער אַרענדאַטאָר, ליפעראַנט און געלט־באָרגער האָט פון צייט צו צייט צוליב געשעפט זיך באַגעגנט מיטן פּוילישן גוטבאַזיצער איז צווישן זיי דער דיסטאַנס תמיד געווען ווי צווישן „פּריץ" און „מאָשעק". אין אַלגעמיין אָבער זענען די ברייטע יידישע שיכטן געקומען אין באַרירונג נאָר מיטן פּוילישן פּאָלקס־מענטש. היות אָבער דער פּוילישער פּויער איז געווען גייסטיק פאַרוואָרלאָזט, קולטורעל אָפּגעשטאַנען, פולשטענדיק אַנאַלפאַבעטיש איז אין גייסטיקע ענינים צווישן פאַרפּלפולטן ייד און פּוילישן פּויער נישט געווען קיין געמיינזאַם לשון. דער ייד האָט זיך דעריבער צוריקגעצויגן אין חדר, ישיבה און בית־המדרש, ווו ר'האָט זיך גייסטיק אויסגעלעבט. אַזוי אַרום איז דאָס אינערלעכע יידישע לעבן געווען אינגאַנצן אָפּגעשלאָסן לויט דער אמונה, מנהגים, קליידונג, שפּראַך און לעבנסשטייגער. פונדעסטוועגן איז במשך פון דורות אויסגעאַרבעט געוואָרן אַן אייגנאַרטיקער לעבנס־ריטם, וואָס איז אייגנטימלעך אויסשליסלעך דעם פּוילישן ייד.

אויב שבת איז מען זיך געווען פרעמד, האָט זיך דערפאַר איינגעשטעלט אַ „וואָכעדיקער" קאָנטאַקט צווישן ייד און פּוילישן דאָרפסמענטש. זעקס טעג אין דער וואָך האָט מען צוזאַמען געהאַנדלט, געפאָרן, געטריבן בהמות, געשניטן האָלץ, געמאָלט תבואה, געלעבט נאָענט אין דער קרעטשמע אד"גל.

דאָס טאָג־טעגלעכע צונויפלעבן איז געווען גוטברודעריש; ביז דער גלח האָט נישט גענומען העצן איז דער פויער זעלטן ווען געווען אנטיסע־מיטיש. דער איינפלוס איז געווען א געמיינזאמער. דער פויער האָט זיך ביים ייד געלערנט האנדלען, און דער ייד האָט זיך ביים פויער געלערנט ארבעטן. זיי האָבן געמיינזאם ביי זיך איבערגענומען ווערט־לעך, שפּרוכן און רעדנסאַרטן. ווען עס איז דעם פויער וואָלטן געוואָרן ענגלעך אין באַלעבאַטישקייט, האָט ער זיך געווענדט צום שכן יונה נאָך א קלוגער עצה „יאק בידא מאָ דאָ זשידא". ווען דער ייד איז צוזאַמען מיטן פויער געשעפטלעך געווען ווייט פונדערהיים און געבליבן שטעקן אונטער־וועגנס ביז פרייטיק שפּעט, פלעגט זיך דער ייד קלאָגן פאַרן פוילישן שותּף: „סלאָנצע ניסקאָ, שבת בליסקאָ, א דאָ דאָמו דאַלעקאָ"*). ווען דער פויער וויל זאָגן, אז ביים אָרימאַן איז נישטאָ קיין שלום־בית, דריקט ער זיך אויס: „גדזשיע דאַלאס, טאם האַלאס". ווען דער פויער וויל אָנווייזן דעם ייד, אז די זאַך איז נאָך זייער ווייט פאַרווירקלעכט צו ווערן, זאָגט ער: „יעשטשע דאַלעקאָ דאָ קאַלכאַמירי" (כל חמירא). בעת דער ייד האָט נישט אונטערוועגס קיין כשר עסן און הונגערט אונטער עצהט אים דער פויער צו עסן נישט כשרע שפּייז: „כאזאר ניע כאזאר בילעבי שיען צלעק נאזאר". ווען א געדיכט באַפּעלקערט יידיש שטעטל זאָגט זיך: „פּשיטיק מיאסטא, סאמי זשידזשי, יעדען שלעפּי, דרוגי ניע ווידזשי". אויף א שלעכט שטעטל זאָגן פויערן: „יאקא בוזשניצא טאקי ראבין".

אויך אין יידיש־לשון האָט מען זיך באַנוצט מיט פויליש־פּויערישע באַצייכענונגען, וואָרום „א גויאיש גלייכווערטל איז להבדיל א תורה". וועגן איינעם, וואָס בלאָזט זיך מעשה פּריץ, זאָגט מען — „ווער ס'איז געבוירן אויף גראַבאווינע און געוויקלט מיט א פּלאַכטע, געהער נישט צו דער שליאַכטע". אויף א הארטן פאַרשוין, וואָס וויל נישט מקיים פּסק זיין, זאָגט מען: „ער גיט א קלאַפּ אויפן רמב"ם און זאָגט יא ניע דאם". ווען עמיץ פאַרציילט א פאַרשפּעטיקטע נייעס, זאָגט מען „א נייעס קרול יאַ־געללא איז א מת". ווען עמיץ גיט זיך אויס אין תורה־ענינים ווי אן עם־

*) „די זון פאַרגייט, דער שבת דערנענטערט זיך און אַהיים איז נאָך ווייט".

הארץ זאָגט מען אים: „דו רעדסט ווי א וווּטעק". ווען א קנאפּוויסנדיקער מענטש וויל מעשה ווילגעפעלן סימולירן אן עם־הארץ, זאָגט מען וועגן אים: „מאַטשעק האָט זיך פאר א פויער פארשטעלט". ווען פון א ברייט געפּלאַנטן ענין איז גאָרנישט געוואָרן, זאָגט מען: „מאַטשעק האָט נישט קיין וואָגן און קובא האָט נישט קיין פערד". ביי א לאַנגע אָן אן אויסוועג, זאָגט מען: „אין ברירה — יעדזש קו סאָביע". ווען פון לאַנגע רייד איז צו זען, אז עס וועט פון ענין גאָרנישט אַרויסקומען, זאָגט מען: „כיבאַ ניע פּאָיאַדען". ווען ר׳ בונעם פשיסכער האָט געוואָלט אויסדריקן זיין קריטישן בליק אויף דעם פאקט, וואָס די צאָל חסידישע רביים האַלטן אין איין שטייגן, האָט ער געזאָגט: „ס׳וועט קומען א צייט ווען רביים וועלן זיין יאַק מאַק". ווען מען וויל אונטערשטרייכן די גרונט־נפקא־מינא צווישן צוויי ענלעכע ענינים, זאָגט מען: „ס׳איז נאָך א גרויסער אונטערשיד צווישן אָמר אביי און אומאר (ל) מאַטשעק". אין לומדישע קרייזן פלעגט מען אי־ראָניש טייטשן: „ויברח יעקב" מאַכט רש״י „זראָביל אוטשעקל", ווען מ׳נעמט זיך צו פיל איבער מיט זכות אבות און מ׳פארנאַכלעסיקט דערביי די אייגענע עסקים, זאָגט מען: „יחוס נא בית־הקברות, א וו׳ דאָמו צרות". קאָצקער חסידים פלעגן אין יאָרצייט־טאָג פון זייער אַלטן רבי טאַנצן און זינגען:

„אומאַרל, אומאַרל סטאַרי קאָוואַל, צאָ נאַם בוטי קול"*).

בכלל זענען די פּוילישע ירידים און יאַרמערק אַרומגעוועבט מיט מעשהלעך פון דערלייזערישן כאַראַקטער. פון זיי שטאַמען די לעגענדעס וועגן אליהו הנביא, וואָס האָט זיך פארשטעלט פאר א פויער, וועגן ייד הקדוש, לייב שרהס, תהילים־ייד א״אנד.

פונדעסטוועגן איז פון אָנהייב פּויליש־יידישן ישוב ביז זיין בלוטיקן חורבן דער ייד פארבליבן א שטענדיק רעטעניש פארן פּאָליאַק. אין זיינע אויגן איז דער ייד געווען קלוג, פעאיק, פאַנאַטיש־פרום מיט זיינע אויסטערלישע שבת־דינים און כשר־און טריף־באַוואָרענישן. דער ייד האָט

---

*) געשטאָרבן, געשטאָרבן איז דער אַלטער שמיד, וואָס האָט אונדז די שיך צע־קאָוועט!"

תמיד געפירט א סאָלידן לעבנסשטייגער און איז דערביי געווען גראָטעסק־קאָמיש לויט זיין הילוך, אויסשפּראַך און זשעסטיקולאַציע. דעם צעהוליע־טן פּריץ און בגליפנדיקן שטאָט־מענטש האָט דער ייד אָבער אימפּאָנירט מיט זיין געזעצטקייט, ניכטערער שכלדיקייט און שארפקייט. איז טאקע אין פּוילן געווען אַ שם דבר ס'„זשידאָווסקע קעפּעלע". פון דער אנדערער זייט האָבן די שטאָט־איינוווינער באַטראַכט דעם יידישן הענדלער פאַר א שווינדלער, וועלכער איז קאַרג און אַן אויסנוצער, ער רעכנט זיך נישט אין מסחר מיט קיין שום פריינטשאַפט־געפילן: („Kochajmy się jak bracia, liczmy się jak Żydzi". לאָמיר זיך ליב האָבן ווי ברי־דער און זיך חשבונען ווי יידן). דער פויער האָט געהאַלטן דעם ייד פאַר א זייער דורכגעטריבענעם, וועלכן קיינער איז נישט מסוגל אָפּצונאַרן: „Polaka — niemiec, niemca — włoch, włocha — hiszpan hiszpana — żyd, a żyda tylko diabeł oszuka". (דעם פּאָ־ליאַק דער דייטש, דעם דייטש דער איטאַליענער, דעם איטאַליענער דער שפּאַניער, דעם שפּאַניער דער ייד, און דעם ייד איז נאָר דער טייוול מסוגל אָפּצונאַרן).

די אינעווייניקסטע יידישע וועלט איז בכל זאת פאַרבליבן פאַרן פּאָ־ליאַק א פאַרחתמעט בוך, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו אינטריגירן מיט „עקזאָטישקייט". אפילו אין די לעצטע יאָרן, ווען יידן האָבן שוין געגומען א קענטיקן אנטייל אין דער ריין־פּוילישער קולטור, האָט די פּוילישע שריפטשטעלערן וואנדא מעלצער פאַרעפנטלעכט א סעריע רעפּאָרטאַזשן פון יידישן לעבן אין דער פּוילישער הויפּטשטאָט און זיי באַטיטלט מיטן נאָמען „פון שווארצן קאָנטינענט". דער ראַפינירטער פּוילישער ליטעראַ־טור־און טעאַטער־קריטיקער באָי־זשעלענסקי האָט אין א רעצענזיע וועגן דער פּוילישער אויפפירונג פון ש. אנסקים „דיבוק" גאָר־נישט געקאָנט שטילן זיין התפּעלות פאַר דער יידישער „עקזאָטיק". במשך פון דורות — האָט ער געזאָגט — לעבן מיר צוזאַמען מיט א פאָלק אין נאָענטער שכנות און האָבן דאָך נישט די מינדעסטע אנונג וועגן זיין גייס־טיקער וועלט.

אויף אַט דעם באָדן זענען איבערן היקף פון דער פּוילישער געשיכטע

אַנטשטאַנען פאַרשידענע לעגענדעס וועגן יידישן געהיימען גייסטיקן כוח, וועגן יידישער גרויסקייט, לעבנס-חכמה, ווייטזעעוודיקייט, איבערנאַטיר־לעכע מעגלעכקייטן און טרייער איבערגעגעבנקייט צו פוילן.

שוין אין ניינטן יאָרהונדערט דערציילט זיך, אַז נאָך פּאָפּיעלס טויט האָבן די פּאָליאַקן זיך פאַרזאַמלט אין קרושוויץ אויסצוקלייבן פּאָפּיעלס א יורש עצר. מ'האָט אָבער באַין אופן נישט געקאָנט צווישן זיך אדורכ־קומען. ס'איז דעריבער באַשלאָסן געוואָרן, אַז ווער ס'וועט צו-מאָרגנס פרי דער ערשטער אַריינפאָרן אין שטאָט, דער זאָל געזאַלבט ווערן פאַר אַ פּוי־לישן מלך. מ'האָט איבער אַלע עקן שטאָט צעשטעלט שומרים. און ס'איז געשען, אַז דער ערשטער איז אין שטאָט אריינגעפאָרן דער ייד אברהם פּראַכאָווניק. מ'האָט אים פייערלעך אויסגערופן ווי אַ פּוילישן מלך. דער ייד האָט זיך אָבער דערמיט נישט איבערגענומען און אין זיין גרויס חכמה און גנאָד האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פון מלכות און די קרוין ארויפגעזעצט אויפן קאָפּ פון פּיאַסט.

גאָר מגילהדיק קלינגט די אסתרקע־לעגענדע פון פערצנטן יאָרהונדערט וועגן וועלכער ס'איז אפילו אַ רייד ביים באַדייטנדיקן פּוילישן היסטאָרי־קער יאַן דלוגאָש. דער פּוילישער מלך קאַזשימיעזש דער גרויסער האָט זיך פאַרליבט אין אסתרקע, דער טאָכטער פון אַן אָרימען יידישן שניידער פון אָפּאָטשנע. ער האָט מיט איר חתונה געהאַט. זי האָט אים געבוירן פיר קינדער — צוויי זין און צוויי טעכטער. די זין זענען דערצויגן געוואָרן אין קאַטוילישן גייסט, די טעכטער — אין יידישן גייסט. טייל פּוילישע היס־טאָריקער רופן קאַזשימיעזשן איראַניש — אחשורוש.

א גלגול פון די אבראַם-לעגענדע איז די לעגענדע פון זעכצנטן יאָר־הונדערט וועגן ש א ו ל וו אָה ל. ווידער דערציילט זיך, אַז אין די באַטאָרי־צייטן האָבן זיך די פּריצים צונויפגעזאַמלט אויף וואָליע, פיר קי־לאָמעטער הינטער וואַרשע, כדי אויסצוקלויבן אַ פּוילישן קעניג. מ'האָט בשום אופן נישט געקענט צווישן זיך דורכקומען וועגן קאַנדידאַט. דאָס איז שוין געווען דער לעצטער טאָג פון דעם וואַל־טערמין, און דאָ רוקט זיך אָן די נאַכט. אַלע זענען געווען שיכור־בעליע. האָט פּלוצים דער פירשט ראַדזשיוויל פאָרגעשלאָגן אַלס מלך דעם קלוגן ייד שאול וואָהל, וועלכער

פויליש־יידישע געלד־הענדלער אין 19טן יאָרהונדערט

(בילד פון א. פיוואָרסקי)

האָט א „קאָפּ ווי א מיניסטער". די פּארזאמלטע זענען דערויף איינגעגאנגען און הויך אויסגערופן: „זאָל לעבן דער קעניג סאול וואל!"

די לעגענדע בויט זיך אויף דעם פאקט, וואָס דער גרויסער מלוכה־ליפעראנט שאול וואהל איז געווען אן אָפטער איינגייער אין הויף ביים קעניג זיגמונט דעם דריטן. ער איז אַן איטאַליענישער ייד, וואָס איז געקומען קיין פּוילן לערנען תורה. זיין פאָטער איז געווען ר׳ שמואל יודא קאצינעל־בויגן, הרב מפּדוא. אויף דער שול אין בריסק דליטא (זי איז צעגומען גע־וואָרן לויט א באפעל פון ניקאָלאַי דעם ערשטן, ווייל אויף דעם אָרט האָט מען געבויט די בריסקער פעסטונג) איז געווען אויסגעקריצט: „הקצין מ׳ שאול בן הגאון ר׳ שמואל יהודה מפדוא". חוץ דעם איז באקאנט שאול וואהלס שול אין לובלין, פּאדזאמטשע 12. זי איז געבויט געוואָרן אין די צייטן פון ועד ארבע ארצות און האָט געהייסן די „לויפער־שול". שמחת תורה פלעגט מען דאָרט ביז די צייטן פון חורבן טיילן עליות און געבן הקפות „ברשות השר ר׳ שאול וואהל".

ובכן, א יידישער פירשט, א יידישע מלכה, א יידישער מלך, יידישער הויפליפעראנט אין פוילן. אויב זיי זענען אפילו אויסגעטראכטע, דערציילן זיי אונדז וועגן דער יידישער איינגעוואָרצלטקייט אויפן פּוילישן באָדן און וועגן דער באזונדערער באציאונג פון דער פּוילישער באפעלקערונג צו די יידישע שכנים.

פּאָליאקן האָבן נישט בלויז באוואונדערט יידן פון דרויסן נאָר אויך געפּרוווט אריינדרינגען אין דער אינעווייניקסט־יידישער וועלט ד״ה באַ־קענען זיך צו דער יידישער אמונה. דאָס איז געווען אין זעכצנטן יאָרהונ־דערט בעת דער רעפאָרמאציע, ארום וועלכער ס׳האָט זיך אין פּוילן באשאפן די א. ג. יודאאיזאנטן־באוועגונג. פּוילישע מאגנאטן, די ראדזשיווילס און אנדערע האָבן צוליב זייער אנטיקאטוילישקייט זיך דערנענטערט צו די כתבי הקודש און ממילא אויך צו יידן. די א. ג. יודאאיזאנטן־באוועגונג איז נאָכנישט גענוג אויסגעפאָרשט און ס׳איז נאָך עד היום נישט פעסט־געשטעלט געוואָרן די צאָל גרים. ס׳איז אָבער א פאקט, אז אין יאָר 1539 איז אין קראקע א פּוילישע פרוי קאטאזשינא ווייגעל פאר־משפּט געוואָרן צום טויט פארן איבערגיין צום יידנטום.

אין אכצנטן יאָרהונדערט וועבט זיך א לעגענדע וועגן גר צדק גראַף וו א ל ע נ ט י   פּ א ט א צ ק י. עפּעס א כישוף האָט דעם פּוילישן דוכס געצויגן צו יידן. ער האָט געלערנט ביי יידן לשון קודש, זיך פארטיפט אין תנ"ך און ליב באַקומען יידישקייט. ער איז זיך פונאַנדערגעגאַנגען מיט זיין רייכער משפּחה, געלאָזט זיך אין אמסטערדאַם מל זיין, זיך מגייר געווען און באַקומען דעם נאָמען אברהם בן אברהם. אמת, זיין מוטער האָט אים שטאַרק אָפּגערעדט דערפון, ס'האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. ער איז געהיים קריקגעקומען אין פאַנאַטיש־קאַטוילישן פּוילן, זיך כסדר אויפגע־האַלטן אין אַ שטעטל אונטער ווילנע. עמיץ האָט דאָך פאַראַטן זיין באַהעל־טעניש און פּאָטאָצקי איז פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. אין פּנקס איז פאַרצייכנט „נשרף ביום שני של שבועות שנת ת"קט". ער איז נקבר געוואָרן אויפן אַלטן יידישן בית־עלמין אין ווילנע אין אַ באַזונדערן אוהל, ארום וועלכן ס'האָט זיך פאַנאַנדערגעוואקסן א וואונדערלעכער בוים. דאָס איז לי־טעראַריש פאַרפיקסירט געוואָרן אין א. מ. דיקס א ראָמאַן א"נ „דער גר צדק" און אין אַלטער קאַציזנעס דראַמע „דער דוכוס". באַלד נאָכדעם האָט אויך פּאָטאָצקיס חבר   ז א ר ע מ ב א   זיך מגייר געווען אין אמסטערדאַם.

דאָס האָט דעם פאַרחושכטן פּוילישן ייד אביסל אויפגעהייטערט. ס'הייסט, אַז דער דורך דעם פּריץ כסדר באַליידיקטער און דערנידע־ריקטער ייד־קרעמער, ייד־אַרענדאַר איז נאָכנישט אַזוי טיף געפאַלן, אויב דעם פּריצים זון זאָגט זיך אָפּ פון כל־טוב און אפילו פון לעבן, אבי זיך גייסטיק צו באַהעפטן מיט דער קהילה קדושה, צו וועלכער ס'באַלאַנגען די באַשפּיגענע איצקעס און מאַשקעס.

מ'דאַרף דאָס אָבער נישט נעמען ווי א ריכטונג, גיכער זענען דאָס אויסנאַם־פאַלן. אין תוך איז נישט געווען קיין שום קאָנטאַקט צווישן פרומגלויביקן לומד תורה און קאַטוילישן אינטעלעקטועלן. דערצו האָט געפעלט א געמיינזאַמע שפּראַך. אין זעכצנטן יאָרהונדערט ווען ס'האָט ביי די פּוילישע יידן געבליט דער פּלפּול און דער רמ"א האָט זיך אפילו פאַרמאָסטן צו שאַפן א נייעם „מורה נבוכים" („תורת העולה") האָט אין דער פּוילישער ליטעראַטור געהערשט די א. ג. „גאָלדענע תקופה". אָבער וואָסער באַטייט האָט פאַרן פּוילישן ייד געקענט האָבן אפילו דער געביל־

דעטער פוילישער דיכטער י א ן ק א כ א נ אָ ו ו ס ק י, מכל שכן די קלענערע מ י ק אָ ל יי ר ע י און פ י אָ ט ר ס ק א ר ג א מיט זייער אָרימער גייסטיקער וועלט. בפרט, אז ביז דעמאָלט האָבן פוילישע שרייבער געשריבן אויף לאטיין, וואָס איז ביים ייד געווען פארהאסט און געהייסן „גלחות". ערשט ר ע י האָט מיט זיין פויליש שרייבן געוואָלט פראָקלאמירן פאר דער וועלט, אז די פאָליאקן האָבן אויך אן אייגענע שפראך:

A niechaj narodowie wżdy postronni znają,
Iż Polacy nie gęsi, iż swój język mają.

(זאָל פאר אַלע פעלקער אויף דער וועלט ווערן אַ באַקאַנטע זאַך,
אַז די פּאָליאַקן זענען נישט קיין גענדז, האָבן אַן אייגענע שפּראַך.)

דאָס זענען צוויי וועלטן, וואָס זענען זיך במשך פון דורות געבליבן פרעמד; ס'איז נישט געווען די מינדעסטע מעגלעכקייט פון דערנענטע־רונג. די הויפט־סיבה, וואָס האָט יידן געהאלטן פונדערווייטנס איז גע־ווען די אמונה. די אמונה אין דער שטרענג-יידישלעכער אָפגעהיטנקייט, אין מהדר מן המהדרין, אויסער מסחר איז מען מיט די פאָליאקן נישט געקומען אין קיין געזעלשאפטלעכער בארירונג פשוט אוים מורא פאר וועלכן ס'איז רעליגיעזן איינברוך, חלילה. מ'האָט דערפאַר געציטערט ווי פאר פייער. אין „גרינעם דאָנערשטיק" פלעגט די מאַמע באַהאַלטן דעם יינגלס כאַלאַטל און שטיוועלעך, ער זאָל זיך צופיל נישט ארומדרייען אין גאס, ער זאָל זיך צופיל נישט איינקוקן אין די פראָצעסיע־בילדער, ער זאָל חו"ש נישט אראָפנעמען ס'היטל פארן צלם און דערהויפט ער זאָל נישט קריגן געשלאָגן פון א צעיאכמעטן גוי. ס'פאָלק האָט באנומען דעם גרונט־אונטערשיד צווישן „זייער" און „אונדזער" גאָט:

אונדזער גאָט זיצט אין הימל
און גיט צו עסן ברויט מיט קימל;
זייער גאָט שטייט אין פעלד
און האָט אַ מכה נישט קיין געלט.

דער פשט איז א פראָסטער. דער יידישער גאָט איז א קאָסמישער

כוח, וועלכן מ׳זעט נישט אין די אויגן, אָבער ער גיט דער וועלט שפע. „זייער" גאָט האָט מען געקאָנט פון די יעזוס־פיגורן, וואָס זענען צע־שטעלט איבער די פעלדער הארט ביי די שאָסייען. און ביי א האנדלס־עלעמענט איז דאָך די שפע סימבאָליזירט דורך געלט....

שפעטער האָבן זיך איינגעשטעלט פוילישע באצייכענונגען פאר יידישע ימים טובים, דערהויפט פאר די, וואָס פאלט לויט דער צייט צונויף מיט די קריסטלעכע חגאות. פסח פלעגט מען רופן „זשידאָווסקא וויעלקאנאָץ", שבועות — „זשידאָווסקע זשעלאָנע שוויאָנטקי", פורים — „זשידאָווסקע אָסטאטקי". אפילו א ברית האָט מען גערופן „כזשטשיני". ווען א ניי געבוירן קריסטלעך קינד, איבער וועלכן עס איז נאָכנישט אדורכגעפירט געוואָרן די טויף־צערעמאָניע, פלעגן פאָליאקן זאָגן: „ס׳קינד איז נאָכנישט געטויפט, ס׳איז נאָך דערווייל א ייד". ענלעך האָבן יידן געזאָגט: „מען האָט נאָכנישט מל־געווען ס׳קינד, ס׳איז נאָך דערווייל א גוי".

גאָר זהיר איז מען געווען אין פארפלעכטן א וועלכן ס׳איז פלירט צווישן א יידיש מיידל און א פויליש יינגל. דאָס קאָן, חלילה, דערפירן צו שמד.

לויט א פאָלקסליד פארנייגט זיך א פויליש יינגל עלעגאנט צו א יידיש מיידל:

— זשידוווּעטשקאָ כאָדזש נאָ בעז
— יא ניע פוידען בא שבת

(יידיש מיידעלע, לאָמיר גיין רייסן בעז
איך וועל נישט גיין, ווייל ס׳איז היינט שבת)

ד"ה, מ׳טאָר נישט רייסן אום שבת. און ווען ער איז שטאַרק צוגע־שטאַנען, ענטפערט זי אַפּ:

— ווטשאָראַי מניע מאַטקאָ מאָצנאָ בילאָ
זשעבים ס׳שייגעצעם ניע כאָדזשילאָ.

(די מאַמע האָט מיך נעכטן שטאַרק געשלאָגן
כ׳זאָל מיט א שגץ נישט ארומגיין.)

עס פלעגן זיך פונדעסטוועגן טרעפן פארליבענישן, וואָס האָבן גע־

פירט צו שמד. אָבער דאָס זענען געווען זעלטענע פאַלן. א יידיש מיידל פלעגט זיך אמאָל פארליבן אין א קריסטלעכן יינגל, וואָס האָט מיט איר געוווינט בשכנות. דאָס איז כמעט תמיד געווען א זון פון אן אָרימען פויליש האַנטווערקער, פעלדשער און אַפילו הויז־קערער (אַ סטרוזש). וועגן אזא טרעפעניש פון א פארליבט יידיש־פויליש פאָרל זינגט מען:

פאננא מאריאננא, וואָס האָבן זי געמאכט?
יא ניע ספּאלאם א גאנצע נאכט
לודזשע פּאָוויעדזשעלי, אז דו ליבסט מיך נישט,
טשי טאָ פּראוודא, ווייס איך נישט...

נישט געקוקט אויף דעם מאטעריעלן שטאַנד־אונטערשיד האָט ער איר אימפּאָנירט מיט זיין לייטישן אויסזען און געשיקטן באַנעמען זיך מיט פרויען. אין טראַדיציאָנעל־יידיש לעבן האָט מען דאָך אינגאנצן גרינג־געשעצט דעם ענין ליבע־שמיבע. מ'האָט זיך קיינמאָל נישט גערעכנט מיטן מיידלס ווילן. נאָר אין דער תורה דערציילט זיך וועגן „נקרא לנערה ונשאלה את פּיה" אין לעבן האָט מען דאָס אינגאנצן נישט גענומען אין אכט. ווען מ'האָט אָנגעשלאָגן א שידוך האָט מען ארויסגעשיקט א מלמד צו פארהערן דעם בחור. און ווען ער האָט אויסגעהאלטן דעם עקזאמען, איז דער שידוך „געטאָן" געוואָרן. אין פארגלייך מיטן אויסגעבלייכטן אומבאַהאָלפענעם וועלט־פרעמדן בית־המדרש־בחור האָט דער גאַלאַנטער „שגץ" אויסגעזען צו זיין א ריטער. און דערויף איז פאראן אין פוילן א ווערטל: „יאַק יצר הרע נאַפּאַדניע, טאָ תקיעת כף ניע פּאָמאָזשע"*). ווען אַ יידיש מיידל האָט זיך געשמדט איז עס נישט נאָר פאַר די עלטערן געווען א גרויס אומגליק נאָר אויך פאַר דער קהילה — א גרויסע חרפּה. דער הויפּט־מחותן איז געווען דער שטאָט־גלח. א יידיש פאָלקס־ליד זאָגט דערוועגן:

חנה איז געזעסן
און געשטריקט א שאַטקע.

---

*) ווען דער יצר־הרע באַפאַלט, העלפט אַפילו נישט קיין תקיעת־כף.

א בשורה האָט מען איר אָנגעזאָגט,
אז איר טאָכטער איז א שמד'קע.

ר' עליע איז געלאָפן
צום גלח א היים,
האָט ער דאָרט געטראָפן
פייגעלע שטיין.

פייגעלע, פייגעלע
קום אהיים צום טיש!
— „דיר אויף צו להכעיס
דעם שגץ א קוש".

דער פאָטער בעט זיך ביי איר:

כ'וועל דיר געבן
קליידער און נדן
און דערצו
א גאנץ פיינעם מאן.

זי ענטפערט:

— איך בין דיר מוחל
קליידער און נדן.
נאָר דער שגץ
מוז זיין מיין מאן".

ער פרווט איר שילדערן די טרויעריקע צוקונפט:

ביי מיר ביזטו געגאנגען
שיך מיט קאלאָשן

ביים שגץ נאָך דער חתונה
וועסטו וועש וואשן.

ביי מיר ביזטו געגאנגען
אין א זיידן קלייד.
ביים שגץ וועסטו גיין
אין צרות און אין לייד.

ביי מיר ביזטו געגאנגען
אין א פוטערנע בויע
ביים שגץ וועסטו שרייען:
קאָשטשי קופויע!"

און אז דאָס אלץ פועלט נישט, פארענדיקט ער רעזיגנירט:

ביי מיר ביזטו געגאנגען
אין א זיידענעם ראָק.
און אז דו וועסט פגרן,
וועט קלינגען דער גלאָק.

א סך זעלטענער איז געווען דער פאַל, אז א מאנצפּארשוין זאָל זיך שמדן. אויב שוין יאָ, איז עס על פּי רוב געווען א פּראָסטער מענטש, וואָס האָט זיך „פארקאָכט" נישט בלויז אין דער שיקסע נאָר אויך אין איר באַלעבאטישקייט. אין דער פּויליש־קאַטוילישער וועלט איז מיט אים געווען די שמחה קלענער איידער מיט א יידיש מיידל. מ'האָט אים פּשוט נישט געגלייבט. נאָך מינער האָט מען שפּעטער געגלייבט דעם אויפגעקלערטן משומד, וועלכן מ'האָט באטראכט ווי א קאריעריסט. ס'איז פאראן א ווערטל —

Żyd chrzczony, wilk chowany,
przyjaciel pojednany — niepewni.

(א געשמדטער ייד, א דערצויגענער וואלף, אַן איבערגעבעטענער פריינט — זענען נישט קיין זיכערע.)

דער יידישער קרעמער איז א גאנצע וואָך געזעסן אין קראָם און גע־דולדיק געוואַרט אויף פדיון. בין קונה לקונה פלעגט ער מעיין זיין אין א ספר. אין מארק־טאָג אָבער האָט ער שוין געהאט צו טאָן מיט פוילישע קונים, דערהויפּט מיט פויערים, וועלכע ער האָט באַדינט באַנוצנדיק זיך מיט אַ גרייזיקן פויליש. ער האָט כסדר איינגעחזרט די פוילישע נעמען פון אלע קראָם־ארטיקלען. אויף אָט־דעם גרונט זענען אנטשטאַנען פאר־שידענע מעשהלעך און אנעקדאָטן. אויף א חתונה פלעגן בדחנים משמח זיין דעם עולם מיט לידער, וואָס לאכן צו־ביסלעך פון קרעמערס פוילישע „לעקציעס". אָט איז א ליד, וואָס זינגט זיך מיטן ניגון פון אקדמות:

בגד איז א קלייד,
טאָ קיעצעק.
תנור איז אַן אויוון,
טאָ פּיעצעק.
דרך איז א וועג,
טאָ דראָגא.
רגל איז א פוס,
טאָ נאָגא.
הר איז א בארג,
טאָ גורא.
תרנגול איז א האָן,
טאָ קורא.

ס'ווייב איז גיכער געווען א פויליש־רעדערקע און אין שווערע מי־נוטן פלעגט זי דעם מאן ארויסראטעווען פון שפּראך־קלעם.

אנדערש פלעגט עס אויסזען אין דאָרף. דאָרט האָט מען זיך גיכער צונויפגעלעבט מיט דער פוילישער באפעלקערונג. יידישע קינדער האָבן זיך געשפּילט צוזאמען מיט פוילישע דאָרפס־קינדער. דער יידישער קרעטשמער, פאכטער און לאטוטניק האָבן צוזאמען פארבראכט מיט די פויערים אין קרעטשמע. פארקערט די קרעטשמערישע קינדער פלעגן זיך



יידישע בעלי־מלאכות אין פוילן

מיניאטור־בילדער פון ארטור שיק
(פון זיין ווערק „דער קאלישער סטאטוט")

אינגאנצן איבערנעמען מיטן פויליש-דאָרפישן לעבנסשטייגער און ווערן פארגרעבט אין יידישע ענינים. זיי האָבן זיך גערופן בערעק, איצעק, לייבוש אד"גל. טייל פון זיי האָבן אפילו גערעדט בעסער פויליש איידער יידיש. ווען א קרעטשמערישער לייבוש איז געוואָרן א שטאָטישער איידעם, פלעגט מען אין בית המדרש טרייבן פון אים לצנות. אין א פאָלקס-ליד ווערט דערציילט ווי אזוי אזא פארשוין ווערט אויפגערופן שבת צו דער תורה. עס ווערט געזונגען מיט דער נגונה פון קריאת התורה:

— יעמוד רב יהודה!
— יא ניע פוידען —
— דלאטשעגא ניע פוידזיעש?
— בא יא ברוכע ניע אומיעם.
— דלאטשעגאָ ניע אומיעש ברוכע?
— באָ איטשעץ מניע ניע אוטשיל.
— דלאָטשעגאָ טשען ניע אוטשיל?
— באָ סאָם קרענק אי ווייטיק אומיאַל.*)

***

אויפן גרונט פון אָט דער אלגעמיינער אטמאָספער האָט זיך פאָרמירט ס'אינעווייניקסט-יידישע גייסטיקע לעבן אין פוילן. ס'איז קלאָר, אז ס'זענען געווען צוויי באַזונדערע וועלטן. עפּעס אַן אויסטערלישע מחיצה האָט אָפּגעטיילט דעם יידישן שטייגער פון גויאישן. מ'איז געווען איינגעוועלבט אין דער אייגענער פנימיות, וואָס איז בולט אנדערש פון גאנצן ארום. דער לעבנס-טאָג האָט אויף שריט און טריט געהאט איבער זיך א „פרום אויג", וואָס האָט געוואכט פון דער אויפשטיין-שעה ביזן גייןשלאָפן. שוין פארטאָגס, ווען דער שמש פון שטאָט-בית־המדרש האָט גע-

*) — כ'וועל נישט גיין. — פאַרוואָס וועסטו נישט גיין? — ווייל כ'קען נישט די ברכה. — פאַרוואָס קענסטו נישט קיין ברכה? — ווייל דער פאָטער האָט מיך נישט געלערנט. — פאַרוואָס האָט דער פאָטער דיך נישט געלערנט? — ווייל ער האָט אַליין געקענט א קרענק מיט ווייטיק.

וועקט די „כשרע יידעלעך" פון שלאָף, אז זיי זאָלן אויפשטיין צו עבודת הבורא איז אָנגעצייכנט געוואָרן די גרונט־ליניע, וואָס שיידט אָפּ אונדזער לעבן פון „זייער" לעבן:

שכינתא בגלותא
כי גבר הס"ם
עשו איש ציד
יעקב איש תם.

דער ייד האָט גאָר אַן אַנדערן לעבנס־באַרוף. ער איז טאַקע פאַרוואָגלט פון זיין שטאַמלאַנד, אָבער זיין שורש איז פאַרפלאַנצט אינדערלופטן. זיין שאַפונגס־כוח באַגלייט אים אומעטום — שכינתא בגלותא. עשו איז אַ איש ציד; ער איז אין פרייען פעלד און וואַלד. יעקב אָבער איז אַ איש תם, אַ יושב אוהל, וואָס איז תמיד עוסק בתפילה און בתורה. אָט־די תורה האָט אין דער פּוילישער אכסניה געהאַט אירע מערקווירדיקע גלגולים.

די אַלגעמיינע ליניע פון יידיש־גייסטיקן לעבן אין פּוילן האָט דורכגעמאַכט אַן אייגנאַרטיקע אַנטוויקלונג, וואָס האָט באַקומען איר אויסדרוק אין באַזונדערע תקופות, וועלכע זענען אין תוך גענומען אַ רעגולערע אָפּוועקסלונג פון קעגנגעזעצטע שטרעמונגען. לכתחילה — דער ר אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט י ש ע ר פּ ל פּ ו ל, שפּעטער — ס'ר אָ מ אַ נ ט י ש ע חסידות, ווייטער — די ר אַ צ י אָ נ אַ ל י ס ט י ש ע השכלה, נאָכדעם — דער ר אָ מ אַ נ ט י ש ־ וועלטלעכער נ אַ צ י אָ נ אַ ל י ז ם, וואָס האָט זיך געפּאָרמט אין באַזונדערע ריכטונגען. לסוף דער יידישער ס אָ צ י אַ ל י ז ם, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט אין פאַרשידענע שאַטירונגען.

נאָכן גירוש ספרד איז פּוילן אוודאי געווען באַרופן איבערצונעמען די העגעמאָניע פון מזרח־אייראָפּעאישן צענטער. ס'זענען אָבער כאַראַקטעריסטיש די גרונט־אייגנשאַפטן, וואָס טיילן אָפּ די יידישע קולטור אין פּוילן פון דער יידישער קולטור אין שפּאַניע.

דער הויך־קולטורעלער צענטער אין שפּאַניע האָט אָנגעהויבן זיין

אנטוויקלונגס־וועג מיט שפּראַך־פאָרשונג. די חכמי ספרד האָבן ארויס־געוויזן א גרויסן קולט פארן גערעדטן און געשריבענעם וואָרט. די שפּראַך, ווי דער אינטימסטער אינסטרומענט פאר קולטור־שאַפן, האָט ביי זיי פאַרנומען דעם אויבן־אָן. די פּיאָנערן אויף דעם געביט זענען געווען: מנחם בן יעקב אבן סרוק, דונאַש לברט, יהודה חיוג, יונה אבן גאַ׳נאַך און שמואל הנגיד. דאָס האָט אומבאַדינגט געהאָלפן אריינברענגען סדר און לאָגיק אין דעם אַרט דענקען פון ספרדי ווי אויך אנטוויקלען זיין עסטעטישן געשמאַק. ערשט נאָכדעם ווי די גראַמאַטיקער און ליטעראַטור־טעאָרעטיקער האָבן וויסנשאַפטלעך געשליפן און געפיילט ס׳וואָרט, איז געקומען דער הויך־באַגאַבטער שלמה אבן גבירול מיט זיין באַהויכט עלעגיש ליד און פילאָזאָפישן טראַקטאַט „מקור חיים״. ווייטער איז געקומען דער נאַציאָנאַלער דיכטער יהודה הלוי, רבנו בחיי מיט זיין עטיש־פילאָזאָפישן „חובות הלבבות״, רמב״ם, אבן עזרא, רלב״ג, חסדאי קרשקש און אנדערע.

גאַנץ אנדערש האָט זיך געשלענגלט דער גייסטיקער וועג פון פוילישן קיבוץ. פוילישע יידן האָבן בדרך כלל נישט געהאַט די מינדעסטע באַציאונג צו שפּראַך, הן צו דער גערעדטער והן צו דער געשריבענער. ס׳וואָרט איז דאָך נישט מער ווי אן אויסנווייניק מיטל ארויסצוברענגען אינעווייניקסטע רעיונות אָדער געפילן. פאר זיך גופא האָט אָבער ס׳לשון נישט קיין ספּעציעלע חשיבות און מ׳דאַרף זיך דערמיט נישט ספּעציעל צאַצקען. מ׳האָט ממש געציטערט פאר „דקדוק״ און אוודאי נישט צופעליק האָט מען אין אלטן פוילן אויסגעמיטן ס׳לערנען די ספרי נביאים, וועלכע מ׳האָט באַצייכנט מיטן נאָמען „פּסוק״. וואָס עפּעס — זאָלט איר געזונט זיין — „לערנען״ אויף לשון קודש א מעשה אָן א מאי־קאָ־משמעלן? — איז טאַקע צו זען אין אלטן פוילן אן אויסטערליש אומציכטיקע באַציאונג צו שפּראַך, סיי צום ארויסגערעדטן וואָרט, סיי צו גראַמאַטיקאַלישע כללים, סיי צו דעם זאַץ־בוי, סיי צו דער ריינקייט פון וואָרטשאַץ און סיי צו דער קלאָרקייט פון סטיל. דער עיקרשט גייט אין דעם וו אָ ס מען זאָגט, און נישט ווי אזוי מען זאָגט. „ריידעלע יאַק ריידעלע, אבי דאָבזשע מיינעלע״. פוילישע לומדים פלעגן זיך שעהנ־

ווייז מפלפל זיין וועגן גאר הויכע ענינים און דערביי זיך באנוצן מיט דעם מינימאלסטן סכום ווערטער. און די מ׳שטיינס געזאגט געברויכטע רייד זענען ס׳רוב ארויסגעקומען מטושטש. מ׳האט זיך פארשטאנען מער בתנועה איידער בדיבור, כמעט אויפן ווונק. באריידעוודיקייט האט מען באטראכט פאר א „ווייבערישן ענין״.

דערביי איז אפילו צו מערקן נאכלעסיקייט ביים געברויכן די טאג־טעגלעכע שפראך — יידיש. מ׳פלעגט קיינמאל נישט אנהייבן און נישט פארענדיקן קיין זאץ; מ׳האט ארויסגעריסן דעם מיטן און די רעשט צו־געמאכט מיט די הענט. בשעת הדחק האט מען זיך ארויסגעהאלפן מיט א העויה, רמיזה אדער מיט א פילזאגנדיקן „ני״, „מא״, „מילא״, „עט״, אד״גל. אינטערעסאנט, ווי אין מויל אפילו פון בני תורה קלינגען די אויף־טריט און שריט געברויכטע העברעאישע ווערטער: „כאלימויט״ (חול המועד), „שאלעשידעס״ (שלוש סעודות), „פינוסע״ (פרנסה), „שאבע־שויב״ (שבת־אויבסט), „בעזן״ (בית־דין), „מניל״ (עמנואל) אאז״וו. דער מאנגל פון שפראך־און אויסשפראך־קלארקייט האט זיך ממילא געבונדן מיט דוחק פון געדאנקען־קלארקייט און אומפארשטענדעניש פאר פארם.

דער פוילישער ייד, ווי א מאגיש־פארדרעגגטער בעל־מוח, האט בעיקר געגלידערט זיינע רעיונות אלגעבראאיש און און אנטשפרעכנדיקן געאמעטריש ן אויסבליק, דערפאר האט ער נישט געהאט קיין אבסאלוט־רעאלע באציאונג צו שטח. דעם ענין שטח האט ער נישט תמיד באנומען פיזיקאליש, על פי רוב גאר אילוזאריש. ער האט זיך ארומגעדרייט אויף דער וועלט עפעס ווי א „נישט־היגער״, שטענ־דיק פארקוקט אין הימל. די צייט האט ער באטראכט ווי מאם־אפשניטן צווישן תפילת שחרית און תפילת מנחה, ווייטער צווישן תפילת ערבית און „חצות״. צוריק־געשמועסט, וואס איז דען שטח? — א רעלאטיווער באגריף. זיין אויסשפרייט־באשטאנד איז אונטערגעווארפן דעם גזר פון אייבערשטן. ווען ס׳איז נייטיק, ווערט שטח פון זיך אליין אויסגעצויגן, טאקע ווי עס איז געווען מיטן געפאקטן המון עולי רגל ביים פאלן כורעים („עומדים צפופים ומשתחווים רוחים״) און אויב ס׳ איז ווידער נייטיק,

קאָן ער זיך פאַרקערט איינשרומפּן לויט דער פאַרשטעלונג פון קפיצת הדרך.

פאַרשטייט זיך, אַז אין דער פּוילישער אכסניה של תורה האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן שפּראַכפאָרשונג, טעאָריע איבער מעטריק, פּאָעזיע און פילאָזאָפיע על פּי נוסח ספרד. דער מיטלפּונקט פון דער איינזייטיקער פּוילישער גייסטיקייט האָט גאָר פאַרנומען אַן אויסטערלישער מעטאָד אין דער תלמודישער דיסציפּלין, וואָס איז ווי אָנגעמאָסטן פאַר דער צעשויבערטער מענטאַליטעט און הייטערן געמיט פון פּוילישן ייד — ד ע ר פּ ל פּ ו ל.

דער הויפּט־קערן פון פּלפּול איז — ראַציאָנאַליזם. אָבער ס'איז קיין דמיון נישט פון ספרדישן ראַציאָנאַליזם, וואָס האָט געשטרעבט אַרכיטעקטאָניש אויפצובויען אַ געדאַנקען־בנין. אינעם פּלפּול איז גיכער פאַראַן שכלדיקע גימנאַסטיק אָן אַ וועלכן ס'איז פּאָזיטיוון אויסבליק און אָן אַ וועלכער ס'איז פּראָדוקטיווער פאַרווענדונג. ס'קומט עפּעס אויס ווי נאָך דער אָנווענדונג פון אַ באַדייטנדיקן סכום אינטעלעקטועלער ענערגיע ווערט געלאָזט אין גאַנג אַ מאַשין, וואָס שלעפּט אָבער נישט מיט זיך קיין שום טראַנסמיסיע. אַ גרויס ראָד, וואָס דרייט זיך אַרום דער אייגענער אַקס...

ס'האַנדלט זיך נישט וועגן אַ פאַרבעסערטן סדר הלימוד, וועגן אויסגעפינען די ריכטיקע טעמים פון אַ דין אָדער היסטאָרישער באַגרינדונג פון אַ באַשטימטן גמרא־טעקסט. דאָס איז פּשוט אַ וועט־געלויף, ווער עס וועט חריפותדיקער באַווייזן צונויפשמעלצן צוויי שרייענדיקע סתירות, אָדער גאָר שפּאַלטן אַ טעזע אויף צוויי ווידערשפּרעכנדיקע טיילן.

להיפּוך צו דער שכנותדיקער ליטע, ווו דער לימוד איז געבויט אויף ה ב נ ה לויט אַ באַשטימטן פּעדאַגאָגישן סיסטעם, האָבן די פּוילישע ישיבות באין אופן נישט געוואָלט זיך באַגנוגענען מיט סיסטעמאַטישלאָגישן לערנען דעם גרונט־טעקסט. דאָס האָט זיך זיי אויסגעוויזן צו זיין לעבלעך, פּאַסטנע, אָן פּיקאַנטעריע. דער פּוילישער לומד תורה האָט געוואָלט באַקומען אַ מער צוגעווירצט אינטעלעקטועל געריכט. נישט אומזיסט איז דער ווערטלעכער שורש פון פּלפּול — פּלפּל, ד"ה פּ ע פּ ע ר. דאָס איז אַ פּעפּערדיק צוגעשפּיצט געדאַנקען־געוועב, וואָס האַלט זיך אויף

שארפזיניקע המצאות. ביים ערשטן בעסטן לאגישן אנאליז פאלט זיך עס אבער אינגאנצן פאנאנדער.

דער דאזיקער מעטאד, וואס איז געווען ארגאניש פארבונדן מיט גרויסע בקיאות און בליציקער חריפות, איז מיט דער צייט צעשטיגן ביז א גאר הויכער מדרגה. דאס באליבטע מיטל זיך צו באווייזן איז געווען ס׳פשטל, מיט וועלכן מ׳איז קונציק געשווומען איבערן ים התלמוד. דער פיאנערישער באגרינדער פון דער רבנישער ליטעראטור אין פוילן איז געווען דער „בעל החילוקים" — יעקב בן יוסף פאלאק, דער גרינדער פון דער ערשטער ישיבה אין פוילן, וועלכע האט אין זעכצנטן יארהונ־דערט באקומען א וועלט־נאמען. צו דער דאזיקער ישיבה האבן מכל תפו־צות ישראל געשטראמט תלמידים. שפעטער איז געקומען דער טריאומ־וויראט, וואס האט געלייגט דעם פונדאמענט פאר דער פוילישער אכסנית של תורה: ר׳ שלום־שכנא, רמ"א און רש"ל.

ר׳ יעקב פאלאק איז געווען אן עוקר הרים. ער האט מיט פינעזער דיאלעקטיק און גערדאנקלעכע הארשפאלטעגישן כסדר „אויסגעווארצלט בערג". אט־די קאזואיסטישע אקראבאטיק האט ממשיך געווען זיין תלמיד שלום־שכנא, וועלכער האט ווידער געהאט פאר א תלמיד דעם גאונישן רמ"א, דעם גרויסן פוסק, מחבר פון זעלטן חריפותדיקע שו"ת, מייסטער פון וואונדערלעכע שקלא־וטריאס. זיין „מפה" צו ר׳ יוסף קארום „שולחן ערוך" איז אין א געוויסער מאס דער שפיגל פון פוילישער זיטלעכקייט און שטייגער. זיינע הערות און הגהות זענען געבויט אויף דעם פוילישן לעבנסשטייגער; אפטמאל שטעלט ער העכער א פוילישן מנהג איידער דעם אנגעוויזענעם דין. מ׳קאן זאגן, אז אין אלע שטרייט־פראגן צווישן רמ"א און קארו איז — „הלכה בהרמ"א".

אבער די חלוקי דעות צווישן ספרדישן „בית יוסף" און פוילישן „מפה" באווייזן אמבולטסטן וואס עס טיילט אפ די צוויי באזונדערע צענ־טערן. די רעליגיעזע געבאטן האט דער רמ"א ס׳רוב געטייטשט לחומרא אזוי, אז גייענדיק, אפנים, אין דער ריכטונג פון די פארפרומטע שטימונ־גען פון פאלקס־מענטש, האט ער מיט זיינע חומרות כסדר שווערער גע־מאכט דעם עול פון גלויביקן ייד. אין פארגלייך מיטן רמ"א איז דער „בית

יוסף" א פּראָגרעסיוו ווערק. די משכילים האָבן שפּעטער באַצייכנט דעם רמ"א ווי א „פּ י נ צ ט ע ר ל י נ ג".

דער זעלביקער מחמיר רמ"א איז גלייכצייטיק דער איינציקער אין דער פּויליש־רבנישער ליטעראַטור, וואָס האָט זיך פונדעסטוועגן פאַר־מאָסטן צו געבן א פילאָזאָפישן טראַקטאַט אין גייסט פון רמב"ם א. נ. „תורת העולה". ווער ס'באַקענט זיך אָבער בלויז מיט די ראשי פּרקים פון אָט דעם פילאָזאָפישן ספר, דערבליקט באַלד די ריזיקע נפקא מינה צווישן „מורה נבוכים" און „תורת העולה". נישט נאָר ס'איז לויטן אינ־האַלט ריינער עפּיגאָניזם, נאָר אויך לויטן באַגרינדונגס־מעטאָד — ממש א פּאַראָדיע. עס האָט אַלע חסרונות, וואָס זענען כאַראַקטעריסטיש פאַרן פּוילישן יידנטום אין זעכצנטן יאָרהונדערט. קודם כל שטויסט אָפּ די מאָדנע קלאָציקע שפּראַך, זי איז אָפּט זייער גרייזיק. צווייטנס, איז עס א „בנין" אָן א פּלאַן. ס'איז דאָרט פאַראַן מער געדרייטע שטיגן, פינצ־טערע קאָרידאָרן און זייטיקע אַלקערלעך, איידער ליכטיקע חדרים. דריטנס, ווערט דאָרט שטאַרק אומבאַהאָלפן אָנגעווענדט דער אַלעגאָריסטישער מעטאָד, מאָמענטנווייז רופט ער ארויס א שמייכל. און בעיקר פילט זיך אין „תורת העולה", אז מען האָט צו טאָן מיט אן עכט־פּוילישן אַבערגלויב־בעריש און איבערגעשפּיצטן פּלפּוליסט, איידער מיט א וועלטלעך גע־בילדעטן דענקער.

דער לעצטער פון דערמאָנטן חוט־המשולש איז דער גאון רש"ל, וועל־כער צייכנט זיך דווקא אויס מיט טיפער לאָגיק און סיסטעמאַטישקייט אין דענקען. ער איז א באַזונדערער קעגנער פון דרך הפּלפּול. זיין „חכמת שלמה" און „ים של שלמה" בילדן א קאָמפּענדיום פון אַלע הלכות אין תלמוד. דערביי האָט ער אַלץ באַלויכטן סיסטעמאַטיש און קריטיש. ער האָט נישט געהאַט די אַמביציע צו זיין אן „עוקר הרים", נאָר דערהויפּט א „סיני" ד"ה א סדרן לויט א גאָר ברייטן און אייגנאַרטיקן פאַרנעם. זיי־נע ווערק זענען פּשוט עפּאָכעמאַכנדיקע אין דער פּויליש־רבנישער ליטע־ראַטור. אָבער דערביי איז ער געבליבן געטריי דער פּוילישער אָפּגעריסנ־קייט פון דער אַרומיקער „חיצוניותדיקער" וועלט. ער ווייזט אַרויס אן אָפענעם ווידערווילן צום רמב"ם, וועלכער טראָגט זיך אַרום מיטן „ערל

אריסטו״ ווי מיט א פּוסק אחרון. מיט גרימצאָרן רעדט ער וועגן דעם, וואָס די חכמי ישראל זענען זיך סומך אויף די רייד פון „אומריינעם״ אריסטו, אויף „דברי הטמא״... דערביי ווייזט ער ארויס פארערונג פאר די רבני צרפת, וועלכע זענען געבליבן טריי דער אָרטאָדאָקסאַלער יידישקייט.

דער גרעסטער פון דער נייער פּלעיאַדע, מ ה ר ש ״ א (אין דער ערשטער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט), האָט זיך באַקענט ווי א קענגער פון פּלפּול און אַפילו אַרויסגעוויזן אינטערעס פאַר אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק. פונדעסטוועגן האָט ער אין זיין „חידושי הלכות״ אַליין נישט באַפרייט זיך פון שאַרפשפיציקער דיאַלעקטיק.

„כאַראַקטערפול״ אין פּוילישן זינען איז דער מהר״ם מלובלין, וועלכער איז געווען דער טיפּישער פּוילישער פּלפּוליסט און דערביי ביז גאָר אבערגלויביק. אין זיינע שו״ת באַהאַנדלט ער אַן אויסטערלישן ענין; ווי וואָלט א שטייגער געווען דער דין, ווען אַן אשת איש לעבט מיט א שד, וואָס האָט זיך פריער איר באַוויזן אין געשטאַלט פון איר מאַן און שפּעטער אין געשטאַלט פון א פּוילישן פּריץ...

אין דער זעלביקער ריכטונג איז טעטיק דער ב״ח („בית חדש״). ער פירט א קאַמף קעגן דער „אפּיקורסישער״ פילאָזאָפיע. טיפּיש פּויליש זענען דער סמ״ע („ספר מאירת עינים״) און ט״ז („טורי זהב״). דעם שפּיץ פון פּוילישער לומדות און חריפות איז צו זען ביים ש״ך („שפתי כהן״). אָבער אויך דער דאָזיקער גאון התורה האָט זיך שאַרף אָפּגעגרענעצט פון דער „חיצוניתדיקער״ וועלט. ער איז אין זיין הלכה־אָפּגעשלאָסנקייט געגאַנגען ווייטער. ער האָט נעמלעך געפאָדערט נישט צו לערנען אפילו די ספרי נביאים, ווייל דער יסוד פון יידישקייט איז תורה.

דער פאַרפּלפּולטער פּוילישער ייד מיט זיין אויסטערלישן הילוך, באַזונדערע העויות, נערוועזער זשעסטיקולאַציע, פאַרוואָרלאָזט לשון און פּראָווינצער וועלטפאַרמדקייט האָט אָפּגעשטויסן פון זיך דעם אויפגעקלערטן ייד פון מערב־און דרום־אייראָפּע. יענע האָבן שוין באַוויזן צו קומען אין באַרירונג מיט דער דרויסנדיקער וועלט און געהאַט א ברייטערן קולטור־אויסבליק. דאָס שטאַרק־פרומע פּוילן האָט אָנגעהויבן זיך ארומצוימען ערשט דעמאָלט, ווען יענע זענען שוין לאַנג געוואָרן פּורצי גדר.



ר׳ שמואל אליעזר אדילס (מהרש״א)

(לויט א ווינער צייכענונג פון יאָר 1814)

אַט דער אומשטאַנד, וועלכער האָט בשעתו אַרויסגערופן אַ ווידער-ווילן צום פּוילישן ייד, איז — היסטאָריש גענומען — געווען אַ גרויסע מעלה. גראָד די אָפּגעשטאַנענקייט פון אַלטן פּוילישן קיבוץ האָט באַש-טימט זיין ווייטערדיקן גורל אין פּאָזיטיוון זינען. דער פּוילישער ייד האָט צוליב זיין אבסאָלוטער איזאָלירטקייט באַין ברירה געמוזט אַריינטרעטן אין זיך גופא. במשך פון דורות האָט ער געזאַמלט אין זיך די שעפערישע פּאָטענץ, וואָס האָט געוואַרט אויף אַ שעת הכושר צו ווערן אַקטואַליזירט. דווקא מצד דעם אבערגלויבן איז געקומען דער עמאַנציפּאַנעלער צושטייער דעם שפּעטערדיקן אויפשטייג פון דער יידיש-פּוילישער קולטור מיט איר באַזונדערן חן און ראָמאַנטישקייט.

— ב —

גאונים, מקובלים און קדושים

ס'איז שווין אין פריערדיקן קאַפּיטל געלייפיק געזאָגט געוואָרן וועגן אַלגעמיינעם כאַראַקטער פון דער פּוילישער אכסניה של תורה און אירע קאַריפּייען. ס'איז אָבער כדאי מיט נאָך אַ פּאָר ווערטער דערמאָנען די, וועגן וועלכע ס'איז צו־קנאַפּ געזאָגט געוואָרן.

ס'יידישע פּוילן איז געווען אַ לאַנד פון רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער זעלבסטשטענדיקייט, וואָס האָט געפונען איר אָרגאַניזאַציאָנעלן אויסדרוק אין דער צענטראַל־אינסטיטוציע „ועד ארבע ארצות". דער גייסטיקער קוואַל פון אייגנאַרטיק־יידיש לעבן איז געווען ת ו ר ה צוגעפּעפערט אויפן אייגנאַרטיק־פּוילישן שטייגער. אירע פּירשטן זענען געווען די בני תורה, לומדים און גאונים, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין דערגראָבן זיך צו איר פאַרבאָרגענעם זינען. אמת, דער פּרנס איז טאַקע געווען אַ תקיף, וואָס האָט געקענט „קערן וועלטן" אבי „אויסצופירן ס'זייניקע", אָבער דער גייסטיקער אויטאָריטאַטיווער מנהיג פון דער קהילה איז פּאָרט געווען דער רב, דער מרא דאתרא. דאָס שיינדל פון יעדער משפחה איז געווען

דער לומד תורה, דער „ווילדער" עלוי, נאָך וועלכן, שיינע יידן האָבן זיך געיאָגט, כדי אים צו באקומען פאַר אַן איידעם.

ס'לערנען תורה אין פוילן איז דעריבער געווען א „מאסן־פּראָדוק־ציע", א טאָג־טעגלעכער ביסן ברויט, אָן וועלכן ס'לעבן קען קיין קיום נישט האָבן. אַלדאָס איבעריקע, חומרדיקע, איז גייטיק נאָר כדי צו האָבן די מעגלעכקייט לערנען תורה, פון וועלכער מ'שעפּט אייביקייט. „מנהגו של ישראל תורה היא" — האָט געזאָגט א גרויסער גאון אין פוילן.

דערציילן טאַקע די כראָניקער: „וכמעט שלא היה בית איש יהודי בפוילן, אשר לא נשמע בו קול לימוד התלמוד". דערביי איז אויך געווען א פּראַקטישער יסוד, וואָרום אַלע קאָנפליקטן צווישן יידן ביי א משא ומתן זענען דערליידיקט געוואָרן לויט דער יידישער יוריסדיקציע. מ'האָט זיך סומך געווען אויף דער קיניגלעכער כארטיע פון 1551, וואָס דערלויבט יידן צו משפּטן לויטן געזעץ פון תורה און גמרא. — (juxta rituum et mo rem legis illorum Mosaicae)

ס'יידישע לעבן איז געווען פאַרפלאָנצט אין תורה, וועלכע האָט אפשר באַרויבט פון א טייל תענוגי עולם הזה, זי האָט אָבער דערפאַר באַזאָרגט מיט עולם הבא. „די" וועלט איז דאָך נאָר א בלאַסער אָפּשיין פון „יענער" וועלט, צו וועלכער מ'דאַרף זוכה זיין...

איז אָבער דער לימוד אין פוילן באַין אופן נישט באַשטאַנען אין לאַגיש־ריכטיקן אויסגעפונען דעם קלאָרן פּשט פון די ספּורי חומש און משפּטים געשטיצט אויף א געשיכטלעכן יסוד, שפּראַכלעכן אַנאַליז לויט א סטיליסטיש־גראַמאַטיקאַלער קריטעריע. וואָרום איינס איז זיכער, אַז ס'הייליקע ספר פון געטלעכער אַנטפּלעקונג פאָדערט א כסדרדיקע אַריינ־טאָן זיך אין אים, בכדי יעדעס מאָל ווידער אויסצוגעפונען א נייעם ניואַנס. מ'דאַרף אויפמאוּפהערלעך מחדש זיין, וואָס עס האָט אייגנטלעך „גע־מיינט דער פּסוק"... אָפטמאָל האָט ס'זוכן גופא געהאַט מער קדושה איי־דער ס'געפונען... וואָס פאַרא ווערט קען מ'שטיינסגעזאָגט האָבן דער וואָרט־לעכער טייטש פון פּסוק מיט די בלערליי דקדוק־באוואָרעגישן אין דער צ יי ט, ווען מ'קען מיט זייטיקע מיר־נישט דיר־נישט אַריינטייטשונגען

און חריפותדיקע סברות אַרויסבאַקומען אַ העכערן זינען פון פסוק און אים אָנקניפּן צו אַ דין. אָפּטמאָל טרעפט זיך אַפילו, אַז מען בויט אויף קינציק אַ פּיראַמידע אויפן זאַכזדיקן באָדן פון פאַרפּלפּולטע פסוקים, און פּלוצים רוקט זיך אונטער אַן אומשולדיקער „פשיקרער" פסוק, וואָס מאַכט כהרף עין אַ תל פון דער גאַנצער פּלפּול־געביידע.

ס'האָט דעריבער געהערט צום טאָג־טעגלעכן „לאַנדשאַפט" פון די פּוילישע בתי מדרשים פון צעפּאָכעטע יידן, וועלכע אַמפּערן זיך ליידנשאַפטלעך איבער אַ האַרבער סוגיא. ביידע זשעסטיקולירן נערוועז; דערביי איז ספּעציעל אַקטיוו דער אויסגעבויגענער גראָבער פינגער, מיט וועלכן מ'אָפּערירט אין דער נידער, כדי צו אילוסטרירן די פאַרפּלאָנטערטקייט פון ענין. און מ'דאַרף באמת האָבן גאונישע חריפות כדי אַן ענין צו פאַרפּלאָנטערן און נישט ווייניקער שאַרפקייט בכדי דעם זעלביקן ענין אויפצופּלאָנטערן. אין מיטלאַלטער האָבן קריסטלעכע ריטער צווישן זיך דועלירט מיט דער שווערד, יידן לומדי תורה ווידער האָבן צווישן זיך „געפעכט" מיטן גראָבן פינגער...

וואָסער ווייסנשאַפטלעכע און פּראַקטישע נוצן ס'איז פון דעם אַרט לימוד אַרויסגעקומען איז אוודאי שווער צו זאָגן, אָבער פּאָטענציעל האָט אין דעם געשטעקט זייער אַ סך אינטעלעקטועלע ענערגיע, שאַרפזין און המצאהדיקייט. ס'איז נישט געווען קיין שפּיל לשם מוח־גימנאַסטיק, נאָר לשם אַ העכערן ציל, וואָרום אויף יענער וועלט פרעגט מען בפירוש: „פּלפּלתא בחכמה"? בכדי צו קענען פריי שווימען איבער דעם ים פון פשטלעך האָט מען געדאַרפט זיין אַ גאון. אָנצוואַרפן אַ באַרג מיט אויסגעקליגלטע קשיות און נאָכדעם זיי צעשמעטערן מיט אַ צווייטן באַרג צוגעשפּיצטע תירוצים. האָט טאַקע ס'יידישע פּוילן אַרויסגעגעבן אַ פּלעיאַדע אייגנאַרטיקע גאונים.

ר' י ע ק ב ב ן י ו ס ף פּ אָ ל אַ ק, ר' ש ל ו ם ש כ נ אָ, ר מ" אָ און מ ה ר ש" ל זענען די גרונטלייגער פון דער רבנישער ליטעראַטור אין פּוילן. וועגן אָט די גאוני התורה איז שוין געזאָגט געוואָרן אין פריערדיקן קאַפּיטל. אָבער חוץ זיי האָבן אין זעכצנטן

און זיבעצנטן יאָרהונדערט געווירקט אַ רייע גרויסע רבנים און פּוסקים.

ר׳ מרדכי יפה, תּלמיד פון רמ״א און מהרש״ל, איז געווען למדן און פּוסק, הויפּט־פירער פון ועד ארבע ארצות, רב אין לובלין און פּויזן. מחבר פון די „לבושים״ אויף „טורים״ און רש״י, פּירושים אויף תּורה, פּירושים צו „הלכות קידוש החודש״ פון רמב״ם.

דער מהרש״אָ איז אַ סובטעלער מבאר פון תּלמוד. זיינע דערקלערונגען בילדן אַ דין לאָגיש געוועב פון שאַרפע און טיפזיניקע געדאַנקען. דערביי איז זיין געדאַנק קריטיש־זעלבסטשטענדיק; ער איז פריי אין זיינע אַרויסזאָגונגען און ווערט נישט נתפּעל פאַר קיין שום אויטאָריטעט. ער דערוועגט זיך אַפילו אָפן צו זאָגן, אַז רש״י און די בעלי תוספות האָבן געוויסע שטעלן אין תּלמוד נישט גענוי פאַרשטאַנען און דעריבער נישט איינמאָל געגרייזט. ער איז נישט אָנטלאָפן פון דער וועלטלעכער וויסנשאַפט; אדרבה, ער האָט געהאַלטן למשל, אַז אַסטראָנאָמיע און מאַטעמאַטיק העלפן גאָר בעסער צו פאַרשטיין תּורה (התכונה וחכמת המספר הנן הקדמה לתורתנו).

אויך צו דער אגדתא אין תּלמוד באַציט ער זיך קריטיש. אין זיין „חידושי אגדה״ באַמיט ער זיך באַנעמען די אגדה ראַציאָנאַליסטיש. מ׳דאַרף זיי נישט נעמען אין וואָרטלעכן זינען, נאָר פאַרשטיין, אַז עס איז אין זיי פאַרוועבט אַן עלעמענט פון פאַנטאַזיע.

אין זיין גרונטווערק „חידושי הלכות״ ברענגט ער זייער חריפותדיקע דערקלערונגען אויף הלכות אין גמרא. טעאָרעטיש איז ער געווען אַ קעגנער פון דרך הפּלפּול, וועלכער דערווייטערט דעם מענטש פון אמת („פּלפּול כזה הוא מטריד את האדם מן האמת״). בעצם אָבער קען ער זיך אַליין נישט באַפרייען פון פּלפּוליסטישן מעטאָד און קונציקער פּשטל־פּלעכטערײַ. דערצו האָט ער געשריבן קורץ און בונדיק מיט אַן אומקלאָרע שפּראַך, אַרויסהעלפנדיק זיך אָפט מיט אַ „וק״ל״, „ודו״ק״ און „ויש לישב״. אַ שטאַרק קאָמפּליצירטן ענין פּלעגט מען געוויינלעך באַצייכענען מיט די ווערטער: „עס איז אַ שווער שטיקל מהרש״א״.

דער מהר״ם מלובלין — ר׳ מאיר ב״ר גדליה — רב און

ראש ישיבה איז געווען אינגאנצן פארשטריקט אין פלפול און נישט גע־האט קיין פארשטענדעניש פאר וועלטלעכער וויסנשאפט. פונדעסטוועגן האט ער גיך מבטל געמאכט אלע פשטלעך, ווען ער האט איינגעזען, אז זיי שטיצן זיך אויף א פארגרייזטן טעקסט. ער איז ארויסגעטרעטן קעגן בלינדן פארערן דעם „שולחן ערוך", און דערביי נישט געשוינט ר' יוסף קארו און רמ"א („אין ממנהגי ומדרכי להיות עסקי בדברי בעלי הש"ע"). ער האט אויך געוויסע אויסשפרוכן פון די תנאים באהאנדלט ווי וויציקע אפאריזמען און געהאלטן, אז מ'דארף זיי נישט נעמען צו ערנסט.

אין זיין „מאיר עיני הכמים" זענען פאראן גאונישע חידושים אויף די גאר שווערע מסכתות. זיינע שו"ת האבן געהאט א „גאנג" נישט נאר אין פוילן נאר אויך אין די לומדישע קרייזן אין אייראפע.

צום קרייז קעגנער פון „שולחן ערוך" געהערט אויך דער ב"ח -- בית חדש — (ר' יואל בן שמואל סגל-יפה סירקוס). כדי צו שאפן א קעגנ־געוויכט צום „בית יוסף", האט ער ארויסגעגעבן זיין „בית חדש", א נייעם פירוש אויף יעקב בן הרא"שם „טורים". אט דאס ווערק האט זיך גיך קונה שם געווען אין דער לומדישער וועלט, אבער ס'איז באין אופן נישט געווען מסוגל ארויסצושטופן דעם „שולחן ערוך" מיטן רמ"אס הגהות.

גרויס אויפרודערונג האט אין דער רבנישער וועלט ארויסגערופן דעם ב"חס באשטרעבן מקיל צו זיין דעם איסור פון „חדש". און ס'האט גע־האלטן דערביי, אז מ'זאל אים צוליב דעם פשוט מחרים זיין. ס'איז באַ־קאנט, אז תבואה, וואס האט אנגעהויבן וואקסן נאכן ערשטן טאג פסח, טאר מען נישט עסן פריער פון דעם קומענדיקן פסח. די פוסקים האבן זיך נישט געקענט אייניקן צי דער איסור פון „חדש" איז אויך חל אויף חוץ לארץ ישראל. דער ב"ח איז געווען נוטה צו פארלייכטערן דעם איסור און פסקענען, אז דאס איז נישט נוגע די גלות-לענדער. אבער צוליב דעם אויפגעברויזטן דעת הקהל איז אים דאס נישט געלונגען.

אין מדינת פוילן האט דער „שולחן ערוך" זיך טיף איינגעווארצלט. וועגן דעם זאגט עדות דער „פני יהושע". „לפי מנהג חכמי מדינתינו יצ"ו בדבר שנדפס בשולחן ערוך אין לשנות ח"ו כתורת משה" — וואס עס איז

אפגעדרוקט אין שולחן ערוך טאָר מען נישט משנה זיין פונקט ווי ח"ו תורת משה.

בדרך כלל איז דער ב"ח געווען א קעגנער פון פלפול.

דערפאַר איז שוין געווען א מחמיר דעם ט"ז („טורי זהב" — ר' דוד ב"ר שמואל הלוי), וועלכער איז צוגעטרעטן פאַרטיפן די דינים. זיין ספר „טורי זהב" איז א נייער פאַרטיפטער פירוש אויפן „שולחן ערוך" אין ריין ראַציאָנאַליסטישן גייסט.

צו דעם סוג מייסטער אויף פלפול ביים אויפקלערן דינים און אָפּפע־רירן מיט פינעזער שקלא וטריאָס געהערט דער סמ"ע (ספר „מאירת ענים" — ר' יהושע וולק ב"ר אלכסנדר כהן). אַט דער ראש המדברים פון די רבנים ביים ועד ארבע ארצות האָט אויך אויסגעאַרבעט א רייע תקנות פון ברייט־געזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער.

דעם הויכפּונקט האָט ס'פּוילישע לומדות דערגרייכט אין דער פּערזאָן פון רב און פוסק ש"ך („שפתי כהן" — ר' שבתי ב"ר מאיר הכהן). ער האָט פאַר זיין ספר באַקומען הסכמות פון אכצן גאונים. שוין ווי א פיר און צוואַנציק יעריקער יונגערמאַן האָט ער באַוויזן אויף א גאונישן שטייגער מיט טיפער אַנאַלישקייט אויפצוקלערן דעם זינען פון דינים אין שולחן ערוך. זיינע פירושים אויף „יורע דעה" און „חושן משפט" צייכענען זיך אויס מיט א זעלטענער דיאַלעקטישער מייסטערשאַפט אין פלפול און חי־דושי הלכה. ער האָט א סך פון זיינע חברים רבנים מיטצייטלער ממש פאַררוקט אין שאָטן. זיין גאונות האָט, וואָס א וואונדער, אַלעמען פאַר־בליפט, אָבער מ'האָט זיך דערביי שטאַרק געוואָקלט אָט דעם יונגנמאַן צו אָנערקענען פאַר א בר סמכא אין דינים. ער אליין איז געווען א קעגנער פון ט"זס פּסקים, אָבער דערביי אַרויסגעוויזן גרויס פערזענלעכן דרך־ארץ פאַר ט"ז. ער צייכנט זיך אויס מיט א גרויסער הסברה און קלאָרן סטיל. דאָס איז נוגע נישט נאָר דעם „שפתי כהן", נאָר אויך זיינע „שו"ת „גבו־רות אנשים".

ערשט ביים „ת ו ס פ ו ת י ו ם ־ ט ו ב" (ר' יום־טוב ליפּמאַן ב"ר נתן הלוי העלער) האָט מען געקענט אביסל פרייער אָפּאָטעמען פון

פאַרשפּיצטן פּלפּול. ער איז געווען אונטער דער פּערזענלעכער השפּעה פון יוסף בן יצחק הלוי, דערהויפּט פון זיין חקירה־ספר „גבעת המורה" און פון דאָרט האָט ער איבערגענומען דעם לאָגישן מעטאָד און דעם באַגער אומעטום אַריינצוברענגען קלאָרקייט.

דער יסוד פון זיינע פאָרשונגען איז געווען די משנה, וועלכע ער האָט באַטראַכט ווי דעם פונדאַמענט פון דער תלמוד־וויסנשאַפט. ער האָט צו משנה געשריבן אַ גאָניאַלן פּירוש „תוספות יום־טוב". שפּעטער האָט ער ווי אַ הוספה מחבר געווען נייע פּירושים „לחם חמודות" און „מעדני מלך". גאָר אינגיכן איז דער בעל „תוספות יום־טוב" אָנערקענט געוואָרן ווי אַ גרויסער בר סמכא אין ריטועלע פראַגן. נישט איינמאָל ברענגט ער אין זיינע פּירושים זעלבסטשטענדיקע געדאַנקען, וואָס זענען נישט אין הסכם מיט די פּירושים פון די חכמי התלמוד. בטבע איז ער געווען אַ מקיל.

מערקווירדיק, חוץ זיינע סליחות און כראָניק „מגילת איבה", האָט ער אויך אַרויסגעגעבן דרשות אויף יידיש און דערצו דעם ראַ"שם „ארחות חיים" אויף יידיש, כדי דער ברייטער עולם זאָל פאַרשטיין.

אַ באַזונדערן פּרסום האָט אין יענער צייט דערגרייכט דער קאַלישער ראש ישיבה, דער בעל „מ ג ן א ב ר ה ם" (ר' אברהם אבאלע גומ־בינער), וועלכער האָט געשמט דערמיט, וואָס ער האָט געקענט גאַנץ ש"ס בעל פּה. ער האָט מחבר געווען פּירושים און חידושים צום „שולחן ערוך" — „אורח חיים". ער באַמיט זיך אויסצוגעפינען דעם מיטלוועג צווישן דעם „בית יוסף'ס" פּסקים און דעם רמ"אָס הגהות. צו די פּסקים פון „מגן אברהם" האָבן שפּעטער אַנדערע גאונים ווי למשל דער „פּרי מגדים" און דער „מחצית השקל" געשריבן פּירושים און הגהות.

מיט גרויס השפּעה אויפן יידיש־גייסטיקן לעבן אין פּוילן האָבן זיך באַזונדער אויסגעצייכנט צוויי לעמבערגער רבנים — ר' צבי אשכנזי, דער בעל „חכם צבי", וועלכער האָט ליידנשאַפטלעך באַקעמפט שבתי־צבים אָנהענגער ווי אויך דער בעל „פּני יהושע" (ר' יעקב יהושע ב"ר צבי הירש). ער איז געווען אַן אוראייניקל פון בעל „מגיני שלמה". עס זענען דערשינען זיינע פיר גרויסע בענד פּירושים אויף ברכות, מועד, כתיבות, גטין, קדו־שין, בבא קמא, בבא מציעא, חולין, מכות און שבועות.

א קאָליראָל בילד פון יידישע גייסטיקע מנהיגים אין פוילן האָט מען געקענט זען בעת די יאַר־ירידים אין לובלין, ווו ס'האָבן זיך צונויפגעזאַמלט די גרעסטע רבנים און פוסקים פון אַלע עקן לאַנד, בכדי אויפן ועד ארבע ארצות אויסצואַרבעטן תקנות פון גנזעלשאַפטלעכן כאַראַקטער. על פי רוב זענען דאָס געווען תקנות אַרויסגערופן דורך די נויטן פון דער צייט.

בשנת ת"ח האָבן זיך בעתן יאַר־יריד אין לובלין פאַרזאַמלט אין הויז פון ר' יהושע העשל ב"ר יעקב, דעם ראש ישיבה דק"ק לובלין, פאָלגנדע גאונים: ר' נפתלי כ"ץ מלובלין, ר' יו"ט ליפּמאַן העלער מקראָקע, ר' שעפּטל הורוויץ מפוזנא, ר' יוסף ב"ר אליקום געץ, ר' מאיר ב"ר אברהם ז"ק מלובלין, ה"ר חנוך דרשן בעל ראשית בכורים מגנעזין, ר' יעקב בעל נחלת יעקב און זיין ברודער ר' אברהם מטאַרנופּול, ר' אפרים ב"ר יוסף מורעשען, ר' דוד הלוי בעל הט"ז מאוסטרה א. אנד.

אויך אין אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען פאַר יידן אין פוילן איז צוליב די שווערע גזירות ס'לעבן געוואָרן אַ סך ביטערער, האָט פונדעסטוועגן ס'גייסטיקע לעבן ווייטער פּולסירט און אַרויסגעגעבן אַ באַדייטנדיקע צאָל רבנים־גאונים.

קודם איז כדאי צו דערמאָנען דעם אפּטער רב און פּוסק בעל „נ ו ד ע ב י ה ו ד ה" (ר' יחזקאל ב"ר יהודה הלוי לאַנדע), וועלכער איז שפּעטער געווען רב אין פּראַג. ער איז אין דער לומדישער סביבה סיי אין פוילן סיי אין בעמען אָנערקענט געווען ווי אַ גרויסער גאון, צו וועלכן מ'האָט זיך געווענדעט וועגן באַשייד אין פאַרשידענע קאָמפּליצירטע שאלות. אויך אין ענין ר' יהונתן אייבעשיץ, וועלכן מ'האָט חושד געווען אין געהיימער נטיה צו שבתי־צביאישקייט, האָט מען זיך געווענדעט צום „נודע ביהודה". דער „נודע ביהודה" האָט אייבעשיצן שטאַרק פאַרטיידיקט און גערדאַט, אַז ווער ס'וועט זאָגן אַ שלעכט וואָרט וועגן אָט דעם גאון, דעם וועט ער מחרים זיין. ער איז געווען אַ שאַרפער קעגנער פון השכלה און פון חסידות. „נודע ביהודה" איז אַ זאַמלונג פון שאלות ותשובות. חוץ דעם האָט ער מחבר געווען צל"ח („ציון לנפש חיה") אויף אַ טייל מסכתות, הגהות אויפן שולחן ערוך — „דורש לציון". ער האָט געלעבט אַ פּשוט לעבן פון

ר׳ עקיבא אייגער
(1837 — 1761)

ר׳ שלמה אייגער
(1852 — 1783)

א פאָלקס־מענטש און אָנגעזאָגט אין זיין צוואה, אז מ'זאָל אים אין די הספדים נישט באצייכענען מיט די ווערטער: „צדיק" אָדער „חסיד". מ'זאָל אויף זיין קבר נישט בויען קיין אוהל, נאָר אוועקשטעלן א פּראָסטן שטיין.

ר' יוסף תאומים דער בעל „פּרי מגדים" איז געווען א באַרימטער פּוסק; מחבר געווען הגהות צו די חלקים פון שולחן ערוך — „אורח חיים" און „יורה דעה".

אויך דער גרויסער גאון, פענאָמענאַלער בקי, זעלטענער חריף און שיינער רעדנער ר' יהונתן אייבעשיץ, וועלכער האָט פאַר־קלונגען די יידיש־לומדישע וועלט מיט זיין אנאַליטיש־בליציק פּאַרענט־פערן די האַרבסטע סוגיות, האָט געשטאַמט פון פוילן, פון א פּויליש־רבנישער משפחה אין קראָקע, וווּ ער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן. שפּעטער איז ער געווען רב אין מעץ און אַלטאָנא.

אויפן וועג צווישן „אַלטער" און „נייער" רבנות האָט זיך פאַרנומען ר' שלמה בן משה כעלמאָ, א געבירטיקער פון זאַמאָשטש, געווען רב אין כעלם און שפּעטער אין לעמבערג.

שוין אין דער יוגנט האָט ער זיך אָפּגעקערט פון דרך הפּלפּול, וועלכער פאַרנעפּלט דעם שכל און שטערט צו דערגרייכן ס'קלאָרע וויסן. ער האָט גרינטלעך שטודירט גמרא און פּוסקים, אָבער אויך צוּמאָל אריינגעקוקט אין א חקירה־ספר. דעם שטאַרקסטן איינדרוק האָט אויף אים געמאַכט דעם רמב"מס „מורה נבוכים" און בכלל געהאַלטן דעם רמב"ם פאַרן גרעסטן אויטאָריטעט, וועלכן ער טיטולירט „הנשר הגדול בעל הכנפים ארך האבר" אאז"וו. ער האָט אָנגעשריבן א פּירוש אויפן רמב"מס „יד החזקה" א. נ. „מרכבת המשנה".

צווישן אַכצנטן און ניינצנטן יאָרהונדערט האָט פוילן ארויסגעגעבן באַדייטנדיקע רבנים ווי: ר' אברהם יהושע העשל, דער אַפּטער רב בעל „אוהב ישראל" (געווען אויך חסידישער רבי), ר' שלמה זלמן ליפשיץ, דער בעל „חמדת שלמה", געווען רב אין וואַרשע. א באַזונדער אָרט פאַרנעמט ר' יעקב מליסאָ, גרויסער רב, למדן און פּוסק. געווען רב אין קאַליש, ליסאַ און סטרי; אָנגעפירט מיט א

ישיבה. ער האָט מחבר געווען „חות דעת" אויף „יורה דעת" און „נתיבות המשפט" אויפן „חושן משפט". ר' יעקב מליסאַ האָט געהאַט אַ גרויסן שם אין דער לומדישער וועלט.

באַזונדער האָט אין סוף אַכצנטן און אָנהייב נײַנצנטן יאָרהונדערט פאַרקלונגען די פּויליש־לומדישע וועלט דער נאָמען פון ר' ע ק י ב אַ א יי ג ע ר, וועלכער איז אָנגעגאַנגען ווי אַ גײַסטיקער מנהיג פון זײַן דור. קודם כל איז ער געווען אַ גרויסער בעל מדות, זיך באַצויגן צו מענטשן מיט ליבע און דרך־ארץ. אַליין זיך געהאַלטן ביז גאָר עניוותדיק, נישט גע־לאָזט זיך טיטולירן מיט קיין שום גרויסע נעמען. ער האָט געפירט אַ טאָג־בוך „חשבון הנפש", אין וועלכן ער האָט פאַרצייכנט די אויפגאַבן, וואָס ער האָט זיך געשטעלט פאַר יעדן טאָג און שפּעטער קאָנטראָלירט צי ער האָט זיי אַדורכגעפירט בשלימות. הגם ער איז אין רבנישער יידישקייט געווען אַ גרויסער קנאי, איז ער דאָך בטבע געווען אַ מקיל. לכתחילה גע־ווען רב אין מאַרקיש־פרידלאַנד און שפּעטער אין פּויזנא. ער איז דורך די קריסטן באַצייכנט געוואָרן ווי „פּאַפּסט דער יודען". ער האָט איבער־געלאָזט אַ נוסח פאַר זײַן אייגענער מצבה: „דאָ ליגט דער עבד עבדים ה' אין די שטעט פרידלאַנד און פּוזנא".

ס'איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז ער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס פרומקייט און געקעמפט קעגן יעדן פּרווו פון רעפאָרמירן ס'יידנטום. דער הויפּט־זינען פון יידישקייט — האָט ער געהאַלטן — זענען די מצוות מעשיות, פון וועלכע מ'טאָר נישט אָפּטרעטן אויף קיין איינציקן אות, ווײַל אויב מ'טרעט יאָ אָפּ, קען חלילה, איינפאַלן דער גאַנצער בנין. „אם נרשה לבטל אף אות אחת מדברי חז"ל, אז מרחפת הסכנה על כל התורה כולה". נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז ווי אַן עמקן געווען טיף אַרײַנ־געטאָן אין לומדישע ענינים, האָט ער זיך דאָך פאַרנומען מיט געזעלשאַפט־לעכע ענינים און דערבײַ ווי אַ טרײַער פּאַסטוך געהיטן זײַן עדה. ער האָט אַרויסגעלאָזט אַ כרוז וועגן דעם, אַז מ'זאָל אום פּסח נישט נוצן קיין קאַר־טאָפל־מעל. אויך געפאָדערט, אַז מ'זאָל נישט האָבן קיין שום מגע ומשא מיט אַ מענטש, וואָס גאָלט זיך די באָרד. די רעפאָרם־יידן האָבן אים באַ-

צייכנט ווי א פאנאטיקער. וועגן זיין ערלעכקייט, מענטשן־ליבע און לויטערער פרומקייט זענען צווישן פאלק ארומגעגאנגען פארשידענע לעגענדעס.

ער איז געווען דער גרויסער גאון פון זיין צייט. אין זיין „גליון הש"ס" האט ער פארעפנטלעכט שווערע קשיות צו דער גמרא, וועלכע זענען פשוט נישט צום פארענטפערן. ער האט מחבר געווען „חלוקי דרבנן" — הגהות צו בבא מציעא, „דרוש וחידוש" אויף גמרא, „תוספות" צו דער משנה, הגהות צום „שולחן ערוך" — יורה דעה, אורח חיים, חושן משפט און אבן העזר. אין זיין „כללי התלמוד" ברענגט ער דריי הונדערט מעטאָדאָלאָגישע כללים. חוץ דעם זענען פארבליבן פון אים א מאסע שאלות און תשובות.

מיט גרויס לומדות און חריפות האט געשמט ר׳ יצחק מאיר אלטער דער בעל „חדושי הרי"ם" (ערשטער גערער רבי), א זון פון מאגנישעווער און שפעטער גערער רב ר׳ ישראל ראָטענבערג. זיין גאונות האט ער ארויסגעוויזן אין די שו"ת ווי אויך אין פלפולים אויף מסכתות. פון פארשידענע לענדער האט מען זיך צו אים געווענדעט מיט שווערע שאלות. ער האט מחבר געווען הגהות צו חולין, כתיבות, קדושין, גטין ווי אויך צום שולחן ערוך — חושן ומשפט. חוץ דעם האט ער געשריבן פירושים צו דער תורה לויט די סדרות.

נענטער צו אונדזער צייט איז בארימט געווען אין דער פויליש־רבנישער וועלט ר׳ ישראל יהושע בן דוד מקוטנע, אדער ווי מ׳האט אים פאפולער גערופן „ר׳ יהושעלע קיטנער". ער האט געלערנט אין ר׳ שלום פויזנערס ישיבה אין דארף קוכארע. לכתחילה איז ער געווען רב אין פולטוסק און פון יאר 1860 ביז 1893 — אב"ד אין קוטנע. ער האט מחבר געווען א ספר „ישועות ישראל" — פירושים צום „שולחן ערוך" — „חושן משפט". אין זיינע שאלות ותשובות ווייזט ער ארויס גאונות און זעלטענע חריפות. חוץ דעם האט ער געשמט ווי א גרויסער בעל־מידות.

דער לעצטער, אין ברייטערן פארנעם, רבנישער גאון אין פוילן איז געווען ר׳ אברהם בן זאב נחום בארנשטיין (זון

פון ביאַלער רב), איידעם און תּלמיד פון ר׳ מנחם מענדל קאָצקער. ער איז געווען רב אין פּאַרצעוו, קראָשניעוויץ, נאַשעלסק און לסוף אין סאָכאַטשעוו. פּאָפּולער האָט מען אים גערופן „ר׳ אַבּרהמעלע סאָכאַטשעווער" (געווען אויך חסידישער רבי). באַזונדער באַקאַנט זענען זיינע ספרים „אגלי טל" — דערקלערונגען אויף דינים ל״ט מלאכות פון שבת — און „אבני נזר" — שו״ת צום „אורח חיים". געלאָזט נאָך זיך אַ סך שו״ת ווי אויך פּירושים אויף תורה און הגהות צו גמרא. אַ זעלטענער עמקן, וואָס ברענגט אַרויס חריפותדיקע סברות.

צום זעלביקן קרייז רבנים ווערן אויך פאַררעכנט ר׳ אריה ליב בעל „קצות החושן", ר׳ יעקב אָרנשטיין בעל „ישועות יעקב", דער רבי ר׳ יחיאל מאיר פון אָסטראָווצע א. אנד.

ווען מ׳וואַרפט אַ צוריקבליק אויף דער לאַנגער ריי רבנישע גאונים אין פּוילן, ווערט קלאָר, אַז די הויפּט־אַקס, אַרום וועלכער עס האָבן זיך געדרייט זייערע געדאַנקען איז געווען דער „שולחן ערוך" אָדער „בית יוסף" ד״ה אַרום דער אויטאָריטאַטיווער זאַמלונג פון הלכות און דינים — דורך דעם גרעסטן פּוסק ר׳ יוסף קארו. דער „שולחן ערוך" באַשטייט פון פיר חלקים — לויט דעם סדר פון רבי יעקב בעל הטורים — ד״ה: א) „אורח חיים", וואָס באַהאַנדלט דינים און הלכות פון תפילה, ברכות, שבת וימים טובים; ב) „יורה דעה", וואָס נעמט אַרום דינים פון שחיטה, טרפות, בשר וחלב, נידה אד״גל; ג) „אבן העזר", וואָס קלערט אויף די דינים און הלכות וועגן גטין און קידושין און יורידישע פראַגן, וואָס זענען נוגע דעם לעבן צווישן מאַן און ווייב; און ד) „חושן משפט", וואָס רעדט אַרום די דינים און הלכות פון געלט־תביעות און עדות. אָט דער קאָדעקס נעמט איינגנטלעך אַרום אַלע געביטן פון יעדן רעליגיעזן יידנס גאַנצן לעבנסטאָג.

דער „שולחן ערוך" איז דערשינען אין דער צווייטער העלפט זעכצנטן יאָרהונדערט ד״ה נאָך דעם גירוש ספרד, ווען די שייטערהויפנס האָבן זיך נאָך געררייכערט, און ערב גזרת ת״ח, וואָס האָבן געבראַכט צום חורבן

פון הונדערטער יידישע קהילות אין פוילן. אַט די פינצטערע תקופות האָבן אַריינגעבראַכט אַ סך צעמישעניש אין יידישן לעבן. מיט די פסיידאָ משיח־באַוועגונגען פון אשר לעמלען, דוד ראובני און שפּעטער שבתי־צבי און יעקב פראַנק זענען די צוימען פון יידיש־רעליגיעזן לעבן צו ביסלעך לויז געוואָרן. דער יידיש־זיטלעכער שטייגער, וואָס איז היסטאָריש געהייליקט געוואָרן דורך עטישער גלייטערטקייט, האָט זיך גענומען איינברעכן. דער יידיש־רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער איינגעשטעלטקייט האָט אָנגעהויבן דראָען אַ סכנה. ס'איז דעריבער נייטיק געווען אַ אָנערקענטער קאָדעקס, וואָס זאָל ס'צעפלאַכטענע יידישע לעבן אַריינגעמען אין פעסטע קאַרבן. די דאָזיקע היסטאָרישע שליחות איז געגעבן געוואָרן דעם „שולחן ערוך", וואָס איז באַלד פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ הויפּט־רעגולאַטאָר פון יידישן לעבנסשטייגער. מ'קען זאָגן, אַז די קאָדיפיצירטע דינים האָבן אויסגע־שטריקט אַ שטאָלענע נעץ, וואָס האָט ס'יידישע לעבן אָפּגעשיידט פון דעם נישט־יידישן אַרום און באַגלייך אינעווייניק געפלעגט דאָס רעליגיעז־נאַ־ציאָנאַלע.

איז דעריבער נישט קיין וואונדער, וואָס די פּוילישע רבנים האָבן אַרומ־געשפּירט דעם אַקטועלן באַטייט און פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פון אַט דעם ספר און וואָס זיי האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים מיט הגהות, אויסבעסערונגען, באַמערקונגען, אויסטייטשונגען, פּירושים און הערות. דערהויפּט איז געגאַנגען אין דעם, מ'זאָל די דינים צופּאַסן צו די לעבנס־מנהגים, וואָס האָבן זיך איינגעבירגערט אין געגעבענעם לאַנד. און ס'איז כדאי אונטערצושטרייכן, אַז די הויפּט־פּוסקים, וואָס האָבן מיטגעהאָלפן צו פאַרלענגערן די לעבנס־פעאיקייט פון „שולחן ערוך" זענען גראָד געווען פון פוילן. אָנהייבנדיק פון רמ"א, ט"ז, ש"ך און ענדיקנדיק מיט ר' עקיבא אייגער און ר' אברהם סאָכאַטשעווער, זענען דאָס אַלץ געווען רבנים און פּוסקים, וואָס האָבן זיך געקלאַמערט אָן דעם „שולחן ערוך".

פון דעם איז אָבער צו זען, אַז די צוגעשפּיצטע פאַרפּלפּולטע „שולחן ערוך"־ליטעראַטור איז מיט דער צייט פאַרשטייפט געוואָרן אין טרוקענע דינים, נישט איבערלאָזנדיק קיין ברעקל אָרט פאַר דער פרייער שעפעריש־ער פאַנטאַזיע.

⁂

פוילישע יידן זענען נישט געווען בלויז הויך-לומדישע עוקרי הרים, נישט בלויז גאונישע פוסקים, נישט בלויז טיפזיניקע מפורשים האר־שפאלטער, נישט בלויז מייסטער פון שארף-שפיציקן פלפול-געפלעכט, נישט בלויז קינציקע וועבער פון דין-דינע שקלא וטריאס און נישט בלויז פלינקע פשטל-צונויפפירער. נעבן דער פלעיאדע גאונישע „שולחן ערוך"-רבנים וואס האבן זיך באוויגן אין דער ספערע פון ריין-זאכלעכער הלכה און געווען משעובד רק צו טרוקענעם דין, וועלכן מען האט אויסגעטייטשט ריין-שכלדיק אן א ברעקל פאנטאזיע, זענען אין פוילן אויך געווען באהויכ־טע גייסטער, וואס האבן זיך נישט באגנוגנט בלויז מיטן „ריכטיקן" אויס-געפונען דעם טעם פון מצוות מעשיות, נאר האבן אויף די פליגל פון דער פאנטאזיע זיך געלאזט א שוועב-טאן איבער דער ספערע פון מיסטיק, איבער די הימלען פון קבלה.

אוודאי איז ס'יידישע פוילן נישט געווען ס'קלאסישע לאנד פון קבלה, וואס טרייבט פון זיך ס'ערדישע לעבן, דערפירט צו אסקעטישקייט און עולם הזה-פארלייקענונג. אין דער סביבה פון די פולבלוטיקע סלאווי־שע פעלקער, ביי וועלכע די ליידנשאפטן הערשן על פי רוב איבערן שכל, האט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן אנטלויפן אינגאנצן פון דער קאנ־ביקער ווירקלעכקייט, פייניקן דעם גוף מיט תעניתים און סגופים און רק שטרעבן ס'לעבן צו פארהימלישן, בכדי אין זיך אויפצווועקן די באגרא־בענע שפירונגען פון דער וועלט-מיסטעריע. פוילן האט אבער געהאט איר באזונדערן „גאנג" אין קבלה, א „גאנג", וואס דרינגט ארויס פון אן אייגנ־ארטיק געמיט און היימישלעכן לעבנסשטייגער.

בדרך כלל האלט מען, אז די קבלה ווי א געהיימע לערע וועגן דער וועלט-מיסטעריע, האט שוין עקזיסטירט אין די גאר אלטע צייטן, ווען מען האט זיך אינטערעסירט מיט די פראבלעמען פון „מעשה בראשית" און „מעשה מרכבה". מ'וויל אפילו האבן, אז דער מחבר פון צענטראל ווערק פון דער יידישער מיסטיק, דעם „זוהר", זאל זיין דער תנא ר' ש מ ע ו ן ב ן י ו ח א י, וועלכער האט געלעבט אין צווייטן יארהונדערט.

אבער קבלה ווי אן אנטפלעקטע לערע קומט אויף ערשט אין צוועלפטן

יאָרהונדערט אין ספרד. אירע קאָריפייען זענען: ר׳ א ב ר ה ם א ב ן־ ל ע פ י א, ר׳ י צ ח ק ס ג י נ ה ו ר און ר׳ מ ש ה ב ן נ ח מ ן. דער צווייטער גלגול זענען די „חסידי אשכנז": י ה ו ד ה ה ח ס י ד (רעגנסבורג), ר׳ א ל י ע ז ר דער בעל „רקח" (וואָרמס) און ר׳ י צ ח ק דער בעל „אור זרוע" (ווין). אין דרייצנטן יאָרהונ־דערט רעדט שוין אין שפּאַניע ר׳ מ ש ה ד י ל י א ו ן וועגן „זוהר". די קבלה ווי אַ געשלאָסענע לערע וועגן די סודות פון דער וועלט און סו־דות פון דער תורה לאָזן זיך נישט לייענען ווי אַן אָפן ספר. אָט די סודות זענען פאַרבאָרגענערהייט איבערגעגעבן געוואָרן צו די גייסטיק-באַרופענע מענטשן, וועלכע גיבן פון זייער זייט ווידער איבער (בקבלה) פּערזענלעך דעם אַנדערן דור. און אַזוי וואַנדערט זי געהיים פון דור צו דור.

די קבלה באַשטייט פון צוויי טיילן: ט ע אָ ר ע ט י ש ע (קבלה עיונית) און פּ ר אַ ק ט י ש ע (קבלה מעשית). די ט ע אָ ר ע ט י־ ש ע קבלה צייכנט אַרום זיך אַ גאַר ברייטן קרייז; זי באַשטרעבט אַריינ־צודרינגען אין וועזן פון אלהות, עצם פון קאָסמאָס און אויסגעפונען די אייגנטלעכע השפעה פון דער תורה און אירע מצוות אויף דער וועלט. די פּ ר אַ ק ט י ש ע קבלה איז גיכער אַן עקספּערימענטאַלע; זי באַמיט זיך די פאַרבאָרגענע געטלעכע כוחות אָנצווענדן אין טאָג־טעגלעכן לעבן. זי אָפּערירט שוין מיט געהיימע, הייליקע שמות, סודותדיקע שפּרוכן, ווענדעט אָן קמיאות אד"גל. דער רעזולטאַט דערפון זענען מופתים.

ס׳קלאַסישע קבלה־ספר, דער „זוהר", וועלכן ס׳זאָל האָבן אַנטדעקט מ ש ה ד י ל י א ו ן אין ספרד, אַנטהאַלט די גרונט־פּרינציפּן פון חכמת הקבלה; דאָרט רעדט זיך וועגן הייליקע שמות, ספירות און אין־סוף. דער נאָמען פון ספר „זוהר" („ליכטגלאַנץ"), איז געשטיצט אויפן פּסוק „והמשכילים יזהירו כזהר הרקיע" (און די פאַרשטאַנדיקע וועלן גלאַנצן אַזוי ווי דער גלאַנץ פון הימל — דניאל 3 - 12). דאָרט דערציילט זיך וועגן דעם, אַז ווען ר׳ שמעון בן יוחאי מיט זיינע תלמידים האָבן געלערנט די סודות התורה, האָט זיי אַרומגענומען אַ פייער־זייל פון הימל.

ס׳גרונט־פּראָבלעם פון דער טעאָרעטישער קבלה איז אויפצוקלערן דעם

רעטעניש פולן געפלעכט גייסט־חומר, ד״ה ווי אַזוי איז עס צו פאַרשטיין, אַז פון דער רוחניותדיקער אלהות איז אַנטשטאַנען אַ חומרדיקע וועלט. ווי אַזוי איז צו באַנעמען דאָס, וואָס פון דער אומענדלעכער גייסטיקייט איז אַנטשטאַנען ס׳מאַטעריעל־ענדלעכע און באַגרענעצטע? די פראַגע איז שוין באַהאַנדלט געוואָרן אין דער אַנטיקער וועלט דורך פּלאַטאָנען, וועלכער האָט געהאַלטן, אַז צווישן גייסטיק־אומענדלעכן און מאַטעריעל־ענדלעכן זענען פאַראַן „אידייען״. די נעאָפּלאַטאָניקער האָבן אַרויסגעבראַכט דעם „לאָגאָס״. אויך די קבלה האַלט, אַז די חומרדיקע וועלט איז נישט פון גלייכן געטלעכן אָפּשטאַם, נאָר אַז אינמיטן זענען פאַראַן צווישן־מדרגות.

פון דער אין־סופיקער געטלעכקייט שטראַלן אויס „ספירות״; זייער צאָל איז צען: כתר, חכמה, בינה, חסד, גבורה, תפארת, נצח, הוד, יסוד און מלכות. די עמאַנירטע ספירות בילדן דעם „עולם האצילות״. די העכסטע ספירה איז „כתר״. די נידעריקסטע — „מלכות״, פון וועלכער ס׳שטאַמט די ענדלעך־מאַטעריעלע וועלט. פון דעם „עולם האצילות״ איז אַנטשטאַנען די געשאַפענע וועלט („עולם הבריאה״). פון דער געשאַפענער פאָרמלאָזער וועלט איז ווייטער אַנטשטאַנען די געפאָרעמטע וועלט („עולם היצירה״) און פון איר לסוף האָט זיך אויסגעשיילט די היינטיקע געסדרטע וועלט („עולם העשיה״), וועלכע איז אין תוך אַ טייל פון דער געטלעכקייט. דער אידעאַל פון דעם מענטשן דאַרף זיין דער באַגער זיך צו באַהעפטן מיט דער געטלעכקייט. דער וועג דערצו פירט דורך טיפער אַריינטראַכטונג אין דער גאָטהייט, תורה, מצוות און אין אינערלעך־געלייטערטער קדושה.

קיין פּוילן איז די קבלה בעיקר געקומען אומדירעקט דורך דער האַלב־ספרדישער איטאַליע, אָבער שוין אין דער פּ ר אַ ק ט י ש ע ר ווערסיע פון אר״י, וועלכן מ׳האָט פּונקט ווי פּלאַטאָנען גערופן „דער געטלעכער״ (אלהי ר׳ יצחק) און פון זיין תלמיד חיים וויטאַל.

דער אר״י האָט באַנומען די קבלה פּראַקטיש, ער האָט שוין מצרף געווען צירופים און מתקן געווען פּגמים ביים מענטשן. אין דער טעאָרעטי־שער קבלה רעדט ער וועגן צמצום, ד״ה אַז גאָט „צמצם את עצמו״. דער אומענדלעכער, האָט זיך איינגעשרומפּן, זיך באַגרעניצט, מצמצם־געווען און אַזוי אַרום איז אַנטשטאַנען די איצטיקע וועלט. דער מענטש דאַרף

געשטאַלטן פון װאַרשעװער ייִדן פון 18טן יאָרהונדערט

(בילד פון ב. קאָװאַלעט)

שטרעבן מתקן זײַן די אײגענע נשמה, באַהעפטן זיך מיט דער געטלעכקייט דורך אויפהייבן אין זיך די הייליקע פונקן (ניצוצות). דערצו העלפט די אַסקעטישקייט, ס׳פּייניקן דעם גוף מיט תעניתים און סיגופים ווי אויך הייסע תפילות. דערעיקרשט באַדייטונג האָט געהאַט דעם אר״ים קבלה מעשית.

דאָס איבערפלאַנצן די חכמת הקבלה אויפן פּוילישן באָדן איז נישט צוגעגאַנגען גלאַטיק. ס׳זענען געווען אָפענע קעגנער, באַהאַלטענע אָנהענגער, נייטראַליסטן און אַזעלכע, וואָס האָבן זיך געוואַקלט צווישן „נגלה״ און „נסתר״.

שוין דער קלאַסישער באַגרינדער פון דער רבנישער ליטעראַטור אין פּוילן, דער רמ״א, וועמענס הויפּט־כוח איז באַשטאַנען אין שכלדיקע פאַנאַנדערפלאָנטערן האַרבע סוגיות וועגן „איסור״ און „היתר״; אַט דער גע־ניאַלער פּוסק, וועלכער האָט זיך אין זיינע שו״ת דערעיקרשט סומך געווען אויף ריין־ראַציאָנאַליסטישע הנחות, און אויך געפּרוווט פילאָזאָפירן אויף אַ רמב״מישן שטייגער, איז נישט געווען פריי פון מיסטישע שטימונגען. זיין מכלומרשט ראַציאָנאַליסטיש־פילאָזאָפיש ווערק „תורה העולה״ איז נישט פריי פון שטאַק־פינצטערן אַבערגלויבן; ער האָט געהאַלטן, אַז סיי אין דער אַרכיטעקטור פון בית המקדש און סיי אין די כלים פון מקדש זענען פאַרבאָרגן גרויסע קאָסמאָס־סודות. עס האָט זיך געקענט אויסדוכטן, אַז דער רמ״א, ווי אַ „קאָנסעקווענטער״ נאָכפאָלגער פון רמב״ם, וועמענס הויפּט־פּרינציפּ איז געווען „שלטון השכל״, וועט זיך אַנטשלאָסן אָפּקערן פון מטושטשע באַהויפּטונגען, פאַנטאַסטישע פאַראויסזעצונגען און מיס־טישע רמזים. ס׳איז געווען צו דערוואַרטן, אַז ער וועט אומעטום זוכן לאָ־גישע באַגרינדונג, אַז דער, וועלכער איז איבערצייגט, אַז דער תכלית האדם קען מען דערגיין נאָר „על ידי חקירה״, וועט גייסטיק נישט הויזן צוזאַמען מיט די, וועלכע מאַכן דעם וועלט־חשבון על פי צירופי אותיות און גימט־ריאות. שטעלט זיך אָבער אַרויס, אַז אונטער דער דעק פון קאַלט־שכלדי־קער חריפות איז פאַרהוילן אַ לעבצנדיקע נשמה פון אַ פאַרבענקטן פּוילישן ייד, וועלכער קומט נישט אַרויס בלויז מיטן פאַרשטאַנד, נאָר זוכט עמאָ־ציאָנעלע באַגייסטערונג. דער פּוילישער רמב״ם פאַרניינט נישט די שווער־

מערישע קבלה. פארקערט, ער דרוקט איר עפנטלעך אויס אנערקענונג: „כל דברי המקובלים הם אמת". אפילו אין שפרונגען ביי „קידוש לבנה" שטעקט א גרויסער סוד, ווייל פון שפרונגען דערגייט אין די עולמות עליונים התעוררות. און פארקערט אלע השפעות פון הימל עמאנירן פון דער ספירה „כתר", וועלכער טראגט א גרויס ליכט, וואס איז טויזנט מאל שטארקער פון זון־ליכט. ווייטער גלייכט ער אין צירופי אותיות גמטריאות, הייליקע שמות, גלגול הנפש און האלט לסוף, אז קבלה איז דער אמתער עץ חיים.

פונדעסטוועגן איז נישט צו פארלייקענען, אז דעם רמ"אס אופן פון באגייסטערן זיך מיט קבלה איז עפעס א קאלט פייער; ס'איז נישט צו מערקן קיין אוממיטלבארע עקזאלטאציע, ער באנעמט עס גיכער שכלדיק. ביי אים הייסט עס חכמת הקבלה, וואס אפערירט מיט דערקענטעניש־באגריפן. אים דוכט זיך, אז סיי פילאזאפיע און סיי קבלה ריידן אויף פארשידענע שפראכן אבער אין תוך וועגן איין־און־דער זעלבער זאך. דערביי זענען דא זיינע טריט וואקלדיקע, ער ווייסט, אז דער וועג איז א גליטשיקער. אין א תשובה צום מהרש"ל שרייבט ער: „אויב איך וויל פון עפעס אנטלויפן, איז עס פון לימוד קבלה, ווייל מ'דארף תמיד וואכן, אז מ'זאל נישט ארייגפאלן אין קיין טעות".

נישט אינגאנצן קלאר איז דעם מהרש"לס באציאונג צו קבלה. אין דער שטיל האט ער פארערט די קבלה און דערביי געגלייבט, אז זיינע אלע חידושים זענען ממש א התגלות מן השמים. דאקעגן עפנטלעך איז ער ארויסגעטרעטן קעגן קבלה און דערהויפט קעגן רבנים־מפורשים, וואס זענען זיך סומך אויפן „זוהר" און גלייבן, אז זייערע פירושים שטאמען פון רוח הקודש — „התורה לא בשמים היא ואין משגיחין בבת קול". אין קעגנזאץ צום רמ"אס מיינונג האט ער אפגעלאכט פון מנהג צו שפרינגען ביי „קידוש לבנה". ער פארערעכנט עס צו די „מנהגים של שטות".

דער בעל „הלבושים" ר' מ ר ד כ י י פ ה, וועלכער ווייזט ארויס א נייגונג צו מאטעמאטיק און גיט זיך אויס ווי א באגייסטערטער א־הענגער פון רמב"ם, האט פונדעסטוועגן נישט אויסגעמיטן דעם מיסטישן וועג: ער האט געגלייבט אין כישוף, גלגולים, שדים און אין כוח פון שמות און

השבעות. צו דער „חכמת הנסתר״ האָט אים געפירט דער מקובל מתתיהו בן שלמה דלוקרוט פון איטאַליע, ווו ר׳ מרדכי האָט פאַרבראַכט צען יאָר. ר׳ מרדכי יפה האָט זיך באַמיט אויסצוגלייכן די דינים מיט די סודות פון קבלה און האָט די דינים טאַקע אויסגעטייטשט על פי קבלה. פון איין זייט האָט ער שטאַרק געהאַלטן פון אַריסטוס פילאָזאָפיע און אין מאָמענטן, ווען דער רמב״ם איז נישט מסכים געווען מיט אַריסטו, האָט זיך דער בעל „הלבושים״ געשטעלט אויף דער זייט פון אַריסטו. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט ער געגלייבט, אַז אַ סך מנהגים זענען מרמז אויף טיפע וועלט־סודות. ער האָט למשל געהאַלטן, אַז תהילים־זאָגן פאַרן דאַווענען איז אַ סגולה שטום צו מאַכן די מקטרגים, דאָס אָנהייבן פרייטיק־צונאַכטס די אונטערשטע חלה איז אַ סגולה צו פּרנסה, אין בענטשן שטעקט דער סוד פון עשירות אאז״וו.

אין איין פּירוש אויף די ספרי קבלה פון ריקאַנאַטי באַהאַנדלט ער די גרונט־פּראָבלעמען פון קבלה. דערביי טרעט ער שאַרף אַרויס קעגן דער מיינונג, אַז די עשר ספירות זאָלן מכלומרשט צושרייבן דעם גאָט־באַגריף אַ מין צען־אייניקייט. די דאָזיקע ספירות זענען פאַרבונדן מיט גאָט „כשלהבתא בגומרא״, ווי דער פלאַם מיט דער קויל, און לאָזן זיך לגמרי נישט אָפּטיילן. די ספירות קענען אויך באַטראַכט ווערן ווי צווייגן פון אַ בוים, וואָס האָט איין וואָרצל. די קבלה היט זיך שטאַרק אויס פון צו־שרייבן גאָט אַ וועלכע ס׳איז הגשמה.

אין תוך אָבער האָט ר׳ מרדכי נישט געוואָלט די קבלה מאַכן פאַר קיין אַלגעמיינעם לימוד. ער האָט געהאַלטן, אַז זי איז באַשטימט נאָר פאַר יודעי חן און לאָזט זיך בכלל נישט דערקלערן מיטן וואָרט אָדער שריפט. פאַרן בר דעת איז בעסער אין די ענינים אײַנגאַנצן צו שווייגן...

אויך דעם מהש״אס שטעלונג לגבי דער קבלה איז נישט קיין בפּירושע. דער בעל „חידושי הלכות״ האָט אויך מחבר געווען „חידושי אגדה״, ווו ער ווערט שטאַרק באַהערשט פון דער קבלה־וועלט. ער גלייבט אין גלגו־לים און בכלל אין דער הייליקייט פון דער קבלה־לערע, אָבער דאָס טאָג־טעגלעכע עוסק זיין בקבלה האַלט ער פאַר אַ גרויסע עבירה.

אין כמעט זעלביקן וועג איז געגאנגען דער ב״ ח. ער האָט די קבלה באַטראַכט ווי דעם בעסטן מקור פון תורה. אויף אַן אָנפראַגע פון אמסטערדאַמער ועד הקהל וועגן איינעם אַ דאָקטאָר, וואָס איז עוסק אין פילאָזאָפיע און לאַכט אָפּ פון קבלה, האָט ער געענטפערט, אַז מ׳זאָל אים מחרים זיין, ווייל די קבלה איז די אמתע חכמה און נישט די פילאָזאָפיע די זונה, פאַר וועלכער שלמה המלך האָט געוואָרנט, אַז זי פאַר־פירט נאָך אַנדערע און איז עובר אויך אַ לאוו „לפני עבר לא תתן מכשול״ (פאַר אַ בלינדן זאָלסטו נישט לייגן קיין שטרויכלונג). פונדעסטוועגן האָט ער באַין אופן נישט דערלאָזט פסקנען קיין שום דין על פי קבלה. ער האָט זיך באַגייסטערט מיט קלרס פיוטים, וואָס זענען זיך סומך אויף די קבלה־יסודות.

דער איבערגאַנג פון פלפול צו קבלה איז ווייט נישט קיין גדראָדוויר־קער; דעם פוילישן למדן איז געווען שווער מיטאַמאָל זיך אָפּצורייסן פון דער שטרענג־זאַכלעכער וועלט פון די פוסקים און ממילא אויך נישט לייכט זיך איינצולעבן אין דער פאַנטאַסטישער וועלט פון די מקובלים. אַזאַ אי־בערגאַנג־טיפּ איז געווען דער קראָקעווער רב, ראש ישיבה און מקובל ר׳ נתן בן שלמה שאַפּירא, דער בעל „מגלה עמוקות״. ער האָט זיך געוואַקלט צווישן שכלדיקע „שקלא וטריאָס״ און מיסטישע חשבו־נות, געבויט אויף צירופי אותיות. דער וועג איז, וואָס אַ וואָרהייט, אַ שווערער, אָבער אַ נאַטירלעכער, ווייל ער איז טריי דעם גע־מיט פון פאַרחלומטן פוילישן ייד, דעם שפעטערדיקן צעפּאָכעטן חסיד. די „חכמת הנסתר״ האָט אים ממש באַרוישט; ער האָט אין יעדן וואָרט פון דער תורה געזוכט סודות, אַ באַהאַלטענעם זינען, וואָס גיט אַן אָנדייט אויף גאולה. זיין פערזענלעך לעבן האָט ער פאַרבונדן מיטן גאולה־אידעאַל. זיין יעדערנאַכטיק אָפּריכטן חצות איז געווען פול מיט ספּאַזמען, אויפריכ־טיקן ווייטיק און יאָמער. ער האָט ביטער געקלאָגט אויף חורבן בית המקדש און גלות השכינה. איינמאָל בעת אָפּריכטן חצות האָט ער געהאַט גלוי־אליהו, פון וועלכן ר׳ נתן איז געוויר געוואָרן, אַז די מלאכי השרת זאָגן שירה פאַרן בורא עולם מיטן זעלביקן ניגון, מיט וועלכן ר׳ נתן ריכט אָפּ חצות.

פונדעסטוועגן איז ר' נתנס קבלה נישט קיין א ו ר ש פ ר י נ ג־ ל ע כ ע, זי איז א דיאַלעקטישע מיסטיק, אין וועלכער די פאַנטאַזיע ווערט געצוימט דורך די פּלפּוליסטישע רגילותן, פון וועלכע דער אב"ד מקראָקע קען זיך באַיז אופן נישט באַפרייען. שמעון דובנאָוו דריקט זיך דערוועגן אויס: „די השפעה פון דער רבנישער סכאָלאַסטיק האָט זיך אַרויסגעוויזן אין דעם, וואָס דער „מגלה עמוקות" איז מער אַ ספר אויף ברעכן דעם קאָפּ, איידער אַ טיפער ספר". אויף דער מצבה פון ר' נתן שאַפּיראָ זאָגט זיך, אַז „אליהו הנביא האָט מיט אים געשמועסט פה אל פה".

זיינע קבלה־אַרויסזאָגונגען געפינען זיך בעיקר אין ספר „מגלה עמו־קות ואת חנן", אין וועלכן ס'ראַיעט זיך מיט פאַרפּלאָנטערטע סימבאָלישע באַגריפן און משונהדיקע צוויי הונדערט און צוויי און פופציק איינטיי־טשונגען על פי שיטת האר"י, צוגעווירצט מיט קאַפּשווינדלערישע גמט־ריאישע חשבונות.

דער בעל „מגלה עמוקות" האָט אויך ווי אַ פּראַקטישער מקובל מיטן כוח פון צירופי אותיות באַוויזן מופתים. ווי אַ ראש ישיבה האָט ער דער־צויגן אַ דור מקובלים.

אויך דער קראָקעווער בעל של"ה איז אי אַ רב אַ מחמיר אי אַ פייער־דיקער מקובל, וועלכער האָט נאָך אין דער יוגנט מחבר געווען הוספות צו זיין פאָטערס מוסר־ספר „עמק ברכה", אין וועלכע ער זאָגט, אַז ווער עס דרינגט נאָר אַריין אין פּרדס, דער פאַרשטייט, אַז דאָרט זענען פאַרבאָרגן טיפע סודות התורה.

די „שני לוחות הברית" מיינען ביידע תורות, תורה שבכתב און תורה שבעל פה, וואָס בילדן צוזאַמען א יי ן ת ו ר ה. אַלץ אין אָט דעם ספר הויכט מיט מיסטישער עקזאַלטאַציע. ער גיט זיך אָן ווי אַ באַשיי־דענער יורש פון די באַהויכטע גייסטער, וואָס האָבן געשוועבט איבער די וועגן פון זוהר הקודש, דערעיקרשט פון ר' מאיר גבאי, ר' משה קורדואירא און הייליקן אר"י.

אין אָט דעם ספר האָט ר' ישעיה הורוויטש באַוויזן אויף אַ וווּנדער־פולן אופן צונויפצושמעלצן די קבלה־בליקן פון די גורי האר"י מיט דעם אייגנעם יידיש־פּוילישן לעבנס־נוסח און צופּאַסן עס צום געמיט פון

פוילישן ייד. מיט יאָרן שפּעטער נאָך גזרת ת"ח האָבן פוילישע יידן פון דאָזיקן ספר געשעפּט טרייסט און האָפענונג.

דער הויפּט־קוואַל פון לעבן איז תורה אין אירעביידע געשטאַלטן ד"ה בכתב און בעל פּה. זי איז אָבער אין תוך אַ הייליקע מיסטעריע. די מצוות, משפּטים, דינים, חומרות, אגדות און אפילו די אותיות זענען פול מיט טיפע סודות, וועלכע קיין שום ילוד אשה איז נישט מסוגל צו דער־גרונטעווען. ווען ער זאָל אפילו לעבן טויזנט יאָר, איז לא יעלה לעומק הענין. די הייליקייט פון די אותיות שטעקט נישט בלויז אין זייער צאָל, נאָר אויך אין זייער געשטאַלט.

מיט טיפן וועלט־גלויבן באַצייכנט דער בעל של"ה די באַציאונג פון מענטש צו מענטש און מענטש צו גאָט. מאָמענטנווייז האָט מען די אילו־זיע, אַז מ'לייענט געוויסע שטעלן פון יהודה אברבנלס „דיאַלאָגי די אַמאָרי" אָדער שפּינאָזאַס „עטיק". דער וועלט־עצם איז: ק ד ו ש ה און אהבה; מ'דאַרף אויסוואָרצלען פון זיך די שנאה. מ'דאַרף זיך צו אַלעם באַציען מיט ליבע און פאַרגעבן דעם אַנדערן די זינד. יעדער שטראָף איז אַ חסרון פאַרן שטראָפער גופא; ווען מען שטראָפט אַ חבר איז פונקט ווי איין האַנט וואָלט געשטראָפט די אַנדערע האַנט. אַלץ דאַרף אויסגעפילט ווערן מיט ליבע און דורך ליבע צום מענטש דערהויבט מען זיך צו אהבת הבורא. די ליבע דאַרף נישט זיין אויסגערעכנט אויף קיין שום באַלוינונג, נאָר אהבת פנימית, ווייל די באַלוינונג פון טאָן גוטס באַשטייט אין דעם פאַקט אַליין פון טאָן גוטס, טאַקע ווי עס האָט געזאָגט בן עזאי „שכר מצוה — מצוה". די ליבע איז אַן אינערלעכע פלאַמיקע לעכצונג דורך איר זיך צו באַהעפטן מיט קאָסמאָס. און דאָס איז דער אייגנטלעכער תכלית פון מענטש, וואָרום די וועלט איז דאָך באַשאַפן געוואָרן צוליבן מענטשן. דער מענטש, וואָס איז געזיגלט בחותמו של הקב"ה דאַרף תמיד שטרעבן צו דערגרייכן אַ העכערן שטאַפּל פון ליבע. דאָס כסדרדיקע שטרעבן וואָס אַ מאָל העכער לאָזט דעם מענטשן נישט פאַרגליווערט ווערן אויף איין אָרט; ער איז נישט קיין „עומד" נאָר אַ „מהלך", ער שטייגט פון מדרגה צו מדרגה.

מ'דארף נישט פארשטיין — זאָגט דער של"ה — אַז נאָר ס'גוטע שטאַמט פון געטלעכן קוואַל, ווייל אויך ס'שלעכטע שטאַמט פון זעלביקן מקור. פון אָנהייב איז אַלץ געווען אויסגעפילט מיט גוטס און ס'שלעכטע איז געווען בלויז בפועל. ערשט נאָך אדם הראשונס „חטא", וואָס ער האָט זיך געלאָזט אָנריידן פון נחש איז ס'שלעכטע אַקטואַליזירט געוואָרן, ד"ה פאַרוואַנדלט אין אַ רעאַלן יש. ס'גוטע האָט זיך צונויפגעמישט מיטן שלעכטן. זאָל דער מענטש אָבער פירן אַ געלייטערט הייליק לעבן, וועט ער אַלץ ווידער דערהייבן צום גוטן און עס וועט זיך ווידער אָנהייבן ס'מלכות פון כולו טוב. און מחזר למוטוב זיין קען מען נאָר דורך תשובה; די ראשי תיבות פון תשובה באַדייטן — ת ע נ י ת, ש ק, ו א פ ר, ב ב י ה, ה ס פ ד. ד"ה ריינע אַסקעטיק. בפרט איז עס נוגע יידן, וואָס כל־זמן די שכינה איז אין גלות, טאָרן זיי נישט לאַכן. און נאָר אַדאַנק די ליידן ווערט מען געלייטערט פון שלעכטס און מ'איז דערמיט מקרב די גאולה.

צו אַ גרינטלעכן איבערברוך אינעם אויסבליק פון די מקובלים איז דערגאַנגען האַרט ביים סוף פון דער ערשטער העלפט זיבצנטן יאָרהונדערט. דערהויפט האָט מען פאַרבונדן גרויסע משיחישע האָפענונגען מיטן יאָר ת"ח — 1648. ס'רוב מקובלים ודורשי רשומות האָבן זיך פאַרמאָסטן נביאיש פאָראויסזאָגן דעם „קץ". לכתחילה האָבן זיי פאָראויסגערעכנט, אַז דער קץ פון גלות דאַרף זיין אין יאָר ת"ש, שפּעטער האָבן זיי אים אָפּגעלייגט אויפן יאָר של"ה, וויי טער האָבן זיי אים אָפּגערוקט אויף שנ"ח, ביז זיי האָבן ענדגילטיק פעסטגעשטעלט ס'יאָר ת"ח אין וועלכן ס'גלות וועט בטל ווערן און יידן מארבע כנפות הארץ וועלן זיך צוריק צונויפזאַמלען אין זייער לאַנד. די אַלע חשבונות זענען געשטיצט אויפן טעקסט פון הייליקן „זוהר", וועלכער באַשטימט ס'יאָר „זאת" ד"ה בגמטריא ת"ח ווי אַ שנת גאולה, פאַררופנדיק זיך דערביי אויפן פסוק „בשנת היובל ה ז א ת תשבו איש אל אחזתו" (ויקרא י"ג). אין „זוהר" ד' קל"ט זאָגט זיך: „דבאלף שתיתאי לזמן ארבע מאות ותמניא יהין קימן כל דיירי עפרן בקיומהון, והיינו דכתיב בשנת היובל הזאת תשבו איש אל אחזתו". אויך דער בעל הש"ך זאָגט אין זיין „מגילת עיפה": „שנת ת"ח אשר חשבתי בזא"ת יבוא אהרן אל הקודש לפני ולפנים, נהפך לאבל ושמחתי ליגונים".

טייל האָבן אויסגערעכנט, אַז „חבלי משיח" באַטרעפט בגמטריא ת"ח, ד"ה 408.

אָבער ס'אויסגעחלומטע יאָר פון ליכט און דערלייזונג האָט גאָר גע־בראַכט דעם פּוילישן יידנטום פינצטערניש, אומגליק און פּיין; יידיש בלוט האָט זיך אין פּוילן גענאָסן טייכנווייז און אַט דאָס יאָר ווערט אין דער יידישער געשיכטע פאַרצייכנט מיטן גרויליקן נאָמען „גזירת ת"ח". אָבער מאָקע אין זעלביקן מבול פון בלוט זענען אויפגעקומען נייע משיחישע האָפ־נונגען. מ'האָט עס באַטראַכט ווי חבלי לידה פון דער גאולה. אויך דער ערשט פון די קאָזאַקישע באַנדעס, דער צורר היהודים חמי"ל, איז דער נוטריקון — „חבלי משיח יבוא לכם". האַרט פאַרן מבול און נאָכן מבול זענען פּוילישע מקובלים באַהערשט געוואָרן כמעט פון אַ משיחישן וואַנזין. מ'האָט געהאַלטן אין איין דרינגען מן התורה, על פּי צד הנסתר, אַז די גאולה איז נאָענט.

און דאָ איז געקומען די טראַגי־קאָמישע שבתי צבי־באַוועגונג, וואָס האָט אויפגעטרייסלט אַלע יידן אויף גאָר דער וועלט, דערביי אויך אָנגע־שטעקט אַ סך רבנים גאונים און מקובלים מיטן גלייבן אין שבתי צבים הימליש־משיחישער באַרופנקייט, אויך ס'שווער־געפּלאָגטע יידיש פּוילן איז נישט געווען פריי פון שבתי צבי־אילוזיעס. מ'האָט זיך געקווענקלט: „טאָמער", „אפשר", „אולי ירחם", וואָרום ס'איז דאָך שוין באמת „כולו כל הקיצון"...

די משיח־שטימונגען און גאולה־דערוואַרטונגען, וואָס האָבן דעמאָלט געהערשט אין די יידישע שטעטלעך אין פּוילן שילדערט יצחק באַ־שעוויס:

„אלול־צו. מחנות ווייבער לאָזן זיך אַרויס יעדן פרימאָרגן אויפן בית־עולם זיך געזעגענען מיט די טויטע, וואָס וועלן, ווען משיח וועט קומען, זיך קוילערן קיין ארץ ישראל דורך היילן אונטער דער ערד, און זייער וועג וועט דאַרום דויערן לענגער. גאַנצע טעג ליגן די נשים אויסגעשפּרייט אויף די קברים און שרייען אַהין אַריין מיט יאָמערלעכע קולות. מען מערט צו בעטן מחילה ביי געשטאָרבענע קרובים און שכנים; מען זאָגט זיי אָן, דאָס צו תחית המתים איז נאָענט, און מען רופט זיי, זיי זאָלן מליץ־יושר

זיין אויף יענער וועלט. די פאַרמעגלעכע מעסטן אויס דאָס גוטע אָרט מיט קנוימן און ציען שפּעטער איבער זיי ליכט פאַרן בית המדרש. די אָרעמע מאַכן נאָס די בערגלעך מיט זייערע טרערן. אפילו די קינדער נעמט מען מיט, און זיי שפּילן זיך צווישן די קברים און מצבות. ס'זעט אויס, ווי די לעבעדיקע און טויטע וואָלטן געוווינט צוזאַמען. פאַרוואונדערט זענען די ציגיינער, וואָס האָבן דאָ נישט וויט פאַרצויגן זייערע געצעלטן. די גויים אָרום טוען זיך פרייען, ווייל זיי טראַכטן שוין צו אַרבן ביי די יידן זייער האָב. אין בית המדרש בלאָזט מען שופר. ר' גאָדל חסיד ציטערט אויף יע־דעם מאָל, ווען ער דערהערט די תקועה, און שטעלט אָן די אויערן, צי דאָס איז נישט אַמאָל שופר של משיח. מחמת צערודערונג קען ער נישט איינ־זיצן אין שטוב און דרייט זיך אַרום אין דרויסן אהין און צוריק, ווי ער וואָלט עמיצן אָפּגעוואַרט. שוין עטלעכע טעג ווי אין מזרח שטייט אַ וואָלקן און לויערט איבער גאָריי. אין די אָוונטן ציט ער זיך אויס, ווערט לאַנג און נעמט אָן דאָס געשטאַלט פון אַ פיש אָן אומגעהייער; פאַרטאָג איז ער רויט צעגליט, ווי ער וואָלט געווען אייטל פייער. אין מיטן טאָג באַקומט ער די צורה פון אַ שיף מיט זילבערנע זעגלען, און עס דוכט זיך, דאָס ער האַלט זיך אין איין דערנענטערן. ר' גאָדל און אויך די איבעריקע לייט פון דער חבריא גלויבן, אַז מען זעט שוין דעם עמוד ענן, וואָס דערמאָנט אין הייליקע ספרים, אָבער זיי רעדן וועגן דעם בלויז שטילערהייט און אויפן ווינק, נישט אַרויסצורופן קיין צעמישונג צווישן המון. ווייבער קע־נען נישט אָפּרייסן פון יענער זייט די אויגן, שאָקלען פרום מיט די קעפּ און ס'זעט אויס, ווי אַלע וואָלטן געוווסט, דאָס עס איז גלייכער צו שווייגן אין אַזאַ צייט.

עס איז שוין דריי טעג פאַר ערב יום־טוב. לויט אַלע חשבונות דאַרף מען היינט פאַרנעמען די תקיעה גדולה. אָבער די זון פאַרגייט — און מען זעט נישט און מען הערט נישט. דערווייל איז נאָך קיין שום זאַך נישט צוגעגרייט אויף די הייליקע טעג. קינדער און דערוואַקסענע זענען באָרוועס און אָפּגעריסן; ס'איז נישטאָ קיין מעל אויף קיין חלות, קיין פיש, קיין האָניק.

אין דער לעצטער מינוט האָבן אייניקע דאָרף־לויפער זיך אַרויסגע־

לאזט אין די נאענטע דערפער איינצוקויפן דאס נויטיקסטע. אבער מ'זעט זיי נישט צוריק. פארשעמט שטייען די הייזלעך, נישט געשמירטע, ס'רוב מיט אויפגעריסענע דעכער, און ס'קוקט ארויס זייער אינגעווייד: פאר־שטויבטע בוידעמס פול מיט שפינוועבס און אלטווארג. מ'האט היי־יאריקן זומער פון אלדאס גוטס א תל געמאכט. מ'האט ארויסגעריסן די ברעטער פון די דילן, צעהאקט מיט העק אלמערס און קופערטן. ביי ר' גאדל חסיד האט מען פרייטיק געהייצט דעם אויוון מיט די באלקן פון די ווענט. ווייבער האבן אין מיטן דער וואך אנגעטאן זייערע יום־טובדיקע קליידער און זיי פארשמוצט און צעריסן. אפילו קיין העמד אויפן לייב איז נישט געבליבן, מחמת קיינער האט דערויף נישט געטאן קיין אכט.

קיינמאל האט מען נאך אין גארײ אזוי נישט געמערט צו פארגיסן טרערן, ווי דאס מאל צו זכור־ברית. גלייך ווי דער חזן האט ארויסגעזאגט דאס ערשטע ווארט פון קדיש — יתגדל — איז ער א פאל געטאן צו דער ערד, ווי אונטערגעבראכן און איז געבליבן ליגן ווי יום כיפור צו כורעים. ביי „והשב שבות אהלי יעקב" איז אנטשטאנען א ביטער געוויין. א זקן האט גענומען קלאפן מיט די דארע פויסטן אין קאפ און גערופן:

— טאטע אין הימל, האסט אונדז גענוג געפרווט!... ווייז שוין, וואס דו קענסט!...

ביידע טעג פאר די תקיעות דרשנט ר' גדליה פארן עולם. זיין פנים איז רויט ווי צונטער, די אויגן בליצן, און זיין יעדעס ווארט וואלגערט אראפ שטיינער פון הארץ. ער טענהט, אז דער היינטיקער פארשטערטער יום־טוב איז דער לעצטער נסיון, מיט וועלכן קודשא־ברוך־הוא וויל אויס־פרווון זיין פאלק; ער פארגלייכט די איצטיקע צייט צום פארטאג, ווען ס'מוז ווערן שטארק פינצטער, די זון זאל דערנאך אויפשיינען אין גאר איר פראכט. ער רופט צום עולם, מען זאל זיך שטארקן אין דער אמונה און נישט אראפלאזן די הענט אין די גרויסע טעג. ער שווערט א הארבע שבועה, דאס שבתי צבי איז דער אמתער משיח אלוהי יעקב. ער געביט, יידן זאלן אפטאן פון זיך דעם טרויער און זיך אנגארטן מיט בטחון און פרייד. ער דערציילט, דאס ביי רעבעלן זענען ביינאכט געווען די אמהות, זי צו טרייסטן, און האבן איבערגעגעבן, דאס דער שטן האט דער־

וועקט אַ שווערן קטרוג אין הימל קעגן יעגע, וואָס זענען וואַקלדיק אין זייער גלויבן, און דערפאַר איז דער קץ אָפּגעלייגט געוואָרן ביז דער צאָרן וועט זיך שטילן. איידער מען צעגייט זיך אַהיים, לייגט ער אַרויף די הענט אויף די קעפּ פון די דאַוונער און בענטשט זיי. די קינדער הייבט ער אויף און קושט זיי אין די קעפּלעך. ער רופט נאָך:

גייט אַהיים און זייט זיך משמח... במהרה בימנו וועלן מיר זיין אין ארץ ישראל... איש תחת גפנו ותחת תאנתו!...״*).

כאַראַקטעריסטיש, וואָס אַפילו דער ראַציאָנאַליסטישער פּוסק און מחמיר, דער בעל חט״ז, האָט געהאַלטן פאַר נייטיק צושיקן אַן „אויספאָר־שונגס־קאָמיסיע״ צו שבתי צבי, וואָס זאָל אויפן אָרט אויסגעפונען וויפל אמת ס׳איז פאַראַן אין דער לעגענדע וועגן סמירנער משיח. די „עקספּע־דיציע״ איז באַשטאַנען פון זיין זון ר׳ ישעיה הלוי און שטיפזון ר׳ אריה לייב — דעם בעל „שאגת אריה״. מעגלעך, אַז דער אומשטאַנד, וואָס דער ט״ז האָט בעת די פּוילישע „טומולטן״ (מהומות) פאַרלוירן זיינע צוויי זין גאונים, האָט ביי אים אין דער טיפעניש געוועקט האָפנונגען, אפשר האָט ענדלעך שוין טאַקע געשלאָגן די שעה פון דערלייזונג... שבתי צבי האָט אויפגענומען די פּוילישע שלוחים מיט גרויס כבוד; דערביי האָט ער זיי געגעבן אַ בריוו צום ט״ז. דער בריוו איז געווען דאַטירט בזה אופן: „יום עשירי לתחיית רוחי ואורי, הוא כ״ו לחודש תמוז אדיר שבחדשים, בסדר „ויסעו מרתמה ויחנו ברמון פרץ״. די שלוחים האָבן איבערגעלייענט דעם בריוו און געפרעגט שבתי צבי: „אדוננו מלכנו, אין דער זעלבער פרשה איז דאָך געשריבן וועגן פיל מסעות, פאַרוואָס זשע דערמאָנט אדוננו דווקא אָט דעם פּסוק?״ שבתי צבי האָט זיי געענטפערט: „כ׳וועל אייך דערציילן אַ סוד, אַז ביז איצט איז די שכינה נישט געווען אַנטפּלעקט, זי האָט בלויז געצאָרנט אויף די שונאי ישראל, אָבער אין דער אַנטפּלעקונג פון דער שכינה שטעקט אַ גרויסע שמחה. און דאָס מיינט דער פּסוק ויסעו מרתמה, זיי האָבן געצויגן פון רתמה, ווייל רתם איז טייטש „רוגז״ און איצט רוען זיי ברמון פרץ, וואָרום איך בין געגליכן צו אַ רמון — אַ מילגרוים. לפי

*) „דער שטן אין גאָריי״

שכל הספירות נכללים בו. און איך קום מפרץ, ווייל דוד איז דער בן בנו פון פרץ. און אויך דער פסוק: ושנת גאולי באה״ באטרעפט בגמטריא „שבתי צבי״ ד״ה 814.

דער „עקספעדיציע״ איז דער משיחישער „חשבון״ געווען שטארק דערווידער; זייער באריכט האט ביי די פוילישע יידן ארויסגערופן גע־מישטע געפילן. דער ט״ז האט זיך אויסגעלאכט פון די באריכטן און זיך דערקלערט ווי אן אנטשיידענער קעגנער פון דער גאנצער שבתי צביאישער משיח־קאמעדיע.

פונדעסטוועגן האבן זיך פוילישע יידן נישט בארויקט. די לופט איז נאך געווען אנגעזאפט מיט די וויי־קולות פון די קדושים. ס׳יידיש לעבן איז געווען דערשיטערט ביזן גרונט. זאל זשע דאס אלץ טאקע אוועק־גיין שפורלאז אן א וועלכן ס׳איז העכערן זינען?... און טאמער פארקערט — איז עס אן אנדייט אויף משיחס טריט?... פארשידענע קהילות אין פוילן האבן צונויפגעזאמלט א פאנד און דעלעגירט צו שבתי צבי דעם באקאנטן מקובל ר׳ נ ח מ י ה ה כ ה ן. אפשר וועט ער ברענגען א בעסערע בשורה.

אין סוף חודש אב פאר ראש חודש אלול תכ״ו איז ר׳ נחמיה געקו־מען קיין גאליפאלי. שבתי צבי האט אים אויפגענומען מיט גרויס כבוד און ליבע אין „מגדל עוז״ אין קעגנווארט פון זיין גאנצער סוויטע, אים פאר אלע פארגעשטעלט ווי א גרויסן מקובל פון פוילן. גאנצע דריי מעת לעת האבן זיי פארבראכט אין א טיפן שמועס. ר׳ נחמיה איז געווען א גרויסער בקי אין ספרי קבלה און געקענט דעם „זוהר״ בעל פה. דער דריי מעת לעתדיקער שמועס האט זיי אבער נישט דערנענטערט און אוודאי נישט באפריינדעט, ווייל ר׳ נחמיה האט פון שבתין נישט באקומען קיין שום צייכן, אז ער איז טאקע דער אמתער משיח.

„ווי קענסטו זאגן, אז דו ביזט עס משיח בן דוד, ווען לויט די רייד פון די מקובלים דארף קודם כל קומען משיח בן יוסף פון שבט אפרים. ער דארף לכתחילה מלחמה האלטן מיט גוג ומגוג און פון זיי א סך אויס־הרגענען און נאכדעם זאל גוג ומגוג ס׳צווייטע מאל מלחמה האלטן מיט

ישראל און דערהרגענען משיח בן יוסף אין די טויערן פון ירושלים. און יידן דארף דעמאָלט זיין אַן עת צרה, אשר כמוה לא היתה. עס וועלן בלייבן ווייניק יידן — בלויז צדיקים גמורים. נאָכדעם וועט קומען אליהו הנביא און וועט אָנזאָגן די בשורה פון קץ. עס וועלן זיך צונויפזאַמלען אַלע יידן מארבע פינות העולם און מען וועט בלאָזן אין שופר גדול."

אויף דעם האָט שבתי צבי געענטפערט, אַז משיח בן יוסף איז שוין לאַנג געקומען, ער איז געווען איינער פון זיינע תלמידים מיטן נאָמען אברהם זלמן און איז געפאַלן אין פוילן במלחמות האומות. דערביי האָט שבתי צבי באַגרינדעט זיין מיינונג מיט אַ סך ראיות און סברות גענומען פון קבלה־ספרים.

ר' נחמיה האָט אָבער באין אופן נישט געוואָלט אָננעמען שבתיס סברות און מיט פאַרשידענע ראיות באַוויזן, אַז שבתי פאַרשטייט איינגאַנצן נישט דעם פשט אין די ספרי המקובלים און לסוף צעקלאַפּט אַלע שבתים מכלומרשטע משיח־טענות. נאָך לאַנגע רייד האָט ר' נחמיה דערקלערט מיט גרימצאָרן: „ביז ווי לאַנג וועסטו נאָך זאָגן, אַז דו ביזט משיח בן דוד, דער גואל ישראל? איך דערקלער, אַז דערפון וועט פאַר יידן נישט ארויסקומען קיין טובה. דו ביזט אַן עוכר ישראל און דו וועסט מיט דיינע שקרים דערפירן ס'פאָלק ישראל אונטער דער שווערד. עס איז אין דיר גישטאָ קיין שום ממש און דיין סוף וועט זיין נישט קיין גוטער."

פאַרשידענע פאַרוואָרפענע שטעטלעך אין פוילן האָבן אָוועקגעשיקט משולחים, כדי זיי זאָלן אין דער גרויסער וועלט געוווירר ווערן ווי עס האַלט מיטן פולגעפרייזטן משיח שבתי צבי, און ווען קען מען זיך שוין ענדלעך גרייטן אין וועג אריין — אין גאָטס לאַנד.

יצחק באַשעוויס באַשרייבט דעם צוריקקער פון אַזאַ שטעטל־דעלעגאַציע:

„ט"ז כסלו, אינמיטן תפילת שחרית, האָט זיך פלוצים געעפנט די טיר פון בית מדרש און ס'האָבן זיך באַוויזן אומגעריכטע געסט: ר' מרדכי יוסף און ר' איטשע מאטעס, די משולחים. זייער שפּלער בליק האָט אַלעמען געטאָן דערשטוינען. ר' מרדכי יוסף האָט געהאַט שמאטעס אויף די

פים, די לענדן זענען ארומגעהילט מיט א זאק און א לאץ פון זיין טוזליק איז געווען אויפגעריסן, ווי ביי אן אבל. ר' איטשע מאטעס איז געווען באַרוועס, פון אויבן ביז אראפ באדעקט מיט קויט, און זיין פנים איז געווען שווארץ ווי א טאפ. די לייט פון גאריי זענען געבליבן געפלעפט. מחמת פארווונדערונג האבן זיי נישט געקענט עפענען די מיילער און ס'האט אויסגעוויזן, ווי זיי וואלטן פארלוירן גאר דעם דיבור. מען האט די אורחים דערלאנגט שלום, נאר זיי האבן נישט אפגעענטפערט און שטום געווארט, ביז דער גאנצער עולם וועט זיך פארזאמלען ארום זיי. ערשט דאן האט ר' מרדכי יוסף מיט איין מאל א שטארקן זעץ געטאן מיט זיין קוליע אין דיל, גענומען שלאגן מיט דער לינקער פויסט אין זיין ברוסט און שרייען מיט א יאמערלעך קול: — יידן, רייסט קריעה!... שיט אש אויף די קעפ!... א גרויסע בראך האט אונדז געטראפן!... א ביטערער חורבן!...

ער איז א פאל געטאן צו דער וואנט, זיך פארקייכט, דאס דער שוים האט גענומען לויפן איבער זיין מויל, און אלע זענען אפגעטרעטן הינטערוויילעכץ. דערנאך האט ער זיך אויפגעריכט און ווידער אנגעהויבן:

— א טערק איז ער געווארן!... א משומד... וויי צו אונדז, דאס מיר האבן אזוינס דערלעבט!... ווינד און וויי צו אונדזערע נשמות!...

— ווער איז עס, ר' מרדכי יוסף? — האבן פיל גערופן מיט אנגסט, דען מען האט שוין געאנט דאס פורעניות.

— דער משיח סרוח — האט ר' מרדכי יוסף א הויל געטאן מיט א קוויטשעדיק קול. — שבתי צבי דער מסית ומדיח און שרה די הור!... אויסגעמעקט זאלן זיי ווערן!... די גאנצע תוכחה אויף זייערע קעפ!... אלע מכות פון מצרים אין זייערע לייבער!...

— א טאלפאן האט ער אנגעטאן, דער כלב־שוטה!... צו די געצן טוט ער דינען!... א גרויס ערב־רב האט זיך אפגעשמדט צוזאמען מיט אים!... וויי צו דעם טמא!... שאנד און שמאך צו אונדז אלע!...

יידן האבן זיך איינגעבויגן ווי אונטער א שווערער לאסט. אויף אזוי אן אויסטערלישער הערונג האט קיינער זיך נישט געריכט. גלייך אזוי

האָבן די לייט אויסגעזען שנת ת"ח, ווען מען איז געקומען זיי אָנזאָגן די בייזע בשורה, דאָס קאָזאַקן און טאָטערן האָבן שוין ארומגערינגלט גאַריי... א יונגערמאַן אַ חלוש איז געוואָרן ווייס ווי קרייד און מ'האָט געמוזט אים אָנהאַלטן ביי די אָרעמס, ער זאָל נישט פאַלן צו דער ערד. ביי אייניקע האָבן די האָר זיך געשטעלט קאַפּויער פון פחד. אפילו די קינדער זענען פאַרגליווערט געוואָרן אויף זייער אָרט. אַלעמען האָבן פאַרלאָזט זייערע כוחות און מען איז געבליבן שטיין מיט געשטרויכלטע פּיס און אָפענע לעפצן."*)

אמת, שבתים סוף איז נישט געווען קיין גוטער, אָבער נישט קוקנדיק אויף שבתים מפּלה, האָבן די צעוויטאָגטע פּוילישע יידן אזוי גיך נישט אונטערגעגעבן זיך, נישט געוואָלט זיך שיידן מיט דער האָפענונג אויף גיכער גאולה. דערצו האָט אין פּוילן דעמאָלט אָנגעהויבן שוויבלען און גריבלען מיט דרשנים-אַגיטאַטאָרן, ווי שבתי רפאל, מרדכי אייזנשטאַט א. אנד., וועלכע האָבן מיט פלאַמיקע רייד גערופן דעם עולם תשובה צו טאָן, ווייל ס'איז א צייט פון עקבתא דמשיחא. און וואָס די צרות זענען געוואָרן ביטערער, אַלץ מער סימן איז עס געווען פאַר חבלי משיח; דער גואל צדק מוז קומען. ס'יידישע לעבן אין פּוילן איז געוואָרן איינגעהילט אין געדיכטער פינצטערניש. אַלץ האָט זיך געשאָטנט מיט אויסטערלישע אבערגלויבנס; ס'האָט געווימלט מיט גלגולים, שדים און מזיקים, אומעטום האָט מען זיך באַנוצט מיט השבעות, קמיעות און עין הרע־אָפּשפּרעכונגען, מ'האָט זיך געפּייניקט מיט סגופים און תעניתים אַלץ כדי אויסצובעטן אין הימל רחמנות און מ'זאָל ענדלעך אראָפּשיקן דעם גואל צדק. ד"ר טוביה הכהן שילדערט אין זיין „מעשה טוביה" ס'דעמאָלדיקע לעבן אין פּוילן אין געדיכט־טונקעלע פאַרבן. פון איין זייט „דלות וגלות ומלחמות וצרות רבות תקופה, הוה על הוה ושבר על שבר"; פון דער אַנדערער זייט זעט ער, אז „אין לך ארץ שעוסקים יותר בעסקי שדים בקמיעות בהשבעות ובשמות ובחלומות כארץ הנזכר..."

אונטערן איינפלוס פון דער שבתי צבי-באַוועגונג האָט א פּוילישער־

*) „דער שטן אין גאַריי".

מקובל ר׳ יהודה החסיד פון שעדלעץ אונטערגענומען א קאָלעקטיווע נסיעה (אייגנטלעך הליכה) קיין ארץ ישראל. ער האָט געגלייבט, אַז משיח וועט קומען ווען יידן וועלן זיך צונויפזאַמלען אין ארץ ישראל. אָט דער עקזאַל־טירטער מקובל האָט מיטגעריסן מיט זיך הונדערטער מענטשן, געדרשנט פאַר זיי וועגן דער נייטיקייט תשובה צו טאָן, ווייל גאָר אינגיכן דאַרף משיח קומען. צווישן זיינע נאָענטע אָנהענגער זענען געווען: ר׳ נתן נטע פון האגענו, ר׳ יעקב ווילנאַ, ר׳ ישעיה פון זבאראזש, ר׳ וואָלף הלוי פון לוב־לין, ר׳ גדליה פון סעמיאַטיטש און דערהויפּט חיים מלאך. די דאָזיקע חסידים זענען געווען געקליידט אין ווייסן און אונטער דער פירערשאַפט פון ר׳ יהודה האָבן זיי געוואַנדערט איבער פאַרשידענע שטעט אין אייראָפּע אויפן וועג קיין ארץ ישראל. מיט אַ ספר תורה אין האַנט פלעגט ר׳ יהודה אין די שולן האַלטן פייערדיקע דרשות, אַז מ׳זאָל תשובה טאָן און דערנענטערן ס׳קומען פון דערלייזער.

דער דערמאָנטער ח יי ם מ ל א ך, יהודה החסידס געטרייער מיטהעלפער, האָט זיך אומגעקערט קיין פוילן, ווו ער האָט זיך אויסגעגעבן ווי אַ פלאַמיקער אָנהענגער פון שבתי צבי. פונקט ווי משה רבנו — האָט ער געטענהט — איז געווען פערציק טעג אין הימל און נאָכדעם האָט ער אַראָפּגענידערט אויף דער ערד, אַזוי וועט אויך שבתי צבי פערציק יאָר נאָך זיין פטירה זיך אומקערן און פאַרענדיקן די פולע דערלייזונג. דערביי האָט ער אָנגעהויבן פריידיקן די שבתי צביאישע אויסגעלאַסענע תורה, אַז כדי מנצח צו זיין די „קליפות" מוז מען דורכגיין די מ"ט שערי טומאה. ער האָט אָנגעהויבן פּראַקטיצירן אויסגעלאַסענע שטיק. די פאָלקס־מאַסן האָבן מיט זייער געזונטן אינסטינקט דערשפּירט דעם פינצטערן אָפּגרונט פון פאַרקריפּלטקייט, צו וועלכן דער שבתי צביאיזם האָט זיך דערקייקלט, און זיי האָבן זיך אָפּגעקערט מיט פאַראַכטונג פון די צביאישע סעקטן, וועלכע מ׳האָט איראָניש גערופן „שעפּסן".

פונדעסטוועגן זענען נאָך געבליבן אין פוילן פאַרבאַרגענע אָנהענגער פון שבתי צבי. צווישן זיי איז געווען ר׳ יצחק הירש חאַטש, אַ באַגאַבטער קראָקעווער דרשן. ער האָט מחבר געווען דעם „חמדת צבי", אַ פירוש אויפן

פויליש־יידישע געשטאלטן פון 18טן יאָרהונדערט

(צייכענונגען פון נארבלין)

ספר „תקוני הזוהר" על פי דרך המקובלים וכתבי האר"י. ס'גייען אויך אָן ווי שבתי צבים אָנהענגער דער פּרעמיסלער דרשן ר' יוסף ב"ר משה, דער סוויניכער רב ר' חיים ליפּשיץ א. אנד.

חוץ דעם איז דערגאַנגען דערצו, אַז קראָקעווער רבנים האָבן זיך גע־ווענדעט קיין איטאַליע צו ר' משה זכות (ער האָט אַמאָל געלערנט קבלה ביים מקובל ר' יצחק, דער אב"ד אין פּויזן) מיט דער בקשה, אַז ער זאָל זיי אָנווייזן ווי אַזוי מען שרייבט אַ ספר תורה על פּי קבלה. זיין תשובה איז געווען זייער אַ לאַנגע. ער ווייזט אָן דעם סדר כתיבות השמות וקדוש הקולמוס על פּי קבלה אר"י.

זאָל צו די פּוילישע מקובלים אויך פאַררעכנט ווערן ר' יהונתן אייבעשיץ, וועלכער איז געבוירן און דערצויגן געוואָרן אין קראָקע. ער איז אַן אייניקל פון „מגלה עמוקות"; זיין פאָטער ר' נתן איז געווען קראָקעווער רב. ר' יהונתן איז געווען נישט נאָר חריפותדיקער גאון, נאָר אויך אויסגעבונדן אין קבלה, אין וועלכער ער האָט אויף אַ ראַציאָנאַליס־טישן שטייגער אריינגעפילאָזאָפירט. דערביי האָט ר' יעקב עמדין אים עפנטלעך באַשולדיקט אין געהיימער פאַרערונג פאַר שבתי צבי. ער האָט באַוויזן, אַז אין די קמיעות האָט ר' יהונתן אויף אַ פאַרשטעלטן שטייגער — לויט דעם א"ת, ב"ש-שליסל — אריינגעשריבן שבתי צבים נאָמען. ר' יהונתן איז געווען אַ מיליטאַנטישע פיגור און ליידנשאַפטלעך צוריק אָפּ־געשטויסן ר' יעקב עמדינס אטאַקעס. די יידישע היסטאָריאָגראַפיע קען זיך מיט אים נישט געבן קיין עצה. אַ טייל היסטאָריקער פאַרטיידיקן אים, אָבער גרעץ איז קעגן אים אַרויסגעטרעטן מיט אַ גרויסער באַשולדיקונג, אין וועלכער ער ווייזט אָן, אַז ר' יהונתן איז געווען נישט ערלעך לגבי דעם יידישן דעת הקהל און אַז עס איז אומבאַדינגט פעסטגעשטעלט געוואָרן, אַז ר' יהונתן איז אַ געהיימער חסיד פון שבתי צבי.

פון דעם, וואָס ר' יהונתנס תלמיד שמעון בוכהאַלטער גיט איבער אין חיבור „שם עולם", איז צו זען, אַז ר' יהונתן האָט געהאַט אַ טיף-פילאָ־זאָפישן אַריינבליק אין קבלה; זיינע אויספירונגען פאַרמאָגן אַ סך רמב"מי־שע אקצענטן. פונקט ווי דער רמ"א איז אויך ר' יהונתן אייבעשיץ נישט

קיין גרויסער בקי אין דקדוק. דער „שם עולם״ איז געשריבן ווי בן־גבירולס „מקור חיים״ אין דער פאָרם פון אַ דיאַלאָג צווישן רבי און תלמיד. זיינע אַלגעמיינע קבלה־אויסבליקן האָט ער איבערגענומען פון איטאַליע, און דערהויפּט פון מקובל מנחם די פאנו, פאַרבלייבנדיק אַ ענטוזיאַסטישער אָנהענגער און פאַרהערער פון אר״י.

ס׳צענטראַל פּראָבלעם פון „שם עולם״ איז: ווי אַזוי לאָזט זיך פאַר־בונדן דער דעטערמיניזם מיטן פרייען ווילן, ד״ה ווי לאָזן זיך פאַראייניקן דער „הכל צפוי״ און דער „רשות נתינה״, גאָטס אַלוויסן מיט דער בחירה חפשית?

אין „זוהר״ — זאָגט ר׳ יהונתן — באַגעגנט מען די באַצייכענונג — „האין־סוף, ברוך הוא״, ס׳קומט דעריבער אויס, אַז דער אין-סוף איז די סיבה ראשונה. אָבער סיבה ראשונה ווי אַן עצם לאָזט זיך נישט באַציי־כענען מיט קיין שום וואָרט, ווי „זיין״, „איינציקייט״ און אַפילו „אין־סוף״. די סיבה ראשונה איז דער אַבסאָלוטער „איקס״, דאָס פאַרבאָרגענע, אומבאַקאַנטע. ממילא קען זי נישט געלויבט אָדער געטאַדלט ווערן, מ׳קען זי נישט בענטשן אָדער שעלטן. זי איז אַבסאָלוט אומפאַרענדערלעך און אונטערליגט נישט קיין שום צופאַלן און שינוים. ס׳האָט דעריבער נישט קיין זינען זיך ווענדן צו איר, דער אייביקייט, מיט תפילות און תחנונים, אַז זי זאָל האַנדלען אַזוי אָדער אַנדערש, וואָרום דער אַבסאָלוט איז דאָך אומבאַקאַנט, אָן אַ געשטאַלט און אָן אַ נאָמען. זי בלייבט אומעמפינדלעך אויף אַ וועלכן ס׳איז איינפלוס פון יחיד; ס׳איז דעריבער אַן אומזינען צו מיינען, אַז מ׳קען ווירקן אויף דער סיבה ראשונה, אַז זי זאָל אַרויסווייזן רחמים צום מענטשן. זי האָט בכלל נישט צו טאָן מיט קיין פּרטים. ווי זשע פּאָרן זיך באַגריפן פון אַן אַבסטראַקטער סיבה ראשונה מיט דעם גאָט פון ישראל ווי אַן אל רחום וחנון? קען די ספּעקולאַטיווע פילאָזאָפיע געבן דער־רויף אַן ענטפער? ר׳ יהונתן ענטפערט — ניין! ער זוכט נישט קיין ענט־פער אין דער פ י ל אָ ז אָ פ י ע, נאָר אין דער ק ב ל ה. און דאָ זאָגט דער גאונישער מייסטער פון פלפול, אַז די לאַבירינטאַרטיקע קבלה איז לגמרי נישט סותר דעם שכל.

מיט גרויס חריפות באווייזט ער, אַז אומעטום ווו עס רעדט זיך אין די כתבי הקודש און אין דער גמרא וועגן גאָט ווי וועגן דעם בורא איז עס נישט געמיינט די סיבה ראשונה, נאָר בלויז איר ווילן. דער באַגריף „רצון" פון דער סיבה ראשונה מיינט צו זאָגן, אַז בריאת העולם איז געווען אַ באַ־וווסטזיניקער אַקט נישט קיין דעטערמינירטער, אומפאַרמיידלעכער חיוב, נאָר אַ פרייער באַוווסטזיניקער אַקט — רצון־כונה — רצוני לומר שמכון בבריאת העולם. ווילן ווי אַ סינאָנים פון דענקען. אָבער די דענ־קענדיקע סיבה ראשונה לאָזט זיך נישט אָפּטיילן פון געדאַנק אַליין, ווייל ער איז אַ שאַפנדיקער געדאַנק, וואָס איז אַ ציור (פאָרבילד) פון די עשר ספירות. אָט דאָס פאָרבילד פון די עשר ספירות טראָגט דעם נאָמען „אין־סוף", אָבער איז באין אופן נישט די סיבה ראשונה אַליין. אָנשטאָט דעם „האין־סוף ברוך הוא" זאָגט ר' יהונתן „האין־סוף הוא המחשבה והשם". דער אין־סוף האָט טאַקע נישט קיין סוף, ער האָט אָבער אַן אָנהייב, וואָס שטעקט אין דער דענקענדיקער סיבה ראשונה. דערביי אָפּערירט ר' יהונתן אויך מיט גמטריאות, ווי מיט „אייזערנע" באַווייזן.

ר' יהונתן שטעלט זיך אַליין די שאלה: אויב דער דענקענדיקער געט־לעכער ווילן איז אַן אורשפּרונג, אַ קדמון, טאָ מיט וואָס דערקלערט זיך עס, וואָס דער אַקט פון וועלט־באַשאַפונג איז פאָרגעקומען אין אַ באַשטימ־טער צייט? און ר' יהונתן ענטפערט ווידער אַליין, אַז איידער די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן האָט די צייט לגמרי נישט עקזיסטירט. זי הייבט אָן צו עקזיסטירן ערשט נאָכדעם ווי די וועלט איז באַשאַפן געוואָרן, ד"ה די צייט ווי אַזעלכע איז אַנטשטאַנען ביינאַנד מיט דער וועלט־באַשאַפונג.

ביי זיין גאַנצער ראַציאָנאַלער קלאָרקייט און שכל־אַנאַליטישקייט גלייבט אייבעשיץ אין כוח פון די צירופי אותיות, אין דער וואונדערקראַפט פון קמיעות, השבעות און סגולות. אַפילו דער מענטש איז אַ ליכט, גע־פאָרמט פון אותיות.

ר' יהונתן אייבעשיץ איז די שטאַרקסטע פערזענלעכקייט צווישן די פוילישע מקובלים. ער איז אַ טיף־אַנאַליטישער קאָפּ מיט ברייטע גייסטיקע האָריזאָנטן. נישט קוקנדיק אויף זיין שאַרף־קלאָרן שכל, שטעקט ער לויטן

געמיט אין דער מיסטישער וועלט; וועלט און לעבן זענען פאר אים שלים-לעך א גרויסע מיסטעריע.

**
*

אויפן שטח פון דריטהאלבן־טויזנט-יעריקער געשיכטע פון יידישע וועלט־וואנדערונגען איז דער געאגראפישער פונקט „פוילן" אמאל באצייכנט געווארן ווי א „יידישער גן־עדן". מעגלעך אז אט דער נאמען שטאמט נישט פון קיין יידישן מקור; אפשר האבן עס שונאי ישראל אויסגעטראכט כדי צו וועקן ביי דער פוילישער באפעלקערונג מער קנאה און ממילא שנאה צו יידן. ס'איז אבער נישט צו פארלייקענען, אז אין געוויסע צייט־אפ-שניטן האבן יידן אין פוילן געלעבט פאליטיש במנוחה, ווירטשאפטלעך נישט שלעכט, גייסטיק זיך געשטארקט און מאמענטנווייז דערהויבן. יידן זענען אין פוילן געווען א גרויסער ווירטשאפטלעכער כוח, א פאזיטיווער פאקטאר אין פוילישן מלוכה-לעבן. דאס האבן א טייל פוילישע קיניגן גע-ווסט אפצושאצן. אין תוך אבער זענען די דערטרעגלעכע פעריאדן אין אלטן פוילן געווען לענגערע אדער קורצערע הפסקות צווישן איין שנאה-אויסברוך און אנדערן.

אין יעדן מאמענט, ווען די זון האט אביסל אויפגעשיינט פאר יידן, האט זיך תיכף אריינגעמישט די קאטוילישע קירך, וועלכע האט זיך נישט געמיאוסט מיט קיין שום פינצטער מיטל, אבי יידן צו פארביטערן דאס לעבן. די אויבערהאנט אין העצן קעגן יידן האבן געהאט די יעזואיטן. ס'איז עד היום נישט קלאר, וואס שטעקט אין הינטערגרונט פון די יידן־רדיפות מצד דער קירך: מ א כ ט אדער ש וו א כ ק יי ט ? צי איז דאס ריינע רעליגיעזע קנאה, וואס ווערט פארוואנדלט אין שנאה צום „אומ-גלויביקן", אדער גאר א געפיל פון אוממאכט לגבי דעם יידם אין פייער-געפרוווטער אומדערשיטערלעכער גלייביקייט? ס'איז צו מערקן, אז דער-ביי ווערט דער נרדף מער שטאנדהאפטיק און דער רודף בלייבט כסדר אומ-געשטילט אין זיין דם־פיינטשאפט. די גייסטיקע אוממאכט פון די פאר-פאלגער דערקלערט זיך אויך דערמיט, וואס זיינע אלע מעשים תעתועים הילן זיי איין אין א שלייער פון הימלישער „גערעכטיקייט". מ'ברעכט

אברים, מ'שניידט אוים צונגען, מ'פארברענט לעבעדיקערהייט און מ'שעפּ־טשעט דערביי יעזואיטיש־פרום מיט די ליפּן "Misercordia et justitia" (בארמהאהרציקייט און גערעכטיקייט).

אזוי איז געווען דער גורל פון יידישע קיבוצים אויפן פירענייאיש, האלב-אינדזל, ווייטער ביי די טייכן ריין, סען, מאלדוי, דניעפּר, ווו יידן זענען געגאנגען מוטיק צום מארטירער-טויט מיט תהילים־געזאנג און מיט דער ברכה „על מצות קידוש־השם". מיט דעם זענען פיל די פנקסאות, מימארביכער און ווען דעם דערציילן אויך די קאלעקטיווע „אל מלא רחמימם", פיוטים און סליחות.

אזוי איז אויך געווען דער גורל פון יידישן קיבוץ אין ווייסל־לאנד. שוין אין דרייצנטן יארהונדערט האבן די גלחים צונויפגערופן א סינאד קיין ברעסלוי, אויף וועלכן ס'איז באהאנדלט געווארן די „גוטע לאגע" פון יידן אין פוילן, „וואס ברעכט דעם פרעסטיזש פון דער קירך"... דארט זענען אנגענומען געווארן באליידיגנדיקע באגרעניצונגען פאר יידן. שפּעטער האט דער סינאד אין לענטשיץ באשלאסן צווינגען יידן טראגן שאנד־שקארמיצן אויף די קעפּ.

דערהויפּט אבער האט מען אויף א ראפינירטן שטייגער אפּעדירט מיט צוויי העסלעכע בלבולים: „האסטיע־שענדונג" (שקר־בלבול) און עלילת דם (ממזר־בלבול).

ווען דער בישאף ליפּאמאנא פון ווערענא איז אין זעכצנטן יארהונ־דערט געקומען קיין פוילן קעגנווירקן דער רעפארמאציע־באוועגונג האט ער אויסגעלאזט זיין כעס צו יידן. אין יאר 1550 האבן ליפּאמאנאס מענטשן געמאכט אין סאכאטשעוו א שקר־בלבול אויף א פּוילישע פרוי דאראטא לאזשענצקא, וועלכע האט געדינט אין א יידיש הויז, באשר זי האט צוגע־גנבעט פון דער קירך א האסטיע און עס פארקויפט איר יידישן באלעבאס, בכדי פון דער ברויט-האסטיע צו צאפּן בלוט פאר יידיש־רעליגיעזע צוועקן. האט מען תיכף ארעסטירט דריי חשובע יידישע באלעבאטים פון סאכא־טשעוו און זיי פארברענט.

ערב פּסח שנ"ו האט מען אין ווארשע ארעסטירט צוויי יידן, גרויסע

סוחרים, די ברידער משה בן יקותיאל און יהודה בן יקותיאל אונטער דער באשולדיקונג פון „האסטיע־שענדונג". די אויספארשונג קעגן די צוויי יידן איז געפירט געוואָרן מיט בארבארישסטע אינקוויזיציע־מיטלען. זיי האָבן מיט מוט און העלדישן אויסדויער ארי־בערגעטראָגן די אוממענטשלעכע יסורים און זיך נישט „מודה" געווען. משה איז געשטאָרבן אונטער די הענט פון די תלינים. מ'האָט דעם טויטן אָנגעטאָן די ווילדסטע בזיונות אין אָנוועזנהייט פון זיין ברודער יהודה, כדי דער לעצטער זאָל זיך ענדלעך „מודה" זיין. מ'האָט דעם טויטן א נאָ־קעטן צוגעבונדן צום עק פון א פערד און אים ארומגעשלעפט איבער די גאסן. יהודה האָט זיך נישט געבראָכן אין זיין שווייגן און ענדלעך איז ער פונקט ווי דער ברודער אויסגעגאנגען אויף די מיט בלוט באשמירטע הענט פון בארבארישע פייניקער. זיי זענען געבראכט געוואָרן צו קבורה כ"א אייר שנ"ו. עס איז צוליב דעם פארפאסט געוואָרן א קינה א. נ. „שיר קינה". צווישן אנדערן זאָגט דער מקונן:

הנחמדים מזהב ומפז רב, אלהים בראשם,
משה ויהודה בני יקותיאל נפלו בפח מוקשב,
על קדושת השם הנכבד והנורא מסרו נפשם,
ועלו לרצון על מזבחו כחטאת וראשם.

חוץ דעם איז פאר די קדושים פארפאסט געוואָרן א ספעציעלער „אל מלא רחמים", וועלכער גיט איבער דעם שוידער פון אָט דער געשעעניש.

אין יאָר 1598 איז דערשינען א גיפטיק בוך פון גלה מאָיעצקי א. נ. „וועגן יידישע אכזריותדיקייטן, רציחות און אבערגלויבן". אין אן אויס־געלאסענער שפראך „קלערט ער אויף", אז יידן, הגם זיי האָבן אויסערלעך א מענטשלעכע צורה, זענען זיי אין תוך חיות; מ'דארף זיי שליסן אין קייטן, אז זיי זאָלן נישט קענען זויגן קיין קריסטלעך בלוט...

מיט עטלעכע יאָר שפעטער איז ווידער דערשינען אן אנטי־יידישער פאמפלעט פון סימאָן אלעקסאנדער הוביצקי א. נ. „יידישע אכזריותן קעגן

די הייליקע סאַקראַמענטן און קריסטלעכע קינדער", אין וועלכן ס'איז אַ ווילדע רייד וועגן „האָסטיע־שענדונגען".

אַט די העץ־ליטעראַטור האָט נישט געלאָזט לאַנג וואַרטן אויף רעזול־טאַטן. ס'האָבן זיך באַלד אָנגעהויבן מערן די יעזואיטישע שילער־צוזאַמענ־לויפן, מען האָט כסדר פאַגראָמירט דעם יידישן פערטל.

די „שילער־צוזאַמענלייף" האָבן רעגלמעסיק בלוטיק געווילדעוועט אין די יידישע געסלעך ביז מ'האָט זיך פון זיי מיט געלט אויסגעקויפט אויף אַ קורצע צייט. דערביי זענען די „קאָזשעבאַלעץ"־אויסקויפן געווען אָפיציעל מיטן וויסן און הסכם פון די דערציער אין די יעזואיטן־קאָלעגיעס און אויך פון די מאַגיסטראַטן.

וואָס איז שוין צו ריידן וועגן די שווידערלעכע גזירות ת"ח ות"ט ווען במיעלניצקים האָרדעס האָבן פאַרלענדט הונדערטער יידישע קהילות אין פוילן. דערביי טאָר מען נישט פאַרגעסן, אַז דער קאָזאַקן־אויפשטאַנד איז אין תוך געווען געווענדעט קעגן די פּאַליאַקן, וועלכע האָבן אָבער נישט איינמאָל געהאָלפן די הײדאַמאַקעס מאָרדן יידן. אין טולטשין האָבן זיך יידן מיט אַ קליינע צאָל פּאַליאַקן באַפעסטיקט און געשטעלט אַ ווידער־שטאַנד. כמיעלניצקי איז געפאַלן אויף אַ „שפּיצל" און געפאָדערט אַרויס־צוגעבן די יידן, דאַקעגן צוגעזאָגט די פּאַליאַקן נישט צו טשעפּען. די פּאַ־ליאַקן האָבן צודרינגלעך געפאָדערט פון די יידן אַרויסצוגעבן דאָס געווער, פאַרזיכערנדיק, אַז עס וועט יידן גאָרנישט געשען, ווייל כמיעלניצקי מיינט נאָר איינצונעמען די שטאָט, אָבער ער וועט יידן נישט טאָן קיין שלעכטס. מ'האָט געעפנט די טויערן פון דער פעסטונג און די הײדאַמאַקעס האָבן אכזריותדיק אויסגעמאָרדעט אַלע יידן. דער פּוילישער פּאַראַט לגבי די יידישע מיטבירגער האָט געהאַט אַן אָרט אויך אין אומאַן און אין אַנדערע שטעט און האָט זיך שטענדיק געענדיקט מוראדיק פאַר יידן. אָבער נישט איינמאָל האָבן די פּאַליאַקן ביטער באַצאָלט פאַר זייער מיאוסן פּאַראַט; די קאָזאַקן האָבן זיי פאַרגעוואָרפן דעם פּאַראַט לגבי יידן און האָבן דעריבער נישט געוואָלט האַלטן דעם צוזאָג לגבי די פּאַליאַקן. „ס'זעלבע, וואָס איר האָט געטאָן לגבי יידן, טוען מיר איצט לגבי אייך".

ס'איז פאַראַן דערוועגן אַ פאָלקסליד:

אָי, אונזערע פוילן
זענען אנגעגען יידן,
אָי, אונזערע פעלדער
זענען פאַרגאָסן מיט בלוט.
הייבט מען אָן אַרומצוויאָגן,
הייבט מען אָן אַרומצופּלאָגן,
דאָלי אויף די פערד,
דאָלי צום געווער.
איינס, צוויי, דריי,
מאַכן מיר פּליטה אַ ריי.

וועגן אָט דער פינצטערער שחיטה־נאַכט דערציילן אונדז די כראָניקעס פון ש"ך („מגלה עפה"), ר' נתן נטע האַנאָווער („יון מצולה"), ר' שמואל פייביש („טיט היון"), אברהם שמואל אשכנזי („צער בית רבים"), מאיר בן שמואל פון שעברעשין („צוק העתים") און אברהם אשכנזי („מספד פולניא"). חוץ דעם זענען דערוועגן פאַראַן סליחות, קינות און אומצייליקע אל מלא רחמים.

בעת דער שוועדיש־פוילישער מלחמה האָט דער פוילישער גענעראַל הענריק טשאַרנעצקי אָפּן געהעצט די פוילישע אַרמיי קעגן יידן. אים האָט געהאָלפן דער גיפטיקער טשענסטאָכאָווער גלח קאָרדעצקי. ס'איז דעמאָלט אין פוילן דערגאַנגען צו אַ שוידערלעכן אַנטי־יידישן פּאָגראָם.

ס'זענען אָבער אין פוילן געווען נישט בלויז היסטערישע המון־אויסברוכן פון יידן־שנאה, נאָר עס איז אין זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט דערגאַנגען צו איינצלנע עפנטלעכע אַקטן פון ראַפינירטער אינקוויזיציע לויטן שפּאַנישן נוסח־טאָרקוועמאַדאַ. דער אינקוויזיציע־קרבן איז אין דעם פאַל געווען דער יידישער אַפּטייקער אין קראָקע מתתיהו קאַלוואַרי.

דער יידישער אַפּטייקער איז געווען באַפריינדעט מיטן דאָמיניקאַנער־

גלח סערוואַציוס העבעלי, מיט וועלכן ער האָט אָפּט גע־פירט וויסנשאַפטלעכע שמועסן. איינמאָל האָט אים דער גלח כיטרע אונ־טערגערוקט עטלעכע פראַגן וועגן נוצרים געטלעכקייט. קאַליהארי האָט גלייך פאַרשטאַנען צו וואָס אָט די פראַגן צילן, ער האָט זיך דעריבער אָפּ־געזאָגט באַלד צו ענטפערן, צוזאָגנדיק צו געבן אַ שריפטלעכע תשובה. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט נישט געגעבן קיין שום תשובה. איינמאָל, ווען דער גלח איז געזעסן ביים אַלטאַר און נאָכגעטראַכט וואָסער ענטפער קאַ־ליהארי קען אים געבן, האָט ער — ווי דער גלח דערציילט — „פּלוצים" באַמערקט אויפן טיש אַ צעטעלע געשריבן מיט גאָטישע אותיות. אין דאָ־זיקן צעטל ווערט געלעסטערט נוצרי און זיין מוטער. דער גלח האָט געזאָגט, אַז דער אויטאָר פון דאָזיקן צעטל איז נישט קיין אַנדערער נאָר דער יידי־שער אַפּטייקער מתתיהו קאַליהארי. מ'האָט דעם אַפּטייקער באַלד געשמידט אין קייטן און געשטעלט פאַר אַ געריכט. די עדות האָבן פעסטגעשטעלט, אַז ער קען גאָרנישט קיין גאָטישע אותיות, אָבער דאָס האָט גאָרנישט געהאָלפן, דאָס געריכט האָט אים שטרענג פאַראורטיילט, אַז ער מוז זיך „מודה" זיין. מיט שרויף-מאַשינען האָט מען אים געבראָכן די אברים, זיין לייב האָט מען געברענט מיט צעגליטע אייזנס. דאָס אַלץ האָט אים אָבער נישט באַוויזן זיך „מודה" צו זיין. אויב אַזוי — האָבן די אינקוויזיטאָרן געזאָגט — שטעקט אין דעם ייד געוויס אַ טייוול. מ'מוז אים דעריבער פאַרברענען לעבעדיקערהייט.

י"ד כסלו תכ"ד האָט מען מיט אַ צוואַנג ביי אים אָפּגעריסן ביידע ליפּן, מ'האָט אים אין זיין רעכטער האַנט אריינגעלייגט „זיין" צעטל און אים אָפּגעברענט די האַנט. נאָכדעם האָט מען אים אויסגעריסן די צונג און ערשט שפּעטער האָט מען אים לעבעדיקערהייט פאַרברענט אויף אַ שייט־ערהויפן.

אַזוי אַרום האָט די „גערעכטיקייט" געזיגט...

אין זעלביקן יאָר דעם דריטן מאַי אום שבת זענען אין לעמבערג פאַר־געקומען אַ. ג. „טומולטן" (מהומות). די יעזואיטן-שילער צוזאַמען מיט דער שטאָט-מיליץ זענען באַפאַלן די שול, צעריסן די ספר תורות, צע־שטערט דעם אָרון קודש און אַדורכגעפירט אַ ווילדע שחיטה. ס'זענען געווען

הונדערט טויטע און צוויי הונדערט פארוואונדעטע. עס זענען דעמאלט אויך אומגעקומען דעם ט"ז'ס צוויי זין. כ' אייר תכ"ד איז באשטימט געווארן ווי א תענית ציבור. אויפן לעמבערגער בית עלמן איז געווען א לאנגע שורה מצבות מיט דער דאטע — כ' אייר תכ"ד.

דער פאפולערסטער בלבול אין פוילן איז געווען דער ממזר־בלבול; ס'האבן זיך געהאלטן אין איין מערן די עלילת־דם־פראצעסן. פאר פסח פלעגן די גלחים באפעלן, אז די קריסטלעכע עלטערן זאלן באהאלטן זייערע קינדער. ס'פאלק האט זיך געלאזט באלאמוטשען מיט די אינסצעניזירטע פראצעסן, אבער אין תוך האט עס נישט געגלייבט דערין. די פאליאקן פלעגן שפאסהאפטיק ווארענען קריסטלעכע יינגלעך „אוטשעקאי, בא טשען זשידזשי וועזמא נא מאצען" (אנטלויף, ווארום די יידן וועלן דיך נעמען אויף מצה). א סך מאל פלעגט מען אונטערווארפן טויטע קריסטלעכע קינדער אין יידישע הויז־אייוונס. ס'איז דעריבער ביי יידן געווען א מנהג פאר פסח איינהייצן דעם אלגעמיינעם הויז-אויוון און פארברענען אלץ, וואס האט זיך דארט געפונען, כדי אזוי ארום זיך צו שיצן פאר א בלבול.

נאך ס'רוב בלוט־בלבולים, וואס האבן געבראכט צו שוידערלעכע רעזולטאטן, פלעגט מען אין דער קהילה פארפאסן אן „אל מלא רחמים", וואס האט אין הויך־מליצהדיקע ווערטער איבערגעגעבן דעם שוידערלעכן פארלויף פון געריכט איבער די באשולדיקטע. פון אט די „אל מלא רחמימס" ווייסן מיר וועגן דעם עלילת־דם־פראצעס אין צויזמער, וועלכער האט זיך געצויגן גאנצע צוועלף יאר, פון 1698 ביז 1710.

לסוף האט מען לעבעדיקערהייט פארברענט אכט יידן. דער „אל מלא רחמים" גיט איבער די נעמען פון די אכט קדושים וטהורים.

די שטאט לעמבערג איז געווען רייך אין קדושים. חוץ די צוויי פרויען די „גילדענע רויזע" און אדל קיקיניש*) דערציילן די כראניקעס וועגן די צוויי קדושים ר' ח י י ם ר י י צ ע ס און י ה ו ש ע ר י י צ ע ס, וועלכע מ'האט באשולדיקט, אז זיי האבן געהאלפן א קריסט זיך מגייר זיין. מ'האט זייערע קערפערס אום ערב שבועות תפ"ח צעשניטן אויף שטיקער

*) וועגן זיי אינעם קאפיטל „די אשת חיל אין פוילן".

און פאַרברענט און זייערע נשמות זענען אויסגעגאַנגען בקדושה ובטהרה.

אין פּוזנאַ האָט זיך אַן עלילת־דם־פּראָצעס געצויגן זעקס יאָר פון אַנ־הייב תצ״ז ביז סוף ת״ק. אין רעזולטאַט זענען אומגעקומען דער שתדלן פון דער פּויזנער קהילה ר׳ יעקב ב״ר פּנחס און דער רב ר׳ אריה לייב ב״ר יוסף. דערביי ווערט איבערגעגעבן, אַז צום דעמאָלטיקן פּויזנער רבם חלו־מות האָט אויך געהערט דער חלום זוכה זיין אומצוקומען על קידוש השם ווי אַמאָל דער תנא ר׳ עקיבא. טייל האַלטן אַפילו, אַז מיט יאָרן פאַר דעם בלוט־בלבול, האָט ער מיט רוח הקודש פאָראויסגעזען זיין מאַרטירער טויט.

וואָסערער עלילת־דם־פּסיכאָז ס׳האָט דעמאָלט געהערשט אין פּוילן, זאָגן עדות די ווערטער פון קיטאָוויטש: „פּונקט ווי די שליאַכטע־פרייהייט איז נישט דענקבאַר אָן ליבערום־וועטאָ, אַזוי איז נישט פאַראַן קיין יידישע מצה אָן קריסטלעך בלוט״.

אין יאָר 1759 האָט מען ווידער צוליב אַ בלוט־בלבול אין סטאָפּניצאַ אָפּגעהאַקט ביי פיר יידן די קעפּ; דער רב איז אין דער תפיסה באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. ס׳אַכצנטע יאָרהונדערט האָט זיך בכלל אויסגעצייכנט מיט עלילת־דם־פּראָצעסן, ווייל דערצו האָט אויך געהאָלפן דעם עם־הארצותדי־קער „משיח״־שאַנטאַזשיסט יעקב פראַנק, וועלכער האָט באַוויזן אַז אין „פּסחים״ זאָגט זיך, אַז יידן נוצן קריסטלעך בלוט.

צוליב דער בלוט־דורשטיקער פּראָפּאַגאַנדע פון די פראַנקיסטן איז אין שטעטל וואויסלאַוויץ, ביי לובלין, פאָרגעקומען אַ גרויסער בלוט־בלבול־פּראָצעס. פיר יידן זענען פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט דורך צעשניידן זיי לעבעדיקערהייט. מ׳האָט זיי אָבער געשטעלט אַ „הומאַניטאַרן״ תנאי: אויב זיי ווילן זיך שמדן, וועט מען זיך באַגיין מיט זיי „מענטשלעך״, ד״ה מ׳וועט זיי נישט צעשניידן, נאָר אָפּהאַקן די קעפּ. אַזוי אַרום וועלן די „רחמנות־פולע״ יעזואיטן אָפּראַטעווען די יידן פון יסורים אין גיהנום. די פאַר־משפּטע האָבן זיך אָבער אָפּגעזאָגט פון יעזואיטישן „חסד״. זיי האָבן דער־קלערט, אַז זיי איז ניחאדיקער אומצוקומען ווי הינט אַלס יידן, איידער בלייבן לעבן ווי קריסטן. דער רב האָט זיך אין תפיסה דערוואָרגן מיט אַ שטריק.

אין ניינצנטן יאָרהונדערט זענען פאָרגעקומען בלוט־בלבולים אין מעז־

ריטש און שעדלעץ. פּראָפּאָרציאָנעל אָבער איז במשך פון נײַנצנטן יאָר־הונדערט פאָרגעקומען אין פּוילן די קלענסטע צאָל בלבולים און לפי ערך איז דאָס דאָזיקע יאָרהונדערט געווען ס׳רואיקסטע פאַר די פּוילישן יידן (אַ חוץ דעם „ראַבונעק״ אין יאָר 1881 אין וואַרשע).

פון אָט דער געלויפיקער פאַרצייכענונג קען מען קוים האָבן אַ באַגריף, וואָס יידן האָבן געהאַט אויסצושטיין אין מדינת פּוילן און ביי וואָסערע באַדינגונגען פּוילישע יידן האָבן אַרויסגעגעבן קדושים וטהורים. די גע־בראַכטע פאַקטן זאָגן עדות וועגן שטאָק־פינצטערן מיטלאַלטער, אין וועלכן פּוילן איז געבליבן שטעקן העט ביז דער צווייטער העלפט פון נײַנצטן י״ה. אַרום און אַרום האָבן זיך אויפן מערב גענומען די הימלען אויסלייטערן; ס׳האָט אַ ווייַע געטאָן מיט טאָלעראַנץ און פּראָגרעס. בלויז פּוילן איז גע־בליבן איינגעהילט אין געדיכט־יעזואיטישער פינצטערקייט. דער טויזנט־יעריקער יידישער ישוב אין פּוילן, נישט קוקנדיק אויף זיין טיפער איינגע־וואָרצלטקייט, איז בעצם געווען אַ ישוב אויף אַ ווולקאַן. ערשט אין די לעצ־טע הונדערט יאָר האָט ער זיך גענומען פסיכיש איינשטעלן.

כמעט יעדע פּאָליטישע אַקציע אין פּוילן איז געווען פאַרבונדן מיט יידן־רדיפות. אפילו די אויפשטאַנדן קעגן צאַריזם, אין וועלכע ס׳האָבן אויך יידן מיטגעווירקט, איז געווען פאַרבונדן מיט רויבן יידיש האָב און גוטס. יידן האָבן עפּעס נישט געקענט פאַרשטיין ס׳פּוילישע אויפשטאַנד־„וואָיסק״, אין וועלכן ס׳האָט זיך אויך אַריינבאַקומען אַן ערב רב, וואָס איז מער אויסן געווען צו כאַפּן פּראָדוקטן פון אַ יידישער מאַרק־שטעל, איידער צו קעמפן קעגן שונא. אין פּוילן קורסירט נאָך עד היום אַ ווערטל: „סי גיט, פּאָלסקע וואָיסקאָ, סאַמע ראַבושניקי זלאָדזשעיע״ (ס׳איז גוט, פּויליש מי־ליטער, בלויז רויבער און גנבים). דאָס ווערטל שטאַמט פון די יידישע מאַרק־סוחרים, וואָס האָבן זיך גענוג אויסגעשטאַנען פונעם אויפשטאַנד־מיליטער.

דער ערשטן טאָג נאָך פּוילנס באַפרייאונג, דעם 11טן נאָוועמבער, 1918, איז אין קיעלץ פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם מיט אַ סך יידישע קרבנות. מיט צוויי וואָכן שפּעטער איז דערגאַנגען צו אַ פּאָגראָם אין לעמבערג מיט אַ באַדייטנדיקע צאָל יידישע קרבנות. נאָכדעם איז פאָרגעקומען אַ פּאָגראָם

אין ווילנע, בעת וועלכן ס'איז ביי טראַגישע באַדינגונגען צווישן אַנדערע אומגעקומען דער יונגער דראַמאַטורג א. ווייטער.

בעת פוילנס זעלבסטשטענדיקייט זענען פאָרגעקומען אַנטי־יידישע פּאָגראָמען אין פּשיטיק, מינסק־מאַזאָוויעצק און בריסק. חוץ דעם האָבן צעיושעטע אַ. נ. ר.־לייט אָפן געווילדעוועט איבער יידישע גאַסן אין די גרעסערע שטעט אין פוילן.

ווען ס'איז געקומען די היטלער־מגפה, ווען די דייטשישע האָרדעס האָבן זיך אַריינגעריסן קיין פוילן, ווי שונאים פון פּאָליאַקן און יידן, האָט זיך די מערהייט פון דער פּוילישער באַפעלקערונג אַרויסגעוויזן ווי זאָאָלאָגישע שונאי ישראל. מ'האָט גערן פאַרגעסן, אַז אויף דער פּוילישער ערד געפינט זיך פוילנס אייביקער שונא, דער פאַרהאַסטער „פּרוסאַק", נאָר מ'האָט מיט דער גרעסטער איבערגעגעבנקייט אַקטיוו און פּאַסיוו געהאָלפן דעם שונא אויסראָטן די יידישע מיטבירגער. די דייטשן האָבן תיכף אַרויסגעפילט די „גינסטיקע" יידנפיינטלעכע אַטמאָספער און זענען צוגעטרעטן אויף דער פּוילישער ערד אויסצובויען די גרעסטע מאָרד־פאַבריקן, וועגן וועלכע עס ווייסט בכלל נישט די וועלט־געשיכטע. מ'האָט קיין פוילן געבראַכט אומצוברענגען דריי מיליאָן יידן פון אַלע אייראָפּעאישע לענדער. אין גריכנלאַנד, פראַנקרייך, איטאַליע, בעלגיע און האָלאַנד האָט מען זיך נישט דערוועגט אויסצובויען קיין גאַז־קרעמאַטאָריומס; מ'האָט מורא געהאַט פאַר דער דאָרטיקער געזעלשאַפטלעכער מיינונג. נאָר פוילן אַליין האָט מען געהאַלטן פאַרן „געבענטשטן" לאַנד, וואָס האָט „זוכה" געווען, אַז אויף איר ערד זאָלן פאַרברענט ווערן זעקס מיליאָן יידן. דער יידישער פאָלקס־זינגער פון קראָקע, מרדכי געבירטיק, וועלכן די דייטשן האָבן דערשאָסן אויפן וועג קיין בעלזשעץ האָט צוויי יאָר פאַר די אויסזידלונגען געזונגען דערוועגן:

ס'טוט וויי!
ס'טוט שרעקלעך וויי!
נישט אַזוי דער האַס,
וואָס אין שונא ברענט.
אַפילו נישט די קלעפּ

פון ווילדן שונאס הענט,
נישט דער מגן־דוד
אויף דער האַנט.
אַ שאַנד!
אויף דורות לאַנג, אַ שאַנד!
וועט דאָס זיין פאַר זיי.

ס'טוט וויי!
ס'טוט שרעקלעך וויי!
ווען נישט דער פרעמדער שונא,
נאָר זיי!
פוילנס זין און טעכטער
ווענענס לאַנד אַמאָל
וועט שעמען זיך מיט זיי,
לאַכן, קייכן פון געלעכטער,
זעענדיק אין גאַס,
ווי אונדזער ביידנס שונא
טרייבט מיט יידן שפּאַס,
שלאָגט און פייניקט אַלטע לייט,
פּלינדערט אומגעשטערט,
שניידט אַזוי ווי ברויט מען שניידט
יידן אַפּ די בערד...
און זיי!
וואָס זענען איצט ווי מיר
געבליבן אָן אַ לאַנד,
וואָס פילן איצט ווי מיר
דעם ווילדן שונאס האַנט,
לאַכן, פרייען זיך און לאַכן
אין אַזאַ מאָמענט,
ווען פוילנס שטאָלץ און כבוד
ווערט אַזוי געשענדט,

וועג פוילנס ווייסער אָדלער
וואלגערט זיך אויף דער ערד
צווישן בערד —
איז דאָס נישט אַ שאַנד
אַן אייביקער פאַר זיי?
איז דאָס נישט אליין
אין פנים זיך אַ שפּיי?
ס'מוט וויי!
שרעקלעך מוט עס וויי!!!

אוודאי האָבן זיך געפונען איידעלע פּאָליאַקן, וואָס האָבן פאַר געלט און אָן געלט זיך באַמיט אָפּצוראַטעווען יידן, אָבער זייער צאָל איז אַ לעכערלעך קליינע. אין פאַרגלייך מיט דער צאָל איידעלע און קרבנותפולע פראַנצויזן, בעלגיער, האָלענדער, איטאַליענער און אַפילו רומענער, ווערט די צאָל אָפּפערוויליקע פּאָליאַקן פאַררוקט אין שאָטן. די מערהייט פּאָליאַקן האָט זיך מיטגעפרייט מיט די דייטשע רוצחים, ווען אין ברענענדיקן געטאָ „האָבן זיך די זשידקעס געפּרעגלט ווי קאָטלעטן"...

נאָכדעם ווי פוילן איז געוואָרן באַפרייט, נאָכדעם ווי די רויטע אַרמיי האָט פאַרטריבן די דייטשע בעסטיע פון דער פוילישער ערד, נאָכדעם ווי פון די בונקערס זענען אַרויסגעקראָכן עטלעכע צענדליק טויזנט ניצול־געוואָרענע, האַלב־טויטע יידן, האָט מען געמיינט, אַז די לאַגע וועט זיך גרונטלעך ענדערן. מ'האָט געגלויבט, אַז די פוילישע ערד האָט זיך שוין איבערגעזעטיקט מיטן בלוט פון זעקס מיליאָן יידן־קדושים און אַז די פוילישע געזעלשאַפט אין איר גרויסער מערהייט האָט שוין מסתמא געשטילט איר יידן־האַס־הונגער. ס'איז אָבער געווען אַ געפערלעכער טעות. מ'האָט כסדר געניסטערט און געשנאַפּט איבער די ליידיקע יידישע שטעטלעך, טאָמער וועט מען ערגעץ פּאַקן אַ באַהאַלטענעם ייד, כדי אים צו באַרויבן און מאָרדן. נאָכמער — אין 4טן יולי אננאָ דאָמיני 1946 איז אין דער שטאָט קיעלץ אינסצעניזירט געוואָרן אַ ממזר־בלבול לויטן פולן מיטלאַלטערלעכן רעקוויזיט. פערציק יידן, וועלכע זענען על פּי נס ניצול געוואָרן פון היט־

לער־גיהנום, זענען אויף אַן אויסטערליש־אכזריותדיקן אופן באַרויבט און דערמאָרדעט געוואָרן דורך באַפרייטע פּאָליאַקן...

אויף דער לויה פון די קיעלצער קדושים איז געווען דער דיכטער חיים גראַדע. אָט וואָס ער זאָגט וועגן די רוצחים:

אָט איז דער המון! נאָר מער שוין נישט דער זעלבער,
ער שטייט אויף אַלע גאַס-ווינקלען, ביי די געוועלבער,
געזעטיקט קוקט ער נאָך דעם צוג מיט די הרוגים,
אַזאַ־אָ רייך געשאַנק אויף איינמאָל איז גענוג אים.
זיי וואָלטן איצט מיט חזיר-פלייש געפּרייזט דעם זיג,
געפייערט וואָלטן זיי די חגא פון דער שחיטה
מיט בראָנפן און מיט ווייב, ווי נאָך אַ גרויסן קריג
אַמאָל די העטמאַנס פון פּוילן און פון ליטע,
דאָך בלייבן זיי מיט קאַלט-פאַרשלאָסענע געזיכטער,
ווי ביי דעם אויספירן דעם טויט-אורטייל דער ריכטער.
זיי שטייען ערנסט אויף די גאַניקעס, ביי שוועלן,
אַרום זיי זענען אַלע — קיינער טאָר נישט פעלן,
אין שטוב בלייבט קיינער נישט, עס זאָל קיין חשד נישט וועקן,
און מיט דער מענגע מישט ער זיך צונויף אין איינעם,
אַז גאָט אַליין וועט דעם רוצח נישט אַנטפּלעקן.
ווייל זיין געזיכט אַ מאַסקע איז פון קאַלטן שטיין אים.
און רואיק איז ער, ווייל עס וועט דאָך נישט דער טויטער
אַ פינגער אויפהייבן און שטום אויף אים באַווייזן,
און נישט פאַרחתמעט האָט דער פּנים דער פאַרבלויטער
פון מת — דעם אויסזען פון רוצח מיט זיין אייזן.

דעם שוידער פון דער לויה ווייטיקט דער דיכטער אויס:

איצט נעמט אַרויף די קאַסטנס אויף די אַקסל, טרעגער,
און טראָגט זיי אין דעם גרויסן ברודער-גרוב אַריין,
פּילט אָן זיי ווי אַן אויסגעברענטן טייך-געלעגער,
און ווי די וועלט מיט אומרעכט — פול די גרוב זאָל זיין!

נאָר ערד זאָלט איר נישט שיטן, ביז איך צייל נישט איבער
די אומגעבראַכטע... לאָזט מיך שטיין אין גרוב אין מיטן
אַריינגיין זאָל אין מיר דער אויסגעקילטער פיבער
פון די, וואָס זייער שטאָם איז אין מיין לייב פאַרשניטן.
אָט דער האָט נישט קיין גואל נאָר מיר אַלע ווייסן,
אַז ער האָט זיך געראַטעוועט פון טויטן-קאַמער
ער איז אַנטלאָפן פון דעם קאַלך-אויוון דעם הייסן —
פאַרוואָס האָט ער אַזוי אין לעבן זיך געקלאַמערט?
ס'האָט אים די עלנט ווי די נאַכט-שטילקייט פאַרטויט,
ס'האָט יעדער טאָג זיך ווי אַ יאָרצייט-ליכט געלאָשן —
האָט ער אין מין מענטשן אויך נאָך איצט געגלויבט?
צי האָט דער ווייטיק אָפּגענומען אים דעם לשון?
ער האָט זיין שווערן טרויער נישט פאַרשטאַנען נאָך,
און זיך אַליין באַשווירן ביזן טויט צו שווייגן,
ער זאָל באַנעמען ביסלעכווייז זיין טיפן בראָך,
ביז זיינע ביינער וועלן אָפּדאַרן ווי צווייגן,
און ער וועט אויסמישן זיין גוף מיט זאַמד, מיט ערד,
און וועט באַגעגענען דעם שטויב פון זיינע קינדער, —
אַ גלגול איז נישט אומוואַנדלען אַזוי באַשערט,
ווי ער אַרומגעוואָגלט האָט — אַ נאַקעט בלינדער,
און ווו איז ער געקומען, האָט זיך אים געדוכט,
אָט דאָ וועט ער זיין אַלטן לעבן אָפּגעפונען, —
דאָס האָבן זיינע הענט און פיס אַרומגעזוכט,
ווייל ער אַליין האָט שוין געגליווערט אָן אַ זינען.

איצט לויפן אַרום טויזנטער מענטשן-שאָקאַלן איבער די יידישע חור־בות און בערגער אַש פון די יידישע קדושים, גראַבלען צווישן אַש אפשר וועט מען עפּעס אַרויסבאַקומען פון יידישן גאָלד.

דער יידישער חורבן אין פוילן איז מוראדיק גרויס; דער פאַרנעם האָט נישט זיין גלייכן אין דער וועלט-געשיכטע. די שפּראַך איז צו אָרעם אויס־

צודריקן אונדזער פיין. אבער נישט מינער טוט וויי, וואס דערביי זענען אונדזערע נאענסטע לאנג-דורותדיקע שכנים געווען לגבי אונדז אזוי פאר־ווילדעט, אז זיי האבן אינגאנצן פארלוירן דעם צלם אלהים. די וועלט האט פארלוירן יעדעס געפיל פון חרפה, אפילו די זון האט זיך אויפגעהערט צו שעמען. אין טארנע, אין איינער פון די הונדערטער פוילישע שטעט, ווו מען האט געמארדעט יידן, האבן די יידישע רעשטלעך געשטעלט א מצבה אויף דעם מאסן־קבר פון פינף און צוואנציק טויזנט קדושים. אויף אט דער מצבה זענען אויסגעקריצט די ווערטער: „השמש זרח ולא בושה" (די זון האט געשיינט און זיך נישט פארשעמט).

נאך גזירת ת"ח ות"ט איז אברהם אשכנזי אין זיין „מספד פולניא" טריט נאך טריט נאכגעגאנגען דער קלאסישער עלעגיע „איכה". דער היינ־טיקער „מספד פולניא" איז לע"ע נאכנישט געשאפן געווארן; דער חורבן איז צו אימהדיק, אז מ'זאל אים אזוי גיך באנעמען. אבער ווען עס וועט קומען דער געבענטשטער דיכטער און וועט באווייזן קינסטלעריש אין גע־לייטערטע בילדער איבערצוגעבן דעם חורבן־פוילן, וועט זיין „הספד" ווייט איבערשטייגן ירמיה'ס „איכה־יאמער".

ביז אהער זענען ווי קדושים באצייכנט געווארן נאר די, וואס זענען צוליב זייער יידישקייט פארשניטן געווארן פון דער וועלט. היינט זענען אין פוילן קדושים אויך די איבערגעבליבענע, וואס בלאנקען ארום אינעם קברים־לאנד אפגעשניטענע פון די נאענטסטע, פון א משפחה־סביבה און פריינט־אטמאספער; געבליבן דער ניצול־געווארענער פוילישער ייד אן אויסגעהוילטער אן א קרוב און אן א פריינט. איז ער ביים לעבן שוין פאר־שניטן פונעם לעבן; אן א ווארעמען בליק פון א מאמען, אן א שמייכל פון א קינד און אן אן עצה פון א שכן. צי קען אזא לעבן איינגיין? אויף דער צונג דרוקן זיך די ווערטער פון משורר ר' משה אבן עזרא:

> צו ווענען ריידן, פאר וועמען זיך באקלאגן,
> אז מיינע נאענטע זענען אפגעשיידט פון לעבן.
> ווי קען מיר איינגיין גליק, אז מיינע שוועסטער,
> זיי ליגן אונטער בערגלעך ערד פארשאטן*).

*) איבערגעזעצט דורך י. י. שווארץ.

דאָס אַש פון די קדושים אין פוילן איז אפילו נישט צוגעדעקט מיט קיין בערגל ערד, נאָר שוועבט אַרום פאַרשעמט ערגעץ אין לופט־רוים.

— ג —

דער פוילישער „גאַנג" אין חסידות

די ווייטערדיקע אַנטוויקלונג און איבערגעשטאַלטונג פון דער יידישער גייסטיקייט אין פוילן ציט איר אוממיטלבאַרע יניקה פונעם אייגנאַרטיקן לימוד התורה, פאַר וועלכן ס'זענען כאַראַקטעריסטיש צוויי אָקעגנגעזעצטע אייגנשאַפטן: ר ע אַ ל י ז ם און אַ ב ס ט ר אַ ק צ י ע. פון איין זייט איז ער געווען פאַרבונדן מיט דער יידישער ווירקלעכקייט; דער „שולחן ערוך" איז געווען רעגולאַטאָר פון טאָג־טעגלעכן לעבן. לומדות איז דעריבער געווען דער זיכערסטער וואָפן אין האַנט פון יעדן איינעם, וואָס האָט געשטרעבט זיך שטעלן בראש פון דער יידישער עדה, אָדער אויסווירקן אויף איר אַ וועלכע ס'איז השפּעה. אַדאַנק תורה האָט מען געקענט ווערן אַ רב, דיין, בורר, שוחט, נאמן, בעל־דרשן, פּרנס, גבאי, מגיד און גלאַט אַ „שיינער ייד". חוץ דעם איז תורה געווען אַ סגולה פאַר יעדן בחור צו ווערן אַן איידעם פון אַ שטאָטישן גביר אָדער דאָרפישן „האַרענדאַר". מיט איין וואָרט „תורה איז די בעסטע סחורה". פון דער אַנדערער זייט ווידער איז דער צוגעשפּיצטער פּלפּול אַוועק אין אַ גאָר הויך־שלשלתדיקער אַבסטראַקציע און איז מיט דער צייט לגמרי אָפּגעריסן געוואָרן פון לעבן. ער איז געוואָרן אַ קנין פון אַן אָפּגעשלאָסענעם קרייז „גאונים" און „עוקרי הרים", וועלכע האָבן מיט זייערע שאַרפשפּיציקע חידושים ממש „געשאָקלט" מיט דער וועלט...

היות די פאָלקס־שיכטן האָבן צו דעם מין תורה נישט געהאַט קיין צוטריט, איז ער כסדר געוואָרן וואָס אַמאָל איינגעשרומפּענער, בלוט־אָרעמער און מיט דער צייט אינגאַנצן פאַרשטייפט. מ'האָט שוין אַפילו געהאַלטן, אַז פון „אמר אביי איז נישט קיין ראיה". דער פאָלקס־מענטש,

בעל־מלאכה, סוחר, בעיקר אויפגעקומענער פראסטלעכער גביר, איז געווען משעובד צום למדן, רב, וועלכער האט געגוי געוווסט דעם דין. פון אים, דעם למדן, איז געווען אפהענגיק דער גורל פון סוחר, ליפעראנט, קרעמער און פאכטער. דערציילט זיך דאך וועגן אן אויפגעקומענעם גביר אין א פויילישער שטאט, וועלכער איז אריינגעפאלן אין א מרה־שחורה, באשר די פריצים האבן זיך אפגעזאגט צו פירן מיט אים געשעפטן, ביז וואנען ער וועט נישט בייטן זיין לאנג־יידישע „פארסארגעטע" קאפאטע אויף ליי־טישע „גויאישע" קליידער. לויטן רבנישן זיטן־רעכט איז דאס געווען הארב פארבאטן. דעם סוחר איז דעריבער פארגעשטאנען צו ווערן בדיל־הדל. נאך לאנגע קווענקלענישן האט ער ענדלעך מיט א צעבראכן הארץ זיך גע־ווענדעט צום רב נאך אן עצה. נאך אן ערנסטן ישוב הדעת האט דער רב, נעמענדיק אין אכט, אז עס איז אן ענין של פרנסה, דערלויבט דעם ייד צו קליידן זיך „גויאיש". דער ייד איז אזוי איבערראשט געווארן פון אומגע־ריכטן פסק, אז ער איז תיכף ארויסגעלאפן פון בית־דין־שטיבל, מיט גרויס שמחה געטאנצט אויפן מארק און געשריגן: „יידן, מ'מעג, מ'מעג, ווער ווייסט וואס מ'מעג נאך אלץ, נאר די גנבים, די לומדים, ווילן נישט אויסזאגן".

יא, די דעמאלטיקע היפערטראפיע פון גייסט האט דערפירט צו אטראָ־פיע פון לעבנס־קולטור. און ס'איז געווען צו דערווארטן א לגמרידיקע קולטור־אנטארטונג. די רפואה איז געקומען מצד דעם אויפגייענדיקן חסי־דות, וואס האט אין פוילן אדורכגעמאכט א באזונדערן גלגול און ממילא באקומען אן אייגענעם פוילישן נוסח.

און געווען זענען דעמאלט אין פוילן פאר יידן זייער שווערע צייטן; די גאלדענע תקופה איז פארשוואונדן. בפרט, אז ס'לאנד האט דעמאלט אי־בערגעלעבט אן אלגעמיינע פאליטישע ירידה. יידן האט מען ווירטשאפט־לעך אונטערדריקט. דורך דער פארמיטלערשאפט פון דער קהילה האט מען פון זיי ארויסגעפרעסט גרויסע שטייערן. מען האט ביי זיי אוועקגע־נומען די ביז איצטיקע פרנסות — די פאכטן פון גיטער, זאלץ־גרובן, מע־טאל־גרובן. מ'האט איבערגעלאזט נאר די פאכט פון שענקען און מילכ־

ווארג. אויך האנדל און מלאכה האט מען באגרענעצט. אין טייל שטעט האט מען לגמרי יידן פארבאטן צו וווינען. מען האט זיי נישט באטראכט ווי קיין בירגער, נאר ווי שטייער־צאלער. צו דעם אלעם האבן דערפירט פויל־לישע סוחרים און בעלי־מלאכות.

פון דער אנדערער זייט האבן די גלחים באשטרעבט יידן צו בארויבן פון מענטשלעכער רעכט. פארן גלח איז דער ייד תמיד פארבליבן „אן אומ־גלייביקער" (judaens infidelis)

די פריצים ווידער האבן אין זייער אויפגעבלאזענער גאווה זיך גע־ברעקט מיטן ייד, וועלכער איז געווען זיין פאקטאר און משרת. דעם פריץ איז באוון נישט אנגעשטאנען אליין צו האנדלען. מסחר איז פאר אים געווען א מלאכה בזויה.

דער מיטעלער שיכט איז געשלאגן געווארן טאפלט: פון דרויסן, דאס הייסט פון דער מאכט, און פון אינעווייניק — פון די קהילה־תקיפים און לומדי תורה.

לגבי דרויסן, אין די מלוכה־אמטן האט דער ייד זיך כסדר אויסגע־קויפט מיט שוחד. דער הפקרדיקער באאמטער האט יעדעם מאל געפאדערט גרעסערן שוחד. נישט אומזיסט איז וועגן דעמאלטיקן פוילן געזאגט גע־ווארן, אז עם האלט זיך אויף הפקרות — Polska nierzodem stoi

אויף טריט און שריט איז דער ייד, על פי רוב א לופט־מענטש, גע־ווען אפהענגיק פון קאפריזנעם „אוזשענדניק" און צעהוליעטן „דזשע־דזשיץ".

אין אזא צייט האט דער ייד נישט געזען קיין דרך הטבע פאר דער פארבעסערונג פון זיין לאגע. אלץ איז געווען אפהענגיק פון צופאל און אומשטאנד. דער גלייביקער איז דעריבער געווארן אבערגלויביק און כסדר אויסגעקוקט אויף א נס מן השמים. אין אזא אטמאספער האבן זיך אין פוילן באוויזן די ערשטע שוואלבן פון חסידות.

אין חסידות האט דער ייד באין ברירה געזען זיין גאנצע האפענונג; זיין פארבונדן זיך מיט מיטן כלל גלויביקע אין ניסים און סגולות האט ער

דערשפירט זיין טרייסט. ער האָט זיך דערין אָנגעכאַפּט ווי אַ טרונקנדיקער אין אַ שטרוי.

ס׳אַלגעמיינע חסידות איז לכתחילה אין פּוילן נישט אַ נ ט פּ ל ע ק ט געוואָרן, נאָר מ ג ל ג ו ל געוואָרן. די התגלות פון חסידות בכלל איז פאָרגעקומען לענגאויס די שכנותדיקע טייכן פּרוט און דניעסטער, ווו די אָרעמקייט די יידישע סיי די נישט־יידישע איז געווען אין לשער. די עפּוש־דיקע זומפּן האָבן פאַרשפּרייט פאַרשידענע חולאתן און דערמיט נאָך מער פאַרשטאַרקט דעם אבערגלויבן ביים אָרעמען פויער און שווער געפּרוווטן ייד. ס׳האָבן זיך דעריבער געפּרוכפּערט כלערליי גויאישע זנאַכאַרעס, וואָס האָבן געהאַט כישוף־שפּרוכן ווי אַזוי „איבערצובעטן" די צעבייזערטע טייכן. דערצו האָבן זיי אויסגעפונען אַזעלכע קרייטעכצער, וועלכע באַזיי־טיקן באַלד יעדע קרענק. אין שאָטן פון די גויאישע זנאַכאַרעס האָבן זיך אויך געמערט יידישע בעלי־שם, וואָס האָבן אויסגעפונען וווּנדער־סגולות, רפואות און קמיעות. צווישן זיי האָט אַמערסטן און אַמבעסטן זיך אויס־געצייכנט ר׳ ישראל בעל שם טוב, וועלכער האָט זיך קונה שם געווען ביי דער יידישער אָרעמקייט. האָט זיך אָבער דער בעש"ט נישט באַגנוגנט בלויז מיטן היילן יחידים, נאָר באַמיט זיך זיין וווּנדערפּולקייט אויסשפּרייטן אויפן כלל. אַזוי אַרום איז די מאַגיק שטופנווייז איבערגעגאַנגען אין מיס־טיק; דער מכשף האָט זיך ביסלעכווייז פאַרוואַנדלט אין משיח. בפרט, אַז מ׳האָט נאָך צו ביסלעך געלעבט מיטן אָפּהילך פון דער דורכגעפאַלענער שבתי־צבי־באַוועגונג.

דער בעש"ט האָט זיך ביסלעכווייז באַפרייט פון זיינע בעל־מופת־לבושים און אַרויסגעבערענגט פון זיך אַ בלענדנדיקן שיין, וואָס האָט פאַר־לייכט און געוואָרעמט. געלעבט האָט ער אַפילו ווי אַ מתבודד אין די גרע־נעצן פון דער אַמאָליקער פוילישער רעפּובליק, אין די היילן פון קוטי און קאָסאָוו און שפּעטער געהאַלטן דאָרט פריינשאַפט מיטן באַקאַנטן גזלן דאָבאָש. ער האָט מיט זיין פייער־התלהבותדיקער תפילה באַוויזן צו דער־הייבן די וועלט צו קדושה. ווען ער האָט געדאַוונט אין וואַלד, האָבן אים דיביימער געענטפערט „אָמן".

דער בעש"ט האָט נאָך זיך נישט געלאָזן קיין ספרים, נאָר מענטשן, פאַרערער; זיינע נאָענטסטע גיבן איבער דעם בעש"טס געדאַנקען אין ספרים „צוואת הריב"ש" און „כתר שם טוב". ס'איז זיך משער צו זיין, אַז זיינע געדאַנקען ווערן אין די ספרים איבערגעגעבן נישט אַזוי, ווי ער האָט זיי אַרויסגעזאָגט, מסתמא קומען זיי דאָ אַרויס געלייטערט און געשליפן.

דעם בעש"טס הויפּט־געדאַנק איז ממש רעוואָלוציאָנער, ער מאַכט אַ סוף צו דער מיטלעלטערלעכער פאַרמעטענער מענטש־פאַרשילטונג. אין מיטלעלטער האָט געהערשט דער טעאָצענטריזם, ד"ה דער מיטל־פּונקט פון אונדזערע אַלע באַשטרעבונגען איז גאָט, גאָטס ווילן. דער זינ־דיקער מענטש איז נישט ראוי צו קרייזן אַרום אָט דעם צענטער, מוז ער זיך דעריבער פּייניקן מיט סגופים און תעניתים, כדי זוכה צו זיין דערצו. און אפשר וועט קומען דער קדושה־מאָמענט, ווען עס וועט דעם מענטשן איבערגעגעבן ווערן גאָטס רצון און באַגער.

דער בעש"ט פירט איין דעם אַנטראָפּאָצענטריזם, ד"ה אין מיטל־פּונקט געפינט זיך דער מענטש, דער בר נש מיט זיינע אַלע גלוסטונגען, בענקשאַפטן און טרוימען. ער טרעט אויף נישט ווי אַ שאָטן פון גאָט, נאָר גראָד פאַרקערט, גאָט איז דער שאָטן פון מענטש. „ה' צלך" — זאָגט דער בעל התהילים — גאָט איז דיין שאָטן...

דער בעש"ט דערנענטערט גאָט צום מענטשן; אַלע מחיצות צווישן גאָט און מענטש זענען קינסטלעכע אָדער גענאַרטע, ווייל אפילו אין די אַזוי גערופענע מחיצות אַליין איז גאָט דאָ.

אויך די ריכטונג איז אַ פאַרקערטע — נישט דער הימל באַשטראַלט דעם מענטשן, נאָר דער מענטש שטראַלט פון זיך אַרויס ס'דערהויבענע. די עולמות עליונים ווערן פון מענטש מער באַאיינפלוסט, איידער דער מענטש פון זיי.

אָריגינעל טייטשט דער בעש"ט דעם מאמר המשנה „מל למעלה ממך" (אבות פ"ג מ"א) — וויס, וואָס עס איז העכער פון דיר. דער מענטש דאַרף דעריבער פאַרשטיין „שכל מה שלמעלה, הכל ממך" — אַלץ, וואָס איז פאַראַן אין דער הייך שטאַמט פון מענטשן. און דערביי טרעט דער

מענטש נישט אויף קיין צעבראָכענער, מרה-שחורהדיקער, געפייניקטער דורך סגופים ותעניתים. דער מענטש דאַרף זיין אַ געזונטהאַפטער, אַ פריי־דיקער, ווייל נאָר שמחה איז מסוגל דערפירן דעם מענטשן צו דער העכס־טער מדרגה פון גאָט־ און מענטשן-ליבע. ער וואַריאירט דעם אַלטן „קודשא ברוך הוא, אוריתא וישראל חד הוא" אויף „אהבת ה׳, אהבת ישראל און אהבת התורה". נישט גלאַט פעסטשטעלן זייער אייניקייט, נאָר מען דאַרף ליב האָבן דעם בורא נישט מינער פון ישראל, און ישראלן דאַרף מען ליב האָבן נישט מינער איידער מען האָט ליב דעם באַשעפער...

זיין אַפּאָסטאָל, דער מעזריטשער מגיד ר׳ דוב בער, באַשטעטנדיק אַלץ, וואָס עס האָט געלערנט דער בעש"ט, זאָגט, אַז אַ חוץ שמחה דאַרף אין עבודת הבורא אויך זיין דער עלעמענט פון יראה, ווייל אָן יראה איז נישטאָ קיין אהבה.

דערביי דערלערנט זיך דער מגיד צו אַ רמב"מישן געדאַנק, אַז מ׳קען צו גאָט דינען נישט נאָר מיט רייד, נאָר אויך מיט שווייגנדיקן טראַכטן. מ׳קען דאַווענען במחשבה, דעמאָלט איז די אייגנטלעכע התפשטות הגש־מיות. ווען דער מענטש שווייגט, איז ביי אים די מחשבה לויטערער, אין שווייגן דערקענט ער גאָטס אומענדלעכקייט. גאָט און ישראל בילדן אַ איינהייט, איינס אָן דעם אַנדערן איז בלויז אַ האַלבע צורה.

אומעטום זענען פאַראַן הייליקע פונקען (ניצוצות), מ׳דאַרף זיי קע־נען אַרויסציען פון וואָכעדיקייט צו הייליקייט. דערצו איז באַרופן דער צדיק, דער פיינפילנדיקער, גייסטיק דערהויבענער, דער באַהויכטער גדול הדור.

מיט דעם שליסט זיך די פאַזע פון קלאַסיש חסידות; ס׳דערגייט צו אַן איבערברוך. פון דער אַלגעמיינער אידייע גייט מען איבער צום קולט פון אויסדערוויילטן יחיד און פון דאַנען האָט זיך שוין ווייטער אַנטוויקלט דער פּראַקטישער צדיקיזם.

דער אָנזאָגער פון דער נייער ריכטונג אין חסידות איז דעם מגידס אַ תלמיד, דער רבי ר׳ אלימלך מליזשענסק (תע"ז — תקמ"ו) אין זיין צענטראַל-ווערק „נועם אלימלך". ס׳קלאַסישע חסידות

... און אז דער רבי אלימלך ...

(מאָטיוו צום פאָלקס־ליד) (אויסגעהאַקט אין מעש פון אריה מערזער)

האָט געהאַלטן, אַז דער קשר צווישן צדיק און המון דאַרף זיין דורכאויס אַ אידייאישער. די תפילות דאַרפן זיין אויסגעהוילט פון וועלכע ס'איז רעאַלע הצטרכותן. מען דאַרף נאָר קלאָגן אויף גלות השכינה און בעטן אויף גאולה. ר' אלימלך איז נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם מגידס אַבסטראַקציעס, ווייל ער האָט געהאַט אַ פּראַקטישן חוש. ער האָט געזען אַרום זיך אַן עולם אומבאַהאָלפענע מענטשן, ישובניקעס, שענקערס, דאָרפסלייט, קרעטשמערס, הענדלער, קליינקרעמער, קבצנים און לופטמענטשן, וועלכע וואַרטן אויף אַ באַלדיקער ישועה. אָט די לייט קענען זיך נישט ווידמען בלויז דעם קלאָגן אויף גלות השכינה. זיי האָבן געגלויבט, אַז דער צדיק איז ביכולת אַלץ צו טאָן, ער קען ביי גאָט אַלץ אויספּועלן. נישט נאָר קען ער אָפּשרייען גזירות רעות, נאָר ער קען אפילו משנה זיין דעם סדר הטבע. ער קען באַווייזן ניסים, געבן יידן פּרנסה, באַזייטיקן קרענק, אָנשיקעניש אד"גל.

דער רבי ר' אלימלך האָט אַרויסגעפילט דעם מצב פון עולם און איז נאָכגעקומען זייערע ווונטשן און פאַרלאַנגען. אין זיין ספר באַגרינדעט ער טאַקע זיין בליק אויף דער ראָל פון צדיק. אייגנטלעך זענען דאָס נישט זיינע בליקן, נאָר בליקן אויפגעכאַפּטע פון דעם אָרעמען עולם, דעם עולם וואָס דאַרף האָבן אַזאַ צדיק.

זאָגט ער טאַקע אין זיין ספר, וועלכער דאַרף אייגנטלעך זיין אַ פּירוש אויף דער תורה לויט די סדרות, אַז די מדרגה פון צדיק איז די זעלבע, וואָס די מדרגה פון מלאכים. דורך דער האַנט פון צדיק ווערט פון ביטער זיס (על ידי הצדיק נהפך מר למתיק). ווען אפילו אויפן מענטש איז פון הימל, חלילה, נגזר געוואָרן טויט, קען ער מבטל מאַכן די גזירה און זי ענדערן לחיים. וואָרום דער צדיק איז דער יסוד פון דער וועלט; ער איז גוזר און השי"ת איז מקיים. און פאַרקערט, הקב"ה איז גוזר און דער צדיק איז מבטל. דער צדיק פאַרבינדט זיך מיטן הימל בעיקר דורך תפילה.

אין וואָסער וועג וויל דער צדיק משפּיע זיין אויף דער וועלט? נישט אין דער ריכטונג פון מקרב זיין די גאולה שלמה, נאָר אין ריין־פּראַקטישע ענינים — צו באַזאָרגן יידן מיט ב נ י ם, ח י י ם ו מ ז ו נ ו ת.

דערביי דאַרף זיך דער צדיק נישט אָפּזאָגן צו געניסן פון דער וועלט. ער קען אפילו פאַרלאַנגען, אַז מען זאָל אים געבן מיטלען דערצו. מ'טאָר

אויך נישט נאָכקוקן דעם צדיק, ווי אַזוי ער פירט זיך אין טאָג־טעגלעכן לעבן. ער איז פריי פון אַלע איסורים. ער מעג אַפילו זינדקן. „אשרי הדור שהנשיא חוטא" אויב ער ווערט געשטרויכלט און זינדיקט, וועט ער שפּע־טער תשובה טאָן.

דער עולם דאַרף זיך פאַרבינדן מיטן צדיק; מ'דאַרף זאָרגן פאַרן צדיק בעולם הזה. על ידי נתינת לצדיק ווערט דער חסיד נתקשר בשבע וברכה.

דער רבי אלימלך האָט אויך געזאָגט „אַ צדיק דאַרף זיך אַליין נישט ליב האָבן, אָבער אַ בעל־תשובה דאַרף זיך אַליין פיינט האָבן".

דאָס איז געווען דער סיגנאַל צו שאַפן פאַרשידענע הייף מיט צדי־קים, וועלכע האָבן צווישן אַנדערע געשטעלט זיך דערהויפּט פּראַקטישע אויפגאַבעס.

די שפּעטערדיקע רביים אין צענטראַל־פּוילן האָבן געשעפּט זייער רבישן אינהאַלט פון דעם מעזריטשער מגיד און דערהויפּט פון ר ב י ן א ל י מ ל ך. אין פּוילן איז פאַרשפּרייט דער נאָמען אלימלך טאַקע נאָכן ליזשענסקער. דערצו איז פּאָפּולער ס'פאָלקס־לידל „אַז דער רבי אלימלך איז געוואָרן שטאַרק פריילעך". די פּוילישע רביים האָבן זייער שטייגער חסידות דערפירט צו אַ געוויסן סינטעז פון אַ בעל־מופת און דערלייזונגס־שטרעבער. אָן אויסנאַם אין אַ געוויסן זינען איז געווען דער רבי משה לייב סאַסאָווער, דער „אוהב ישראל", וועלכער איז געגאַנגען מיט זיין אייגענעם וועג.

דער ערשטער, וואָס האָט אין פּוילן געפּרוווט אויף אַ הויכמענטשלעכן שטייגער איינגלידערן ס'חסידות אין לעבן, איז געווען דער ר ב י ר' מ ש ה ל יי ב ס א ס אָ וו ע ר (נפטר אין ד' שבט תקס"ז), וועלכן ס'פאָלק האָט געקרוינט מיט דעם שיינעם נאָמען „אוהב ישראל". ער איז געווען אַ תלמיד פון ר' שמעלקע ניקלסבורגער. אין זכרון פון פאָלק איז ער פאַרבליבן ווי אַ הייליקער, ביי וועלכן אמונה איז אַ ריין עטישע קאַטעגאָ־ריע; ער איז געווען תמיד גרייט זיך מקריב זיין פאַר יענעם. אין זיינע מקומות איז זיין נאָמען אַרויסגעזאָגט געוואָרן מיט אַ ברכה און אַרום אים זענען געוועבט געוואָרן פּרעכטיקע לעגענדעס וועגן זיין לויטערער קדושה, מלאכישער גוטסקייט און מסירת נפש אָן אַ שיעור. עטלעכע דורות קינדער

האָט מען אַ נאָמען געגעבן נאָך אים (דער דיכטער משה לייב האַלפּערן טראָגט אויך זיין נאָמען).

ער איז געווען אַ ליכטיקער גייסט, וואָס האָט אין יעדער אָרעמער שטוב אַריינגעבראַכט פרייידיקייט און גלויבן.

זיין לעבנס־אויסבליק איז ריינע מענטשנליבע און ממילא א ה ב ת י ש ר א ל. ער אַליין זאָגט וועגן זיך, אַז ער האָט זיין אהבת ישראל געלערנט ביי אַ פּשוטן גוי. ער איז אַמאָל געזעסן אין שענק און זיך צוגעהערט צו אַ שמועס פון צוויי באַזויפטע גויים. איין גוי פרעגט דעם אַנדערן:

— זאָג דעם אמת, דו האָסט מיך ליב?

— אַוודאי האָב איך דיך ליב.

— אויב אַזוי, זאָג מיר וואָס פעלט מיר?

— כ'ווייס נישט, כ'ווייס נישט...

— הע... הע... אויב מ'האָט עמעצן אויף אַן אמת ליב, מוז מען וויסן, וואָס אים פעלט.

ר' משה לייב האָט זיך געטראַכט: יאָ, אויב מ'האָט יענעם ליב, מוז מען וויסן זיינע נויטן, אַלע נויטן פון ישראל...

ער האָט געהאַט אַן אויער פאַר יעדן נויטבאַדערפטיקן ייד, געגאַנגען פון שטוב צו שטוב, געוואַשן יידישע קינדערלעך, געזאַלבט זייערע קעפּעלעך, געהיילט זייערע קרעצעלעך און באַשיט מיט בשמים זייערע לייבעלעך. „דער אמתער אוהב ישראל — פלעגט ער זאָגן — מוז ביי זיך פועלן מיטן אייגן מויל אויסצוזויגן דעם אייטער און בלוט פון געשווירן ביי יידישע קינדער".

עס דערציילט זיך, אַז עס איז געווען אַ יולדת זייער אַן אָרעמע, וואָס איז געלעגן אין אַ ביטער־קאַלטער שטוב. האָט זיך דער רבי ר' משה לייב אין האַלבער נאַכט אָנגעטאָן מלבושים פון אַ גוי און האָט געברענגט צוטראָגן האָלץ צו דער יולדת. ער האָט ס'האָלץ אַליין צעהאַקט, איינגעהייצט דעם אויוון און אָפּגעקאָכט עפּעס צו עסן. בשעת ער האָט דאָס געטאָן האָט ער געזאָגט תיקון רחל און תיקון לאה... אויף דעם מאָטיוו איז געבויט י. ל. פּרעצעס „אויב נישט נאָך העכער".

איין מאָל האָבן אום ערב יום־כיפּור די חסידים געוואַרט אין קלויז

אויפן רבי ר׳ משה לייב, כדי צוזאמען זאגן „כל נדרי“. מ׳האט געווארט א לאנגע צייט און זיך נישט דערוואַרט אויפן רבין. מ׳האט אנגעהויבן פאַרשן דעם ענין, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז בעת דער רבי ר׳ משה לייב איז געגאַנגען אין קלויז, האָט ער אויפן וועג געהערט ווי אַ קינד וויינט. ער איז אַריין אין שטוב און דאָרט אויסער דעם וויינענדיקן קינד קיינעם נישט געטראָפן, מחמת אַלע זענען אַוועק אין שול. האָט דער רבי רחמנות באַקומען אויפן קינד, עס פאַרשפּילט ביז עס איז איינגעשלאָפן. ערשט נאָכדעם איז ער געגאַנגען זאָגן „כל נדרי“.

דאָס איז נישט געווען קיין טיפּישער רבי פון זאָגן צוגעשפּיצטע תו־רות, באַווייזן מופתים און פאַרזאָרגן יידן מיט עולם הבא. זיין חסידות איז געווען אַדורכגעדרונגען מיט וואַרעמער ליבע צום פּשוטן אומבאַהאָלפּע־נעם פאָלקסמענטש. דאָס פאָלק געדענקט אים ווי אַ גרויסן פריינד פון אָרעמאַן, פון איינעם, וואָס וויל אַריינברענגען אין דער אָרעמער יידישער שטוב אביסל ליכט. ביי אים איז די גרעסטע מצוה געווען הכנסת כלה. ער איז תמיד געווען פאַרנומען מיט פרייען זיך אויף אַן אָרעמער חתונה, עפּעס אַ פאַראויסלויפער פון שרה בת טובים. אין דעם ליגט זיין גרויסע פּשטות און זויבערע מענטשלעכקייט. תמיד האָט ער געהאַלטן אין איין חתונה מאַכן אָרעמע כלות. ס׳רוב מעשיות וועגן אים הייבן זיך טאַקע אָן מיט די ווערטער „אַמאָל האָט ער חתונה געמאַכט אָרעמע חתן־כלה“.

אַמאָל האָט דער רבי ר׳ משה לייב חתונה געמאַכט אָרעמע חתן־כלה, האָט ער זיך זייער געפרייט מיט הכנסת כלה און קלעזמער האָבן צוגע־שפּילט. האָט דער רבי ר׳ משה לייב געזאָגט: „ווי העלפט מיר דער אויי־בערשטער, אַז ווען איך וועל שטאַרבן, זאָל מען מיך פירן צום בית הקברות מיטן זעלביקן ניגון, וואָס מען שפּילט איצט אויף דער חתונה“. עס זענען נאָכדעם אַפּגעלאָפן אַ סך יאָרן ביז עס איז געקומען דער טאָג ד׳ שבט תקס״ז, ווען דער רבי איז נפטר געוואָרן. גראָד אין יענעם טאָג זענען די זעלביקע קלעזמער געפאָרן אויף אַ חתונה קיין בראָד. פּלוצים האָבן זיך די פערד ווילד אַ ריס געטאָן און בליץ שנעל געטראָגן דעם שליטן מיט די קלעזמער איבער בערג און טאָל און קיין שום כוח האָט זיי נישט געקענט איינהאַלטן. ערשט ביים בית עלמין האָבן זיך די פערד אָפּגעשטעלט. ווען

די קלעזמער האָבן זיך דערוווּסט, אַז דאָס איז דעם רבין ר׳ משה לייבס לוויה, האָבן זיי זיך דערמאָנט די רייד, וואָס זיי האָבן פון רבינס מויל דע־מאָלט געהערט אויף דער חתונה און דערוועגן דערציילט דעם בית־דין. דער בית־דין צדק האָט געפּסקנט, אַז מ׳זאָל דעם זעלביקן ניגון אויפשפּילן אויפן בית עלמין.

אָט די מעשה נורא איז נישט פריי פון סלאַווישן עלעמענט, זענען דאָך ס׳רוב מעשׂיות וועגן רבי ר׳ משה לייב סאַסאָווער ענלעך צו די מעשׂיות וועגן אַלט־סלאַווישע הייליקע.

***

פּויליש חסידות האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע לייטערונגס־וועגן אי־בעם פּראָצעס פון איר קלאַסישן אויסדרוק אין צדיקיזם. איבער צענדליקער שטעטלעך אין לאַנד זענען געווען צעוואָרפן כלערליי רבישע „הייף“. אימ־לעבער מיט זיין באַזונדערן „גאַנג“, באַזונדערער חסידים־מאַסע און באַ־זונדערע ניגונים. הגם חסידות האָט באַשטרעבט זיך אָקעגנצושטעלן דער איבערגעלאָדענער לומדות דורך איבערשטעלן עבודה איבער תורה און אַזוי אַרום אַרויסרוקן אין פאָדערגרונט דעם פּראָסטן מענטש מיט זיינע נאַטיר־לעכע אמונה־געפילן, איז נישט צו פאַרלייקענען דעם פאַקט, אַז ס׳רוב באַ־גרינדער פון חסידישע דינאַסטיעס זענען געווען לומדים און געשאַפן אַרום זיך אַ תורה־אַטמאָספער.

די פּיאָנערן פון אַלט־פּוילישן חסידות זענען: דער לובלינער „חוזה“, דער קאָזשעניצער „מגיד“ און דער „ייד הקדוש“ פון פּשיסכע. דער ער־שטער האָט נאָך ווי אַ יינגל געשמט אַלס „יוזעפאָווער עלוי“ און האָט אין די שפּעטערדיקע יאָרן עוסק געווען אין קבלה. דער צווייטער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרוים לומדות. דער דריטער שטאַמט פון דור־דורות רבנים און פלעגט גאַנצע נעכט לערנען. אַפילו דער דעמאָלטיקער פאַר־שפּרייטער פון פּויליש חסידות, ר׳ ד ו ד ל ע ל ע וו ע ר, איז געווען אַ גדול בתורה.

זייער חסידישן יחוס ציען זיי פון די קלאַסיקער פון אַלגעמיין חסי־דות. ד ע ר ח ו ז ה — ר׳ יעקב יצחק הורוויטש פון לובלין (נפטר

אום תשעה באב תקע"ה) איז געווען א תלמיד פון ר' אלימלך ליזשענסקער, איז אויסגעשטאנען א סך צרות און בייגעשטאנען א סך נסיונות אין זיינע שווערע נסיעות קיין ליזשענסק. ער האט מחבר געווען דריי ספרים „זכרון זאת", „זאת זכרון" און „דברי אמת". אים האבן בארימט געמאכט זיינע פיר גרויסע תלמידים — דער ייד הקדוש, רבי ר' בונעם, ר' נפתלי ראפּ־שיצער און צבי הירש פון זשידיטשעוו. דער קאזשעניצער מגיד ר' ישראל (נפטר י"ד תשרי תקע"ה) איז געווען תלמיד פון מעזריטשער מגיד ר' דוב בער, ר' שמעלקע ניקלסבורגער און בערדיטשעווער „קדושת לוי". ער האט מחבר געווען ספרים: „עבודת ישראל", „נר ישראל", „אור ישראל" און „תהלת ישראל". דער ייד הקדוש פון פשיסכע ר' יעקב יצחק (נפטר אום חול המועד סוכות תקע"ה) איז געווען תלמיד פון חוזה. מערקווירדיק אלע דריי זענען נפטר געווארן אין איין יאר.

אויך דער צווייטער חוט המשולש: דער רבי ר' בינעם פון פשיסכע, ר' מענדל קאצקער און דער ערשטער גערער רבי, דער „חידושי הרי"ם" שטאמען אלע פון א הויך לומדישער אטמאספער. אמת, ר' בינעם איז פריער געווען סוחר ביי דער ווארשעווער נגידותטע טעמערל זביטקאווער־בערגסאן (די באבע פון גרויסן פילאזאף אנרי בערגסאן) און ערשט שפעטער געווארן רבי. פונדעסטוועגן האט אט דער רבי־אפטייקער, א זון פון ווודיסלאווער מגיד, גענומען שפעטער „אניאגן" מיט תורה. דער קאצקער ווידער איז געווארן דער שארפער מוח און חקרן. וועגן אלטן גערער רבי, וואס איז געווען א תלמיד פון ר' עקיבא אייגער זאגט שוין גענוג דער נאמען פון זיין ספר „חידושי הרים".

היינט דער גרינדער פון דער סאכאטשעווער דינאסטיע, ר' אברהמעלע, דער אמאליקער קראשנעוויצער רב, האט אלעמען פארבליפט מיט זיינע גאונישע חידושים. דערויף זאגן אויך עדות זיינע ספרים „אגליטל" און „אבני נזר". אויך דער גרינדער פון דער ראדזינער דינאסטיע, ר' מרדכי יוסף אישביצער, איז מחבר פון ספר „מי משלוח".

בכל זאת איז נישט בלויז לומדות געווען דער אופן פון זייער נתגלה ווערן. כמעט יעדער פון די דינאסטיע־באגרינדער האט פריער איבערגע־

לעבט אַן אינעווייניקסטע אַנטפּלעקונג, וואָס האָט אים געטריבן אויסצופילן זיין שליחות און ערשט שפּעטער איז ער אויף אַן אומגעריכטן שטייגער „נתגלה" געוואָרן פאַרן עולם. אין אַנדערע פאַלן איז מען אים געקומען מגלה סוד זיין, אַז ער דאַרף ווערן גייסטיקער מנהיג פון זיין דור. שוין דער בעש"ט דערציילט וועגן זיך, אַז איין מאָל אום ראש השנה האָט ער גע־האַט עלית־נשמה און דערזען משיחן. ער האָט אים געפרעגט: „משיח, ווען קומסטו?" און באַלד באַקומען אַ תשובה: „ווען דיין תורה וועט זיך פאַר־שפּרייטן אויף דער גאָרער וועלט".

דער קאָזשעניצער מגיד איז נתגלה געוואָרן דורך דעם, וואָס דער בעש"ט אַליין איז אין אַ שטאָק פינצטערן שבת־צו־נאַכטס געקומען צום אָרעמען קינדערלאָזן איינבינדער, דעם גרויסן בעל־בטחון שבתי בנימין און מגלה סוד געווען, אַז ער, שבתי, וועט האָבן אַ בן־זכר, וואָס וועט פאַר־לייכטן די וועלט. דער בעש"ט האָט זיך דערביי אויסגענומען, אַז ווען שבתי וועט געהאָלפן ווערן, קומט דעם בעש"ט סנדקאות. ווען ס'קינד איז געקומען אויף דער וועלט, האָט מען אים אַ נאָמען געגעבן לויטן סנדק — ישראל.

דער ייד הקדוש איז געווען אַ זון פון גראַדזשיסקער רב, אַ גרויסער תלמיד חכם. ער אַליין דערציילט וועגן זיך, אַז זיינע דערגרייכונגען האָט ער בעיקר צו פאַרדאַנקען זיין שכן דעם קאַוואַל. ווען ער האָט נאָך געוווינט אין אַפּטאַ ביי זיין שווער, האָט דערנעבן געוווינט אַ קאַוואַל. ווען דער ייד הקדוש האָט זיך געלייגט שלאָפן האָט ער געהערט ווי דער קאַוואַל קלאַפּט מיטן האַמער. האָט ער ביי זיך געטראַכט — אויב דער קאַוואַל אַרבעט באמונה פאַר אַ חיי שעה וועגן, ווי אַזוי קען איך שלאָפן און חלילה פאַר־לירן מיין חלק עולם הבא. האָט ער זיך געזעצט לערנען הויך אויפן קול. דער קאַוואַל ווידער, הערנדיק, אַז דער יונגערמאַן לערנט, האָט געמיינט, אַז ס'איז נאָך נישט שפּעט, האָט ער געאַרבעט העט אין דער נאַכט אַריין. ממילא האָט דער ייד הקדוש אויך געלערנט ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין. דאָס זעלביקע איז אויך געווען אין דער פרי. צוזאַמען מיטן ערשטן האַמער־קלאַפּ האָט זיך דער ייד הקדוש שוין געפעדערט צו לערנען תורה. אַזוי אַרום איז דער ייד הקדוש געקומען צו זיין גרויסקייט.

דער ייד הקדוש פלעגט אָפט פּראַווען התבודדות אויפן היי־בוידעם

פון זיין שוויגער גאָלדעלע אין אפטא. ער האָט דאָרט שעהנווייז מתפּלל געוועזן מיט ברען און איז אָפטמאָל געפאַלן אין חלשות. איינמאָל בשעת התפילה זענען אים די ציין אַרויסגעפאַלן פון יראה. דער ערשטער, וואָס האָט זיך אויף אים דערקענט, איז געוועזן דער אפּטער בעל „אוהב ישראל". לויט דער עצה פון זיין אָסטראָווצער חבר האָט דער ייד הקדוש באַשלאָסן צו פאָרן קיין לובלין צום חוזה. א וואָך פאַר זיין קומען קיין לובלין האָט דער חוזה געזאָגט ביים טיש: „איך האָב געבעטן, אַז השי"ת זאָל מיר מגלה זיין, ווער עס וועט איבערנעמען די חסידים נאָך מיר, זיי פירן אין השי"תם וועגן, האָט מען מיר פון הימל מגלה געווען, אַז עס וועט קומען צו מיר איינער, וואָס וועט הייסן אַזוי ווי איך יעקב יצחק און ער וועט לערנען די חסידים צו דינען השי"ת בקדושה וטהרה".

ווען דער ייד הקדוש איז אָנגעקומען קיין לובלין, איז אים דער חוזה אַנטקעגנגעקומען מיט א פריידיקן שלום־עליכם, אים אַרומגענומען מיט ביידע הענט און געזאָגט: „יישר כוחכם, וואָס איר זענט געקומען צו מיר אַצינד. ווען איר זאָלט נישט געוועזן אַצינד קומען צו מיר, טאָ ווער ווייסט, צי איך וואָלט נישט אויסגעגאַנגען פון בענקשאַפט אייך צו זען. פון הימל האָט מען מיר געגעבן צו וויסן, אַז דער ייד, וואָס וועט נאָך מיר פירן די חסידים אין השי"תם וועגן וועט די טעג קומען צו מיר און וועט הייסן דעם זעלביקן נאָמען, וואָס איך".

אַנדערע דערציילן, אַז דער חוזה האָט שוין לאַנג „געוווסט", אַז דער ייד הקדוש איז „פון אויבן" באַשטימט צו ווערן א מנהיג הדור, נאָר ער האָט נישט געוואָלט פאַר דער צייט אויסזאָגן דעם סוד, בפרט, אַז ער האָט געזען, אַז א טייל לובלינער בייגן זיך צו ביסלעך אַריבער אויפן „יידס" זייט. פאַרן עולם איז ער נתגלה געוואָרן על פּי צופאַל, וואָס ער, דער שוואַ־בער און אויסגעדאַרטער, האָט איין מאָל ביינאַכט באַוויזן מיט זיין אַקסל אַרויסצוהייבן פון שניי א שווערן וואָגן מיט סחורה, וועלכן צען פויערים האָבן נישט געקענט אַרויסשלעפּן פון גרוב. דער עולם האָט באַלד דערזען, אַז עס איז „מן השמים".

נאָך מער געשטאַרקט איז ער געוואָרן אין דער אמונה פון זיין באַרוף דורך אַן אַנדערן צופאַל. ער האָט כסדר געוואַנדערט איבער פאַרשידענע

טעמערל פרוי פון בער שמולעוויטש־זאנענבערג,
די פּראָטעקטאָרין פון חסידות

ר׳ בער שמולעוויטש־זאנענבערג,
זון פון ר׳ שמואל זביטקאָווער

שטעטלעך, געבלאָנקעט זיך איבער די מערק און געהאַלטן אין איין זוכן משיחן. ער האָט זיך דערביי פאַרשטעלט פאַר אַ פויער, אין אַ סוקמאַנע און קאַשקעט. איין מאָל האָט ער אויף אַ יריד־גראָמניץ דערזען ווי אַ פויער פירט אַ שקאַפע. ביים דאָזיקן פויער האָבן די אויגן עפּעס מאָדנע געגלאַנצט. ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און פריידיק אויסגערופן: „אוי ס'איז דאָך אליהו הנביא". דער פויער איז אַריינגעפאַלן אין כעס און אויסגעשריען: „זשידזשע, יאַק וויעש, פּאַצאַ גאַדאַש?"*) און איז כהרף עין נעלם געוואָרן... אַזוי, הייסט עס, אַז אליהו הנביא אַליין האָט אים דעם גויאיש פאַרשטעלטן יעקב יצחקן אָנגערופן מיטן נאָמען „זשיד"־ייִד. פון דעמאָלט אָן האָט דער עולם אים אָנגעהויבן צו רופן „ייד הקדוש".

ער פלעגט נאָכדעם זאָגן, אַז דער טאָג פון ביאת המשיח איז אַ סוד. דער, וואָס ווייסט אים, איז נישט מסוגל אים מגלה צו זיין. און דער, וואָס איז אים מגלה, איז אַ סימן, אַז ער הייבט גאָרנישט אָן צו וויסן.

יש אומרים, אַז שפּעטער איז דעם לובלינער געוואָרן דערוויידער, וואָס דער אַפּטער יונגערמאַן טראָגט דעם זעלביקן נאָמען, וואָס ער, און דעריבער האָט ער אים אָנגעהויבן רופן „דער ייד". טייל האָבן געזאָגט, אַז עס שטעקט אין אים אַ ניצוץ פון מרדכי היהודי.

אַנדערע ווידער האַלטן, אַז דעם נאָמען „ייד" האָט ער זיך אַליין געגעבן צוליב תמימות און עניוות. ער האָט זיך געמאַכט באַרימט מיט זיינע נאָונישע חידושים. אָבער אין זיין באַשיידנקייט פלעגט ער יעדן איינריידן, אַז די חידושים זענען נישט זיינע. ווען מען פלעגט צו אים צושטיין, אַז ער זאָל ווייזן די ספרים, פון וואַנען ער נעמט די חידושים, האָט ער געענטפערט: „איך האָב זיי געהערט פון אַ יידן".

ער האָט שטאַרק ליב געהאַט אַ טרונק בראָנפן, געזאָגט, אַז נאָך אַ קעלישיקל פילט ער זיך אַ באַנייטער מענטש. אין בית־המדרש אין לובלין האָט ער זיך איינמאָל געווענדעט צום עולם: „ווער עס וויל זיך קויפן אַ חלק לעולם הבא, זאָל מיר באָרגן אַ פּאָר גראָשן אויף יי"ש". קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. דעמאָלט האָט ער פון זיך אַראָפּגענומען דעם גאַרטל

---

*) ייד, ואויב דו ווייסט, נאָכוואָס רעדסטו?

און אים פארמשכנט אין שענק. נאכן אויסנויגן ס'קעלישיקל האט ער געזאגט: „איצט האב איך געקויפט עולם הבא פאר זיך אליין". פון טרינקען איז ער גיך איבערגעגאנגען צו בארוישטער רעליגיעזער התלהבות.

וואס ווייטער זענען די באציאונגען צווישן „חוזה" און „ייד" געווארן אנגעצויגענער. דער „חוזה" האט זיך געפילט אנגעגריפן דורך זיין ריוואליזאטאר. דער „ייד" איז אוועק קיין פשיסכע. לכתחילה איז ער געווען א גמרא־מלמד, שפעטער איז ער געווארן אנערקענטער רבי. צו זיינע חסידים האבן געהערט דריי גרויסע תלמידי חכמים: ר' בינעם, ר' מענדל טאמאשאווער און ר' יהודה לייב לענטשנער. אין תוך איז דער „ייד" געווען מער גייסטיקער מנהיג איידער בעל־מופת. דער „ייד" פלעגט זאגן „א בעל־מופת צו זיין איז נישט קיין קונץ, א ליאדע בעל־מדרגה קען פארדרייען שמים וארץ. אבער א ייד צו זיין איז שווער".

דער רבי ר' בינעם האט געזאגט: „אין א שאצקאמער האב איך געזען א זאנג, וואס יעדעס קערנדל זיינס איז לויטער גאלד. מיין רבי, דער „ייד הקדוש" פון פשיסכע, איז אויך אזא גאלדענע זאנג".

דער „שפת אמת" האט געזאגט: „ער פלעגט אלע טאג פון נישט־ייד ווערן ייד. ער האט זיך יעדן טאג געזאגט, אז ער איז נאך אלץ נישט גענוג ייד און ער דארף נאך דורך מעשים טובים ווערן א ייד".

יעדעס שלעכטס — פלעגט דער „ייד" זאגן — האט אין זיך אויך עפעס גוטס. ס'איז אפילו אויך אמאל גוט צו זיין אן אפיקורס. ווען עס קומט צו דיר אן ארעמאן, ווערסטו מיטאמאל א גרויסער חסיד ומאמין און זאגסט צו אים: „זאל דיר גאט העלפן". כ'איז אבער דאסמאל גלייכער צו זיין אן אפיקורס און אים זאגן: „אויב איך וועל אים נישט העלפן, וועט אים קיינער נישט העלפן".

זיינע תפילות זענען געווען איין שטיק פייער. פון גרוים התלהבות פלעגט ער בשעתן דאווענען אפט פאלן אין חלשות און זיין א לענגערע ווייל פארביי. ערשט ווען דער רבי ר' בינעם האט אים אנגעהויבן שפילן אויפן פידעלע „לא המתים יהללו יה", פלעגט דער „ייד הקדוש" קומען צו זיך.

גאר אויסטערליש איז פאר זיך אליין נתגלה געווארן ר' בינעם פשיס-

כער. ער איז תמיד געווען סוחר און מתנגד. נאכדעם ווי ער האט פאר־לאזט די שטעל ביי טעמערל, איז ער געווארן זעלבשטענדיקער „דאנציקער סוחר", געפירט אהין תבואה. איינמאל האט ער אויפן ווידיסלאווער מארק ביי א פויער איינגעהאנדלט א וועגעלע תבואה און דערביי זיך מיטן פויער געדונגען וועגן פרייז און עפעס נישט געקענט משווה ווערן. דער פויער האט פארלאנגט, אז ר' בינעם זאל „בעסערן", דאס הייסט העכערן דעם מקח און דערביי געזאגט „פאפראווטשע" (פארבעסערט). ס'דאזיקע ווארט איז ר' בינעמען אריין טיף אין דער מחשבה. הייסט עס, אז אפילו א פרעמ־דער פויער עצהט אים, אז ער זאל זיך אליין און אויך יענעם „אויסבעסערן", ד"ה מתקן זיין. ער האט פארשטאנען, אז ער דארף תשובה טאן און זיך גרייטן צו רביסטווע...

פירן רביסטווע איז ווייט נישט ס'זעלביקע וואס האלטן רבנות. דער אמאליקער רב, דער למדן, איז געווען אפגעשלאסן אין ד' אמות של הלכה און אפט געבליבן לעבנספרעמד, נישט געהאט קיין השגה וועגן טאג־טעג־לעכע ענינים; טיילמאל נישט געקענט אפילו קיין צורת מטבע. וועגן קינצ־קער רב דערציילט מען, אז ער איז געווען אינגאנצן אויסגעטאן פון עולם הזה און מילי דעלמא. בעת א דין־תורה, וואס צוויי סוחרים האבן ביי אים געהאלטן, איז ארויפגעשווומען א שארפע חלוקי דעות צווישן די צדדים, וועגן דער צאל סחורה, וואס איז געבליבן ליגן אויף דער באן־ראמפע. ביי־דע האבן אויפגעגעבן אנדערע סכומים און זיך באין אופן נישט געקענט אייניקן. דער קינצקער גאון איז דעמאלט געפאלן אויף א „גליקלעכער" המצאה: „צו וואס זאלט איר זיך אומזיסט אמפערן וועגן דער צאל סחורה, וואס איז פארבליבן אויף דער ראמפע, עלעהיי לאמיר אהער רופן די ראמ־פע גופא, וועט זי אלס נישט נוגע אונדז זאגן דעם ריינעם אמת"...

דער חסידישער רבי דאקעגן, איז נישט קוקנדיק אויף זיין דביקות און שטענדיקער הימל־גלאצעריי, דאך געווען א לעבנס־מענטש. ער איז נישט געווען אינגאנצן צוגעשמידט צו דער גמרא, נאר געהאט אפענע טירן פאר אלעמען. ער איז געקומען אין בארירונג מיט טויזנטער חסידים פון פארשידענע שטעט. יעדער האט זיך פאר אים פארטרויט און באקלאגט, אזוי אז ער איז געווען אויסגעבונדן מיט אלע לעבנס־דאגות און געהאט

אויך א פּראַקטישן חוש. אַ סך פון זיי האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זעל־טענער לעבנס־חכמה.

אין פּוילישן חסידות לאָזן זיך צייכענען דריי גרונד־שטריכן: מ ש י ־ ח י ש ק י י ט, ע ט י ש ע ג ע ל י י ט ע ר ט ק י י ט און מ ו פ ת י ם.

דער חסידישער רבי אין פּוילן האָט זיך אַליין און אויך זיינע חסידים בסדר געלייטערט דורך מצוות מעשיות, וועלכע מ'איז מקיים לפנים משורת הדין, דורך הייסער תפילה און מעשים טובים, בכדי ענדלעך „אַראָפּצו־ברענגען משיחן". יידן ליידן נעבעך צרות, לעבן אין דחקות און נויט, ווערן אויסגעריסן אין מלחמה פאַר פּרנסה, שטייען אויס בזיונות מצד גויאישע שקצים, און בעיקר מ'קען נישט אָפּהיטן קיין יידישקייט, ווייל מ'איז אָנ־געוויזן אויפן חסד פון גוי. ווי לאַנג, רבש"ע, איז דער שיעור צו זיין אין גלות ביי אַנטעקן? און בכלל, וואָס איז דאָס פאַר אַ תכלית פאַר ערלעכע יידן צו מאַרנעווען ס'ביסל יאָרן אין אַ ראָספּשע אָדער וולאָשטשאָווע, בעת ס'איז פאַר זיי „אָנגעגרייט" ס'הייליקע לאַנד, וווּ יידן וועלן זיין פריי פון ביטערע גזירות און דערהויפּט פון שווערן עול פּרנסה, ווייל אַז משיח וועט קומען, וועט מען שוין נישט דאַרפן קיין פּרנסה...

פאַר דעם, אַז דאָס אַלץ זאָל מקוים ווערן איז קיין דרך הטבע נישטאָ; די גאולה מוז קומען על פּי נס, מ'מוז וועלן אין הימל... טענהן זיך טאַקע פּוילישע רביים אויס מיטן רבש"ע היימישלעך, היתכן? וווּ איז יושר? עד מתי? לכתחילה פּרוּוון זיי ריידן מיטן רבש"ע מיט גוטן, מיט תחנונים, שפּעטער הייבן זיי אָן דראָען מיט... תעניתים און סיגופים און אַן עק זאָל דאָס נעמען!

מ'דערציילט, אַז דריי גרויסע פּוילישע רביים האָבן זיך אָפּגעשלאָסן אין אַ פאַרלייגטן חדר, ווו זיי האָבן פאַרבראַכט דריי מעת לעת, אַרומ־ריידנדיק דעם ענין וועגן דוחק זיין דעם קץ. ס'איז דאָרט געשלאָסן גע־וואָרן אָן אָפּמאַך, געשטיצט דורך אַ פייערלעכן תקיעת־כף, אַז זיי וועלן אַלע נישט רוען כל זמן זיי וועלן נישט „ב'גוואַלד" אַראָפּברענגען משיחן... די רביים זענען געווען: דער לובלינער, דער קאָזשעניצער און ר' מענדל רימאַנאָווער. דאָס איז געווען פאַר סוכות תקע"ה. זיי האָבן באַשלאָסן, אַז

אויב דער גואל וועט קומען, וועלן זיי אָפּשאַפן דעם תענית תשעה באב און וועלן דעם טאָג פאַרוואַנדלען אין אַ יום־טוב.

אַנדערע רביים האַלטן, אַז דער הימל האָט שוין ס'זייניקע געטאָן, ד"ה אָראָפּגעשיקט משיחן אויף דער ערד. נישט מער, משיח אַליין וויל זיך דערוויל נישט אַנטפּלעקן, ער וואַרט אויף אַ שעת הכושר. און אָט דער שעת הכושר איז טאַקע געווענדעט אין אונדז אַליין. אויב מיר וועלן תשובה טאָן, וועט ער נתגלה ווערן. אַ טייל ווידער אומגעדולדיקע רביים קענען נישט „איינזיצן" אין דער היים און רואיק וואַרטן. זיי לאָזן זיך אַי־בער פּוילישע געמערק און ירידים און האַלטן אין איין זוכן משיחן. דער עולם גלויבט, אַז סוף כל סוף וועט זיך משיח פון די צדיקים הענט נישט אַרויסדרייען.

די מיינונג פון די פּרומגלויביקע פאָלקס־מענטשן וועגן די חסידישע רביים איז געווען גאָר אַ געהויבענע און אָפט דערגאַנגען ביז צו פאַרהייליקונג. נישט קיין וואונדער, וואָס במשך פון איבער הונדערט יאָר זענען די כלערליי רביים אָדער — ווי זיי זענען על פּי רוב גערופן געוואָרן — צ ד י־ ק י ם אין פּוילן אַרומגעוועבט געוואָרן מיט אַ שלייער פון אומצייליקע פּילפאַרביקע לעגענדעס, וועלכע דערציילן בילדעריש וועגן די רביים קדושה, גייסטיקער גבורה און מופתים. אַלע זייערע טראַכטונגען און טאַטן ווערן אין תוך דערפירט צו אַ צענטראַל־פּונקט — א ה ב ת י ש ר א ל. די זעלביקע לעגענדעס שפּיגלען באַגלייך אָפּ די אַלגעמיינע לאַגע פון די יידן אין פּוילן, זייער מאַטעריעלן מצב, גייסטיקן מעמד, מנהגים און לעבנסשטייגער.

דערביי ווערט קלאָר, אַז ס'רוב חסידישע מעשיות, וואָס ווערן דער־ציילט פון מענער באַציען זיך דערהויפּט צום אַלגעמיינעם גורל פון פאָלק ישראל, זייער האָפענונגען אויף גאולה, אָפּשרייען גזירות און צומאָל אויך הילף און פּרנסה. דאַקעגן די ניסים ונפלאות, וואָס ווייבער דערציילן זיך אָן וועגן די הייליקע צדיקים, זענען אויסשליסלעך נוגע זייערע „אויפטוען" אין טאָג־טעגלעכן לעבן, ווי ראַטעווען אַ קראַנקן, אַרויסטרייבן אַ דיבוק, העלפן אַן עקרה אד"גל.

זייער פיל מעשיות זענען פאַרשפּרייט ביים פאָלק וועגן דעם גרויס־

קייט און איבערגעגעבנקייט פון קאָזשעניצער מגיד. דערביי איז ביים קאָזשעניצער צו ביסלעך קאָנטיק דער געמיט־צושטאַנד פון זיין רבין, דעם בערדיטשעווער (קדושת לוי). פונקט ווי ר׳ לוי יצחק, שמועסט ער זיך געמיטלעך אויס מיטן רבש״ע און טרעט אויף ווי א מליץ יושר פאַר יידן.

דער קאָזשעניצער מגיד איז א זון פון אַן אָרעמען איינבינדער. ער האָט געלערנט מיט גרויס התמדה, אריינגעטאָן אין סיגופים; ער איז געווען זייער אָפּגעשוואַכט, קליין און מאָגער, שטענדיק געלעגן אין בעט — „א זאַק מיט ביינער". דאַקעגן ווען ער האָט תפילה געטאָן איז זיין צונג פאַרוואַנדלט געוואָרן אין א פלאַם; ער האָט ממש איינגעלייגט הימלען. דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון חסידות האָט ער מקבל געווען פון מעזריטשער מגיד. ער דערציילט, אַז איידער ער איז געפאָרן קיין מעזריטש, האָט ער דורכגעלערנט אַכט הונדערט קבלה־ספרים, און ווען ר׳איז געקומען צום מגיד, האָט ער ערשט געזען, אַז ער האָט נאָך גאָרנישט געלערנט. פון איין זייט איז ביי אים קענטיק דער אוממיטלבאַרער איינפלוס פון „קדושת לוי", מיט וועלכן ער האָט זיך געטראָפן אין זשעלעכאָוו. פון דער אַנדערער זייט איז צו זען די השפעה פון רבין ר׳ אלימלך ליזשענסקער, דערהויפּט אין ענין פראַווען מופתים. ער איז געווען א גוטער ייד. געגעבן חולאים פאַרשידענע זאַלבן און קרייטעכצער, געהאָלפן עקרות, געגעזן קראַנקע אד״גל.

אין טאָג־טעגלעכן לעבן איז ער געווען זייער אָפּגעהיט מיט א וואָרט, די אמוראים, תנאים און אפילו שפּעטערע מפורשים און פוסקים פלעגט ער טיטולירן „הקדוש". אויך „רש״י הקדוש", „רבנו ת״ם הקדוש", דער „רמב״ם הקדוש" אאז״וו. ער האָט ארויסגעהויבן דעם אפּאַטעאָז פון צדיק. די צדיקים לערנען מיטן רבש״ע ווי ער זאָל זיך נוהג זיין מיט זיינע קינדער, ד״ה מיטן אויסדערוויילטן פאָלק; ער זאָל מבטל מאַכן שווערע גזירות און באַנייען ישועות ונחמות. און גראָד איז דעמאָלט ס׳יידישע לעבן אין פוילן געווען באַשווערט מיט שווערע גזירות.

דער קאָזשעניצער מגיד איז באַקאַנט ווי א חלוש, ער האָט זיך קוים־קוים געהאַלטן אויף די פיס און איז ס׳רוב געלעגן צו בעט. פונדעסטוועגן איז ער גאַנץ יום־כיפור פון כל נדרי ביז נעילה געשטאַנען אויף די פיס פאַרן עמוד. א יאָר פאַר זיין פּטירה האָט ער זיך געפילט זייער שוואַך, און

דאָך האָט ער געזאָגט כל נדרי פאַרן עמוד. ווען ער איז צוגעקומען צו די פסוקים „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך" האָט זיך דער „הייליקער מגיד" אַני-דערגעשטעלט און אָנגעהויבן טענהן צום השי"ת בזה הלשון: רבונו של עולם, דיין שטאַרקייט איז דאָך נישט באַוווסט קיין שום ברי׳ אויף דער וועלט אויסער דיר אַליין. און מיין שוואַכקייט קען אויך קיינער נישט וויסן אויסער דיר. און אין דעם קען מען וויסן, ווי שוואַך איך בין היינט, אַז איך פלעג שטענדיק דאַווענען אַלע טאָג פאַרן עמוד און היי־יאָר האָב איך נישט געדאַוונט. קיינער ווייסט דאָך נישט דעם אמת, אַז דאָס איז בלויז צוליב מיין שוואַכקייט, אויסער דיר רבש"ע. בכל זאת אַ גאַנצן חודש אלול האָב איך יאָ געדאַוונט פאַרן עמוד און דו, רבש"ע, ווייסט דאָך דעם אמת, אַז איך האָב נישט מיך אין זינען געהאַט, נאָר דיין פאָלק יידן און איך האָב פאַר זיי מתפלל געווען. דעריבער פרעג איך דיך, רבש"ע, פאַרוואָס איז פאַר מיר קיין שום זאַך נישט שווער צו טאָן פאַר יידנס־וועגן כאָטשע איך בין אַזוי שוואַך. און דו, וואָס ביסט אַזוי שטאַרק, איז פאַר דיר שווער צו זאָגן — „סלחתי כדבריך"...

ער טענהט זיך ווייטער אויס מיטן אויבערשטן: אפשר ווילסטו נישט זאָגן די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך", ווייל ס׳איז נישטאָ קיין צדיקים אין דור? דו האָסט דאָך אין רימאַנאָוו דעם הייליקן ר׳ מענדעלע פריסטר-קער, וואָס ער באַשטייט פאַר אַ סך צדיקים פון דער וועלט. און אפשר, רבש"ע, ווילסטו נישט זאָגן די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך", ווייל עס איז נישטאָ די „אורים ותומים", האָסטו דאָך דעם הייליקן חוזה פון לובלין ר׳ איציקל לאַנצוטער, וועלכער לייכט אַזוי ווי די „אורים ותומים", וואָס זענען געווען אויפן כהן גדול. און אפשר, רבש"ע, ווילסטו דעריבער נישט זאָגן די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך", ווייל ס׳איז נישטאָ קיין בעל-תשובה אויף דער וועלט? זיי וויסן, אַז כאָטש איך בין אַזוי שוואַך, בין איך גרייט תשובה צו טאָן פאַרן כלל ישראל, אבי דו זאָלסט זאָגן די צוויי ווערטער „סלחתי כדבריך". ער האָט אַזוי איבערגעחזרט עטלעכע מאָל ביז ער האָט געהייסן דעם עולם זינגען און האָט מיט אַ הויך קול געגעבן אַ געשריי — „ויאמר ד׳ סלחתי כדבריך".

אין דעם אייגענעם יום הקדוש האָט דער הייליקער רבי פון לובלין

ז"ל געזאָגט צו זיינע חסידים: „ווי העלפט שוין השי"ת, אז עס זאָל ווערן נאַכט און מיר זאָלן הערן גוטע בשורות פון קאָזשעניץ, וואָרום דער, וואָס ליגט שטענדיק אין בעט, איז מרעיש עולמות".

ווען מען האָט עס פאַרציילט דעם הייליקן ריזשינער ז"ל, האָט ער געזאָגט: „איך גלויב באמונה שלמה, אז דער קאָזשעניצער מגיד האָט גע־הערט פון השי"ת אליין די ווערטער „סלחתי כדבריך", א זיסטן וואָלט ער נישט געווען ווייטער געדאַווענט".

דער קאָזשעניצער מגיד האָט זיך אַריינגעטראַכט אין יידישן גורל. פון איין זייט האָט ער איינגעזען, אז יידן זענען לערער פון אלע פעלקער, און פון דער אַנדערער זייט ווידער, אז יידן ליידן צרות פו אלע פעלקער. ענדלעך האָט ער אויסגערופן: „רבש"ע, לייז אויס די יידן פון די גויים, אויב נישט לייז אויס די גויים פון די יידן".

אָריגינעל זענען געווען זיינע תורה־איינטייטשונגען. ער שטעלט זיך אָפּ אויפן פסוק: „וכי יזיד איש על רעהו להרגו בערמה מעם מזבחי תקחנו למות" (און אז אַ מאַן וועט מוטוויליק קומען אויף זיין חבר אים צו הרגע־נען מיט ליסטיקייט, זאָלסטו פון מיין מזבח אים אַראָפּנעמען צו שטאַרבן" משפטים כ"א ־ י"ד). און זאָגט: „דער ארי הקדוש ברענגט אין זיין סידור אַ קבלה פון אליהו ז"ל, אז ס'איז אַ סגולה מבטל צו זיין אַ מחשבה זרה, אַ שלעכטן געדאַנק, צו זאָגן דעם פסוק „איש תמיד תוקד על המזבח". אזוי איז מעגלעך צו דערקלערן אָט דעם פסוק. „וכי יזיד איש" ווען דער יצר־הרע וועט זיך דערדרייסטן „על רעהו" אויף דעם יצר־טוב, וועלכע זע־נען ביידע צוזאַמען אינעם הארץ פון מענטש „להרגו בערמה" אים צו הערגענען מיט כיטרעקייט, אַ שלעכטן געדאַנק. דעמאָלט „מעם מזבחי תקחנו למות" (זאָלסטו פון מיין מזבח אים אַראָפּנעמען צו שטאַרבן). דע־מאָלט איז אַ סגולה צו זאָגן דעם פסוק „איש תמיד תוקד על המזבח".

ווידער טייטשט ער דעם פסוק „זאת חקת התורה אשר צוה ה' לאמר ויקחו אליך פרה אדמה" (דאָס איז ס'געזעץ פון דער תורה, וואָס גאָט האָט באַפוילן אזוי צו זאָגן: זיי זאָלן דיר ברענגען אַ רויטע קו. — במדבר י"ט). די גמרא זאָגט, אז אייגנטלעך האָט מען געברויכט צו לייענען פרשת



דער קאזשעניצער מגיד

(לויט אַן אלט בילד)

החודש פאַר פרשת הפרה. נאָר פאַרוואָס לייענט מען פרשת הפרה פריער? ווייל אין איר איז פאַראַן די טהרה פון ישראל. די כוונה איז, אַז אין דער צייט, ווען ס'בית המקדש שטייט נישט, איז ס'לייענען די פרשה פון קרבנות אַזוי גוט ווי מ'וואָלט מקריב געווען די קרבנות. אַזוי איז אויך ס'לייענען די פרשה פון פרה אדמה אונדז מטהר מיט גייסטיקער ריינקייט פונקט ווי די פרה אדמה האָט אַמאָל מטהר געווען לכבוד דעם קומענדיקן דגל. אָט דאָס איז מרומז דער פסוק „זאת חקת התורה, אשר צוה ה' לאמור", ד"ה ס'וועט זיין אַמאָל אַ צייט, ווען ס'וועט גענוג זיין ס'בלויזע זאָגן, דהיינו דעמאָלט, ווען ס'בית המקדש וועט שוין נישט זיין.

דער „ייד הקדוש" איז אויפגעגאַנגען פאַר דער וועלט דורך התמדה און רוח הקודש. און דער חוזה, ד"ה דער רבי פון לובלין, איז אוועק פון דער וועלט צוליב מסירת נפש פאַרן כלל ישראל. זיינע תלמידים האָבן אים געבעטן, אַז ער זאָל ענדלעך „ברענגען משיחן" און ער האָט זיי צוגעזאָגט. אום שמחת תורה תקע"ה פאַר די הקפות האָט ער שטאַרק „געאַרבעט" ווענן דעם און ער האָט נישט געוואָלט גיין צו הקפות ביז עס וועט העלפן זיין בקשה. פלוצים איז ער פון גרויס צעטראָגנקייט מיט דער מיטהילף פון דער סטרא אחרא אַרויסגעפאַלן פון פענצטער און די חסידים האָבן אים צו־מאָרגנס געטראָפן ליגן אויפן הויף מיט צעבראָכענע פיס. ער איז אָפּגע־לעגן אין בעט ביז תשעה באב און אין זעלביקן טאָג נפטר געוואָרן. מתנג־דים האָבן זיין אַרויספאַלן פון פענצטער אויסגעטייטשט גאַנץ אַנדערש...

דער רבי פון לובלין האָט געגלויבט אין כוח פון ציבור, ווייל פון ציבור עמאַנירט אַ גרויסער לעבנסשטראָם, וואָס קען מבטל מאַכן אפילו אַ גזר־דין מן השמים. אַמאָל איז צו אים געקומען אַ יונגערמאַן אויף שבועות. זיין נסיעה איז געווען אַ שווערע, מחמת ער איז געקומען קיין לובלין קעגן ווילן פון זיין אייגן ווייב. נאָכן געבן שלום האָט דער רבי באַפוילן, אַז דער יונגער חסיד זאָל תיכף ומיד צוריקפאָרן אַהיים. קיין שום תחנונים האָבן דאָ נישט געהאָלפן. דער יונגערמאַן איז אוועק אַהיים און אויפן וועג זיך פאַרהאַלטן אין אַ קרעטשמע. אין דער קרעטשמע זענען גראָד אָנגעקומען חסידים, וועלכע זענען אויך געפאָרן צום רבין קיין לובלין. זיי האָבן זיך פונאַנדער־

געשמועסט מיטן יונגנמאַן, וועלכער האָט זיי אויסדערציילט זיין ביטער האַרץ, אַז ער מוז אַהיימפאָרן, ווייל אַזוי איז דער בפירושער ווילן פון רבין. די חסידים האָבן דערווייל גענומען צו ביסלעך בראַנפן, געטרונקען איינער צום אַנדערן און יעדעס מאָל גענומען די האַנט פון יונגנמאַן און געזאָגט צו אים „לחיים!". לסוף האָבן זיי אים נישט געהייסן גיין אַהיים, נאָר פאָרן מיט זיי צוזאַמען צום רבין אויף יום־טוב. ווען זיי זענען געקומען קיין לובלין, איז דער יונגערמאַן צוזאַמען מיט אַלע חסידים אַריין צום רבין נעמען שלום. דער רבי האָט אים געפרעגט: „זאָג מיר נאָר, ביי וועלכן צדיק ביסטו געווען?" דער יונגערמאַן האָט אַלץ דערציילט, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער קרעטשמע, דערהויפּט, אַז חסידים האָבן צו אים גע־טרונקען לחיים. דער רבי האָט געזאָגט: „האָ, האָ, נישט אומזיסט זאָג איך שטענדיק, אַז דאָס, וואָס צען חסידים קענען פועלן, וועט קיין שום צדיק נישט קענען אויספועלן"... שפּעטער איז באַקאַנט געוואָרן, אַז דער חוזה האָט ברוח הקודש געזען, אַז אין הימל איז נגזר געוואָרן, אַז דער יונגער־מאַן זאָל חלילה שטאַרבן האָט ער אים דעריבער באַלד אַהיימגעשיקט, כדי ער זאָל נישט שטאַרבן אין דער פרעמד. אָבער היות אַ מנין חסידים האָט צו אים געטרונקען לחיים, איז מיט דעם צעריסן געוואָרן דער גזר־דין און עס זענען געמערט געוואָרן זיינע יאָרן. דער מדרש זאָגט, אַז יידן זיצן בייניאַנד און טרינקען לחיים, איז זיי דער אויבערשטער מוחל די עבירות, אַפילו ווען עמעצער צווישן זיי איז אין הימל געפּסקנט געוואָרן, חס ושלום, צו מיתה.

דער רבי מלובלין האָט געהאַט אין פּוילן אַ ברייטן שם ווי אַ גרויסער בעל מופת. אָבער ער אַליין האָט אַן אייגנאַרטיקן בליק אויף דעם ענין ניסים.

אַמאָל איז צו אים געקומען אַ ייד מיט אַ קראַנק יינגל, וואָס האָט געהאַט געליימטע פיס און נישט געקענט גיין. ער האָט דעם יינגל אַוועק־געלייגט אויף דער סאָפע און געבעטן ביים רבין הילף. דער רבי איז צו־געגאַנגען צום יינגל, אים אויסגעגלייכט די פיסלעך און אַראָפּגעשטעלט אויף דער ערד און אַליין זיך צוריקגעצויגן. „הער אויס, יינגעלע, אַז איך

זועל דיר געבן צוויי גראָשן, ווען סטו אַהערגיין צו מיר?" „יאָ" — האָט ס'יינגל געענטפערט און איז תיכף געגאַנגען צום רבין. „און אַז איך וועל דיר ווידער געבן צוויי גראָשן, וועסטו צוריקגיין צו דער סאָפע?" „יאָ" — האָט ס'יינגעלע געענטפערט און איז באַלד צוריקגעגאַנגען. דער רבי האָט דעמאָלט געזאָגט צום פאָטער: „נעם ס'יינגעלע אויף די אַקסלען און טראָג אים אַהיים. ער קען שוין גיין, נאָר לאָז אים נאָך נישט גיין צוליב אַן עין־הרע". ווען די חסידים זענען דערפון געוואָר געוואָרן, האָבן זיי זיך שטאַרק געוואונדערט איבער אָט דעם נס. דער רבי האָט זיי דערקלערט: „אייך קומט עס אויס ווי אַ גרויס וואונדער, ווייל עס איז חוץ לדרך הטבע, באמת איז עס נישט קיין וואונדער, וואָרום די טבע אַליין איז אַ וואונדער, נאָר ווייל מיר זעען עס פיל מאָל, ווייזט זיך אונדז אויס, אַז עס דאַרף שוין זיין אַזוי. דער מענטש, וואָס ווייסט אָבער, אַז די טבע איז פון השי"ת, פאַר־שטייט, אַז אַלץ וואָס מיר זעען אויף דער וועלט איז אַ קייט פון וואונדער, וואָס דער אויבערשטער ווייזט זאַכן, וואָס זענען חוץ לדרך הטבע. דאָס איז טבע, וואָס איז פאַרקערט פון דער טבע. דער פאַל מיטן לאָמען יינגל ווייזט, אַז ס'איז נישט קיין וואונדער, ווייל ס'איז דער זעלביקער וואונדער, וואָס יעדער מענטש גייט. אויב אַלץ, וואָס געשעט, איז אַדאַנק דעם, ווייל אַזוי איז דער רצון פון השי"ת, גלויב איך, אַז ווען השי"ת וועט וועלן, אַז ס'לאָמע יינגל זאָל גיין, וועט עס גיין"..

ענלעך האָט זיך שפּעטער אויסגעדריקט דער „חפץ־חיים". ווען מען האָט אים דערציילט, אַז ס'זענען פאַראַן משכילים, וואָס גלויבן נישט אין קריעת ים־סוף צוליב דעם איינציקן טעם, וואָס זיי פאַרשטייען נישט מיטן שכל אַזאַ אויסטערליש געשעעניש, האָט ער געזאָגט: „קריעת ים־סוף פאַר־שטייט איר נישט, און בריאת ים־סוף פאַרשטייט איר יאָ?"...

דער רבי פון לובלין האָט געשטאַמט פון לאַנצוט, נישט ווייט פון ליזשענסק. מ'האָט אים מאַקע אויך גערופן איציק לאַנצוטער. ר'איז געווען אַן אָפטער אורח ביים רבין ר' אלימלך. ער האָט זיך באַזונדער אויסגע־צייכנט מיט אַ „וויטן קוק". ער האָט בפירוש געוווּסט „וואָס עס טוט זיך ביי אַן אַנדערן". ר' צבי הירש זשידיטשיווער האָט זיך דערוועגן אויס־

געדריקט: „דעם לובלינערס אויגן האָט אפילו דער רבי ר׳ אלימלך נישט געהאַט״.

מתנגדים האָבן צו אים געהאַט טענות, באשר ער רייסט פון זיינע אָרעמע „קליענטן״ צו גרויסע פדיונות און דאָס איז אוודאי נישט קיין מידה פון קיין צדיק. דער לובלינער האָט עס אויסגעטייטשט אויף אַזאַ אופן: לעולם, אז דער צדיק שטעלט זיך מתפלל זיין פאַר זיינם א חבר אָדער הסיד, קען דאָך דער השי״ת פרעגן: „היתכן, פונוואַנען נעמט זיך צו דיר אַזויפיל עזות, אַז דו זאָלסט מיינען, אַז דיין תפילה וועט גיכער אָנגענומען ווערן אין הימל איידער די תפילה פון דיין חבר? ס׳טייטש, ער קען דאָך אליין בעטן״. דעמאָלט האָט טאַקע דער צדיק א פאַרענטפערונג פאַרן הימל, אַז ער טוט עס צוליב דעם שכר ממנות, וואָס ער באַקומט...

ווען מתנגדים האָבן אים פאַרגעוואָרפן, אז ער איז נישט גאָר קיין געהויבענער צדיק, פלעגט ער ענטפערן, אַז וועגן נחן זאָגט זיך „איש צדיק תמים היה בדורותיו״. די חז״ל זאָגן, אַז „יש דורשים אותו לשבח ויש דורשים אותו לגנאי״. פאַרוואָס זאָל מען עפּעס אויסטייטשן דעם פסוק אַזוי, אַז ס׳זאָל זיין פאַר נחן גנאי, א שאַנד? אָבער דער לגנאי איז גע-מיינט, אַז נח האָט זיך געהאַלטן אַזוי עניוותדיק, אַז נאָר אין זיין דור הייסט ער צדיק. אָבער ווען ער וואָלט געלעבט אין א דור פון אברהם אבינו, וואָלט ער גאָרנישט געוועזן קיין חשוב. קומט אויס, אַז דאָס איז נאָך מער כבוד פאַר נחן, איידער אין ערשטן פאַל.

אין די לעצטע יאָרן האָט ער געפירט א שטאַרקן קאַמף קעגן „ייד הקדוש״, וועלכער האָט ביים לובלינער בּיסלעכווייז אוועקגענומען דעם גאַנצן עולם חסידים. אין קאַמף קעגן „ייד״ האָט זיך אויך ליידנשאַפטלעך באַטייליקט דעם לובלינערס דריט ווייב, וועלכע האָט אָנגעפירט גרויסע אינטריגעס און געשאָלטן דעם „ייד״ מיט טויטע קללות. דערפאַר האָט דער „ייד״ זי מעניש געוועזן, אַז איר קינד איז געשטאָרבן.

דער תלמיד פון לובלינער און פון ר׳ מענדל רימאַנאָווער — נ פ ת ל י ה ו ר ו ו י ץ פ ו ן ר אָ פּ ש י ץ (תק״ב - תקפ״ז) האָט אין זיך פאַר-אייניקטביידע חסידות-שטרעמונגען פון קאָנגרעס-פּוילן און גאַליציע. דער

דאָזיקער יונגער וויין־סוחר פון דוקלע האָט כסדר באַשטרעבט צו לייטערן די נשמה פון יעדן יידן, כדי דערגיין צו אַ העכערער עטישער מדרגה און ראוי צו זיין צו גאָט־דערקענטעניש. אַרום אים זענען דורך די חסידים גע־שפּינען געוואָרן אַ סך מעשיות, וואָס זאָגן וועגן זיין גרויסקייט, לויטער־קייט און וויזיאָנערישקייט.

ער איז געוואָרן רב אין ראָפּשיץ אויף אַ גאָר „געהיימען" אופן. נאָכדעם ווי אין ראָפּשיץ איז נפטר געוואָרן דער אַלטער רב, זענען עטלעכע באַלעבאַטים אַריבערגעפאָרן קיין רימאַנאָוו זיך שואל עצה זיין מיטן רבין ר' מענדל וועמען אויפצונעמען פאַר אַ רב אין ראָפּשיץ. זיי זענען געבליבן אין רימאַנאָוו איבער שבת. ביי שלוש־סעודות, ווען ס'איז שוין געווען שטאָק פינצטער, האָט דער רבי גענומען ריידן וועגן ראָפּשיצער רבנות. פּלוצים האָט זיך פון דער פינצטער דערהערט אַן אויסטערליש קול: „ווען ר' נפתלי דוקלער זאָל וועלן אוועקלייגן זיין וויין־געשעפט, וואָלט גלייך געווען אים נעמען פאַר אַ רב אין ראָפּשיץ". דער רבי האָט גלייך געהייסן אָנצינדן אַ ליכט, כדי צו זען, ווער ס'האָט געלאָזט פאַלן אָט די ווערטער. ער האָט אויסגעפרעגט אַלע אָנוועזנדיקע חסידים און קיינער האָט נישט געוווסט פון וואָס צו זאָגן. דער רימאַנאָווער האָט באַלד צוגעגעבן: „מ'זעט דאָך, אַז ס'איז אַ כרוז מן השמים"...

דער ראָפּשיצער האָט געהאַט אַן טיפערן לעבנס־באַנעם, אָפּט זיך קאָנטראָלירט, אָפּגעשאַצט זיין לעבנסוועג, תמיד געזוכט, צי ער האָט נישט מיט וואָס עס איז געזינדיקט. יעדן ערב יום־כיפור פלעגט ער ביטער וויי־נען, ער האָט געזאָגט, אַז ר'שעמט זיך פאַר גאָט, הלמאַי ער האָט ווייניק תשובה געטאָן. פונדעסטוועגן איז ער געווען אַ לעבעדיקע נאַטור, און נישט קוקנדיק אויף זיין טיף רעליגיעזן געפיל איז ער געווען שפּילעוודיק און וויציק. אין ערנסטע שמועסן פלעגט ער צומאָל אַריינוואַרפן אַ גלייכווערטל. בעת ר'איז געווען יונג און געפאָרן קיין לובלין, האָט ער דאָרט משמח גע־ווען דעם עולם. דערצו האָט אים געאַרט, הלמאַי דער לובלינער שטייט צו לאַנג שמונה עשרה. דער לובלינער ווידער האָט געלייגט גרויסע האָפענונ־גען אויפן ראָפּשיצער, דערפאַר האָט ער נישט געקענט פאַרטראָגן זיינע

גלייכוווערטלעך. איין מאָל האָט ער צוגערופן דעם יונגן ראָפּשיצער און אים געוואָרנט: „נפתלי, אויב דו וועסט במשך פון אַ גאַנץ יאָר נישט זאָגן קיין גלייכוווערטל, וועסטו דערגיין צום מיין מדרגה". האָט אים ר' נפתלי געענטפערט: „רבי, אויב איר וועט נישט שטיין אַזוי לאַנג שמונה עשרה, וועל איך פאַרשפאָרן זאָגן גלייכוווערטלעך". איין מאָל איז דער רבי אין בית המדרש זייער לאַנג געשטאַנען שמונה עשרה. אַזוי ווי ער האָט זיך אויסגערוקט, האָט ער באַמערקט, ווי דער גאַנצער עולם איז צעלאַכט, האָט ער פאַרשטאַנען, אַז דער ראָפּשיצער האָט שוין דאָ אָנגעלצעוועט. דער רבי האָט צוגערופן דעם ראָפּשיצער: „נפתלי, מיר האָבן דאָך עפּעס אָפּגעשמועסט, אַז דו זאָלסט אויפהערן זאָגן גלייכוווערטלעך". „יאָ — האָט דער ראָפּשיצער געענטפערט — אָבער בתנאי, אַז איר רבי וועט נישט שטיין אַזוי לאַנג שמונה עשרה. וואָרום איך האָב נישט דערווייל וואָס צו טאָן"...

שפּעטער איז דער ראָפּשיצער געוואָרן אַ סך ערנסטער אין זיין פאַרהאַלטן זיך און באַקומען אַ ווייט פאַרשפּרייטן נאָמען פון אַ „הייליקן צדיק". אָבער ער האָט ווייטער רעאַגירט אויף אַלעם לעבהאַפטיק און צומאָל אָריגינעל. אַמאָל איז ער געווען אויף אַ חתונה אין לובלין. דער חוזה האָט חתונה געמאַכט זיינס אַ טאָכטער. אויף דער חתונה זענען געווען „פיל צדיקים און קדושים". צווישן זיי דער ראַדאָשיצער רבי ר' בער און דער כמעלניקער רבי ר' ליפּאַ. נאָך דער גאָלדענער יויך פאַרן בענטשן האָט דער ראַדאָשיצער זיך פאַרשטעלט, איז אַרויף אויפן טיש און אָנגעהויבן זאָגן בדחנות, כדי משמח צו זיין דעם חוזה און זיין „הייליקע חבריא". דער רבי ר' ליפּאַ האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרויסגייענדיק פון שטוב הויך געזאָגט: „וואָס פּלוידערט ער דאָרט"... דער ראַדאָשיצער האָט זיך שטאַרק פאַרשעמט און מחמת גרוים חלישות דעת איבערגעריסן זאָגן בדחנות. ס'פּנים האָט אים געפּלאַמט פון בושה פאַרן גאַנצן עולם; ער האָט נישט געקענט קומען צו זיך. ער האָט דערפילט, אַז דער כמעלניקער האָט ביי אים צוגענומען אַלע מדרגות... ענדלעך האָט ער זיך אין אַ ווינקל פאַרקלאָגט פאַרן ראָפּשיצער, זיין יוגנט-חבר: „זע, נפתלי, ווי דער כמעלניקער האָט מיך מבייש געווען ברבים. צוליב דעם האָב איך גערדאַרפט דינען דעם השי"ת מיט גרוים דחקות ומסירת נפש?"

דער ראָפּשיצער האָט אים געקלאַפּט איבערן אַקסל און בארואיקט: „זאָרג נישט, בערל, אויב איך בין דאָ, וועט בעזה"ית גוט זיין". דער ראָפּשיצער איז נאָך דעם אַרויף אויפן טיש אַ פאַרשטעלטער מיט אַ מאַסקע אויפן פּנים און גענומען זאָגן פאַרן עולם בדחנות. דערביי האָט ער אויסגערעכנט די מעלות פון די גדולי הדור, וואָס געפינען זיך אויף דער חתונה. „דאָ איז פאַרזאַמלט אַן עדה פון צדיקים, חסידים, קדושים און בעלי רוח הקודש. איצט זאָגט מיר רבותי, ווער איז נאָך אַזוי געפּייניקט און פאַרשוואַרצט געוואָרן ביי עבודת הבורא ווי אייער ר' בערל ראַדאָשיצער, וועלכער איז אַן אמתער יורש פון בעש"ט?" דער עולם האָט אויך מסכים געווען מיטן ראָפּשיצערס רייד. דער ראָפּשיצער איז אַראָפּ פון טיש און זיך געווענדעט צום ראַדאָשיצער: „בערל, דו האָסט אָנגעהויבן אַ מצוה משמח צו זיין דעם עולם בשמחה של מצוה, מאַך פאַרטיק די מצוה און זיי ווייטער משמח דעם עולם".

דער ראָפּשיצער האָט אַלע נאַכט אָפּגעריכט חצות, שטאַרק געקלאָגט אויף חורבן בית המקדש און האָט זיך בשעת מעשה געוואָרפן אויף דער ערד.

ער איז נפטר געוואָרן אום ערב פּסח תקפ"ז און געלאָזט נאָך זיך אַ גרויסע עדה חסידים. נאָך אים האָט גענומען פירן טיש זיין זון ר' אליעזר אין דזשיקאָוו.

⁂

דער ערשטער פון צווייטן דריילינג גרויסע רביים אין פּוילן איז דער רבי ר' ב י נ ע ם, וועלכער איז געווען פון פאַך אַן אַפּטייקער און האָט אין דער חסידישער וועלט געהאַט אַ שם פון אַ גרויסן מומחה אויף דעם געביט. אַ רבי און „אַפּטייקער" איז ממש געווען אַ כישוף־וואָרט פאַר די חסידים, וועלכע האָבן אין דעם איינגעזען דעם רבינס באַזונדערן זכות אין הימל; ער איז אַ פּנים מן השמים בארופן צו היילן דעם גוף און די נשמה. אין זיין אַפּטייקעריי האָט געשטעקט אַ גרויסער סוד. דערצו איז ער געווען מוזיקאַליש און אָפט זיין בענקשאַפט אויסגעגאָסן אין פידל-

שפּיל. פונדאַנען שטאַמט זיין האַרמאָנישער וועלט־באַנעם. ר׳ יחזקאל קאַזשעניצער, וועלכער האָט יאָרן־לאַנג געוווינט אין פּשיסכע (ער איז געווען ר׳ בעריש דייטשס אַן איידעם) און זייער גוט געקענט דעם רבין ר׳ בינעם, דערציילט, אַז איינמאָל איז ער אַריינגעקומען אין אַפּטייק און דאָרט געזען ליגן אויף דער באַנק אַ כּלי־זמר, אויף וועלכן מ׳שפּילט מיט די פינגער. פּלוצים איז אַריינגעקומען אַן ערלית מיט אַ רעצעפּט. דער רבי ר׳ בינעם האָט מיט איין האַנט געמאַכט די מעדיצין און מיט דער אַנדערער האָט ער געשפּילט אויפן כּלי־זמר. דאָס איז ר׳ יחזקאלן געווען איבער דער טבע און ווען די ערלית איז אַוועקגעגאַנגען, האָט ער געזאָגט צום רבין ר׳ בינעם, אַז דאָס איז אַ חילול השם. האָט דער רבי ר׳ בינעם געענטפערט קורץ: „גייט, איר זענט אַ שוואַנצעוואַטער חסיד". ווען ר׳ יחזקאל איז אַהיימגעגאַנגען איז אים געווען בלבו עליו. ביינאַכט איז צו אים געקומען זיין זיידע דער „פּני יהושע", אים געגעבן אַ פּאַטש אין פּנים און געזאָגט: „קוק נישט נאָך בינעם פּשיסעכער, ער פאַרשיינט אַלע היכלות אין הימל".

ער איז אויך געווען סוחר, און אָנגעשטעלט ביי דער וואַרשעווער נגידותטע טעמערל בערגסאָן. ר׳איז אָפּט געפאָרן קיין דאַנציק, געהאַט כּסדר צו טאָן מיט „דייטשלעך".

ווי אַ חסיד איז ער לכתחילה געפאָרן קיין לובלין, שפּעטער געוואָרן אַ תּלמיד מובהק פון „ייד הקדוש", די רעשט יאָרן פאַרבראַכט אין פּשיסכע. נאָך דעם „יידס" פּטירה איז ער אַליין אין יאָר תּקע"ה געוואָרן רבי. ער איז געווען אַ נוח לבריות און זיך גיך איינגעשאַפן אַ גרויסן עולם חסידים. צוליב זיין פריערדיק פירן גרויסע מסחרים האָט ער געקענט די וועלט. ער איז נישט געווען קיין פאַרשטעקטער רבי, נאָר געהאַט אַ ברייטן לעבנס־אויסבליק.

ווען ער איז נאָך געווען חסיד און דעם „ייד הקדושס" תּלמיד, האָט אים זיין רבי געפרעגט:

— בינעם, וואָס וועסטו טאָן אין משיחס צייטן?

— איך וועל לערנען, דאַווענען, עסן אַ סעודה מיט אונדזערע חסידים און זיך אַביסל צולייגן שלאָפן מיט טלית ותפילין צוקאָפּנס. אינמיטן

שלאָף וועט ווערן אַ געשריי „משיח גייט!” וועלן מיר אים באַלד אַקעגנ־לויפן.

— בינעם, איך האָב מורא, אַז דעמאָלט וועסטו נישט קענען שלאָפן.

ווען דער „ייד הקדוש” איז נפטר געוואָרן האָבן די חסידים זיך גע־ווענדעט צום רבין ר׳ בינעמען ער זאָל פאַר זיי זאָגן תורה. האָט ער זיי געענטפערט: אונדזער שוועסטער איז אַ קליינע (אַ רמז אויף „אמור לחכמה אחות את”), מיר האָבן אַ קליין ביסל חכמה און קיין פרישע יניקה פונ־וואַנען צו נעמען חכמה האָבן מיר נישט. וואָס וועט זיין, אַז מיר וועלן ס׳גאַנצע ביסל חכמה אַרויסריידן?...

דער רבי ר׳ בינעם האָט אין חסידות ווייטער געשפּינען דעם פאָדעם פון „ייד”, וועלכער האָט אויסגעמיטן מופתים און באַמיט זיך זיינע חסי־דים צו דערציען און באַלערנען.

דער רבי ר׳ בינעם האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אייגנאַרטיקער טיפקייט און געמיטלעך פילאָזאָפישן לעבנס־באַנעם. זיין טיש־פירן איז גיכער געווען ענלעך צו אַ גריכישן סימפּאָזיאָן. ער האָט אויף אַ מנוחה־דיק סאָקראַטישן שטייגער אַרומגערעדט עצמדיקע לעבנס־ענינים. בפרט אַז אין זיין מסיבה זענען געווען ר׳ יצחק וואָרקער, ר׳ מענדל קאָצקער און דער „חידושי הרי״ם”.

בכלל איז דער חסידישער רבי אין פּוילן — אַ גרעסערער אָדער אַ קלענערער למדן — על פּי רוב אַ פאָלקס־מענטש מיט אַ ברייט האַרץ, וואָס נעמט אויף אַלע איבערלעבענישן פון יעדן ייד, וואָס קומט זיך פאַר אים מזכיר זיין. ער קומט אין שטענדיקער מגע ומשא נישט בלויז מיט יחידים, נאָר מיטן גרויסן עולם, פאַר וועלכן ער זאָגט תורה. די תורה איז נישט באַשטימט בלויז פאַר „שאַרפע” חסידים, נאָר פאַר אַלע. ממילא מוז זי אַרויסגעזאָגט ווערן בילדעריש און אַפאָריסטיש. דער פּראָסטער ייד, ווען ער קומט צוריק פון רבין, קען לייכט איבערדערציילן די שיינע תורה אָדער „גוט־וואָרט”, וואָס ר׳האָט געהערט ביים טיש. אַזוי אַרום ווערט ער גיך צוגעבונדן צו „אים זאָל לעבן”.

די פאַרשידענע תורות, וואָס די פּוילישע רביים זאָגן ביים טיש אויף

זייער „אייגענעם" לשון, לאָזן זיך בדרך כלל דערפירן צו דריי פונקטן: קודם כל איז דער רבי אויסן צו שטאַרקן דעם חסיד אין דער אמונה, האָבן בטחון אין אויבערשטן און איז אים דעריבער תמיד מעורר זיך קלאָר צו מאַכן זיין שטעלונג בין אדם למקום, כדי חלילה נישט געשטרויכלט צו ווערן מיט אַן עבירה. ווייטער, בכדי צו באַנעמען די טיפקייט פון דער אמונה, מוז דער חסיד זיך אַליין זעליש לייטערן דורכן חשבון הנפש און אַזוי אַרום קלאָר מאַכן די באַציאונג צו זיך גופא, ד"ה בין אדם לעצמו. און לסוף מיינט עס, אַז דער העכסטער אויסדרוק פון אמונה איז די עטישע לייטערונג, שלימות המידות, מעשים טובים און אהבת ישראל, ד"ה קלאָר מאַכן די שטעלונג בין אדם לחברו.

דעם רבי ר' בינעמס תורות זענען באַשטאַנען פון געמיטלעכע שמועסן מיטן עולם אויף אַ חברישן שטייגער. דאָס זענען געווען פילאָזאָפישע זאָגעכצן אין אַ פּראָסט פשוטער פאָרם. וועגן בריאת העולם האָט ער געזאָגט: „מיינט נישט, אַז דער הימל איז געמאַכט געוואָרן מיט אַ נאָדל־פאָדעם. ער איז געמאַכט געוואָרן בתבונה". אָריגינעל איז זיין בליק אויף הפקר־מענטשן. ער חוזקט אביסל פון „עבדא בהפקירא ניחא ליה". „אַ הפקר־מענטש איז אוודאי אַ גרויסע זאַך, אָבער בתנאי, אַז ער איז מפקיר זיך אַליין, און נישט יענעם". שיין האָט ער אויסגעדריקט זיין נעגאַטיווע באַציאונג צו אַ מענטשן, וואָס צייכנט זיך אויס מיט איינזייטיקייט, ד"ה מיט אַן איין־און־איינציקער מידה, וואָס פאַרשטעלט אַנדערע גייטיקע מידות: „ווען אַ מענטש איז בלויז גוט — איז ער אַ נואף, בלויז פרום — אַ גנב, בלויז קלוג — אַן אפיקורס. דער מענטש מוז זיין אַלע דריי זאַכן צוזאַמען — גוט, פרום און קלוג". אַן איראָנישער אָנדייט אויף זיין צייט זענען די ווערטער: „פאַר ביאת הגואל וועט זיין אַ צייט פון לומדים אָן תורה. חסידים אָן חסידות און גבירים אָן געלט".

ער האָט געוואָלט דעם מענטשן דערהייבן צום גרעסטן עקסטאַז פון יראת ה'. „דער מענטש דאַרף שטענדיק פילן, אַז איינער שטייט איבער אים מיט אַ האַק גרייט אים אַראָפּצוהאַקן דעם קאָפּ. אויב אַ מענטש פילט דאָס נישט, איז אַ סימן, אַז זיין קאָפּ איז שוין אַראָפּגעהאַקט".

●

אמאָל פרעגט ער: „וואָס איז א סוד?" און ענטפערט — „א סוד הייסט, מ'זאָל זאָגן אלע זאָלן הערן און קיינער זאָל נישט וויסן".

●

א חסיד האָט זיך אמאָל געקלאָגט פארן רבין ר' בינעם, אז זיינע שונאים טוען אים שלעכטס. דער רבי האָט אים געענטפערט: „דו האָסט דאָך געוואוסט, אז שונאים זענען א שלעכטע סחורה, טאָ נאָך וואָס האָסטו זיך איינגעקויפט שונאים? נישט מער, האָסט אן עצה — נעם די שלעכטע סחורה און ארבעט זי איבער".

●

א חסיד האָט אמאָל מיט א קאפעטשקע גאווה דערציילט דעם רבין ר' בינעם, אז ער האָט אויסגעלערנט די מסכת „כתובות". דער רבי האָט אים געענטפערט: „דו האָסט אויסגעלערנט „כתובות", וואָס האָט „כתובות" דיך אויסגעלערנט?"

●

„אמור להם שובו לכם לאהליכם" — מען וועט נאָך זען, ווי זיי וועלן זיך אין דער היים אויפפירן.

●

מ'דערציילט, אז אמאָל יו"כ ביינאכט איז דער רבי ר' בינעם געבליבן א מידער ליגן אויף דער קאנאפע און איז איינגעשלאָפן. ארום טיש זענען געזעסן אין גרויס שטילקייט און דורך ארץ דער קאָצקער, וואָרקער און אלעקסאנדרער. אין מיטן דער נאכט הערט מען א נישט נאטירלעך קלאפן אין פענצטער און טיר. דאָס זענען נשמות פון נפטרים געקומען נאָך א תיקון. דער אלעקסאנדרער איז מחמת פחד באלד אנטלאָפן. דער וואָרקער האָט עפעס געשעפטשעט אין דער שטיל. דער קאָצקער האָט אָנגעהויבן שרייען אויפן קול: „א חוצפה און א העזה דאָס איז, דער רבי שלאָפט, דרך ארץ!" דאָס קלאפן האָט באלד אויפגעהערט...

●

דער רבי ר' בינעם האָט געזאָגט: „ווען איינער לויפט אוועק אין

טיפן וואלד אריין צו דינען דעם אייבערשטן און טראכט בשעת מעשה, אז עמעצער וועט דאָך זען זיין התבודדות, יענער איז אין מיינע אויגן נישט ווערט קיין קופערנעם דרייער".

●

„אין מיינע אויגן איז די גאנצע וועלט נישט מער ווי איין גרויסער וואלד. די מענטשן זענען ביימער, גאָט האָט אויף דער וועלט קיינעם נישט אויסער מיך, און איך האָב אויף דער וועלט קיינעם נישט אויסער גאָט".

●

אָט זענען עטלעכע רבי ר' בינעמס תורה־אויסטייטשונגען:

„אלה מסעי בני ישראל אשר יצאו מארץ מצרים" (דאָס זענען די ציאונגען פון די קינדער פון ישראל, וואָס זענען ארויסגעגאנגען פון לאנד מצרים — מטות ל"ג — א'); יעדער ייד איז שטענדיק בנוגע זיין גייס־טיקן מעמד א ה ו ל ך, א וואנדערער. קיינמאָל געפינט ער זיך נישט אויף איין און דער זעלביקער מדרגה. אָדער ער פארבעסערט זיך אָדער ער פארערגערט זיך. ווען ער האָט היינט זיינע מעשים און מידות נישט פאר־בעסערט, זאָל ער וויסן, אז ער געפינט זיך אויף אַ נידעריקערער מדרגה איידער נעכטן. דער ייד וואנדערט תמיד סיי צום גוטן סיי צום שלעכטן. און דאָס איז דער סוד פון „אלה מסעי בני ישראל".

„והוא עומד עליהם תחת העץ ויאכלו" (און ער איז געשטאַנען פאר זיי אונטערן בוים, און זיי האָבן געגעסן — וירא י"ח — ח'): דאָס איז א כלל. דעמאָלט ווען דער מענטש איז מקיים די מצווה פון הכנסת אורחים, באקומט דער בעל־הבית די גוטע מדרגה פון אורח. אזוי איז אויך געווען מיט אברהם. ווען ער האָט צו זיך אריינגעבעטן די מלאכים, איז ער געווען בבחינת עומד ווי א מלאך ווערט אָנגערופן. דאָס איז די כוונה פון „והוא עומד עליהם".

●

„ומשמע ודומה ומשא", ד"ה — א מענטש דארף הערן זיין חרפה, שווייגן און עס פארטראָגן.

●

„יין ושכר אל תשת" (ווין און ביר זאָלסטו נישט טרינקען — שמיני י"ט). פקודי ה' ישרים משמח לב (מדרש) פאַרוואָס האָט די תורה פאַרבאָטן די כהנים צו טרינקען ווין? ס'שטייט דאָך אין תהילים „יין ישמח לב אנוש" (דער ווין דערפרייט דעם מענטשנס האַרץ). דערויף ענטפערט דער מדרש: אויב זיי טרינקען נישט קיין ווין, זענען זיי מקיים א מצווה און די מצווה דערפרייט ס'האַרץ.

•

דער רבי ר' בינעם איז אמאָל געפאָרן קיין וואַרשע (דעמאָלט איז געגאַנגען די סדרה וירא) און געהייסן דעם בעל־עגלה זיך אָפּשטעלן פאַר א שענק. אין שענק האָט ער געזען ווי צוויי בעלי־עגלות זיצן ביי גלעזלעך בראַנפן און שמועסן זיך אויס. איין בעל־עגלה פרעגט דעם אנדערן צי ער האָט שוין געלערנט די היינטיקע סדרה.

— יאָ, אָבער ס'איז מיר קשה דער פסוק „ויכרתו שניהם ברית" (און זיי האָבן ביידע געשלאָסן א בונד — וירא כ"א, כ"ז). ס'טייטש ווי אזוי האָט אברהם אבינו כורת ברית געווען מיט אן עכום"?

— איך אָבער — זאָגט דער אנדערער בעל־עגלה — פאַרשטיי נישט דעם „ויכרתו שניהם ברית" (זיי האָבן געשלאָסן ביידע א בונד). ס'וואָלט גענוג געווען בלויז „ויכרתו ברית", נאָר די כוונה איז, אז כאָטש זיי האָבן כורת ברית געווען זענען זיי דאָך געבליבן צוויי (שניהם). קיין אחדות האָט צווישן זיי נישט געהערשט.

ווען דער רבי ר' בינעם האָט דאָס אויסגעהערט, איז ער תיכף צוריקגעפאָרן קיין פשיסכע. „מער האָב איך נישט געוואָלט"...

•

„ויירא יעקב מאוד ויצר לו" (האָט יעקב זייער מורא געקריגן, און ער איז געווען באַקלעמט — וישלח ל"ב — ח').

„קטנתי מכל החסדים — ועתה הייתי לשני מחנות" (איך בין צו קליין פאַר אַלע חסדים — און אצינד בין איך געוואָרן צוויי מחנות). קטנתי כ'בין קליין געוואָרן פון מיין אמאָליקער אמונה, וואָרום פריער בין איך אָן מורא מיט שטאַרקער אמונה אַריבער דעם ירדן, דאַקעגן איצט האָב איך

מורא. אזוי אז איצט האָב איך צעטיילט מיין משפחה אין צוויי מחנות. אָט דאָס איז די כוונה פון „ויירא ויצר לו". ס'האָט אים לייד געטאָן דאָס, וואָס ער האָט מורא.

●

„וישלח יהודה את גדי העזים ביד רעהו העדלמי" (און יהודה האָט געשיקט דאָס ציגנבעקל דורך דער האנט פון זיין גוטן פריינד פון עדולם — וישב ל"ח — כ'). יעדער מענטש דאַרף האָבן אַ נאָענטן פריינד, וועמען ער זאָל קענען אָנפאַרטרויען זיינע סודות אפילו די וואָס פאסן נישט, ווי יהודה האָט געהאט א פריינד חירה.

●

„...אשר תשים לפניהם" (וואָס דו זאָלסט לייגן פאַר זיי — משפטים כ"א, א'). דעם מענטש דאכט זיך, אז ער איז א מענטש, נאָר דער איי־בערשטער האָט אים געהייסן טאָן מצוות. אָבער באמת איז ער נישט קיין מענטש אָן די מצוות; דאָס איז דער עיקר פון מענטש און זיין התחלה. דאָס איז די כוונה פון „אשר תשים לפניהם". די משפטים, די מצוות זענען פריער פאַר זיי.

●

דער רבי ר' בינעם איז אויף דער עלטער געוואָרן א סגי נהור. דער סדר פון זיין „שלום"־געבן איז ביי אים געווען אויף אזא אופן: ער האָט אוועקגעלייגט די האנט אויפן טיש און אלע חסידים, וואָס האָבן געוואָלט נעמען „שלום", האָבן אָנגערירט דעם רבינס האנט און געזאָגט „שלום".

●

„ איך וואָלט זיך מיט קיינעם נישט געוואָלט בייטן אפילו מיט אברהם אבינו. ווארום וואָס וואָלט דעם אייבערשטן ארויסגעקומען פון דעם, וואָס אברהם אבינו וואָלט געווען ווי דער בלינדער בינעם, און דער בלינדער בינעם וועט זיין ווי אברהם אבינו".

●

איין מאָל, ווען דער רבי ר' בינעם איז געזעסן אויף זיין שטול, האָט

דער שטול פלוצים אָנגעהויבן קראכן. ער האָט געזאָגט: „וואָס ווילן פון מיר האָבן די פוילישע רביים?" א פאָר טעג נאָך דעם איז ער נפטר געוואָרן.

●

דער „חידושי הרי"ם" האָט וועגן אים געזאָגט: „דער רבי ר' בינעם איז געווען א פארגינער אין חסידות. ער האָט זיינע תלמידים געגעבן חסידות בעין יפה. און דאָס איז א דבר גדול".

●

נאָך ר"ר בינעמס פטירה י"ב אלול תקפ"ז האָט זיין זון ר' אברהם משה אָנגעהויבן פראַווען רביסטווע. ער איז געווען רבי אָנדערטהאלבן יאָר, אָבער אָן דערפאָלג. ער איז נישט דערוואקסן צו די קנעכל פון טאַטן.

**
*

נאָכדעם ווי דער פשיסכער „הויף" איז זיך פונאנדערגעפאלן, זענען אַנטשטאַנען צוויי נייע „הייף": וואָרקע און טאָמאַשאָוו־קאָצק. דער גרינ־דער פון וואָרקער הויף איז געווען דעם רבין ר' בינעמס תלמיד ר' יצחק ק א ל י ש (געבוירן תקל"ט, נפטר תר"ח). צווישן וואָרקער און קאָצ־קער חסידים איז נישט געווען קיין גרויס שלום. הגם די רביים אליין זענען צווישן זיך געווען באַפריינדעט. אין דער אמתן אָבער איז זייער פריינטשאפט געווען אן אויבערפלעכלעכע. ס'זענען געווען נישט נאָר פאַרשידנאַרטיקע, אויב נישט קעגנזעצלעכע, טעמפעראַמענטן, נאָר זיי האָבן זיך אויך אונטערשיידט לויט זייערע באַזונדערע וועלט־באַנעמען.

דער קאָצקער — אליין א טריבער, א זוכנדיקער — איז געווען א שטיקל וועלט־פאַרניינער, נישט געהאַט קיין גרויס אמונה אין כלל, תמיד געזוכט דעם ארויסגעהויבענעם יחיד. דער גרויסער עולם איז נאָר א בריק, איבער וועלכן ס'דאַרפן שפאַנען די פון דער נאַטור אויסדערוויילטע איינ־ציקע, וואָס זענען בארופן צו בויען די נייע גייסטיקע וועלט. ממילא איז פאַר אים די פראַגע פון אהבת ישראל געווען עפעס א וייבערישער ענין,

כדי צו מערן דעם מבול חסידישע קוויטלעך צום ווילגעפרייזטן בעל־מופת.

דער וואָרקער דאקעגן, הגם ער איז אין תוך געווען א לירישֿ-פאר־בענקטער רבי, האָט זיין שטייגער חסידות סומך געווען אויף ריינער מענטשנליבע, וועלכע פירט שוין על פי הכרח צו אהבת ישראל. זיין לעבנס-פרייד איז אָבער געווען א געדעמפּטע, זיין התחברות איז געווען נישט צוליב קאָלעקטיוון ספּאָנטאַטישן שמחה-אויסדרוק, נאָר א צונויפזאַמלען זיך, כדי בציבור איבערצוּוועלטיקן דעם צער.

אמאָל האָט ער זיך גּעטראָפן מיטן קאָצקער, וועלכער האָט אים געזאָגט: „מיין וועג איז מרומז בתורה — ויקחו לי אם רוצה דרך אמת כמו פירש״י לי לשמי העצה תרומה, ד״ה להיות תרום מן האנשים אפילו פון גוטע מאת כל איש אשר ידבנו לבו״. דער וואָרקער רבי ווידער האָט געזאָגט: „מיין וועג איז אויך מהתורה — „ויקחו לי תרומה מכל אחד, להתחבר ומהם וללמוד מהם״.

אן אנדערש מאָל האָט דער אלטער וואָרקער געזאָגט צום אלטן קאָצקער מיט צופרידנקייט:

— כ׳וועל דיר דערציילן א נייעס, אז אנשי שלומנו האָבן געמאכט צווישן זיך שלום.

— אויב אזוי — האָט דער קאָצקער געענטפערט מיט רוגזה — אויב אזוי האָט שוין דער כוח פון שקר גובר געווען און דאָס איז מעשה שטן, אז די נקודת האמת זאָל ח״ו אינגאנצן אָפּגעמעקט ווערן.

— פונוואנען ווייסטו דאָס?

— איך האָב א ראיה פון מדרש. ווען דער אייבערשטער איז געגאנגען באשאפן אדם הראשונען, זאָגט דער מדרש רבה, זענען די מלאכים שטרייטנדיק געוואָרן כתות. חסד האָט געזאָגט, אז דער מענטש זאָל באַשאפן ווערן, ווייל ער איז מיט צדקות. שלום האָט געזאָגט, אז ער זאָל נישט באשאפן ווערן, ווייל ער איז פול מיט מחלוקות. וואָס האָט דער אייבערשטער געטאָן? ער האָט גענומען דעם אמת און אים אראָפּגעוואָרפן אויף דער ערד אזוי ווי ס׳שטייט אין פסוק „ותשלך אמת ארצה״ (דניאל ח׳).

אלע פרעגן אויף אָט דעם מאמר אין מדרש, פאַרוואָס איז נאָר דער אמת אַראָפּגעוואָרפן געוואָרן, אָבער דער שלום איז נאָך דאָרט געבליבן? ס׳טייטש ער האָט דאָך געטענהט, אַז ער איז פול מחלוקות? ס׳זעט אָבער אויס, אַז די חכמים האָבן אונדז דערמיט געלערנט, אַז די מחלוקות לשם שמים שטאַמען פון מקור האמת. און ווו דער אמת איז נישטאָ, דאָרט איז נישטאָ קיין מחלוקת לשם שמים. ד״ה טייל מאָל איז פאַראַן א שלום פון שקר.

מ׳דערציילט, אַז ווען די קאָצקער רביצין איז געלעגן קראַנק אין וואָרקע, איז דער קאָצקער רבי געקומען זי מבקר חולה זיין. האָט ער געזאָגט צום וואָרקער, אַז ער וויל, אַז ס׳זאָל זיך קיינער נישט געפינען אין שטוב אויסער זיי ביידע. דערוויייל האָט זיך א בחור באַהאַלטן ביי דער וואַנט אונטער די מלבושים און אונטערגעהערט זייער שמועס.

דער קאָצקער האָט געפרעגט דעם וואָרקער דריי שאלות:

— פאַרוואָס האָסטו א שמש אַן עם־הארץ?

— אויב איך וועל נעמען — ענטפערט דער וואָרקער — א שמש א תלמיד חכם, וועט ער שוין שפּעטער ממילא ווערן אַן עם הארץ, איז גלייכער באַלד צו נעמען אַן עם הארץ.

— ווייטער, ווי פאַלסטו אויס א נאָמען צו געבן דיין טאָכטער חנה? איז דען חנה נישט געווען קיין עקרה?

— איז דען שפּעטער נישט געעפנט געוואָרן איר טראַכט און זי האָט געהאַט קינדער?

די דריטע שאלה:

— ווי פאַלסטו אויס זיך מתחתן צו זיין מיט אַזא פּראָסטן בעל־הבית ווי הירש לייב וואָרקער?

— איידער צו וואַרטן, אַז איך זאָל אים בעטן, האָב איך געטאָן, ווען ער האָט מיך געבעטן.

אוודאי האָבן חסידים פאַרשטאַנען, אַז דאָס זענען נישט קיין פּשוטע פראַגן, נישט קיין פּשוטע תשובות, נאָר אַז דאָ שטעקן הויכע געדאַנקען, ממש רזין דרזין. די לעצטע תשובה פון וואָרקער איז געווען אויף דעם

קאַצקערם ערשטע שאלה, וואָרום דער תכלית סוף מעשה איז געווען תחילת מחשבה. און דאָס האָט דער וואָרקער געזען ברוח קדשו...

דערווייל האָט מען באמערקט א באוועגונג אונטער די מלבושים. דער קאָצקער האָט אָנגעהויבן צו שרייען: „עס איז אַ חוצפה, אז עס זאָל זיך דאָ געפינען א מענטש, איך האָב דאָך געזאָגט, אז עס זאָל קיינער נישט זיין דערביי". דער בחור האָט טאקע פון גרוים פחד נישט אויסגעלעבט ס'יאָר.

וואָרקע האָט זיך אויסגעצייכנט מיט ערנצטקייט, שטרענגער פרומ־קייט און גרוים אהבת ישראל. זייערע ניגונים זענען געווען פיל-פאַליקע און הארצנאָגנדיקע. דאָרט האָט זיך שטענדיק געשאָטנט מיט בין־השמ־שות-שטימונג.

דער רבי ר' יצחק וואָרקער האָט געשמט פאר א גרויסן מענטשנ־פריינד. ער האָט געגעבן אַן עצה ווי אזוי א מענטש זאָל ניצול ווערן פון זיינע שונאים. דהיינו — ער זאָל זיך באמיען זיי ליב צו קריגן. אָט דאָס איז די כוונה פון „עד גשתו עד אחיו" — ער האָט זיך דערנענטערט צו אים אזוי לאנג ביז ער האָט געפילט צו אים א ברודערשאפט.

●

זיין געדאנק פון ערלעכער און ברייטער מענטשנליבע קומט צום אויסדרוק אין דעם דיאלאָג:

— רבי, פארוואָס הייסט עפעס א באָטשאן אויף לשון קודש „חסידה"?

— דערפאר שעושה חסידות עם חברותיה במזונות (ווייל זי טוט חסד מיט אירע חברטעס, זי שפייזט זיי).

— אויב ס'איז יאָ אזוי, טאָ פארוואָס האָט מען זי אין דער תורה אריינגעשטעלט צווישן די עופות טמאים?

— אָט טאָקע דערפאר איז זי אַן עוף טמא, ווייל זי טוט חסד נאָר מיט אירע חברטעס, און נישט מיט אַלע אנדערע.

●

„והזכרתני והוצאתני מן הבית הזה" (זאָלסט מיך געדענקען — און

מיך ארויסציען פון דעם דאָזיקן הויז — וישב מ׳ — י״ד). דערפאר זאָגט דער מדרש, וואָס יוסף האָט געהאט בטחון צום שר המשקים איז ער גע-שטראָפט געוואָרן צו זיצן צוויי יאָר לענגער אין תפיסה. אייגנטלעך מעג מען דאָך טאָן א נאַטירלעכע תחבולה, כדי זיך צו העלפן? נאָר יוסף הצדיק, וואָס האָט אזוי שטארק מקדש השם געווען, האָט געברויכט צו האָבן מער בטחון ווי אַן אנדערער און מיט אים האָט דער אויבערשטער מער מדקדק געווען.

•

„ויביאהו אל ביתו״ (און האָט אים אריינגעבראכט אין זיין הויז — ויצא כ״ט — י״ג). דער אלטער וואָרקער איז אמאָל אדורכגעפאָרן קאָ-לושין אין א דאָנערשטיק, האָט זיין דאָרטיקער חסיד ר׳ מאָטל דורכאוים געוואָלט, אז ער זאָל ביי אים איינשטיין און האלטן שבת. דער רבי האָט אָבער נישט געהאט קיין צייט און זיך געאיילט אהיים צו פאָרן. דער חסיד איז אָבער צוגעשטאַנען, אז ער זאָל דורכאוים האלטן שבת ביי אים. דער וואָרקער האָט געענטפערט: די גרויסע מצווה פון הכנסת אורחים שטייט נישט בפירוש אין דער תורה, נאָר זי איז בגדר פון דער מצווה „ואהבת לרעך כמוך״. פארוואָס שטייט טאַקע נישט די מצווה בפירוש? דערפאר, ווייל ווען זי וואָלט שטיין בפירוש, וואָלט מען צופיל אויפגעהאלטן אַן אורח, מ׳וואָלט מאַכן איבער אים א ברכה, אזוי ווי מען מאַכט אויף אַן אנדער מצווה, און טייל מאָל האָט דער ייד פשוט נישט קיין צייט. אָבער ווען זי איז אין כלל פון „ואהבת לרעך כמוך״, אז מען האָט דעם אורח ליב, ברויכט מען אים נישט אויפצוהאלטן דעמאָלט, ווען ער האָט קיין צייט נישט.

•

נאָך דער פטירה פון אלטן וואָרקער האָט אָנגעהויבן פירן רביסטווע זיין זון ר׳ מענדל, דער א. ג. יונגער וואָרקער, וועלכער האָט זיך אויס-געצייכנט מיט א הדרת פנים. מיט זיין מילדן כאראקטער, פארחלומטער שיינקייט און אסירישער באָרד האָט ער ממש היפנאָטיזירט דעם עולם. ער

האָט ווייטער געשפּינט דעם טאַטנס טראַדיציע פון התחברות. מ׳דערציילט אפילו, אז ווען מ׳האָט זיך ערב יום־טוב געריכט אויף א גרויסן עולם חסידים, איז דער רבי אליין זיי אנטקעגנגעגאַנגען אין נאָענטן דאָרף אונ־טער וואָרקע. דאָרט נעבן דער קרעטשמע האָבן אים די חסידים ארומגע־רינגלט און התלהבותדיק געטאַנצט.

איז דאָס אָבער געווען א צאַרטע שמחה, א מין האַלב־טרויעריקע פרייידיקייט. דער קוואַל פון זייער שמחה, דער יונגער וואָרקער אליין, איז געווען א פאַרשלאָסענער, קנאַפּ גערעדט — א שתקן.

אַן אַלעקסאַנדערער חסיד האָט מיר דערציילט, אז דער יונגער וואָר־קער איז אמאָל געווען אויף א שמחה אין ווארשע ביי ר׳ ישעיהלע פּראַ־גער. עס זענען דאָרט געווען א סך רבנים, צווישן אנדערע אויך ר׳ ישועה־לע קוטנער. דער וואָרקער איז געזעסן און געשוויגן. פּלוצים רופט ער זיך אָן מיט זיין לירישער שטימע צו ר׳ ישועהלע: „קוטנער רב, וואָס איז דער טייטש „אחד״? ר׳ ישועהלע קוטנער איז געוואָרן איבערראַשט פון אזא „קלאָץ״־קשיא, האָט ער אים געפרעגט די זעלבע קשיא: „אדרבא, וואָרקער רבי, זאָגט איר וואָס איז דער טייטש „אחד״? — „אחד״ — ענטפערט דער וואָרקער — איז דער טייטש — „ד ע ר א יי ן ־ א ו ן ־ א יי נ־צ י ק ע ר״

ער איז נפטר געוואָרן ט״ז סיון תרכ״ח.

דער וואָרקער הויף האָט זיך שפּעטער פונאַנדערגעצווייגט אין אַלעק־סאַנדער, אמשינאָוו, אָטוואָצק און סקערנעוויץ.

**
*

צווישן די פּוילישע רביים פּאַרנעמט גאָר א באַזונדער אָרט ר׳ מ נ ח ם מ ע נ ד ל פ ו ן ק אָ צ ק, אָדער ווי מ׳האָט אים גערופן „ד ע ר אַ ל ט ע ר ק אָ צ ק ע ר ר ב י״. בדרך כלל גייט ער אָן ווי א תלמיד פון „ייד הקדוש״ און פון רבי ר׳ בינעם פון פּשיסכע. אין דער אמתן זענען ביי אים נישט קאָנטיק וועלכע ס׳איז שפּורן פון זיינע רביים. ער הייבט אָן פון זיך אליין און גייט אין אייגענעם דרך, וואָס האָט נישט

זיין גלייכן אין פוילישן חסידות. ער איז געווען רבי צוויי און דרייסיק יאָר (פון תקפ״ז ביז תרי״ט), דערונטער איז ער ניינצן יאָר געווען איינגאַנצן אָפּגעזונדערט פון עולם, פאַרשפּאַרט אין אַ באַזונדער חדר. דער דאָזיקער צייט-אָפּשניט ווערט באַצייכנט — ימי הסגירה. פאַרשידענע רביים האָבן זיך געקענט באַרימען, אַז זיי האָבן „שאַרפע״ חסידים. וועגן די קאָצקער חסידים דאַרף געזאָגט ווערן, אַז זיי האָבן געהאַט אַ שאַרפן רבין. ער איז געווען שאַרף אין די געדאַנקען־אויפבליצן, אין די האַנדלונגען און אין דעם אָרט רעאַגירן אויף דערשיינונגען.

אַמאָל האָט מען געהאַט טענות צום גרויסן יידישן סקולפּטאָר מרדכי אַנטאָקאָלסקי, הלמאי, ווען ער האָט געוואָלט שניצן אַן איינזאַמען מאַן, האָט ער זיך אויסגעקליבן פאַר אַ מוסטער דעם רוסישן צאַר איוואַן דעם אכזר, און נישט גענומען בעסער פאַר אַ מוסטער דעם ווילנער גאון, וואָס איז געווען אַן אמתער מתבודד, אָפּגעשלאָסן אין ד׳ אמות של הלכה. אונדז קומט אָבער אויס, אַז ווי אַן אמתער מוסטער פאַר אַן איינזאַמען מענטשן האָט גאָר דעם קינסטלער געדאַרפט לאָקן ד ע ר ק אָ צ ק ע ר ר ב י. דער ווילנער גאון איז גיכער געווען פ ר ו ש און א ס ק ע ט. אָבער נישט א י י נ ז אַ ם און צ ע ר י ס ן. ער איז געווען אַרומגערינגלט מיט ספרים; זיין וועלט איז געווען די וועלט פון שולחן ערוך. ער האָט אַלץ געטייטשט לחומרא און פאַרביסן באַקעמפט יעדן מקיל. אין זיינע אויגן איז ס׳לעבן אַ פּראָצעס פון מקיים זיין מצוות מעשיות. ער איז אַן אינערלעך גאַנצער, אַנטלויפט נישט פון לעבן, ער אַנטלויפט נאָר פון דעם אָרט לעבן, וואָס קען שטערן מקיים צו זיין די מצוות, וועלכע ער פּאַסט אויף ווי אַ „לבושא דשכינתא״. ער האָט זיך אָבער נישט אָפּגעזאָגט פון האָבן אַ מגע ומשא מיט אַנדערע מענטשן; ער האָט געהאַט שותפותדיקע אידעאַלן מיט דער סביבה. ער איז געווען אַ גייסטיק פאַרפאַנצערטער און נישט איבערגעלעבט קיין אינעווייניקסטע ראַנגלענישן. ער האָט ממש נישט פאַרטראָגן קיין פילאָזאָפישע חקירות, נישטאָ זיך וואָס צו גריבלען וועגן דעם עצם פון דער וועלט. מיר האָבן גרייטע דינים, מ׳דאַרף זיי נאָר מקיים זיין און אַזוי אַרום דינען גאָט. אין דעם באַשטייט דער אייגנט-

לעבער זינען פון לעבן, קלאָר, אז דאָס איז פּ ר י ש ו ת אָבער נישט ב ד י ד ו ת.

דער קאָצקער איז געווען ארומגערינגלט מיט א גרויסן עולם חסי־דים, וועלכע האָבן נישט קיין חוש פאר זיין פּנימיות, ער איז דעריבער מיט דער מחשבה ווייט פון זיי. ער איז אָנגענומען פאר א ווייט-זעעוודיקן פירער, פאר א פון הימל בארופענעם מורה דרך, אין דער אמתן איז ער מיט זיך אליין נישט פארטיק און האלט אין איין זוכן א וועג פאר זיך. די אומשטענדן האָבן אים ארייננעבראכט אין א סביבה, וועלכע גלויבט אין אים. ער אליין האָט אָבער מיט די ווונטשן און פארלאַנגען פון עולם קיין שום שייכות נישט; זיי זענען אים דערווידער. ער לעבט אין גאָר אַן אַנדער וועלט, א וועלט פון אומאויפהערלעכע ספקות. ער ווערט כסדר געשליידערט צווישן אמונה און כפירה, צווישן גלויבן און אויסזיכטלאָ־זיקייט, ממילא פארפּלאָנטערט ער זיך אָפט אין סתירות. ער ווערט גע-טריבן פון אַן אינעווייניקסטער צעריסנקייט און קען זיך אליין נישט געבן קיין באשייד. אין מינוטן פון זיינע אָפּגרונט-טראכטונגען וועגן וועלט־עצם און לעבנס-זינען, וואָס דערפירן אים נישט איין מאָל צו פארצווייפ־לינג, קלאַפּן חסידים אין טיר און בעטן: „הייליקער צדיק, גיב אונדז דיין ברכה”. וואָס הייסט געבן א ברכה? ווּעמען און מיט וואָס דארף מען בענטשן? אפשר דארף מען גאָר שעלטן? און ער טרייבט טאקע פון זיך די חסידים מיט טויטע קללות. „ווערט פארשרפהט!” „ברעכט הענט און פיס!” „פּאַסקודניאַקעס, ווערעם, גייט! וואָס בין איך עפּעס א קאַנאָוואל?” הגם אַן אנדערשמאָל טייטשט ער „אלקים לא תקלל — א געטלעכער מענטש שעלט נישט”.

ווען ער איז נאָך געווען א יינגל, האָט ער נישט געקענט אויסקומען מיט זיין מלמד און תמיד געפירט מיט אים וויכוחים. איין מאָל האָט ער געזאָגט צום מלמד: „וואָס, מיט מיר שפּארט איר זיך? ס'טייטש איך בין דאָך אליין געשטאַנען אויפן בארג סיני בעת הקב״ה האָט געזאָגט: אנכי ה' אלקיך”.

זיין רבי ר׳ בינעם פּשיסכער איז געווען פירשטלעך מנוחהדיק דורכ־

געזען מיט לעבנס־חכמה; זיינע טיש־תורות פלעגט ער זאָגן געלאַסן מיט א קלוג־שמייכעלע. דערביי האָט ער שטענדיק געפונען ס׳פּאַסיקע וואָרט פאַרן איינגעגליטן חסיד, מיט אים מיטגעלעבט, מיטגעפילט, מיטגע־פרייט זיך און מיטגעוויינט. אנדערש איז דער קאָצקער. ער איז קיינ־מאָל נישט פּאַרטיק מיט זיך, הגם ער פילט, אז ער שטייט העכער פון אנדערע. הירש טאָמאַשאָווער האָט געזאָגט: „איך קען עדות זאָגן אויף דעם קאָצקער רבין, אז ביז דער לעצטער רגע האָט ער געאַרבעט אין יידיש־קייט אזוי ווי א יונגערמאַן, וואָס הייבט ערשט אָן צו טאָן אין יידישקייט״.

ווען ער איז יונגערהייט ווי א חסיד געפאָרן צוזאַמען מיטן וואָרקער קיין פּשיסכע, האָט זיי פאַר דער פור פאַרהאַלטן א יידענע מיט א קוישל קנייפּערלעך. דער וואָרקער איז אראָפּ פון וואָגן און געפרעגט ווי טייער ס׳קאָסט א קנייפּערל. די יידענע האָט געענטפערט — פיר גראָשן. דער וואָרקער האָט זיך אָנגעהייבן דינגען, נישט געוואָלט מער געבן ווי דריי גראָשן. דער קאָצקער האָט דעמאָלט אראָפּגעשריען פון וואָגן: „איטשע, אל תרבה שיחה עם אישה איז אויך ווערט א גראָשן״.

אָן אנדערש מאָל האָט ער זיך בעת א יאָרצייט געטראָפן אין פּשיס־כע מיטן וואָרקער, האָט ער אים געזאָגט: „איטשע, איך בין נישט געקו־מען אויף סיין יאָרצייט, איך בין נישט קיין קברות־ייד. איך בין נאָר געקומען זיך זען מיט דיר״.

שוין ווי א חסיד ביים פּשיסכער האָט ער איבערגעלעבט טיפע ספקות.

י. אָפּאַטאָשו פּרוווט קינסטלעריש אדורכפירן ביים קאָצקער אין די עטלעכע יאָרן אָן אינערלעכן צוריקבליק צו זיינע אומרואיקע יאָרן אין פּשיסכע:

„א פאַרמוחטער איז ער געלאָפן איבערן בית המדרש, האָט אומגע־וואָרפן שטענדערס, איז איבערגעשפּרונגען בענק, האָט זיך געטראָגן ווי א רויע קראַפט, אוועקגעשאַרט יעדע זאַך, וואָס איז אים געשטאַנען אין וועג. דער עולם האָט זיך אָפּגערוקט, אים געמאַכט פּלאַץ, געמיינט, אז ער איז פאַרטאָן אין עבודת הבורא און אין דער אמתן האָט ער דעמאָלט שטאַרק מקנא געווען דעם רבין ר׳ בינעמען. ביי זיך אין הארצן האָט ער

שוין דעמאָלט געגלייבט, נאָך גאָר א יונגערמאַן געווען, אז ער איז מער למדן פארן רבין, באַנעמט אַן ענין טיפער, און פונדעסטוועגן האָט ער תמיד געפילט, אז עפּעס פעלט אים, אז צו ווערן א רבי איז ווייניק, וואָס מען איז א למדן, מען דאַרף אויך קענען איבערלייענען א קוויטל, און אז ער נעמט א קוויטל אין דער האַנט אריין, זעט ער דאָרט גאָרנישט! ער האָט גרויס צער דערפון געהאַט, זיך געטראַכט, אז צו אים וועט קיינער נישט פאָרן, אז ער וועט קיינמאָל נישט קומען צו דער מדרגה פון א ר׳ בינעם. און אז ער איז געבליבן אליין מיט זיך האָט ער געפילט, אז ער טראָגט אין זיך א גרויס וואָרט, וואָס וועט מאַכן אַן איבערקערעניש אין דער וועלט, געפילט, אז ער וועט איבערשטייגן דעם בעש״ט. ער דאַרף נאָר צוזוכן עפּעס א „כלי״, זיכער געווען, אז היינט, מאָרגן וועט ער די „כלי״ געפינען און דעמאָלט וועט די גאַנצע וועלט מיט אים קלינגען. איז ער אָבער געקומען צווישן חסידים, ווו מען האָט אים געקוקט אין מויל אריין, געוואָלט הערן פון אים אַ נײַ וואָרט, איז ער תמיד שטום געוואָרן, האָט נישט געקענט ס׳מויל עפענען. האָט ער שוין יאָ אַמאָל ארומגערעדט א פּסוק, איז דאָרט אַלץ געווען — חריפות, בקיאות, ער האָט דאַכט זיך קיין זאַך נישט דורכגעלאָזט, נאָר דער עיקר דאָרט, וואָס מען קען נישט מסביר זיין, דעם קנייטש פון דער באָרד, די אויפגעהויבענע אויגן, די ליכטיקייט פון א ברייטן שטערן — דאָס, וואָס נעמט אַזוי שטאַרק דעם עולם, דאָס האָט געפעלט. האָט ר׳ בינעם גענומען דעם זעלבן פּסוק, האָט ער אים אַזוי פיל נישט ארומגערעדט, געזאָגט צוויי־דריי ווערטלעך, געגעבן א משל און דער פּסוק האָט באַקומען אַן אַנדער פּנים, באַקומען חיות, געלעבט! די חסידים האָבן זיך געקוויקט מיט דער תורה, זי איבערגעגעבן בקבלה זייערע קינדער און דעם רבינס שם איז געוואַקסן פון דור צו דור.

ר׳ מענדעלעס עגמת נפש איז דעמאָלט געווען אין לשער. ער האָט אויפגעהערט לערנען, נית געגעסן, נישט געטרונקען, זיך אָפּגעגעבן מיט התבודדות, געזאָגט תורה „בנסתר״ — קיין זאַך נישט געהאָלפן. מער ווי עטלעכע יונגע לייט, שאַרפע קעפּ האָבן נישט געהאַלטן פון אים. און מעג־לעך ער וואָלט קיינמאָל קיין רבי נישט געוואָרן, ווען ר׳ בינעם, שוין דע־

מאָלט אַן איינגעהויקערטער, א בלינדער פון אלטקייט, וואָלט עטלעכע יאָר פאר זיין פטירה נישט געזאָגט ביים טיש, אז מענדעלע האָט אים שוין אריבערגעוואקסן. זיצט שוין אויף זיין הויקער. זענען די פאָר ווערטער געגנוג געווען, אז מיינסטן חסידים, וואָס האָבן נישט געהאַלטן פון אים, זאָל אים אויסבויען א הויז אין קאָצק און נאָך ביי ר' בינעמס לעבן האָט ר' מענדעלע געהאט א גרעסערן עולם ווי זיין רבי.

ער איז אָבער געווען גלייכגילטיק צום עולם, האָט געפילט, אז ביי דער ערשטער געלעגנהייט קענען זיי אים פונקט אזוי פארלאָזן ווי ר' בינעמען און גענומען טרייבן די חסידים פון זיך. ס'איז גענוג, האָט ער געטענהט, מ'זאָל דעם עולם ווי א קינד פארוואַרפן מיט צאַצקעס וועט ער איבערלאָזן טאטע-מאַמע און אוועקגיין צו פרעמדע.

און וואָס דער עולם איז געוואָרן גרעסער, אלץ מער איז געשטיגן זיין עצבות, אלץ מער האָט ער זיך ארומגערינגלט מיט יונגעלייט, מיט די שארפסטע מוחות, זיי זאָלן זיין ווי אן אייזערנע מחיצה צווישן אים און דעם גרויסן עולם. ער האָט ליב געקראָגן התבודדות, כמעט קיין שלום נישט גענומען, געהאט תרעומות צום רבונו של עולם, אז ווי באלד „יצר לב האדם רע מנעוריו”, די בחירה, וואָס דו האָסט אים געגעבן, האָבן מיר רביים צוגענומען, טאָ ווי נאָך זאָל דער מענטש נישט זינדיקן, אז אויף טריט און שריט האַלט ער אין איין פרעגן — „מה למעלה, מה למטה?”*)

לויט זיין וועזן איז ער געווען די פולשטענדיקע פארלייקענונג פון דער א. ג. חסידישן מאסן-רבי, ווייל ער האָט אָרגאַניש נישט פארטראָגן קיין קאָלעקטיוו לעבן. ער האָט זיך נישט געהאַלטן פאר קיין בעל-מופת און נישט געוואָלט זאָגן קיין עתידות. ער איז תמיד געווען פארטאָן מיט זיך, שטענדיק פארמוחט. און דאָ האָבן די אומשטענדן אים אריינגעוואָרפן אין א צדיקישער סביבה, פאר וועלכער זיין יעדעס וואָרט איז הייליק און היילזאם. זיין „הויף” לכתחילה אין טאָמאַשאָוו און דערנאָך אין קאָצק, האָט זיך גרינטלעך אונטערשיידט פון אנדערע רביישע „הייף” אין פוילן.

---

*) „אין פוילישע וועלדער”, ז"ז 170־171.

און דערפאר האט ער נישט געהאלטן פון די פרום־פארדביקהטע חסידים, וואס האבן געמיינט, אז שוין מיט זייער זיין אין רבינס בית המדרש און פרום שאקלען זיך בעתן דאוונען דערנעענטערן זיי זיך צום גייסט פון רבין. ס'הייבט זיך נישט אן, פלעגט ער בייסיק זאגן: „ויּרא העם ויעמדו מרחוק, מען קען זען און זיך שאקלען און דאך שטיין פונ־דערווייטנס".

פונדעסטוועגן האט מען אין קאצק געזונגען:

וווּ ווינט דער אויבערשטער
וווּ מ'לאזט אים אריין.
וווּ לאזט מען אים אריין?
אין א דירה, וואס איז ריין.
וועלכע דירה איז ריין?
א מענטש, וואס האלט זיך קליין.

זיינע „זאגעכצן" זענען קורצע און שניידיקע אויף פראסט און דערביי קלאר לשון לויט א ספעציפיש פוילישן נוסח, אן וועלכע ס'איז לומדישע באפוצעכצן. ער האט בכלל נישט געהאלטן פון צופיל לערנען, מער גע־האלטן פון פארטיפן אן ענין. וועגן א יונגערמאן א מתמיד פלעגט ער נאכ־קרומען „ער זיצט און לעלעט". ער זוכט ביים חסיד די אינערלעכע זעלבסט־אנטפלעקונג פון יראת ה' און נישט ס'מעכאנישע איינחזרן דינים. דאס איז געווען זיין איינגנטלעכער דרך פון חסידות. „דער חסיד האט מורא פאר גאט, דער מתנגד האט מורא פארן שולחן ערוך", ווארום גאט דארף מען נישט זוכן בלויז אין די ספרים, נאר אין טאג־טעגלעכן לעבן און בא־נעמען די טיפקייט פון דערשיינונגען. עמקות ליגט אבער נישט באהאלטן רק אין חקירה־ספרים. ווען מ'האט אים פארציילט וועגן א חסיד, אז ער לערנט דעם „מורה נבוכים", האט דער קאצקער געזאגט: „עט, מ'דארף גיין טיפער"... אן אנדערש מאל זאגט ער גאר קאפויר. „ויוסיף דעת, יוסיף מכאוב", האט ער אויסגעטייטשט ווי אן אימפעראטיוו, ד"ה „דו זאלסט איינזאמלען וויסן אפילו ווען דאס זאל דיר פארשאפן ווייטיק".

ער איז נישט געווען ווי אַנדערע רביים, וואָס האָבן יעדעס מאָל צו־געגרייט פאַרן „טיש" אַ דורכגעקלערטע און גוט איינגעחזרטע תורה. ער האָט געהאַלטן אין איין אימפּראָוויזירן; דאָס איז גיכער געווען מאָמענטאַלע אַנטפּלעקונג. און געזאָגט האָט ער כלאחר יד, דערביי שטורמיש און בליציק. דער „חידושי הרי"ם" האָט אַמאָל געזאָגט צום אַלעקסאַנדערער: „אַזוי ווי מ'האָט אויפן באַרג סיני מקבל געווען די תורה בקולות וברקים, אַזוי איז מען אויך אַצינד מקבל די תורה בקולות וברקים אין טאָמאַשאָוו".

וועגן זיין שאַרף אַריינזאָגן דערציילט מען, אַז אַמאָל איז אַ חב"ד־ניק פאַרבלאָנדזשעט קיין קאָצק און געפרעגט דעם רבין, וואָס ער איז מכוון בק"ש ובשמ"ע. דער קאָצקער האָט אים קורץ אָפּגעענטפערט: „און וווּ איז דער פּופּיק?" ווען די קאָצקער חסידים האָבן זיך שפּעטער צע־ווערטלט מיטן חב"דניק האָבן זיי אים געזאָגט: „אייער רבי זאָגט תורה אין הימל אַריין, אונדזער רבי זאָגט תורה אין פּופּיק אַריין"...

דער קאָצקער האָט פון חסיד געפאָדערט דעם מענטש און אין די שפּעטערדיקע יאָרן אַפילו דעם איבערמענטש. דער מענטש דאַרף זיך אַליין דערציען דורך אַרבעטן אַרום זיך, שעפּן פון אייגענעם גייסט, וועלכן ר'דאַרף כסדר אַנטוויקלען אין זיך. ער האָט נישט פאַרטראָגן קיין פּוסטע יחוס־באַרימעריי און ממש געטריבן פון זיך די בלעריי אויפגעבלאָזענע „אייניקלעך", וואָס פּאַראַזיטירן אויפן חשבון פון זייערע „זיידעס ז"ל".

אַז דער פּאַריסעווער רבי איז צום ערשטן מאָל געקומען קיין קאָצק, האָט דער קאָצקער געפרעגט:

— ווער ביסטו?

— איך בין אַן אייניקל פון „ייד הקדוש".

— האָסטו דיר ווידער אַ מיוחס, גיי!...

ער האָט אָפט געזאָגט „איך האָב נישט קיין צייט מיך צו יחסנען". דער קאָזשעניצער מגיד האָט געזאָגט: „ווען איך זאָל וויסן, אַז כ'קום אַרויס פון אברהם, יצחק ויעקב, וואָלט איך מיר געמאַכט „טשאַפּקי נאַ באָקי" און געטאַנצט אַ קאָזאַקל אין מיטן מאַרק. נאָר איך ווייס, אַז איך קום אַרויס פון אברהם, יצחק ויעקב"...

דער וועג פון קאָצקער חסידות איז געווען א שווערער, א דאַרנדיקער, לגמרי נישט צוגעפּאסט פאר א ייד פון א גאַנץ יאָר. צו אָט דער מדרגה קען זיך דערהייבן דער מער פילנדיקער און טיף דענקנדיקער מענטש, וואָס איז מיט זיך אליין נאָך נישט פארטיק, וואָס האלט אין איין ראַנג־לען מיט זיך גופא, בכדי קלאָר צו מאכן די באציאונג בין אדם לעצמו. „דער, וואָס איז מיט זיך פארטיק, איז שוין אן אָפּגעקאָכטער". פון איין זייט פאָדערט ער פון חסיד זיך אינגאַנצן אויסטון פון גאווה־שוואכקייטן און ארומיקע זינד — ביטול היש. פון דער אנדערער זייט טאָר ער נישט אין זיך פארטונקלען ס'אינעווייניקסטע חשיבות-פינטעלע, כסדר וועקן אין זיך די אמביציע פאר גרעסערע דערגרייכונגען. „ווען דער מענטש דער-גייט צו א מדרגה זיך אליין צו ווייזן א פייג, מעג ער שוין דעמאָלט ארויס-שטעלן א פייג דער גאנצער וועלט".

פארשטייט זיך, אז פּשוטע יידן, פארבאַבליעטע יידן, וואָס זענען געפאָרן צום קאָצקער ווי צו א צדיק א בעל־מפות און נישט פארשטאַנען זיין טיפערן „גאַנג". האָבן דאָרט מיאוס אָפּגעשניטן. צו אַזאַ חסיד האָט דער קאָצקער געזאָגט: „אַזאַ ייד ווי איר דאַרפט זיצן הינטערן אויוון און זאָגן תהילים און נישט פאָרן קיין קאָצק". צו אַזעלכע יידן האָט ער פשוט נישט געהאַט קיין געדולד. איין חסיד האָט שטאַרק געביטערט פאַרן קאָצ-קער, אז ס'גייט אים שלעכט, אז ר'איז א מחוסר פּרנסה:

— רבי, כ'בין געבליבן אָן פּרנסה.

— בעט דעם רבש"ע, ער זאָל דיר העלפן.

— איך ווייס אָבער נישט ווי אַזוי.

— ני, אויב אַזוי האָסטו דאָך גרעסערע דאגות, איידער דאגות פּרנסה. דו ווייסט נישט ווי צו דאַווענען.

דער חסיד דאַרף זיך כסדר לייטערן, זיך דערהייבן. אַלץ, וואָס ער טוט, דאַרף גיין עד לב השמים, ד"ה „ביז ס'האַרץ זאָל ווערן הימלדיק".

זיינע „שמועסן" מיט די חסידים זענען געווען צופעליקע, אגב אור-חאדיקע, געערדט גיך, שניידיקע רייד — איינס — צוויי און אָפּגעפּטרט... דערצו טראָגט זיין לשון דעם חותם פון לאָקאַל־פּוילישן קאָלאָריט. אָט איז א מוסטער פון זיינע ווערטלעך:

„איך וויל, אז איר זאָלט נישט זינדיקן, נישט ווייל מ'טאָר נישט, נאָר ווייל איר זאָלט נישט האָבן קיין צייט דערצו".

„וכל מעשך יהי' לשם שמים, אפילו דער שם שמים זאָל אויך זיין לשם שמים"...

„והיה עקב תשמעון — דער סוף וועט זיין, אז עס וועט מוזן צוהערן, הערץ גלייכער באַלד צו".

„האזינו השמים — פאַרנעמט הימליש".

„די פרשה „קדושים" הייבט זיך אָן „קדושים תהיו" און קאָנטשעט זעך „דמיהם בם". בלוט זאָל עס קאָסטן און אַ קדוש זאָל מען זיין".

פון גאַנץ צופעליקע ביי עמעץ געהערטע רייד פלעגט ער ארויסציען גרונט-מסקנות. אין לענטשיץ איז געווען איינער, וואָס האָט זיך געמאַכט אַ פרנסה פון העלפן באַפרייען יידן פון צאַרישן מיליטער. ער איז אַמאָל געקומען קיין קאָצק, האָט אים דער רבי געפרעגט:

— וואָס איז דיין טועכץ?

— יאָך העלף יידן.

— גיי, מיר האָבן שוין אַ העלפער. ער העלפט גאָר זעסטו יידן...

ס'זענען אַפילו געווען מאָמענטן, ווען דער קאָצקער האָט זיך גע־גרויסט מיט זיין שטייגער רביסטווע. „עס ווייסט ווער איך בין? פאַר מיר זענען געווען דער רבי ר' בער, ר"ר שמעלקע, ר"ר אלימלך, דער רבי מלו־בלין, דער „ייד הקדוש", דער ר"ר בינעם. איך בין דער זיבנטער, דער תמצית פון זיי אַלע — אני שבת".

ער האָט נישט געזוכט קיין פירסום, נישט געשטאַנען נאָך קיין גרויסן עולם, געטריבן פון זיך אַלע סגולה-זוכער, שנאָרערס, בעטלערס און קוויטל־שרייבערס, געחלומט וועגן אויסדערוויילטע, גייסטיק-שטאַרקע און אוים־האַלטעוודיקע. ער האָט געזוכט מענטשן צעריסענע, וואָס באַגערן גאַנצ־קייט. איין מאָל האָט זיך פלוצים געעפנט די טיר פון בית המדרש, דער רבי איז אַריין און אָנגעהויבן שרייען: „אַזוי גאָר? און איך האָב געמיינט, אַז כ'וועל האָבן צען ווייסע זשופּעצעס און נישט מער". דער עולם האָט זיך דערשראָקן און אָנגעהויבן צו לויפן דורך טיר און פענצטער. נאָר איין יחיאל גאָסטינינער האָט נישט באַוויזן צו אַנטלויפן. ער האָט ממש געצי־

מערט פון אימה, נאָר דער קאָצקער האָט אים באַרואיקט: „דיך מיין איך נישט".

שלום אש שילדערט אַן ענלעכע סצענע בעת וועלכער דער קאָצקער צעשרייט זיך:

„פאַר יעדן מינדעסטן שררה, פאַר יעדן מינדעסטן פויער האָבן מיר מורא און פאַר גאָט נישט! שנאָרערס, בעטלערס זענען מיר אויף דער וועלט. איך האָב געמיינט, אַז כאָטש אין הימל וועלן מיר זיין שררות, וועלן מיר קומען ווי פּריצים, ווי בנים, גאָרנישט צו פאַרלאַנגען, נאָר בחורים לה' — דענצמאָל וואָלט זיך געלוינט צו פירן אַ בעטלער־לעבן אויף דער ערד. כורעים ומשתחוים זיין זיך פאַר יעדן פויער, כדי מיר זאָלן זיין בני חורין אויף יענער וועלט! הײנט, אַז אויך אויף יענער וועלט קומען מיר ווי שנאָרערס — וואָס טויג אַזאַ לעבן?! ערגעץ ווו מוזן מיר דאָך פּריצים זיין!!..."

און ווען דער חסיד ר' מרדכי יוסף קרעכצט אָפּ און פרעגט:

— קענען גאָט פּריצים? און ווו איז דאָס צעבראָכענע האַרץ? עס שטייט דאָך: „ממעמקים קרתיך ה'".

ענטפערט דער קאָצקער:

— עס שטייט „אני לדודי, ודודי לי" איז דער טייטש, אַז ווען איך בין גאָטס פריינד, איז גאָט אַ פריינד צו מיר. בעטלערס קענען קיין פריינד נישט זיין. ווער עס וויל אַ בעטלער זיין, גייט מיט אים, נעם זיי דיר צו־נויף און גייט! שנאָרער באַדאַרף איך נישט, איך דאַרף האָבן חסידים בני חורין, וועלכע קענען אין מלחמה גיין. חסידות איז מלחמת ה'. די שוואַכע הערצער זאָלן אין דעם היים זיצן, אָדער צו אים גיין...!*).

אין די שפּעטערדיקע יאָרן איז ער געוואָרן מרה־שחורהדיק, געטריבן פון זיך חסידים, געזאָגט וועגן זיך, אַז ער האָט דעם „קאַנטשיק פון דער וועלט". זיינע דברי תורה האָבן שוין אויסגעדריקט סקעפּטישקייט, מאָ־מענטנווייז איז ער אַריינגעפאַלן אין שווער פּעסימיסטישע שטימונגען, נישט פאַרשטאַנען, וואָס דער עולם שטופּט זיך אַזוי צו אים. איין מאָל

---

*) „דער תהילים־ייד", זז' 117-18.

בשעת א גרויסן געדראנג האט ער צווישן עולם דערזען זיין איידעם דעם סאכאטשעווער רבי ר׳ אברהמעלע. ער האט זיך מיט אים דערפרייט און מיט דער האנט אנגעוויזן אויפן עולם: „זעסט, אין דער יוגנט האט דאס נישט געהאט קיין צוטריט צו מיר און היינט וואס איז אויס מיר געווארן. זע, אז דו זאלסט זיך כאטש בעסער אויסארבעטן״.

ער האט שפּיציק געחוזקט פון די חסידישע רביים, וואס האבן זיך געהאלטן אין פוילן אין איין מערן. געזאגט, אז זיי פירן נישט, נאר פאר־פירן דעם עולם. „אז משיח וועט קומען, וועלן די וויסע זשופּעצעס דארפן רחמים, אז זיי זאלן נישט אוועקפאלן אין מינות ח״ו״.

ס׳זענען געווען מינוטן פון טיפער באזעלטקייט, ווען ער האט זיך באפרייט פון גאנצן מצוות־מעשיות־באלאסט און זיך דערהויבן צו הויך־געלייטערטער רעליגיאזיטעט, ממש צו ריין פאנטעאיסטישער אמונה. ווען א חסיד האט זיך געקלאגט, אז ס׳איז שוין שפּעט און ר׳האט נאך נישט געדאוונט, ווייל ר׳האט נישט קיין טלית, האט דער קאצקער אויסגערופן מיט פייער: „האסט נישט קיין טלית, — מע הילט זיך איין מיט ארבע כנפות הארץ״...

שוין פון אט דעם זאג אליין בליקט ארויס א פּערזענלעכקייט פון גרויסן פארנעם.

עס זענען אפילו פאראן קלאנגען, אז אין א פּריוויטיק־צו־נאכטס ת״ר, ווען ער איז געזעסן אין בית המדרש ביים טיש ארומגערינגלט מיט א גרויסן עולם חסידים, האט ער זיך פלוצים אויפגעשטעלט און מיטן שטריימל אויסגעלאשן די שבת־ליכט, דערביי הויך אויסגערופן: „לית דין ולית דיין!״ דאס האט אויף אלעמען געמאכט א דערשיטערנדיקן איינדרוק. זיי־נע חסידים, דער שפּעטערדיקער גערער רבי ר׳ איטשע מאיר אלטער (חי־דושי הרי״ם) האט זיך אפּגעקערט אין א זייט און דער שפּעטערדיקער ראדזינער רבי ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער איז באלד אוועק פון קאצק און אנגעהויבן פירן טיש פאר זיך.

פון דעמאלט אן האט דער קאצקער געלעבט אין אן אפּגעשלאסן חדר, זעלטן געקומען אין בארירונג מיטן עולם. געלעבט איינזאם, זיך אפּגעזאגט פון אלעם נייטיקן. זיינע ימי הסגירה האבן געדויערט גיינצן יאר. דאס

זענען געווען יאָרן פון טיפן אריינטראכטן אין זיך. איין מאָל האָט מען געזען, ווי ער הייבט אויף די הענט צום הימל און זאָגט: „דעם תלוי איז עס יאָ געראָטן, און מיר נישט?"

ס'זענען געווען טעג, ווער ער האָט פאר ליב גענומען זיינע ליידן, אפילו ארויסגעזאָגט רייד, וואָס אפּאָטעאָזירן די לעבנס־יסורים. דאָס זענען רייד, וואָס עס האָט מיט אַן האלבן יאָרהונדערט שפּעטער ארויסגעזאָגט פ ר י ד ר י ך נ י ט ש ע. דער קאָצקער האָט געהאלטן, אז אַ לעבן אָן יסורים איז נישט ווערט געלעבט צו ווערן. מ'טאָר נישט אַנטלויפן פון די ליידן, ווייל זיי באַשטימען דעם אייגנטלעכן זינען פון לעבן. אָן זיי איז ס'לעבן נישט ווערט קיין אויסגעריבענעם דרייער, עס איז נישט קיין ברכה, נאָר פּראָסט אַ קללה. מענטשן פרעגן תמעוואטע — זאָגט דער קאָצקער — אין וואָס אייגנטלעך באַשטייט די קללה פון נחש? דער אויבערשטער האָט אים פארשאָלטן „על גחונך תלך ועפר תאכל כל ימי חייך" — אויפן בויך זאָלסטו קריכן און ערד זאָלסטו עסן ס'גאַנצע לעבן. הע... הע... אויך מיר אַ קללה: ס'טייטש צו וואָס דו וועסט זיך צורירן, וועט פאר דיר זיין ברויט און דערצו וועסטו זיך אפילו נישט דאַרפן איינבייגן, ווייל וועסט גיין אויפן בויך. מיט איין וואָרט ברויט ארום און ארום להיפוך צום מענטשן, וועלכער מוז נעבעך בזעת אפּו האָרעוועון אויף אַ שטיקל ברויט. חמורים, זיי פאַרשטייען נישט, אז אין דעם ליגט די סאַמע גרעסטע קללה. דו וועסט האָבן צו פרעסן איבער גענוג, אָבער אַ קרענק וועסטו דאַרפן געבן אַ קרעכץ...

שפּעטער איז ער אריינגעפאלן אין גרויס אָפּהענטיקייט, געזאָגט, אז פון דער וועלט טראָגט זיך אַ ריח רע. אָפּגעלייקנט זיין פריערדיקע ליידן־באַרעכטיקונג. „די גאַנצע וועלט איז נישט ווערט, אז מ'זאָל אויף איר אפילו איין קרעכץ געבן"...

דער קאָצקער איז נפטר געוואָרן תרי"ט. דער ממלא מקומו איז געוואָרן זיין זון ר' דודל, אַן עפּיגאָן, וואָס איז סיי מיטן מילדן כאַראַקטער און סיי מיט דער גענדאַנקען־באַגרענעצקייט נישט דערוואַקסן צו דער גרויסקייט פון זיין טאַטן. אַביסל ענלעכקייט צום אַלטן קאָצקער האָט שפּעטער

ארויסגעוויזן זיין שארף אייניקל, דער סאקאלאווער רבי ר׳ זעליק, וועלכער איז אומגעקומען בעת דעם היטלער־מבול אין פוילן.

***

דעם ערשטן איינבראך קעגן קאצק האט געמאכט ר׳ מענדעלעס אנגעזעענער חסיד ר׳ מ ר ד כ י י ו ס ף א י ז ש ב י צ ע ר (געשטארבן אין תרי״ד). אוועק איז ער פון קאצק אין יאר ת״ר, אין זעלביקן יאר, ווען עס האט געזאלט פארקומען דער באקאנטער לית דין ולית דיין־אקט, וועלכער ווערט איבערגעגעבן אין פארשידענע נישט קאנטראלירטע נוסחאות. אוועק איז ער מיט גרויס רעש ווי א הילכיקער אפטריניקער, ווייל ער האט שוין מער נישט געקענט פארטראגן די „אויסטערלישע" גענג פון קאצקער. דארט ווו דער „חידושי הרי״ם" האט געזען אין קאצק דעם צד הנסתר און רוח הקודש, האט מרדכי יוסף געזען בלויז משונהדיקייט און קרומקייטן. ער האט געהאלטן, אז מ׳דארף האבן א רבין, וואס פארמאגט אן אויער פאר מענטשלעכע טאג־טעגלעכע זארגן און יסורים און נישט קיין הימלישן להכעיסניק, וואס טרייבט פון זיך יידן־מאמינים. זיין ביז איצטיקע פארערונג פון קאצקער איז גיך פארוואנדלט געווארן אין א ליידנשאפטלעכער שנאה. עפעס ווי ער וואלט געווארט אויפן מאמענט אויסצולאזן די איינגעשפייכלערטע ענערגיע פון בונטארישקייט. אוועק איז ער מיט א גרויסער גרופע חסידים, בכדי צו גרינדן אן אייגענעם „הויף". דער קאצקער האט אים דאס גענומען פאר אומגוט און אים מיט זיינע נאכפאלגער נאכגעשאלטן מיט טויטע קללות. מרדכי יוסף, אן עקזאלטירטער אפטריניקער, איז געגאנגען מיט זיינע חסידים לענגאויס דעם טייך וויעפש. אויפן וועג האט ער זיך אפגעשטעלט אין א קרעטשמע; גראד איז דארט אראפגעפאלן א בעלקע פון סופיט. דער עולם האט דאס באטראכט ווי אן עונש מצדן קאצקער. מרדכי יוסף האט בייסיק באמערקט: „אהא, דער קאצקער שיסט שוין מיט בעלקעס, אבער איך ווער דערפון קנאפ נתפעל". ער האט געגרינדעט זיין „הויף" אין איזשביצע, וועלכער איז שפעטער אריבער קיין ראדזין. צווישן אנדערע האט מען אין אט דעם

הויף געפלענט א שטארקע שנאה צו קאצק, וועלכע איז שפעטער אריבער אין א דם־פײנטשאפט לגבי גער, וואס איז געווארן דער יורש פון קאצק. די דאזיקע שנאה האט אנגעהאלטן ביז די לעצטע יארן פארן חורבן־פוילן. ר׳ מרדכי יוסף האט מחבר געווען א ספר „מי השלוח״ און געלאזט נאך זיך באדייטנדיקע חסידים, ווי: דעם לובלינער רבין ר׳ לייבעלע אייגער און רבי ר׳ צדוק הכהן. זיין זון ר׳ י ע ק ב איז לויטן כאראקטער געווען א מילדער און מיט גארנישט געווען ענלעך צו זיין ברויזיקן טאטן. ער איז לכתחילה געווען רבי אין איזשביצע און שפעטער אין ראדזין. ער האט מחבר געווען א ספר „בית יעקב״, נפטר געווארן אין יאר תרל״ח.

ר׳ מרדכי יוספס שטורמישער כאראקטער האט זיך אויפסניי אפגע־רופן ביי זיין אייניקל דעם רבין ר׳ ג ר ש ו ן ה ע נ ע ך (תקצ״ט — תרנ״א), וועלכער האט זיך אויסגעצייכנט מיט אן אומרואיקער נאטור און מיט לומדות. ס׳איז נישט צו פארשטיין, וואס ביי זיין אומרואיקייט האט ער פונדעסטוועגן באוויזן אנצוזאמלען גרויס תלמודיש וויסן.

מ׳וואלט אים געקענט באצייכענען ווי דעם איינציקן „וועלטלעכן״ רבי אין פוילן, וואס האט געהאט א געזעלשאפטלעכן חוש. ער האט זיך נישט געוואלט באגנוגענען מיט א שטיל שטעטל־ווינקל, פראווען רביסטווע, געבן סגולות און זאגן טיש־תורות. ער איז געווען א קעמפערישער טעמפערא־מענט, א איש ריב ומדון, וועלכער וויל בסדר איבערראשן די יידישע וועלט מיט נייע אויפטוען. דערצו האט ער ליב געהאט צו רייצן זיינע קעגנער, בכדי ארויסצורופן מלחמה. דער שוי־פלאץ פון קריג איז געווען זיין אייגנטלעכע סטיכיע. זיינע לומדישע אויפטוען האבן אויך פארמאגט אויפרייס־שטאף; מ׳האט אים נישט געקענט מוחל זיין זיין איינגערעדטע גרויסקייט, פאלעמישע אומדערשראקנקייט און דאס נישט שאנעווען קיין שום אויטאריטעט. זיינע פארשערישע אמביציעס זענען געווען ממש אויפ־רייסנדיקע. ער האט אונטערגענומען א גיגאנטישע מפורשישע ארבעט, וואס איז טיילווייז געקרוינט געווארן מיט דערפאלג און זיין „ארחות חיים״ און דערהויפט זיין „סדרי טהרה״ (גמרא אויף משניות סדר טהרות).

גרויס אויפטרייסלונג אין דער חסידישער וועלט האט ארויסגערופן זיין „פתיל תכלת״. דאס איז שוין נישט געווען בלויז א טעארעטיש פרא־

בלעם, נאָר אויך אַ ריין פּראַקטישער ענין, וועלכער האָט זיינע קעגנער פאַר־שאַפט אַ סך בייז בלוט און צעפלאַקערט אַ „בלוטיקע" מלחמה צווישן ראַדזין און גער. דעמאָלט איז אין גער געווען רבי ס'אייניקל פון „חידושי הרי"ם" ר' אריה לייב, דער „שפת אמת", וועלכער האָט שווערלעך געהערט אויף אַן אויער. די ראַדזינער האָבן זיך וועגן אים אויסגעדריקט מיט גרויס גרינגשעצונג, אים גערופן „דער טויבער לייביש" און אים אָפט געזידלט מיט די געמיינסטע רייד. גער איז אָבער געווען שטאַרקער און ראַדזין איז וואָס אַמאָל געוואָרן שוואַכער און איינגעשרומפּענער.

בכלל איז דער רבי ר' גרשון העניך געווען אַ כסדרדיקער אַנציינדער, און כדי צו דערגרייכן זיינע גרויסקייט־אַמביציעס, האָט ער זיך געלאָזט אויף אַוואַנטוריסטישע וועגן. דער סלע המחלוקות איז געווען דאָס א. ג. חלזון־פּראָבלעם. אין דער תורה זאָגט זיך וועגן ציצית „ונתנו על ציצת הכנף פתיל תכלת" (במדבר ט"ו - ל"ח). דאַדורך ווערט איין ציצה גע־פאַרבט בלוי.

אין דער גמרא „מנחות" (דף מ"ד) זאָגט זיך וועגן „חלזון", אַז דאָס איז אַ וואַסער־ווערעמל אָדער פורפור־ווערעמל (טייל רופן עס טינטן־פיש), מיט וועלכנס בלוט עס ווערט אויף בלוי געפאַרבט איינע פון די אַכט ציצית. „חלזון זהו גופו דומה לים ובריתו דומה לדג ועולה אחד לשבעים שנה ובדמו צובעין תכלת" (זיין אויסערלעכע קערפּער־פאַרב איז ענלעך צום ים, זיין באַשאַפנקייט, ד"ה זיין געשטאַלט איז ענלעך צו אַ פיש. ער שווימט קאַפּויר איין מאָל אין זיבעציק יאָר. און מיט זיין בלוט פאַרבט מען אויף פורפור־בלוי די וואָל). און ווער קען עס פעסטשטעלן, ווען ס'פאַלט אויס ס'זיבעציקסטע יאָר? מילא, די גמרא זאָגט אפילו, אַז מ'פלעגט אַמאָל דעם חלזון פאַנגען אין ים ביי חיפה (אלו ציידו חלזון מסולמות של צור ועד חיפה — שבת כ"ו), אָבער ווען עס פאַלט אויס ס'זיבעציקסטע יאָר, דעם סוד האָבן נאָר געוווסט די כהנים אין בית המקדש, אָבער נאָכן חורבן בית המקדש איז עס אויף שטענדיק פאַרבליבן אַ סוד.

אויף צעפּיקעניש אַלע זיינע שונאים, האָט דער ראַדזינער זיך אונ־טערגענומען אַליין אויסצוגעפינען דעם חלזון. ער איז פון ראַדזין געפאָרן קיין נעאַפּאָל, דאָרט אויסגעפונען אַ טינטן־פיש און באַשלאָסן, אַז דאָס

איז דער לאנג־געזוכטער חלזון פון דער גמרא און מיט זיין בלוט דארף מען עס פארבן א ציצה.

ר' גרשון הענעכס אויטאריטעט צווישן זיינע חסידים איז דערפאר געוואקסן אין לשער און ווען מ'האט זיי געפרעגט: „ס'טייטש דער חלזון שווימט דאך קאפויר איין מאל במשך פון זיבעציק יאר"... האבן די ראדזינער חסידים געענטפערט: „ס'שטייט נישט, אז דער חלזון שווימט קאפויר נאר איין מאל במשך פון זיבעציק יאר, ס'שטייט, אז איין מאל במשך פון זיבעציק יאר מוז ער קאפויר שווימען"... פון דעמאלט אן האבן ראדזינער חסידים געטראגן בלויע ציצית און דערמיט שטארק גערייצט די גערער. נישט איין מאל איז עס דערגאנגען צו בלוטיקע געשלעגן צווישן גערער און ראדזינער.

דער ראדזינער האט אויך געשריבן רעצעפטן אין אפטייק. ער האט פון היימישע ביכער אויסגעלערנט אביסל מעדיצין.

ווען ער איז אלט געווארן בסך הכל 52 יאר איז ער געשטארבן. יענעם טאג איז ביי די גערער געווען ששון ושמחה.

**
*

אין דער פלעיאדע גרויסע פוילישע רביים אין דעם נאך־קאצקער פעריאד פארנעמט ס'אנגעזעענסטע ארט דער „חידושי הרי"ם", באגרינדער פון דער גערער דינאסטיע א ל ט ע ר, וועלכע האט זיך אין קאנגרעס־פוילן אויסגעצייכנט מיט דער גרעסטער חסידים־נאכפאלגערשאפט. אלס בחור האט ער געשמט ווי דער ווארשעווער עלוי, וועלכער האט אלעמען פארבליפט אי מיט זיין בקיאות אי מיט זיין חריפות. דערצו האט ער זיך אויסגעצייכנט ווי א זעלטענער בעל־מידות, וואס האט זיך אליין געשטעלט גרויסע פאדערונגען. אט די אייגנשאפט פון כסדרדיקער זעלבסטלייטערונג איז ביי אים געשטארקט געווארן בעת זיין חסידות אין פשיסכע און קאצק.

מ'דערציילט, אז בעת זיין מוטער איז געווען מעוברת מיט אים, איז זי געקומען צום קאזשעניצער מגיד מקבל צו זיין א ברכה, אז איר קינד זאל זיין א תלמיד חכם און ירא שמים. דער מגיד האט איר „צוגעזאגט", אז איר זון וועט פארשיינען די וועלט מיט תורה און צדקות, אבער ער־

זועט נישט פאַרבלייבן קיין קאָזשעניצער חסיד. ס׳יינגל איז אָבער גיך געוואָרן אַ יתום און איז דעריבער דערצויגן געוואָרן אין קאָזשעניץ ביים מגיד אין הויז. ער האָט זיך גיך איינגעשאַפט ליבע אין דער קאָזשעניצער סביבה, מ׳האָט באַשיינפּערלעך געזען, אַז ס׳וואַקסט אַ כלי מפואר. נאָך דעם ווי דער מגיד איז נפטר געוואָרן האָט דער עולם אָנגעהויבן פאָרן צו זיין זון ר׳ מ ש ה א ל י ק י ם, וועלכער האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט און די מתנגדישע וועלט האָט אפילו אָפן געזאָגט, אַז דער רבי ר׳ משהלע קען נישט לערנען. איין מאָל האָבן די מתנגדים געוואָלט אָפּטאָן דעם קאָזשעניצער אַ שפּיצל און אים געשיקט פרעגן פּשט אין אַ שווערן תוספות און אַזוי אַרום אים אויסחוזקן פאַר דער וועלט אַלס עם הארץ. דער „חידושי הרי״ם״ האָט זיך אַריינגעמישט, אויפגעקלערט דעם שווערן תוספות און דערביי צונישט געמאַכט די מכלומרשטע קשיות פון די מתנגדים, וועלכע זענען געקומען אָפּשפּעטן פון חסידישע רביים. די מתנגדים האָבן דערביי מודה געווען, אַז דער יונגערמאַן איז אַ גרויסער גאון.

דער רבי ר׳ משהלע איז געווען אַנטציקט פון זיין יונגן חסיד ר׳ איטשע מאיר*) און אויס דאַנקבאַרקייט, וואָס ער האָט אים פאַרשפּאָרט עפנטלעכע בושה, האָט ער דעם יונגנמאַן אַ קוש געטאָן אין קאָפּ אַריין. דער „חידושי הרי״ם״ איז פון דעם געווען שטאַרק אומצופרידן און אפילו אַריינגעפאַלן אין כעס: „איך דאַרף נישט קיין רבין, וואָס זאָל מיך גלעטן און קושן, איך דאַרף אַ רבין, וואָס זאָל מיך שטעכן און טרענען ביי מיר די אָדערן, אַ רבין, פאַר וועלכן איך זאָל מורא האָבן. אַזאַ רבין דאַרף איך״. און ער איז גיך אַוועק פון פּשיסכע.

דער רבי ר׳ משהלע האָט דעם „חידושי הרי״ם״ געהאַט פאַראיבל, הלמאי ער פאָרט צו אַנדערע רביים. און נישט איין מאָל, ווען דער „חידושי הרי״ם״ איז געפאָרן קיין פּשיסכע אָדער שפּעטער קיין קאָצק, איז אים

---

*) אין פוילן האָט מען ס׳רוב ניי־געבוירענע קינדער אַ נאָמען געגעבן יצחק מאיר נאָכן אַלטן גערער, און דערפאַר האָבן ליטוואַקעס געחוזקט אויס דער ברייט־פּוילישער אויסשפּראַך, אַנרופנדיק יעדן פּוילישן צעצלאַפּעטן ייד „איטשע מאיער״.

אוועקגעקומען א קינד. ס׳ווייב (ר׳ משה חלפנס טאָכטער) האָט אפילו גע־האַט טענות צו אים, זאָל ער צוריק אָנהייבן פּאָרן קיין קאָזשעניץ, און זאָל מען זי נישט מעניש זיין מיט די קינדער. דער „חידושי הרי״ם״ האָט זיך אָבער דערמיט נישט גערעכנט, ער האָט אַלץ אָנגענומען באהבה, ווייל איבער אַלעם איז ביי אים געווען דער באַגער צו באַקומען אַ קלאָרע ידיעה ווי אַזוי צו דינען דעם השי״ת; עבודת הבורא שטייט איבער אַלץ אין דער וועלט... און אין פּשיסכע און נאָך מער אין קאָצק האָט מען שוין נישט געגלעט, נאָר „געטרענט די אָדערן״.

די „מחלוקה״ צווישן „חידושי הרי״ם״ און קאָזשעניצער איז איינ־געשטילט און שפּעטער באַנייט געוואָרן ביי אַן ענלעכן פאַל. ס׳האָבן זיך אין וואַרשע מתחתן געווען צוויי באַרימטע מתנגדישע משפּחות: דער „נו־דע ביהודהס״ זון ר׳ יעקבקע לאַנדו מיטן באַקאַנטן יידישן פּריץ ר׳ זלמן פּויזנער און ס׳איז אָפּגעשמועסט געוואָרן, אַז די חתונה זאָל זיין אין קאָ־זשעניץ. דער מסדר קידושין האָט געמוזט זיין ר׳ משהלע, ווייל ער איז געווען שטאָט-רב. עס האָט ווידער געקענט דערגיין צו אַ תורה־שמועס צווישן די מתנגדישע גאונים און קאָזשעניצער רבין. און ווער ווייסט מיט וואָסערע בזיונות ר׳ משהלע וואָלט דערפון אַרויס.

דער „חידושי הרי״ם״ איז געקומען ספּעציעל צופאָרן קיין קאָזשע־ניץ און באַלד נאָך אין די וועג-מלבושים אַריין אין דעם חתונה-זאַל, ווו מ׳האָט זיך גראָד געוואַשן צום עסן. דער „חידושי הרי״ם״ האָט זיך נישט געזעצט אויבן-אָן, נאָר זיך געשטופּט מיטן עולם חסידים. ביים עסן האָבן די מחותנים אַרויפגעפירט אַ לומדישן שמועס וועגן נטילת ידים. זיי האָבן זיך אָנגעהויבן צו שפּאָרן און לסוף זיך געפּרעגט ביים רב זיין מיינונג. דאָ האָט זיך אומגעריכטערהייט אָנגערופן דער „חידושי הרי״ם״ און שאַרפזיניק אָנגעוויזן אויף דעם גרויסן טעות, וואָס זיי מאַכן, אַז זייער פּלוגתא איז קיין פּלוגתא נישט. די מחותנים זענען געוואָרן איבערראַשט און נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי קומט קיין קאָזשעניץ אַזוי פיל לומדות. ר׳ זלמן פּויזנער איז אַפּערגעגאַנגען פון טיש, צוגעגאַנגען נאָענט צום יונגנ־מאַן, אים גוט אָנגעקוקט און אים דערקענט: „אָ, דאָס איז דאָך דער וואַר־

שעוועך עלוי. כ'האָב גאָרנישט געוווסט, אז ער איז אַ קאָזשעניצער חסיד"...

צוזאַמען האָט דער רבי ר' משהלע גערופן צו זיך דעם „חידושי הרי"ם" און אויס דאַנקבאַרקייט אים ווידער אַ קוש געטאָן אין קאָפּ אַריין. דער „חידושי הרי"ם" איז דערפון געוואָרן אויפגעקאָכט און איז שוין אַוועק פון קאָזשעניץ אויף שטענדיק.

אין פּשיסכע איז ער מיטן וואָרקער און קאָצקער געווען זייער נאָענטע חברים, וועלכע האָבן שטאַרק פאַרערט דעם רבין ר' בינעם, הגם אין לומדות איז ער נישט אָפּגעשטאַנען פון רבין. אין קאָצק ווידער האָט אים שוין געפעלט די פּשיסכער גאַנצקייט. ער האָט שטאַרק געהאַלטן פון קאָצקערס חריפות, אָבער נישט אינגאַנצן פאַרנומען זיינע „אויסטערלישע" געננ. בפרט, אז לויטן כאַראַקטער איז ער געווען דער היפוך פון קאָצקער, אינגאַנצן אַ מילדער. נאָך דער פּטירה פון קאָצקער האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו פיראָווען רביסטווע אין גור. (זיין פאָטער איז געווען מרא דאתרא אין גור). דער „חידושי הרי"ם" האָט צוליב זיין צדקות און גאונות גיך באַקומען די גרעסטע צאָל חסידים. אָבער בעצם איז ער נישט געווען דער טיפּישער חסידישער רבי. ס'האָבן זיך אין אים געראַנגלט דער למדן און חסיד. נישט איין מאָל האָט ער נישט געקענט סובל זיין די חסידיש־צעשויבערטע „גענג" מיט די הילכיקע „קאַזאַצקע" מאַרשן. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט זיין אהבת ישראל כסדר אים געצווינגן צו די פּשוטע יידן, וועלכע מ'דאַרף פירן ברוח התורה.

ער האָט געפלעגט ביי די חסידים ליבשאַפט צום אמת. „געדענקט, אז אמת מארץ תצמח — אז מ'באַגראָבט דעם שקר, שפּראָצט אַרויס דער אמת".

לכתחילה האָט ער זיך שטאַרק געוועהרט צו ווערן רבי, אָבער שפּעטער האָט ער אין דעם איינגעזען אַ אצבע אלהים. „וואָס האָט איר ענק אָנגעשעפּעט אָן מיר, ס'זענען דאָ אַזעלכע, וואָס קענען בעסער לערנען פאַר מיר, איבריקנס, אז יידן זאָגן „קודש" איז עס מסתמא „קודש לה' ".

עס זענען פון אָנהויב אים געווען דערווידער די רווישיקע חסידישע טענץ, אָבער ביסלעכווייז האָט ער זיך צוגעוווינט און אפילו אין זיי איינ-

געזען א זינען — „יידן טאנצן בכל מוצאי ימים טובים, מילא, אז א רבים יידן טוען אַפּ אַ מצווה, ווערט אין הימל אַן עת רצון".

●

האדרת האמונה לחי עולמים — אַז מען איז שטאַרק אין דער אמונה, לעבט מען לאַנג.

●

תורת ה' תמימה — זי אויסגעבויט גאַנץ, אפילו אַ סכין קטן — וועט אין איר נישט פאַרפאַלן.

●

צהר תעשה לתיבה — זאָלסט אַריינשיינען אין וואָרט.

●

שמע בקולי איעצך — דער עיקר איז אין דער עצה צוצוהערן מיין קול.

●

און דאָ קומט אַ דיאַלעקטישע אויפפאַסונג פון אַ מאמר אין דער משנה.

ערב יום-כיפור פלעגט דער „חידושי הרי"ם" זאָגן צו זיינע חסידים: „אם אין אני לי — מי לי?" אַז איך וועל נישט טאָן מיינע עבודות — ווער וועט פאַר מיר טאָן? „ואם לא עכשיו — אימתי?" ווען וועט זיין דער „עכשיו"? דער איצטיקער „עכשיו" אין דער מינוט, וואָס מיר ריידן, איז דאָך פון בריאת עולם אָן נישט געווען און ער וועט נישט זיין. פריער איז געווען אַן אַנדערער „עכשיו", שפּעטער וועט זיין אַן אַנדערער „עכשיו". און יעדער „עכשיו" האָט אַן אַנדערע עבודות, ווי עס שטייט אין זוהר הקדוש: „לבושין דלביש בצפרא לא לביש ברמשא". און אַזוי זאָגט דוד המלך: „חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך" — דער עיקר מען זאָל זיך מיגע זיין אין דער תורה מיט אַלע קרעפטן; מען וועט צו דער תורה מקושר. ששים רבוא אותיות לתורה און ששים רבוא נשמות פון ישראל

„דער ויכוח"

(אייל־בילד פון יעקב ווײַנלעס)

געפינען זיך אין דער תורה — ווערט מען א מחותן מיטן כלל. און אז מען טוט אין כלל האט מען פון כלל. מען האט פון כלל נאך מער וויפל מען טוט אין כלל. מען קען האבן עפעס פון יעדן יידן, פון זיין „עכשיו", וואס ער האט אין אים געטאן עפעס גוטס. ווארום „כשאני לעצמי מה אני" איך זאל זיין אפגעטיילט פון כלל, טא ווען וועל איך קענען פאררירכטן מיין „עכשיו", איין „עכשיו" פאר דעם צווייטן „עכשיו" קען נישט פאררירכטן, ווייל יעדער רגע איז מצומצם אין אן אנדער אור. הייסט, ווער שמועסט, אז ער האט קאליע געמאכט ח"ו, אז ער האט געטאן א גראבע זאך און ער טראכט אין „סור מרע"? טראכט ער דאך אין דער געמיינקייט, וואס ער האט געטאן און וו ו מ'טראכט — דארטן ליגט מען ד אך, מיטן נפש ליגט מען אינגאנצן וו מ'טראכט. הייסט, אז ער ליגט אין געמיינקייט, וועט ער געוויס נישט טאן קיין תשובה; עס וועט נתגשם ווערן ביי אים דער מוח, וועט ווערן דערפון א טמטום־הלב. אז ער וועט טראכטן אין דעם „סור מרע", לוינט אלץ נישט צו טאן דעריין. ממה נפשך: מיש די בלאטע אהין, מיש די בלאטע אהער, בלאטע בלייבט אלץ בלאטע... יא געזינדיקט, נישט געזינדיקט, וואס האט מען אין הימל דערפון? אין דעם זמן, וואס איך טראכט דערוועגן, קען איך זיין א נוקב מרגליות, אז אין הימל זאל מען דערפון אויך עפעס האבן. על כן: „סור מרע", קער אוועק פון דעם רע, לאז אים אפ, דעם רע, קלער אין אים נישט! „ועשה טוב" — עשית חבילות עבירות, עשה מצוות כנגדן. דעריבער ברויך מען הייסט פאר יום־הכיפורים פילן עזיבת החטא און טאקע מיט ישוב הדעת, און טאקע מעומקא דלבא. נישט דורך התפעלות און נעמען א קבלה בלב אויף להבא און זיין פריילעך. און א „על חטאים" דורכזאגן וואס צום גיכסטן. נישט ליגן אין זיי, נאר צום „ותמלוך אתה ד' לבדך".

לדוגמא עטלעכע תורה־איינטייטשונגען פון „חידושי הרי"ם":

„זה יתנו כל העובר על הפקדים מחצית השקל" (דאס זאלן זיי געבן, איטלעכער וואס גייט אריין אין דער ציילונג: א האלבן שקל — תצוה ל"י"ג) אויף וואס רש"י זאגט: „הראה לו כמין מטבע של אש ואמר לך כזה יתנו". דער „חידושי הרי"ם" האט אמאל, זייענדיק אין דייטשלאנד, באזוכט א שול, האט ער געהערט ווי דער פריידיקער זאגט אין דער דרשה:

„פאַרוואָס האָט דער אויבערשטער געוויזן דווקא אַ „מטבע של אש״? אַ מטבע פון פייער, פאַרוואָס נישט אַ מטבע פון מעטאַל? איז דער תירוץ, אַז מען מוז דערעיקרשט געבן די מטבע פון פייער מיט התלהבות. אָט דאָס וואָרט איז דעם „חידושי הרי״ם״ שטאַרק געפעלן. ווען ער איז אַהיימגע־קומען, האָט ער איבערגעחזרט זיין רבין אין קאָצק און זיך דערביי שטאַרק געחידושט, פון וואַנען קומט אַזאַ געראָטן וואָרט אין מויל פון אַ פּריידיקער. דער קאָצקער האָט אים געענטפערט: „דאָס איז דערפאַר, ווייל אין יענעם מקום צייכענען זיך די יידן אויס מיט דער מידה פון הכנסת אורחים״.

●

„וחי אחיך עמך״ (כדי דיין ברודער זאָל קענען לעבן ביי דיר — בהר כ״ה - ל״ו). די גמרא (בבא מציעא ס׳) דערציילט וועגן צוויי, וואָס זע־נען געגאַנגען אין וועג און געהאַט איין קריגל וואַסער. ווען איינער זאָל אויסטרינקען ס׳גאַנצע קריגל וואַסער, וועט ער דערגיין צו אַ ישוב און בלייבן לעבן, דאַקעגן דער צווייטער וועט שטאַרבן פון דורשט. ווען אָבער ביידע וועלן אויסטרינקען ס׳קריגל וואַסער, וועלן זיי ביידע שטאַרבן פון דורשט. בן פטורא פסקנט, אַז ביידע זאָלן טרינקען און ביידע זאָלן שטאַרבן, אַבי איינער זאָל נישט זען דעם טויט פון אַנדערן. ביז ס׳איז געקומען ר׳ עקיבא און געזאָגט „וחי אחיך עמך, חייך קודמים לחיי חברך״, דיין לעבן איז בילעכער פון דיין חברס לעבן. אַזוי בלייבט די הלכה.

דער „חידושי הרי״ם״ האָט געפרעגט: פאַרוואָס איז אָט די הלכה נישט געזאָגט געוואָרן ביז ר׳ עקיבא איז געקומען? דאָס איז דערפאַר — האָט ער געענטפערט — ווייל אין דער גמרא (ברכות ס״ח) דערציילט זיך, אַז ווען מ׳האָט ר׳ עקיבאן געפירט צום טויט, ווייל ער האָט געלערנט תורה מיט זיינע תלמידים קעגן דער גזירת המלכות, האָט ער געזאָגט: „מיין גאַנץ לעבן האָב איך זיך מצער געווען צוליבן פסוק „ואהבת את ה׳ אלהיך בכל נפשך״ — דו זאָלסט ליב האָבן דיין גאָט מיט דיין גאַנצן נפש, אפילו ווען מ׳וועט דיר דערפאַר צונעמען דיין נשמה, וואַרטנדיק אַז ס׳זאָל שוין קומען די שעה, ווען כ׳זאָל קענען מקיים זיין אָט די מצוות. איצט, אַז ס׳איז מיר געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט, זאָל איך זי נישט מקיים זיין?

ר׳ עקיבא האָט מאריך ביי „אחד" ביז זיין נשמה איז פון אים ארויס.

פון דעם איז צו זען, אז ר׳ עקיבא האָט געגלוסט צו קידוש ה׳ און דעריבער קען מען אים נישט חושד זיין, אז ער האָט געהאַט אַ נייגונג צו אַ דבר הלכה צוליב זיין אייגענעם גוף. דעריבער איז ער געווען אַ מרא דהאי הלכתא — דער האר פון דער הלכה „חייך קודמין לחיי חברך". ביי אַן אנדערן האָט מען געקענט חושד זיין, אז ער מיינט זיך.

●

„ובחרת בחיים למען תחיה אתה וזרעך" (דארום זאָלסטו אויסוויילן דאָס לעבן, כדי זאָלסט לעבן, דו און דיין זאָמען — נצבים ל׳ - י"ט). ווען דער „חידושי הרי"ס'ם" זון ר׳ אברהם מרדכי איז געווען געפערלעך קראַנק און די דאָקטוירים האָבן זיך שוין מיאש געווען, איז צו אים אריין דער „חידושי הרי"ם" מבקר חולה זיין. ער האָט זיך אראָפּגעבויגן צום קראַנקן און געזאָגט אים אויפן אויער: „דו זאָלסט וויסן, אז ס'איז אויפן מענטשן אַ מצוה צו וועלן לעבן אויף דער וועלט — „ובחרת בחיים".

נאָכדעם האָט ער ארויסגייענדיק פון צימער צוגעגעבן: „כ'האָף, אז דו וועסט וועלן לעבן, וועסטו געהיילט ווערן און וועסט נאָך האָבן אַ גוטן בן זכר".

נאָך דעם ווי דער „חידושי הרי"ם" איז ארויס, האָט ר׳ אברהם מרדכי זיך געשטאַרקט, אויפגעזעצט און געזאָגט: „רבש"ע, שענק מיר נאָך יאָרן צום לעבן און די זכיה צו האָבן אַ בן זכר, וועלכן איך וועל אַ נאָמען געבן יהודה, וואָרום איך וועל מקיים זיין דעם פסוק „הפעם אודה את ה׳".

ר׳ אברהם מרדכי איז באמת געזונט געוואָרן און געהאַט אַ בן זכר יהודה לייב, דעם „שפת אמת".

●

„לך אל העם וקדשתם היום ומחר" (גיי צום פאָלק, און זאָלסט זיי הייליקן היינט און מאָרגן — שמות י"ט - י׳). דער „מגן אברהם" פרעגט, פאַרוואָס מיר זאָגן אום שבועות ו׳ סיון „זמן מתן תורתנו". ס'בלייבט דאָך די הלכה אין דער גמרא (שבת פ"ו), אז ערשט ז׳ סיון זענען צו די יידן

געגעבן געוואָרן די עשרת הדברות. די גמרא זאָגט, אז כאָטש דער אויבער־שטער האָט באַפוילן „וקדשתם היום ומחר", דאָס הייסט, אז יידן זאָלן זיך גרייטן צוויי טעג צו קבלת התורה, האָט משה לויט זיין אייגענער דעה צו־געגעבן איין פאַרבאַרייטונגס־טאָג, צו וועלכן דער אויבערשטער איז מסכים געווען. אָט צוליב דעם כוח, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו משהן, דעם ערשטן מקבל פון דער תורה, מוסיף צו זיין אַ טאָג, רופט מען אָן דעם יום־טוב „זמן מתן תורתנו".

נאָך דער פטירה פון „חידושי הרי"ם" אין יאָר תרכ"ו איז זיין איי־ניקל ר' אריה ליב, דער שפּעטערדיקער „שפת אמת", געפאָרן קיין אַלעק־סאַנדער צום רבין ר' הענעך און אין יאָר תר"ל באַנייט ס'גערער רבישאַפט און געפירט עס ביז תרס"ה. נאָך דעם איז געוואָרן רבי זיין זון ר' אברהם מרדכי, דער דריטער גערער רבי.

גער איז אין קאָנגרעס־פּוילן דער פּאָפּולערסטער הויף. גערער חסידות צייכנט זיך נישט אויס מיט קיין שום באַזונדערקייט; עס איז גיכער פאַרבלאָז, ווייל עס איז לויטן כאַראַקטער מאַסנהאַפטיק. אום ראש השנה און שבועות ווערט ס'קליינע שטעטל גער — צוויי שעה רייזע פון וואַרשע — ממש איבערפולט מיט אַן עולם פון פינף ביז זיבן טויזנט מענטשן. גערער חסידות איז צוגעפּאַסט צום מאַסן־געברויך, דעמאָקראַטיזירט, ס'זע־נען נישטאָ קיין שום שוועריקייטן ביים נעמען און געבן שלום, דער זמן התפילה איז אַ נאָרמאַלער, די תורות ביים טיש זענען נישט קיין קאָמ־פּליצירטע, די ניגונים זענען נישט קיין פאַרוואָלקנטע. דער רבי האָט גע־דולד צו יעדן חסיד, הערט אויס זיינע רייד, פילט־מיט זיינע איבערלע־בענישן, גיט פּראַקטישע עצות. גער צייכנט זיך אויס מיט פּראַקטישער חכמה. גער האָט נישט אריינגעבראַכט קיין שום נייעם עלעמענט אין אַל־געמיין חסידישן וועלט-באַנעם; ס'איז ווינציקער חסידות און מער חסידי־שע באַוועגונג. דער לעצטער גערער רבי איז געווען שותף צו גרויסע געשעפטן. דער ענין פון פדיונות איז אין גער אינגאַנצן נישט בנמצא. צוליב דעם מאַסנהאַפטיקן כאַראַקטער פון גערער חסידות, האָבן גערער אומעטום פאַרבינדונגען און דערפון האָבן זיך אויסגעבילדעט גערער תקיפים.

דער לעצטער גערער רבי איז באַקאַנט ווי אַ זעלטענער ביבליאָגראַף, אָבער אויך ווי אַ מענטש פון געזעלשאַפטלעכער איניציאַטיוו. ער איז דער מיטפירער פון דער אָרטאָדאָקסישער פּאָליטישער פּאַרטיי „אגודת ישראל", וועלכע האָט אין פּוילן געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל אין יידיש-געזעלשאַפטלעכן לעבן. גער האָט אויך געגעבן זיין הסכם צו שאַפן אַ נעץ אָרטאָדאָקסישע שולן פאַר מיידלעך „בית יעקב". די גערער האָבן באַהערשט כמעט אַלע גרעסערע קהילות אין פּוילן. אַלע איבעריקע „הייף" און „הייפעלעך" אין פּוילן, ווי אַלעקסאַנדער, סאָכאַטשעוו, פּאָריסאָוו, גראָדזשיסק, פּיאַסעטשנע און אַנדערע האָבן כסדר געקוקט אויף גער. וואָס גער טוט, טוען זיי קאַפּויר.

דער צווייטער לויט דער צאָל חסידים איז דער אַלעקסאַנדער הויף. אין תוך איז דאָס געווען אַן עפּיגאָנישער הויף, וואָס האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט, סיידן מיט אָפּגעהיטער פרומקייט. זיין ביאָלאָגישער און „אידעאָלאָגישער" אָפּשטאַם איז וואָרקע. אמאָל בעתן גערער „אינטעררעגנום", ד"ה צווישן „חידושי הרי"ם" און „שפת אמת" האָט אין אַלעקסאַנדער „געהערשט" ר' הענעך, אַ שפּליטער פון קאָצק, צו וועמען ס'איז טאַקע געפאָרן דער „שפת אמת" במשך פון צוויי יאָר. שפּעטער האָט מען אָפּגעקויפט ר' הענעכס נחלה און דאָרט „געקרוינט" דעם וואָרקער ר' יחיאל פאַרן ערשטן אַלעקסאַנדער רבי. זיין זון, וועלכער האָט געהייסן אזש דריי נעמען: ירחמיאל, ישראל, יצחק, איז דערצויגן געוואָרן ביי ר' יעקעלע ראַדזימינער, וועלכער האָט „פּאַרקלונגען" די וועלט נישט נאָר די יידישע, נאָר אפילו די גויאישע מיט זיינע גרויסע מופתים. פונדעסטוועגן האָט ר' ירחמיאל ישראל יצחק זיך עפּעס נישט געמאַכט קיין שם פאַר אַ בעל מופת, ווי עס איז למשל געווען זיין טאַטע, דער באַרימטער פוקד עקרות. דערצו איז דער דריי-נאָמענדיקער זון געווען געשלעכטלעך דעפעקטיוו און דאָס האָט אַרויפגעלייגט אַ שווערן חותם אויף זיין געמיט. דער רבי, וועלכער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט גרויס לעבנס-חכמה, איז בכלל געווען אַ שווערמוטיקער, שטענדיק געזיפצט און געקרעכצט. ער איז עפּעס געווען צעקריגט מיטן לעבן און געמאָנט ביי יעדן

די פארלייקענונג פון עולם הזה. אין דער פוילישער חסידישער וועלט איז ער באקאנט ווי דער „ישמח ישראל", דער נאָמען פון ספר איז דער היפוך פון מחברס געמיט.

אַלעקסאַנדער איז געווען אַ פּאָפּולערער הויף, געהאַט אַ סך לומדישע חסידים. צווישן אַלעקסאַנדער און גער איז אָנגעגאַנגען אַ שטענדיקע מלחמה. גער ליגט צוויי שעה רייזע פון וואַרשע און דעריבער איז וואַרשע געווען באַזעצט פון גער. אַלעקסאַנדער ליגט אַ קנאַפּע שעה רייזע פון לאָדזש, איז טאַקע לאָדזש אָקופּירט געווען פון די אַלעקסאַנדער.

זיינע תורות פלעגט ער אויסזיפּצן:

דער „ישמח ישראל" האָט געזאָגט: „אין פּרק שטייט: „אל תתחבר לרשע". וואָס איז דאָ איינגנטלעך מורא צו האָבן זיך חברן מיט אַ רשע? באַשר, ער וועט אָנריידן צו טאָן בייז. איז ממה נפשך, וועט ער אָנריידן צו גנבענען, ווייסט מען דאָך שוין מן התורה „לא תגנוב", ווידער צו זנות — שטייט דאָך „לא תחמוד" אאז"וו. דער תירוץ אָבער איז, אַז מ'טאָר זיך בכלל נישט חברן מיטן רשע, נישט נאָר ביים טאָן שלעכטס, נאָר אפילו ביים טאָן גוטס, ווייל גוטס, געטאָן דורך אַ רשע, איז גאָר קיין גוטס נישט"...

נישט איין מאָל איז אים געווען איבער דער טבע דער המון, וואָס איז צו אים געקומען זוכן אַ סגולה אויף פאַרשידענע חולאתן. איין חסיד האָט זיך צו אים געווענדעט מיט אַ קוויטל וועגן הילף פאַר אַ קראַנקן, מיט וועלכן ס'איז סכנות נפשות. דערביי האָט ער אויפן קוויטל אויפגעשריבן גרייזיק „תקנום נפשום". דער רבי האָט אויפגעהויבן ס'גרייזיק געשריבענע קוויטל און מחמת אותיות מחכימות, האָט ער עס געפירט אַהין און צוריק פאַר די אויגן און דערביי באַמערקט האַלב־וויזיאָנעריש און האַלב־איראָניש: „יאָך זע דאָ נישט קיין סכנות נפשות"...

אין אַלעקסאַנדער האָט מען איינגעטייטשט תורה:

„והתקדשתם והייתם קדושים כי קדוש אני" (און איר זאָלט זיך הייליקן און זיין הייליק, וואָרום איך בין הייליק — שמיני י"א - מ"ד). יעדער ייד קען זיין אַ קדוש, ווי זאָגט די וועלט, ווען דער פּאַטער איז אַן עושר

האָט שוין דער זון נישט וואָס צו זאָרגן. אָט דאָס איז די כוונה פון די ווערטער: כי קדוש אני, ד"ה האָב איך קדושה פאַר יעדן ייִד.

●

„היום ברכה וקללה" (היינט א ברכה און א קללה — ראה י"א - כ"ו). ס'איז פאַראַן צווייערליי „היומס" (היינט), איינער פאַר צדיקים און איינער פאַר רשעים. די רשעים זאָגן — היינט זאָלן מיר עסן און טרינקען, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן. די צדיקים ווידער זאָגן — היינט זאָלן מיר גוטס טאָן, ווייל מאָרגן וועלן מיר שטאַרבן און מיט וואָס וועלן מיר דאָרט אהינקומען. אָט דאָס איז „היום ברכה וקללה".

●

„מימינו אש דת למו" (אין זיין רעכטער האנט א פייערדיק געזעץ פאַר זיי — וזאת הברכה ל"ג - ב'). די תורה איז אזוי ווי פייער, ווי עס שטייט אין פסוק „אלא דברי כאש נאום ד'". וואָרום דעמאָלט ווען דער מענטש לערנט תורה אָדער ווען א איש אמת, א צדיק, זאָגט א דרשה ברבים, ברענגט ער דערמיט אריין אין הארץ פון לומד אָדער הערער א פייערדיקע התלהבות.

נאָך גער איז אַלעקסאַנדער געווען דער גרעסטער הויף, אָבער די ביידע „הייף" האָבן זיך קיינמאָל נישט געקענט צונויפרייידן. תמיד איז ביי זיי געווען קריגס-צושטאַנד. ס'איז אָבער נישט געווען די זעלביקע מלחמה, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן ראַדזין און גער. ראַדזין איז געווען אָנגרייפעריש „אידעאָלאָגיש" און געזעלשאַפטלעך. גער האָט „העלדיש" צוריקגעשלאָגן די ראַדזינער אַטאַקעס. אַלעקסאַנדער דאַקעגן האָט לגבי גער געפירט א דעפענסיוון קאַמף. גער האָט עפּעס „אָפיציעל" נישט אָנערקענט דעם אַלעקסאַנדערער הויף, אים גרינגגעשעצט, באַצויגן זיך מיט ביטול. אָבער אינגאַנצן איגנאָרירן האָט מען די אַלעקסאַנדער נישט געקענט, פאַרט א כוח, וועלכן מען קען אויסנוצן ביי באַזעצן רבנים און שוחטים אין פאַרשידענע שטעטלעך. פון די שלאַכטן צווישן גער — אַלעקסאַנדער איז אַלעקסאַנדער שטענדיק אַרויס מיט כבוד, אָבער קיינמאָל נישט מיט נצחון...

א האַלב-רבנישן און האַלב־רבישן טיש האָט געפירט דער רבי ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשעווער (תקצ״ט־ תר״ע). זיין שטייגער חסידות איז ענלעך געווען צום שטייגער פון ר׳ אברהמעלע טשעכאַנאָווער, ווו ס׳דאָמינירט דער עלעמענט פון לומדות.

ווי קומט טאַקע אַט דער גאון צו רביסטווע? דער ענטפער איז — פון דער רבישער סביבה, אין וועלכער ער האָט געלעבט.

מ׳דערציילט, אַז ווען דער קאָצקער איז געווען אַן אַלמן, איז ער אַמאָל געפאָרן קיין וואַרשע צו זיין גרויסן חבר און תלמיד דעם „חידושי הרי״ם״, וועלכער איז געווען ר׳ משה חלפנס אַן איידעם. פון גרויס פרייד צוליבן חשובן גאַסט האָט דער „חידושי הרי״ם״ געשיקט זיין יונגע שוועגערן נאָך אַ פלאַש בראַנפן. ווען די בתולה איז צוריקגעקומען מיטן בראַנפן, האָט זיך איר פאַר דער טיר אויסגעגליטשט די פלאַש פון דער האַנט און איז צעבראָכן געוואָרן. פון גרויס ערגערניש האָט זי זיך צעוויינט. דער קאָצקער הערנדיק אַ געוויין, האָט ער געעפנט די טיר און געזאָגט: „מיידל, וויין נישט, איך וועל דיך נעמען פאַר אַ כלה״. „גוט — האָט זי געענטפערט — אָבער בתנאי, אַז איר וועט מיר צוזאָגן, אַז איך וועל האָבן אַ בן זכר״. ער האָט איר צוגעזאָגט און זי איז געוואָרן דעם קאָצקערס ווייב. ווי ס׳האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, האָט זי דער „חידושי הרי״ם״ געלערנט אַזוי צו זאָגן.

איין מאָל אין קאָצק, ווען זי איז שוין געווען אין די הויכע חדשים, האָט זי אויפן הויף באַגעגנט ר׳ מרדכי יוסף איזשביצער און אים באַצייטנס פאַרבעטן אויפן ברית. ער האָט זיך געחידושט, פונוואַנען ווייסט די רביצן, אַז זי וועט האָבן אַ בן זכר, אפשר וועט זי גאָר געבוירן אַ צווילינג־מיידלעך. זי האָט זיך באַליידיקט, איז אַריין מיט אַ געוויין צום קאָצקער און אים פאַרציילט דעם שמועס מיטן איזשביצער. האָט דער קאָצקער איר געענטפערט: „מסתמא, אַז מרדכי יוסף זאָגט, איז געזאָגט״. וכך הוה זי האָט טאַקע געבוירן צוויי מיידלעך און איינע פון זיי איז שפּעטער געוואָרן דעם סאָכאַטשעווערס ווייב. ר׳ אברהמעלע סאָכאַטשעווער איז דעם ביאַלער רבס זון; ער האָט שוין ווי אַ קינד פאַרקלונגען די וועלט אַלס

עלוי. ער איז געווען אַ צעטראָגענער און פאַרטראַכטער. איין מאָל האָט ער געוואַשן די הענט און זיי אָפּגעווישט מיט אַ טייגל. נישט געזען, וואָס ארום אים טוט זיך. שטאַרק נושא חן געווען ביים קאָצקער, וועלכער האָט אים גענומען פאַר אַן איידעם. פון אים טאַקע איז ער געקומען צו חסידות. אין דער הקדמה צו זיין ספר „אגלי טל" זאָגט ער, אַז ביי זיין שווער האָט ער געלערנט דעם אמתן וועג פון תורה און חסידות.

ער איז פריער געווען פּאָפּולער ווי דער קרושנעוויצער רב. שפּעטער געוואָרן רב אין נאַשעלסק ולסוף רב און רבי אין סאָכאַטשעוו. הונדערטער יונגעלייט זענען געפאָרן קיין סאָכאַטשעוו לערנען תורה. ר' אברהמעלע האָט יעדן טאָג געזאָגט אַ שיעור. ער איז געוואָרן רבי אין איין צייט מיטן „שפת אמת", און דעריבער זענען אַ סך תורה־דורשטיקע יונגעלייט פון גער גע־פאָרן קיין סאָכאַטשעוו. נישט אומזיסט האָט מען אין פוילן באַצייכנט די רביאישע „הייף": „גער איז חכמה, אַלעקסאַנדער — פרומקייט, סאָכאַ־טשעוו — תורה". מ'האָט דעם סאָכאַטשעווער גאון געהאַלטן פאַר אַ וויר־דיקן „פּאַרטנער" פון ר' יהושועלע קוטנער.

זיין זון, ר' שמואל, האָט דעם טאַטן אומעטום באַגלייט. ווען דער סאָכאַטשעווער איז אַמאָל געווען צו גאַסט ביים גאָסטינינער, האָט ער מיט זיך מיטגענומען דעם זון ר' שמואל. נאָך דעם ווי זיי האָבן זיך שוין געזעגנט מיטן גאָסטינינער און זענען אַרויס אין מאַרק צום וואָגן, איז דער גאָסטינינער אַרויס זיי באַגלייטן און געוואַרט ביז דער וואָגן וועט אָפּפאָרן. אין דער לעצטער מינוט האָט דער סאָכאַטשעווער נאָכאַמאָל זיך געזעגנט מיטן גאָסטינינער. אויך ר' שמואל האָט אויסגעצויגן די האַנט צום געזע־גענען זיך. דער גאָסטינינער האָט זיך אָפּגעקערט: „דיך בין איך דאָך נישט געקומען באַגלייטן".

נאָכן סאָכאַטשעווער זענען געבליבן אַ סך חיבורים. צווישן זיי האָבן זיך באַזונדער קונה־שם געווען צוויי הלכה־ספרים „אגלי טל" און „אבני נזר", וועלכע זענען במשך פון צענדליקער יאָרן נישט אַראָפּ פון קיין שום לומדישן טיש. דער סאָכאַטשעווער האָט זיך אויסגעצייכנט מיט אַ טיף־אַנאַליטישן מוח.

אין יאָר תר״ע האָט די סאָכאַטשעווער רביסטווע איבערגענומען זיין זון ר׳ שמואל, וועלכער האָט זיך מיט גאָרנישט אויסגעצייכנט. דער עולם האָט ביסלעכווייז אָנגעהויבן ווערן קלענער. די, וואָס זענען געבליבן אין סאָכאַטשעוו איז נאָר אין זכות פון ר׳ אברהמעלע. בכלל איז אין דער משפחה פון סאָכאַטשעווער רבין פאָרגעקומען אַן איבערברוך. זיינע זין און טעכטער זענען אַוועק פון חסידישן וועג און געוואָרן וועלטלעך. נאָר איין זון ר׳ דודלען איז געלונגען איינצוהאַלטן ביי פרומער יידישקייט. ער איז געווען ווישעגראַדער רב. אין יאָר תרפ״ה איז ר׳ דודל געוואָרן רבי. דער סאָכאַטשעווער הויף איז געוואָרן איינגעשרומפּן און אָנגעהויבן וואַנדערן פון סאָכאַטשעוו קיין זגערזש, פון זגערזש קיין פּאַביאַניץ אאז״וו. ר׳ דודל האָט זיך נאָך ווינציקער מיט עפּעס אויסגעצייכנט איידער ר׳ שמואל. ר׳האָט אָבער געהאַט א הדרת פּנים, א שיינע גרויע באָרד און געהאַט א שוואַכקייט צו האַלטן רעדעס אויף פאַרשידענע אָרטאָדאָקסישע צוזאַמענ־פאָרן. ס׳רוב פלעגט ער זיך בשעתן ריידן צעוויינען. דער עולם סאָכאַטשעווער חסידים איז לעצטנס געווען גאָר א קנאַפּער. ר׳ דודל איז אומגעקומען בעת דעם חורבן־פּוילן.

פון דעם טיפּ רב־רבי איז געווען דער אָסטראָווצער רבי ר׳ מאיר יחיאל, וועלכער איז געווען א גרויסער גאון. ער איז געווען א זון פון א בעקער. מ׳דערציילט, אַז דער אָסטראָווצער האָט זיך אַמאָל צונויפ־געטראָפן מיט עטלעכע אָנגעזעענע רביים. יעדער פון זיי האָט עפּעס נאָכ־געזאָגט א תורה פון זיין טאַטן ז״ל. ווען ס׳איז געקומען די ריי צום אָס־טראָווצער האָט ער געזאָגט: „מיין טאַטע ז״ל האָט געהאַלטן, אַז די בעסטע זאַך איז א פרישׁ שטיקל געבעקס״.

דער אָסטראָווצער איז געווען געאַכטעט אין גאַנצן לאַנד און קיין שום רבישער הויף האָט מיט אים, חלילה, נישט געפירט קיין מחלוקות. מ׳האָט אים באַטראַכט פאַר א הייליקן.

ער האָט יומם ולילה געלערנט און כמעט גאָרנישט נהנה געווען פון עולם הזה. איין מאָל אין מעת-לעת, צוועלף ביינאַכט, פלעגט ער עסן אביסל פּאַסטנע קאַשע. זיין הויט איז געווען גרין און געריינצלט. די אויגן אביסל

ארויסגעזעצט. תמיד געפילט אביסל קעלט, אפילו זומער געטראָגן אַ פּעלץ. ער איז געווען אַ יידישער פּראַץ פון אסיז. מיט זיין פּאַסטן איז ער אויסן געווען „איבערמאכן די אייגענע טבע", מחמת ער איז געווען פון פּראָסטן אַפּשטאַם.

איין מאָל זומער־צייט איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע חסידים געפאָרן מיט אַ וויזיט קיין גער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ פוטער און שטריימל, אויף די הענט געטראָגן ווארעמע הענטשקעס. ביי דעם אַלעם האָט ער גע־פילט אַ קעלט. פון דער קאַלייקע אין גער האָט מען אים אַראָפּגענומען, ארויפגעזעצט אויף אַ סאַמעטענעם פאָטעל און געטראָגן אין רבינס הויז. אַ טייל אַסטראָווצער חסידים זענען פאַראויסגעלאָפן און געבעטן דעם גערער רבין, אַז ער זאָל פועלן ביים אַסטראָווצער, אַז ער זאָל אָנהייבן מער צו עסן, ווייל ס'דראָט אים אַ קרענק. ווען מ'האָט אים געברענגט צוטראָגן אויפן הויף, איז דער גערער אַקעגנגעגאַנגען אים געבן „שלום". די אַס־טראָווצער און גערער חסידים האָבן ארומגערינגלטביידע רביים. צווישן די רביים האָט זיך געפירט אַזאַ שמועס:

— שלום עליכם, אַסטראָווצער רבי.

— עליכם שלום, גערער רבי.

— וואָס מאַכט איר, אַסטראָווצער רבי?

— געלויבט דער אויבערשטער, גערער רבי.

— אפשר, אַסטראָווצער רבי, וואָלט געווען אַ יושר, אַז איר זאָלט אָנהייבן עפּעס מער טועם זיין?

— כ'וויים, אַ כלי, אַז מען געווינט זי אָפּ איז גלייכער...

— פאַרוואָס? איך פאַסט נישט, מיין טאַטע ז"ל האָט נישט געהאַלטן דערפון און דער „חידושי הרי"ם" אוודאי נישט...

— גערער רבי, ווי קען איך זיך גלייכן צו אייך, איר האָט דאָך גרויס זכות אבות. און איך?...

פּלוצים איז צו אים צוגעשפּרונגען אַ חסיד און אויסגערופן: „אַס־טראָווצער רבי, ביז ווי לאַנג וועט איר אַזוי מבזה זיין אייער טאַטן?!"...

אַן אַנדערש מאָל איז ער פאַרפאָרן צו זיינס אַ חסיד אין ווארשע

אויף דער טוואַרדע. ס'האָבן באַלד אָנגעהויבן שטראָמען צו אים אָנגע־זעענע חסידים און רבנים. ווען דער באַוווסטער וואַרשעווער גאון הרב וויינבערג, האָט אים געפרעגט, וואָס ער מאַכט, האָט דער אָסטראָווצער רבי אָוועקגעמאַכט מיט דער האַנט און אָנשטאָט אַן ענטפער אים גאָר גע־פרעגט: „מאירל, האָסט עפּעס היינט מחדש געווען?" אינמיטן תורה־שמועס איז דער באַלעבאָס צוגעקומען און געזאָגט, אַז ס'איז געקומען דעם אָסטראָווצערס שוועסטער, וועלכע איז שוין צעשיידט מיטן רבין פופצן יאָר און איצט וויל זי האָבן די זכיה צו זען זיך מיט איר ברודער. דער רבי האָט געענטפערט כלאחר יד: „איך בין פאַרנומען; מען וועט זיך שוין זען אויף יענער וועלט"...

ביי דער גאַנצער אַסקעטישקייט האָט דער אָסטראָווצער פונדעסטוועגן דערגרייכט אַ שפּאַרע עלטער.

***

מיט דעם איז פאַרענדיקט ס'קאַפּיטל פּירנדיקע רביאישע הייף אין פּוילן. חוץ דעם זענען איבער גאַנץ פּוילן אין די פּאַרוואָרפנסטע שטעט און שטעטלעך צעזייט פאַרשידענע רביאישע הייפעלעך מיט אַ גרעסער אָדער קלענערער צאָל חסידים. אָבער זיי ברענגען נישט אַריין קיין שום נייעס אין דרך־החסידות. גיכער זענען דאָס עפּיגאָנישע ברוכטיילן פון אַמאָ־ליקע רביאישע דינאַסטיעס. ס'איז גענוג צו דערמאָנען די ביאַלער, ראַ־דאָמסקער (דער דינאַסטיע־גרינדער ר' שלמהלע ראַדאָמסקער דער בעל „תפארת שלמה"), פּאַריסאָווער, גראָדזשיסקער, לובלינער, פּיאַסעטשנער, גאָסטינער, סאָקאָלאָווער, כמעלניקער, סוכעדניעווער, מאָגעלניצער, ראַדאָ־שיצער, ראַדזימינער, אָפּאָלער, קוזמירער, זאַקליקאָווער, שידלאָווצער, כענ־משינער, לאָמזשער, קאַליביעלער אאז"וו, אאז"וו. ווי אויך די גרעסערע הייף אין גאַליציע: בעלז, סאַדיגור, טשאָרטקאָוו, פּרעמישליאַן (ר' מאירל פּרעמישליאַנער איז באַקאַנט צוליב זיינע גייסטרייכע ווערטלעך), ריזשין, רימאַנאָוו, סטרעליסק (ר' אורי סטרעליסקער, דער „שרף"), דזשיקאָוו, באָ־באָוו אאז"וו. זיי אַלע גילטן ווי גרעסערע אָדער קלענערע בעלי־מופתים.

חוץ דעם האָבן די גרעסערע גאַליציאַנער הייף געהאַלטן פריצישן „שטאַט".

אָבער אין הארץ פון פוילן האָבן די כּלערליי הייפעלעך, נישט קוקנדיק אויף זייער שטאַק־אַבערגלויבערישקייט און נישט איין מאָל אפילו געצנ־דינערישער פראַקטיק, אריינגעבראַכט אין חושכדיקן שטעטל און בלאָטיקע געסלעך אביסל געמיט און יום־טובדיקייט דורך קאָלעקטיווער געבונדנקייט, פאָלקס־תּורה, סעודהלעך, געזאַנג און טענץ.

אמת, ס'רוב פון די רביים זענען געווען „גוטע יידן", וואָס זענען „באַרופן" צו געבן באַלדיקע הילף סיי דעם כּלל סיי דעם יחיד. ס'פּראָגראַם מאַקסימום באַשטייט אין „אָראָפּברענגען משיחן" בכּדי צו באַזאָרגן יידן מיט חיי עולם. ס'פּראָגראַם מינימום באַשטייט אין אָוועקטרייבן אַלע שאַטנס, בכּדי צו געבן דעם כּלל א חיי שעה. אין א צייט פון ביטערע גזי־רות, שלאַפקייטן אָדער טריקעניש ווענדעט מען זיך צו אים, „ער זאָל זיין א בעטער א גוטער" מבטל מאַכן די גזירות און אויספּועלן ישועות ונחמות פאַר יידן.

דער פאָלקס־מענטש האָט אין אַן עת־צרה געהאַט די מעגלעכקייט זיך פּערזענלעך מזכּיר זיין פאַרן רבין, אים אַנפאַרטרויען אַלע דאגות און בעטן הילף. געקומען איז מען צום רבין מיט א חולאַת, א דיבוק, עקרה, וועגן א שידוך, בעטן פּרנסה אד"גל.

ווי א גרויסער בעל־מופת האָט געשמט דער גאָסטינינער רבי ר' יחיאל מאיר. שלום אש האָט אים אין „תהילים ייד" אָפּאָטעאָזירט און דערהויבן צו א גרויסן פאָלקס־רבין, וואָס שעפּט זיין גלויבן פון די ריינסטע קוואַלן, כּדי עס מיט גרוים אהבה איבערצוגעבן דעם פאָלק. מ'האָט „באַשיינפּער־לעך געזען", אַז דער גאָסטינינער האָט א „גוטן גאַנג" אין הימל. אַן עקרה איז באַלד געהאָלפן געוואָרן, א פאַרמשפּטער איז תיכף אויסגעלייזט גע־וואָרן פון גוים הענט, א געזונטער איז באַפרייט געוואָרן פון „לאָס" אאז"וו. אויך דער פּיאַסעטשנער האָט געהאַט א שם פון א בעל־מופת, צו אים זע־נען ס'רוב געפאָרן ווייבער. א האַלבער שאַנטאַזשיסט און חצי רבי איז געווען דער „זעלטענער" בעל־מופת דער פּיעטראָקאָווער „ברוקאַזש", וועל־כער איז שטיין רייך געוואָרן פון טרייבן דיבוקים.

***

ווי ס'איז צו זען, איז די פויליש-חסידישע וועלט מיט איר געפלעגטן ציבור-געפיל לויט איר שטייגער, נוסח און סטיל געווען אינגאנצן אן אפּגעשלאָסענע וועלט. געטראָגן אויף זיך דעם חותם פון אייגנאַרטיק פויליש געמיט, ראָמאַנטישקייט, פאַרחלומטקייט און אבערגלויבן, וואָס איז מיט דער צייט אויסגעוואַקסן אין אַ בלענדנדיקן מיטאָס. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, נישט אַלעמאָל געגאַנגען האַנט ביי האַנט מיט לומדות און אוודאי נישט מיט שכלדיקייט. מ'האָט אָפטמאָל אין פוילן אַ חסידישן רבין פאַרגעבן זיין קנאַפּע לומדות, אַבי ער האָט זיך „ארויסגעוויזן" מיט רוח הקודש.

דער קעגנזאַץ פון פוילן איז געווען די שכלתדיקע ליטע, וועלכע האָט געהאַט איר אייגענע מענטאַליטעט. דאָרט איז מען געווען מתנגדיש־פרום, אַלץ לויטן שולחן ערוך, נישט אָנערקענט קיין לפנים משורת הדין. דאָרט האָט מען זיך בעיקרשט געגרויסט מיט לומדות, הבנה, שכלדיקייט. אין דער צייט, וואָס אין פוילן איז ס'לערנען געווען אַ היימליכע עבודה, מ'האָט ס'צעבראָכענע געמיט מיט אַ צעצויגענעם בענקשאַפט־ניגון אריינגעזונגען אין די „תנו רבנן"-אותיות, האָט מען אין ליטע געבויט שטרענג-לאָגישע סברות און שטענדיק געזוכט עקזאַקט צו פאַרענטפערן דעם „מאי קאָ משמע לן?".

אין ליטע האָט מען זיך געקליידט האַלב־אייראָפּעאיש — אַ שטייפן קאַפּעלוש און אַ געקירצטן סורדוט, און אין פוילן האָט מען געטראָגן קאַשקעטן, לאַנגע קאַפּאָטעס און אָפענע ציצית-כנפות. אין פוילן האָט מען געגעסן זיסע פיש, אין ליטע — געפעפערטע פיש מיט כריין.

ווען אָט די ביידע טיפּן האָבן זיך צונויפגעטראָפן, האָבן זיי זיך געמיינזאַם נישט פאַרשטאַנען און ממילא האָט איינער דעם אַנדערן נישט געקענט איבערקאָבן. דער פוילישער ייד האָט פון זיך אָפּגעשטויסן דעם ליטווישן ייד מיט זיין ברוזנדיקן טעמפּעראַמענט, צעפלאַכטנקייט, קאַרגע ידיעות אין דיקדוק, געדאַנקלעכע אומבאַצוימטקייט, נעפּלהאַפטיקע לומדות, בלינדן גלויבן אין צדיק און מיט זיין ברייטער נישט קלאָרער איטשע מאַיער־אויסשפּראַך. דער ליטווישער ייד ווידער האָט אָפּגעשטויסן פון זיך דעם פוילישן מיט זיין קאַלטער שכלדיקייט, געמיט-טרוקנקייט, „אומ־

פארשטענדלעכער" אויסשפראך און נישט אינגאנצן יידישלעכער התנהגות.

אוודאי איז דער ליטווישער ייד על פי רוב געווען א בן תורה צומאל א למדן. מ'האט אבער אין פוילן נישט געהאט קיין איבעריקן צוטרוי צו זיין יידישקייט, ס'שמעקט מיט „צלם־קאפ". דערצו איז דער פוילישער ייד געווען ביי זיך אין דער היים, א תושב, און דער ליטווישער ייד — א גר, וואס בלאנקעט זיך אליין ארום אין א פויליש שטעטל און „רייצט" אדער „ווילט" מיט זיין אנדערשקייט, מיט זיין צעזונגענעם „וואס־זשעץ?" מ'האט דעם ליטווישן ייד אזוי ווייט באטראכט פאר א פרעמדן, אז מ'האט אים נישט גערופן לויטן נאמען, נאר לויטן אפשטאם — „ליט־וואק" אדער „ליטוואק". אפילו דער קאזשעניצער מגיד האט דעם ווילנער גאון נישט אנדערש גערופן ווי „דער ליטוואק"... פארשטייט זיך, אז דער „ליטוואק" האט מיט זיין קלארן שכל נישט באנומען ס'פוילישע חסידות און געלאכט פון די רביישע נסים. דאס האט דעם פוילישן ייד אביסל צערייצט און דערוויטערט פון די „ליטוואקישע" גענג. נעמען א ליטוואק פאר אן איידעם האט מען באטראכט פאר א פסול אין דער משפחה. ווען ס'איז געקומען צו אן אוממיטלבארן פארהער צווישן א מתנגדישן ליטוואק און א פוילישן חסיד האט געמוזט דערגיין צו א קוריץ־שלום. אויב ער האט דעם לומדישן ליטוואק נישט געקענט גובר זיין מיט קיין תורה, האט מען אים מנצח געווען מיט... נסים פון „אים זאל לעבן". דאס איז געווען א קאמפענסאציע פאר דער אנגעגריפענער אמביציע פון צעשטראלטן פוילישן ייד מצד דעם פלינקן ליטווישן חריף.

ביי פוילישע חסידים איז פארשפרייט א מעשה וועגן א ליטוואק, א בארימער, וועלכן א חסידישער רבי האט מעניש געווען פאר זיין „ליט־וואקישער חוצפה". מעשה שהיה כך היה:

אין א פויליש שטעטל וולאשטשאווע האט זיך באוויזן א ליטוואק, א גאון. מ'האט נישט געוואוסט, ווער ער איז און פון וואנען ער קומט. ער איז גאנצע טעג געזעסן אין שטאט־בית־המדרש און געלערנט מיט גרויס התמדה. יידן בני רחמנים האבן אים מפרנס געווען מיט א שיסעלע גריץ און א פערטל ברויט. איין מאל אום שבת הגדול האט דער וולאשטשאווער

רב, א גרויסער למדן, געדרשנט ברבים אין דער שטאָט־שול. דער ליטוואַק איז אויך געווען צווישן עולם. פּלוצים ווען דער רב האָט געהאַלטן ביי א שווערן ענין, וועלכן ער האָט מסביר געווען מיט גרויס פּלפּול, האָט דער ליטוואַק אינמיטן דער דרשה אָפּגעשטעלט דעם רב מיט עפּעס א הארבער קלאָץ־קשיא. דער רב האָט אים אָפּגעגעבן „שלום־עליכם”, גע־פרעגט פונוואַנען ער איז און געהייסן קומען צו זיך אהיים, וועט ער מיט אים מעיין זיין אין דער געשטעלטער קשיא.

דעם עולם איז דאָס געווען שטאַרק דערווידער, מ'האָט געזען, אז דעם רב פאַרדריסט עס, הלמאי דער ליטוואַק האָט אים אָפּגעשטעלט אינ־מיטן דער דרשה. אלע האָבן פאַרשטאַנען, אז דער ליטוואַק איז אויסן רק דעם רבין מבזה צו זיין ברבים, אָבער דער רב האָט זיך דערמיט נישט איבערגענומען און ווייטער געדרשנט. אין א ווייַלע ארום האָט דער ליט־וואַק ווידער אָפּגעשטעלט דעם רב מיט נאָך א שווערערער קשיא. פאַר־שטייט זיך, אז נאָך דער דרשה איז דער ליטוואַק נישט געגאַנגען אהיים צום רב, כדי זיך מיט אים מפלפל צו זיין. פאַר אים איז געווען גענוג, אז ער האָט דעם רב עפנטלעך פאַרשעמט.

די חסידים אין וולאָטשאָווע זענען געפאָרן צום רבין קיין ראַדאָ־שיץ. איין מאָל האָט זיי דער רבי געפרעגט: „וואָס הערט זיך נייעס אין וולאָטשאָווע?” זיי האָבן אים דערציילט, אז אין שטאָט איז געקומען עפּעס א ליטוואַק, וואָס איז מצער דעם רב מיט צוגעשפּיצטע קשיות, וועל־בע ער שטעלט אין מיטן דער דרשה.

— איז דער ליטוואַק א למדן?

— יאָ, רבי, ער איז א גאון עולם.

— ווען דער ליטוואַק וואָלט געקומען צו מיר, וואָלט ער גאָרנישט געקענט לערנען.

ווען די חסידים זענען אהיים געפאָרן, האָבן זיי דערציילט דעם ליט־וואַק, אז דער ראַדאָשיצער רבי יששכר בער, וועלכער קען דווקא נישט אזוי גוט לערנען ווי דער וולאָטשאָווער רב, פונדעסטוועגן האָט ער געזאָגט,

א חסידישע חתונה אין גאַליציע

(לויטן בילד פון וו. סטריאַווסקי)

אז ווען דער ליטוואק זאָל צו אים קומען, וואָלט ער בוודאי גאָרנישט גע־קענט לערנען.

דער ליטוואק האָט געפרעגט, אויב דער רבי ר׳ יששכר בער קען נישט לערנען, טאָ פאַרוואָס־זשע רופט מען אים רבי? האָבן די חסידים געענט־פערט, אז דאָס איז דערפאַר, ווייל ער קען גוט לערנען „זוהר״.

דער ליטוואק האָט אָבער אַלצדינג געקענט, אפילו אין „זוהר״ איז ער אויך געווען א גרויסער בקי. האָט ער זיך אָפּגעקליבן א שווערן מאמר אין „זוהר״ און איז געפאָרן קיין ראַדאָשיץ פרעגן דעם רבין דעם מאמר.

ווען ער איז געקומען קיין ראַדאָשיץ, האָט מען באַלד מודיע געווען דעם רבין, אז דער ליטוואק איז דאָ. דער רבי האָט אים געהייסן אריינ־פירן, געגעבן אים שלום און געבעטן זיצן. דער ליטוואק האָט בשעת מעשה געכאַפּט א קוק און געזען אויפן טיש ליגן א „זוהר״ אויפגעמישט גראָד דעם דף, אויף וועלכן ס׳געפינט זיך דער מאמר, וואָס ער וויל פרעגן דעם רבין. פאַרשטייט זיך, אז דער ליטוואק האָט נישט געוואָלט מודה זיין, אז אין דעם שטעקט רוח הקודש, נאָר געזאָגט, אז דאָס איז „סלוטשאַי־נע״...

דער רבי האָט אים געפרעגט:

— קענט איר לערנען?

— איך קען.

— וואָס קענט איר אַלץ?

— איך קען גאַנץ ש״ס בבלי און ירושלמי מיט תוספות, אלפסי, טורים, רמב״ם, ספרא, ספרי און תוספתא.

— און גמרא קענט איר אויך לערנען.

דער ליטוואק האָט געמיינט, אז דער רבי ווייסט נישט, אז ש״ס איז גמרא, אָדער ער האָט אפשר פאַרהערט, דעריבער האָט ער געענטפערט שטיל:

— גמרא קען איך.

— טאָ דערקלערט זשע מיר דעם מאמר פון דער גמרא נדה (דף ל׳ ע״ב):

„ונר דלוק לו על ראשו וצופה ומביט מסוף העולם ועד סופו — ומלמ־דין אותו כל התורה כולה — וכיון שבא לאויר העולם בא מלאך וסטרו על פיו ומשכחו כל התורה כולה", ד"ה אז ווען א קינד איז ביי דער מוטער אין בויך, ברענט זיך א ליכט איבער זיין קאפּ און מ'לערנט מיטן קינד די גאנצע תורה. און ווען די צייט קומט, אז ס'קינד זאָל ארויסגיין אויף דער וועלט, קומט א מלאך און גיט דעם קינד א שנעל איבערן מויל, אז ס'קינד זאָל די גאנצע תורה פארגעסן. איז דאָך — זאָגט דער רבי — א קשיא צו וואָס ברויכט מען לכתחילה לערנען מיטן קינד תורה און דער־נאָך זאָל מען עס שנעלן איבערן מויל, אז עס זאָל פארגעסן. ווארום איינס פון די ביידע: אָדער מען לערנט עס אינגאנצן נישט, אָדער מען לערנט עס שוין יאָ, זאָל עס טאַקע קענען און נישט פארגעסן.

דער ליטוואק איז געוואָרן אינגאנצן צעמישט און נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. דעמאָלט האָט דער רבי געזאָגט: וועל איך אייך פארענט־פערן. די אייגנטלעכע קשיא איז דאָך — נאָך וואָס האָט דער אויבער־שטער געדארפט באשאפן שלעכטע מידות? מילא די גוטע מידות זענען נייטיק, אָבער צו וואָס דארף מען האָבן די שלעכטע מידות? למשל, נאָך וואָס דארף מען האָבן די מידה פון שכחה, ד"ה אז דער מענטש זאָל פאר־געסן דאָס, וואָס מ'האָט מיט אים געלערנט ביי זיין מוטער אין בויך און דאָס גלייכן ביי אנדערע זאכן? צו וואָס נוצט עס?

נאָר דער תירוץ איז, ווי עס ווערט געברענגט אין די הייליקע ספרים, אז ווען דער מענטש זאָל נישט האָבן די מידה פון שכחה, וואָלט די וועלט קיין קיום נישט געהאט. דער מענטש וואָלט תמיד געזעסן פאר זיך דעם טויט, ער וואָלט שטענדיק אין זינען געהאט, אז ער וועט שטארבן, ממילא וואָלט זיך אים קיין שום זאך נישט געגלוסט. ער וואָלט נישט געבויט קיין הייזער, נישט געפירט קיין מסחרים, נישט געבוירן קיין קינדער אאז"וו.

אזוי ארום קומט אוים, אז ס'זענען דאָ צוויי מלאכים, איינער איז א ממונה, ער זאָל לערנען מיטן קינד אזוי, אז עס זאָל נישט פארגעסן. דער צווייטער איז ממונה דערויף, אז ער זאָל דאָס קינד מסטר זיין (שנעלן) איבערן מויל, כדי עס זאָל האָבן די מידה פון שכחה. היות אָבער ווי דער

מלאך, וואָס איז געזעצט געוואָרן דערויף, אריינצוגעבן דעם קינד די מידה פון שכחה איז אליין אויך בלויז שכחה, קען זיך טרעפן, אז ער זאָל אפילו פארגעסן צו דערפילן זיין חוב א שנעל צו געבן דעם קינד איבער מויל. נאָר — זאָגט דער רבי ווייטער — אויב ע ר פארגעסט, קען א י ך מסטר זיין... און אצינד זאָגט מיר דעם מאמר פון „זוהר".

דער ליטוואק האָט געעפנט ס'מויל און אָנגעהויבן שטאַמלען די ער־שטע צוויי ווערטער פון מאמר „תא חזי", און ווייטער האָט עס זיך נישט גערירט פון אָרט. ער האָט נאָך אמאָל אָנגעהויבן די ווערטער „תא חזי" און זיי צען מאָל איבערגעחזרט: „תא חזי", „תא חזי", „תא חזי", און אזוי אָן אויפהער. מער האָט ער נישט געקענט ארויסברענגען פון זיין מויל. ער האָט כהרף עין א ל ץ פ א ר ג ע ס ן און ס'האָט זיך אים אָנגע־הויבן צו מישן אין קאָפּ...

ער איז ארויסגעגאנגען פון רבינס שטוב מיט אן אראָפּגעלאָזטן קאָפּ, מיט גרויס חרפה און בזיון. ער האָט פארגעסן ס'גאנצע לערנען און איז געבליבן ליידיק ווי א פּויק... ער איז פאר אלעמען געוואָרן ללעג ולקלס, א פּראָסטער עם הארץ, מ'האָט פון אים געלאכט און געחוזקט. לסוף פון גרויס רחמנות האָט מען אים געגעבן די שטעל פון א שמש אין וואָלאָש־טשאָווער בית המדרש.

איז דאָך תורה א מתנה פון הימל צום מענטשן, אז ער זאָל זיך אליין זוכערן, לויט די מדרגות זיך אויפהייבן וואָס אמאָל העכער און העכער און נאָך דעם מהנה זיין אנדערע מיט דער דערוואָרבענער תורה. באין אופן איז אָבער תורה נישט געגעבן געוואָרן, כדי צו פלעגן אין זיך ס'גע־פיל פון גאווה און יענעם חלילה מבייש צו זיין.

אוודאי קומט דאָ צום אויסדרוק די פארשעמטקייט פון פוילישן ייד, דעם געמיטלעכן בעל חלומות, דעם תמימותדיקן מאמין, וואָס בויט זיך אויס אן אילוזאָריש־פארביקע וועלט, וועלכע דארף אים קאָמפּענסירן די וואָכעדיקע גרויטקייט. ער אנטלויפט פון ניכטערע חשבונות, ער וויל גאָר־נישט טראכטן וועגן מאָרגנדיקן טאָג. ער וויל בעסער ארײנשווייגן אין

זיך, איבערזען די אייגענע מעשים, אפשר וועט מען געפינען א תיקון. אין פוילן איז פארשפרייט א חסידיש לידל:

וואס האט מען צו זארגן,
וואס וועט זיין מארגן?
ליבערשט לאמער טראכטן,
וואס איז געווען נאכטן;
אפשר וועט מען קענען
עפעס פאראכטן....

אין היכל פון הימלישע זעונגען רייסט זיך אריין א טרוקענער שכל, א מענטש אן פאנטאזיע, וואס איז פון קאפ ביז פיס באוואפנט מיט לומדות, מיט בעסער ווייסעריי און פארטרייבט פון דארט יעדע אילוזיע.

אויף וואס האלט זיך די אויסגעטרוימטע וועלט? אויף דעם פארטרייבן אויף א ווייַלע פון זיך די וועלט פון חשבונות, בכדי די אילוזיע פארוואנדלען אין רעאליטעט. מ׳ פ א ר ג ע ס ט בכיוון די ארומיקע וועלט, בכדי זיך צו ד ע ר מ א נ ע ן אין דער אי נ ט ע ל י ג י ־ ב ע ל ע ר וועלט. דער ליטוואק באנוצט זיך מיט זיין לומדות-זכרון, מיט זיין אומאויפהערלעך געדענקען די קייט פון לאגישע שייכותן, כדי נישט צו דערלאזן צו א וועלכן ס׳איז אינטערוואל, וואס קען אריינברענגען טראנסצעדענטע אנגעהויכטקייט.

עס קרייצן זיך דא צוויי עלעמענטן פון „נגלה" און „נסתר". פארן בעל שכל איז אלץ אפן, ממילא איז פאר אים אלץ פארשלאסן. מ׳קען — זאגט ער — אלץ וויסן און דערגיין, און אויב מ׳איז נאך לעת עתה נישט דערגאנגען צום עצם, איז עס בלויז אן ענין פון צייט. דער בעל חלומות ווידער טענהט, אז די וועלט איז א מיסטעריע, צו איר עצם וועלן מיר זיך קיינמאל נישט דערשלאגן און אמווינציקסטן איז דערצו מסוגל דער שכל.

און באוויזן האט דער תמימותדיקער מאמין אויפצובויען א פארצויבערטע וועלט פון חסידישער געמיינשאפט, גלייבונגען און אינעווייניקסטער דערהייבונג. צדיקים מיט פליגלען, וואס פארטרייבן ביים דער־

שלאָגנעם ייד דעם טרויער און ברענגען אים פון הימל לעבנספריידיקייט. דער בעל שכל איז אוודאי נישט אויסן דיכטונג צו פאַרוואַנדלען אין וואָרהייט, אָבער דער חסיד וויל דורכאויס די וואָרהייט דערהייבן צו דיכטונג.

דער כסדרדיקער בר פלוגתא איז ווייט פון בויען, האָט ער מער הנאה פון צעשטערן. ער האָט אויסגעפּרוווטע מכשירים צו סתירה, אָבער ער איז הילפלאָז, ווען ס'גייט אין ב נ י ן. קומט דעריבער די קללה פון שכחה — פאַרגעסן דאָס שמעטערישע לומדות. און אז מ'נעמט ביים בלויז-למדן אוועק די תורה, ווערט פון אים א שטומער גולם, א שטאַמלדיקער חוזק־שמש אין וולאָשטשאָווער בית המדרש...

אויף דעם איז זיך אגב סומך י. ל. פּרצעס מאָטיוו פון דער פאָלקס־טימלעכער געשיכטע „מסירת נפש".

אין תוך איז חסידות געבוירן געוואָרן אין מיטאָס־נעפּל פון א ב ע ר־ג ל י י ב י ק י י ט, זיך געצייטיקט אין פ אַ נ ט ע א י ס ט י ש ן וועלט־באַנעם און משיחיש־דערלייזערישער אידייע און אויסגעהויכט די נשמה אין צ ד י ק י ז ם. דער אָנהייב האָט זיך אָבער צונויפגעגאָסן מיטן סוף און שטורמיש „איינגענומען" די מאַסן. דער מיטן דאָקעגן האָט נישט געהאַט קיין אריכת ימים. די פּיאָנערן פון חסידות זענען געווען בעלי שמות, גוטע יידן, בעלי מופתים, וואָס האָבן געהיילט קראַנקע נישט נאָר מיט קרייטעכצער, נאָר בעיקר מיט דער הילף פון הייליקע שמות, וואָס זענען נאָר זיי, די בעלי מופתים, געווען באַקאַנט. חוץ דעם האָבן זיי גע־טיילט קמיעות, סגולות און געמאַכט אָפּשפּרעכענישן.

בדרך כלל איז חסידות א פּראָטעסט פון אומוויסנדיקן, אָבער פיל־באָרן פאָלקס־מענטש, קעגן דער טרוקענער לומדות, וואָס האָט ביי אים, דעם עם־הארץ, אוועקגענומען די מעגלעכקייט מיטצושאַפן און עמאָציאָ־נעל זיך אויסלעבן. דורך חסידות איז דער הוילער אבסטראַקטקייט געגעבן געוואָרן א צופלוס פון געזונט פריש פאָלקס־בלוט. זי איז באַזאַפטיקט געוואָרן מיט הארץ־וואַרעמקייט, התלהבות און שמחה. דער חסידישער „ברען", וואָס איז אָפטמאָל אונטערגעהאַלטן געוואָרן מיט א קוווערטל

אָקעוויט פאר א קופערנעם דרייער, האָט צו ביסלעך אָפּגעזוינקט די איינ־זייטיקע מוח־שטיק און אויפן אָרט פון פארגליווערטן דין ארויסגעפירט דעם צאפּלדיקן לעבעדיקן מענטש. דער ערשטער און לעצטער „פּאציענט" ביים בעל שם טוב און ביי די נאָכפאָלגערישע „גוטע יידן" איז געווען דער פּראָסטער מענטש, וועלכער איז געקומען נאָך א רפואה, עצה, ברכה אד"גל.

***

אמת, פּוילישע יידן זענען אין יענע צייטן געווען אן „עם לבדד ישכון", נישט געקומען אין בארירונג מיט דער פּוילישער אינטעליגענץ, געווען אָפּגעזונדערט, זיך אויסגעלעבט אין אן אייגענער יידישער סביבה. פונדעסטוועגן האָט די חסידישע באוועגונג — צוליב איר מאסן־כאראקטער — באקומען אן אָפּקלאנג ביי דער פּוילישער באפעלקערונג. ווען א רבי איז פארפאָרן אין א שטעטל און די חסידים האָבן ארומגערינגלט די קאָטש, געשטופּט זיך געבן אָדער נעמען „שלום", האָט עס ביי די פּוילישע שכנים ארויסגערופן גרוים אויפזען. מ'האָט באלד צווישן זיך געשושקעט „צאדיק פּשיעכאל" (דער צדיק איז געקומען).

על פּי רוב איז אן אָרעמער חסיד אוועק פון דער היים אויף יום־טוב צום רבין קענען ווילן פון אייגענעם ווייב, וועלכע האָט זיך תמיד געמאַטערט. דערצו האָט ער זי איבערגעלאָזט מיט א קינד אויף דער האנט און א גראָשן געלט. ס'ווייבל פלעגט זיך גוט אויסוויינען די אויגן אויף איר ביטערער מערכה. די פּוילישע שכנות פלעגן איר שטארק מיטפילן. אין פּוילן זינגט מען א לידל:

Jedzie chusyt do rabina
Żona płace chliba nima
Oj-waj co to jes(t)
Cy to chusyt, cy to pies

(פארט א חסיד צום רבין
ס'ווייב וויינט, נישטא קיין ברויט,
אוי־ווי, וואס איז דאָס,
צי איז עס א חסיד אָדער א הונט.)

אין די פוילישע קרייזן פלעגט מען זיך נענוג אַנדערציילן וועגן די מופתים, וואָס די צדיקים האָבן „באוויזן". אזוי למשל, האָבן זיך די פּילע־ווער טשאַרטאָריסקים פאראינטערעסירט מיטן קאָזשעניצער מגיד. איינער פון די טשאַרטאָריסקים, א קינדערלאָזער, האָט זיך געווענדעט מיט א הייסער בקשה צום מגיד, אז ער זאָל אויספּועלן אין הימל פאַר אים א בן זכר. דער מגיד האָט אויפגעהויבן די אויגן צום הימל און געזאָגט: „רבש"ע, דו האָסט אַזויפיל גויים אויף דער וועלט, זאָל זיין נאָך איינער!" פארשטייט זיך, אז „פּונקט צום יאָר" איז דער פּילעווער דוכוס אויף דער עלטער געוואָרן א פאָטער.

אויך דער רבי ר' יעקעלע ראדזימינער האָט געהאַט א נאָמען ביי די פּוילישע פּריצים, וועלכע פלעגן זיך ביי אים „מזכיר זיין" דורך דער פאַרמיטלונג פון יידישן פאַכטער. אויך צום ראדזימינער איז געקומען א פּריץ מיט זיינעם א שטומען זון. ער האָט געבעטן דעם צדיק מאַכן ריידעוודיק דעם שטומען. דער ראדזימינער האָט באַנוצט דעם אויסגעפּרוווטן קאָזשעניצער מעטאָד. ער האָט געווענדעט די אויגן צום הימל און אויסגערופן: „רבש"ע, ס'איז דאָ אַזויפיל גויים אויף דער וועלט, וואָס ריידן, זאָל זיין נאָך א גוי מיט לשון!" חוץ דעם האָט דער רבי געמאַכט א פּראַקטישן „זאַביעג", ער האָט מיטן גאַרטל א שמיץ געטאָן דעם שטומען שגץ, וועלכער האָט געטאָן א צאַפּל און פּלוצים אויסגערופן: „טאַטא, זשיד מניע ביע!"*) פון דעם מאָמענט אָן האָט דער שטומער שגץ צוריק באַקומען ס'לשון און שוין נערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער.

וועגן ר' מענדעלע רימאַנאָווער דערציילט מען אין די חסידישע קרייזן, „אז אפילו קריסטן האָבן אין אים געגלויבט". צו זיין קבר אין רימאַנאָוו זענען אויף יעדער יאָרצייט געקומען קריסטן. אין „תפארת מנחם" ווערט דערמאָנט א פּוילישער פּריץ אדמיראל דאַראָווסקי, א זקן פון אכציק יאָר, וועלכן מ'האָט אין יאָר תרמ"ג צוזאַמען מיט זיין זון דעם לעמבערגער וואָיעוואָדע געטראָפן אויפן רימאַנאָווערס קבר. ער האָט געהאַט זיין לעבן צו פאַרדאַנקען דעם רבין. ווען ער איז אַלט געווען אַכט יאָר איז ער פּלוצים

*) טאַטע, דער ייד שלאָגט מיך.

קראנק געווארן און איז שוין געווען פארביי, ס'איז נישט געווען קיין שום האפענונג, אז ער זאל בלייבן לעבן. זיין מוטער, די פריצה, איז אין גרויס פארצווייפלונג אינמיטן דער נאכט אויף א קאטש געפארן אכט מייל וועגס פון נאווימעליץ קיין פריסטיק צום רבין. דער רבי האט געקענט גוט פויליש. זיי האבן געפירט אזא שמועס:

— Święty cadyku, ratuj mi dziecko!
— Co Pani sądzi, że jestem czarodziejem?
— Nie, ale wiem, że cadyk dzięki
Swej świętości stoi blisko Opatrzności.

(— הייליקער צדיק, ראטעווע מיר מיין קינד!
— וואס מיינט די פריצה. אז איך בין א מכשף?
— ניין, אבער איך ווייס אז צוליב זיין קדושה, איז דער צדיק נעענטער צו דער השגחה.)

דער צדיק האט צוגעזאגט בעטן דעם אויבערשטן. דורך א שפארע האט די פריצה געזען ווי היים דער צדיק „מאדלעט" זיך, אז „ס'רינען פון אים טייכן שווייס". ווען דער זייגער האט געשלאגן צוועלף, האט דער רבי געעפנט די טיר און געזאגט צו דער פריצה:

— Niech Pani jedzie do domu synek już zdrów, Ale niech Pani za to będzie życzliwa względem Zydów.

(„זאל די פריצה אהיים פארן, דאס קינד איז שוין געזונט. אבער זאל דערפאר די פריצה זיין פריינטלעך צו יידן".)

וכך הוה...

דער פריץ דראווסקי האט אוועקגעלייגט אויפן רבינס קבר א פויליש קוויטל. צווישן א בארג יארצייט־קוויטלעך האט מען אויך געפונען ס'פויליש קוויטל מיט אזא אינהאלט: „איר נשמות, בעט די נביאים אברהם, יצחק ויעקב פאר דער דער נשמה פון מענדל טארים און דו אויך, מענדל, אויב דו שטייסט שוין פאר דעם אלערהעכסטן, זאלסטו בעטן רחמים פאר די פעלקער, וואס רוען אין דער פינצטערניש — ס'יידישע פאלק און

ס'פוילישע פאָלק. בעט רחמים פאַר מיר, פאַר מיינע קינדער און אייניקלעך. מיעטשיסלאַוו בן וויקטאָריא".

ווען ס'איז אין פוילן געשאַפן געוואָרן דער „יידישער קאָמיטעט", האָט דער מיניסטער סטאַשיץ באַשטימט דעם רבין ר' בינעם ווי אַ קאָרעספּאָנדענט, מחמת דער רבי ר' בינעם האָט באַהערשט די פּוילישע שפּראַך. פּוילישע רביים פלעגן צווישן זיך באַנוצן ווערטלעך אויף האַלבּ־יידיש און חצי פּויליש. דער וואָלבאַזשער רבי ר' בערעלע איז געווען אַ גרויסער פּאַסטער. אַ גאַנצע וואָך איז ער אָפּגעקומען מיט שה"י פּה"י, ערשט שבת פלעגט ער עסן לייטיש. פרייטיק־צו־נאַכטס פלעגט ער פּייערלעך מאַכן קידוש פון אַן ארץ ישראלדיקן בעכער מיט אַ קרוין, דאָקעגן שבת־צו־נאַכטס האָט ער שוין נישט טועם געווען פון דער הבדלה. ער פלעגט זאָגן בדרך הלצה: „צאַ קידוש, טאַ חידוש, צאַ הבדלה, טאַ וויעלקיע מפּלה".

**
*

דער פּוילישער „גאַנג" אין חסידות האָט ממש ווידער באַלעבט דעם פון טרוקענעם פּלפּול פאַרחלשטן לעבנסשטייגער. מיט זיינע אייגנאַרטיקע תורה־ווערטלעך, פאָלקס־חכמה, ניגונים, טענץ און בעיקר מיט די קאָלעקטיווע „פּאָרעכצן" צום רבין האָט ער אַריינגעבראַכט אין יידישן לעבן אַ סך געמיט, פרייליכקייט און הייטערן לעבנס־אויסבליק. מיט זיין האַרציקער פאָלקסטימלעכקייט און וואַרעמער אהבת ישראל האָט ער באַוויזן פון די טיפע פאָלקס־פּאָטענצן אַרויסצוציען זייער פיל שעפערישע אַקטועלקייט, פון וועלכער מיר געניסן נאָך היינט. חסידישע ברודערלעכקייט, קאָלעקטיווע סעודהלעך, געמיינזאַמער גלויבן אין אויטאָריטעט פון רבי, חברהשע אויסגעקאָכטקייט צווישן זיך, ס'ווענדן זיך איינער צום אַנדערן אויף „דו", האָט אַריינגעבראַכט אין דער יידישער עדה אַ געוויסע עטישע געשלאָסנקייט. און אין דעם זכות איז כדאי דעם פּוילישן חסידות צו פאַרגעבן געוויסע גראָטעסק־זייטן.

— ד —

אויפן וועג צו דער פּערזענלעכקייט

די יידישע ליטעראַטור האָט אירע ערשטע וואָרצלען געשלאָגן אויפן באָדן פונעם כלל-לעבן. שוין נישט צו רעדן פון די מוסר־זאַגערישע משכי־לים, האָבן אויך מענדעלע און שלום-עליכם דערעיקרשט זיך אינטערע־סירט מיט די דערשיינונגען פון דעם יידישן כלל-שטייגער. אפילו ביי פּרצן — דעם דיכטער פונעם אינטראָספּעקטיוון „משוגענעם בטלן" — הערשט, אין דער „שטריימל"־תקופה פון זיין שאַפן, דאָס פאָלקיש-קאָ־לעקטיווע. ערשט שפּעטער הייבט זיך אָן די יידישע ליטעראַטור אראָפּ־צולאָזן צו די אונטערשטראָמען פונעם לעבן, כדי פון דאָרט ארויסצופּאַנגען דעם אויסגעטיילטן, דעם יחיד.

א פּרוּוו צו גיין מיט זייטיקע שטעגן און „ארויסהויבן" דעם יחיד האָבן געמאַכט ה. ד. נאָמבערג, אנכי, ווייטער א. אנד. צו קינסטלערישער שלמות איז עס דערגאַנגען ביי דוד בערגעלסאָנען (הגם פּסיכיש שטעקן אויך זיינע „ארויסגעהויבענע" אין א געשלאָסענער סביבה). יחידישע געשטאַלטן ביי די דאָזיקע שרייבער זענען אָבער נישט קיין פיגורן מיט שטאַרקע און רייכע איבערלעבונגען, וואָס זאָלן קאָנען דינען ווי א פּריזמע פאַר א טיפערער לעבנס-אָפּשאַצונג. אונדזער אינדיווידואַליסטישע ליטע־ראַטור איז נישט ביכולת מיטצורייסן. פרעגט זיך: שוין־זשע האָט דאָס יידישע לעבן נישט ארויסגעגעבן קיין איין באַדייטנדיקן מאָדעל, קיין איין קינסטלערישן מוסטער פון פּ ע ר ז ע נ ל ע כ ק ײ ט?

אמת, דאָס יידישע לעבן איז אין משך פון דורות געווען איינגעוויגט אין א מין מעכאַניש-אינערטן ריטם און נישט איינעם האָט זיך אויסגע־דוכט, אז אלץ איז שוין דאָ פאַרגליווערט געוואָרן. אזא אָפּשאַצונג איז אָבער געווען א ריין אויסנווייניקסטע. ביי דער גאַנצער דרויסנדיקער אינערטישקייט האָט דאָ עקזיסטירט א רייכע גייסטיקע וועלט, וואָס האָט זיך אליין געשפּייזט.

די יידישע ליטעראטור האט, אחוץ אין אויסנאמס-פאלן, נישט באַוויזן אריינצודרינגען ווי געהעריק אין דער דאזיקער וועלט. איין וועג אירער האט געפירט צו א קנאפ־קינסטלערישער, נעגאטיווער, משכיליִשער אפשאצונג, און אנדער וועג האט געפירט צו א מין פיינעם ראמאנטישן נעפל, וואס האט איינגעהילט די מחנה אלס גאנצע און כמעט אינגאנצן פארשטעלט דעם ראש־המחנה — דעם פירער. אוודאי האבן זיך נישט אלע פירער פון דער מחנה אויסגעצייכנט מיט עכטקייט; נישט איינער פון זיי איז געווען אן עפיגאן, וואס האט בלויז געמינצט דאס גאלד פון די פארגייער, און א טייל, ווידער, האט גייסטיק פאראזיטירט. פונדעסטוועגן האבן אפילו בלינדע געקאנט דערזען אין יידישן לעבן באַדייטנדיקע פערזענלעכקייטן, וואס זענען פון דרויסן געווען, וואס אן אמת, איינגעפלאכטן אין דעם אלגעמיינעם ראד, לויט זייער פנימיות אבער האבן זיי באלאנגט צו די זעלטן-דערהויבענע געשטאלטן. ס'איז גענוג צו דערמאנען דעם פירשטלעך־דיכטערישן ר' בונם פון פשיסכע, דעם הלל-מילדן ר' איטשע־מאיר פון גער און, ענדלעך, דעם פייער־טראציקן, בונטאריש-זוכנדיקן ר' מענדל פון קאצק.

זאל דא קלאר ווערן, אז ס'האנדלט זיך נישט גלאט וועגן לומדות אדער גאונות פון א וועלכן ס'איז יושב אוהל, וואס האט ארויסגעוויזן מער אדער ווייניקער בקיאות אדער חריפות. דא גייט וועגן שטארקע גייסטער, וואס זענען געקומען אין לעבעדיקער בארירונג מיט די גרויסע יידישע פאלקס-מאסן און געגאלטן אלס זייערע מנהיגים. מנהיגים, וואס האבן צו זיך געצויגן מיט אומגעפעלשטער פרייד, אדער — ווי ס'איז געווען דער פאל מיטן קאצקער — פארטריבן מיט הארבער מרה־שחורה. האט אבער אונדזער ליטעראטור גענוג עקספלואטירט דעם דאזיקן קינסטלעריש-דאנקבארן שטאף?

דער פערזענלעכקייט־מאטיוו אין דער יידישער ליטעראטור — אויב מ'זאל נישט רעכענען פרצן — איז געבליבן קנאפ אויסגענוצט. איינע פון די ווייניקע אויסנאמען איז די פיגור פונעם קאצקער רבין. אפשר האט זיין — אזוי צו זאגן — עקסטראוואגאנטישקייט טיילווייז גורם געווען

דערצו, אז אין דער ליטעראטור זאָלן זיך באווייזן פּרוּוון צו צייכענען — און ווען אפילו בלויז אין פּראָפיל — די דאָזיקע מערקווירדיקע פיגור פון פּוילישן חסידות.

⁂

די דראמע פון מ. ב. שטיין „ערד און הימל" — א ספּעציעלע דראמע וועגן דעם קאָצקער — ווייכט שטאַרק אָפּ אין קינסטלערישן זין פון דעם, וואָס מיר זענען געווינט צו פארשטיין אונטער א דראמאטישער שאַ־פונג. ס'איז איבערהויפּט א ספק, צי מ'קאָן די דאָזיקע דראמע באטראכטן אַלס ליטעראטור מיט א באשטימטן קינסטלערישן עלעמענט. גיכער איז עס א הויפן פון אויפגעזאמלטן אויטענטישן מאטעריאל, צונויפגעקלעפּט א בינטל פיינע אפאָריזמען, איבערדערציילטע פאקטן, ווערסיעס און פאַר־סירונגען. דערפון האָט מ. ב. שטיין אויסגעבויט א דראמע. אוודאי איז דאָ פאַראַן גענוג שטאָף פאַר דראמע, אָבער מ'דאַרף זיין אַ גאַר גרויסער קינסטלער, כדי פון דער דאָזיקער אומגעשליפנקייט עפּעס ארויסצובאַ־קומען. ס'איז אַ געסדרטער און פאַרט רויער שטאָף, וואָס גיט, אמת, א פיינעם באַגריף וועגן דעם קאָצקערס גייסטיקער איינשטעלונג. דערצו העלפט אויך דעם אויטאָרס ווארעמע באציאונג צום באהאנדלטן מאטע־ריאַל. ווייזט אויס, דער אויטאָר איז א גאַר נאָענטער בן־בית אין דער רבישער סביבה... און אויב די בילדלעכע זייט איז נישט אזוי איבערציי־גנדיק און די באַזונדערע סצענעס וויקלען זיך נישט אויס אָרגאַניש, קאָנען דאָך די באהאנדלטע סיטואַציעס און בעיקר די אפאָריזמען קוואַליפיצירט ווערן אַלס ממש בריליאַנטענער פאָלקלאָר.

ר' מענדל קאָצקער דערשיינט דאָ באַלד נאָך דעם פּשיסכערס פּטירה. ער איז אין די בעסטע יאָרן, מיט א געדיכטער שווארצער באָרד און א פייערדיק־דורכדרינגענדיקן בליק. א שטורמישע נאטור, מאכט פון יעדן „אש און בלאָטע", מיידט אוים מילדע אויסדריקן, זיין דבור איז שאַרף ווי אַ שווערד, ער קאָן נישט פארטראָגן קיין אויסגעצערטלטע רייד. ער „שיינעצט" גיך אָן און זאָגט איטלעכן אריין אין דער „זיבעטער ריפּ". זיין געוועגלעכער אופן פון רעדן צו דער סביבה איז פול מיט אויסדריקן ווי:

„שוטים", „אָקסן", „פּרנסה־ווערעם", „חמורים", „ווערט פאַרשרפהט", „גייט צו אַלדע רוחות", „גייט צו אַלע שוואַרציאָר" אד"גל. די דאָזיקע שאַרפקאַנטיקע שפּראַך איז דער אייגנטלעכער געמיט־אויסדרוק פונעם קאָצקער, וועלכער וויל דורכרייסן די קריכערישע ליניע פון די „פּרנסה־ווערעם". מיט אַבסטראַקטע געדאַנקען קאָן ער צו זיין סביבה נישט קומען, ווייל זי וועט אים נישט פאַרשטיין. זיין רויער, אָפּט וווּלגאַרער אויסדרוק טראָגט אין זיך די בלענדונג פון דעם פייער, מיט וועלכן ער וויל אויס־ברענען דאָס קליינלעכע און גייסטיק־קרעציקע. זיין פייער וואַרעמט נישט, נאָר בריט און לייכט. אַ כעסן, וואָס נעמט זיין כעס פון חריפות און גייסט־רייכקייט, אַ שעלטער, וואָס נעמט די קללות פון זיין דערהויבונג איבער דער סביבה. ער קאָן נישט פאַרטראָגן די אָרומיקע השגות, שליידערט שטעכ־ווערטער, שטויסט אַוועק פון זיך יעדן גייסטיקן גר, וואָס וויל אויפדער־גיך „דערגרונטעווען" די תורה. ער איז ווי דער בייזער, שטאָלענער שמאי, דער מחמיר, וואָס פאַרלאַנגט פון יעדן אויסדויער און מסירת נפש. „...מיר מוזן גיין וואָס אַמאָל העכער, העכער און פלאַקערן יומם ולילה. ביי מתן תורה איז געווען „ההר בוער באש עד לב השמים": דער באַרג האָט גע־פלאַקערט אין פייער ביז דאָס האַרץ איז געוואָרן הימלדיק. אַזוי מוזן מיר די גאַנצע וועלט צעפלאַקערן אין איין ליכטיקן הימל".

ער קומט נישט צו דער סביבה און צום לעבן פון דער באַטראַכטונג, פון דער חקירה. די שאַרפע ווערטער ווערן ביי אים געבוירן אומגעריכט, ביי דעם אוממיטלבאַרן צונויפטרעף מיט דער ווירקלעכקייט. ער בליצט מיט הויפנס פערל, און מיט שפּיז־ווערטער יאָגט ער פון זיך אָפּ די „קעל־בער", וואָס קלעפּן אָן אים. ווען אַן אָרענדאַר בעט ביי אים אַ ברכה אָדער אַן עצה, פאַרטיקט ער אים תיכף אָפּ: „פערד איינער! וואָס האָב איך — פולע טאַשן מיט עצות?" דער מענטש דאַרף נישט שטין אין דער לענג און דער ברייט מיט תורות. בכלל דאַרף מען זיך נישט יאָגן נאָך אַ סך ווי ס ן, נאָר נאָך אַ טיפער פ אַ ר ש ט יי ן. פאַרשפּרייטן גלאַט אין דער וועלט אַריין אלוהות איז איבעריק, מ'דאַרף קודם־כל דעם ענין פאַרטיפן. „גענוג פאַרשפּרייט, מעמיק זיין דאַרף מען!" ווען מ'דערציילט אים, אַז ס'איז געקומען עפּעס אַ ייד מיט אַ טענה, צעבייזערט ער זיך,

ווייל ער פארשטייט נישט, ווי אזוי מ׳קען אריבערקוקן צו יענעם, ווען מ׳איז מיט זיך אליין נאכנישט פארטיק „הערט מען אויף צו האבן טענות צו זיך אליין, איז מען קיין דרייער נישט ווערט, צו יענעם טענות — צו וואס?!״ ער באקעמפט אין זיך אלע שוואכקייטן, שמידט און הארטעוועט דעם ווילן. ער לאזט זיך ניט אפנויגן אויף קיין זייטיקע וועגן, גייט תמיד פארויס. ער ווייס נישט פון קיין רחמנות־געפילן און קלעטערט בארג־ארויף. „...אז דאס הארץ איז ליידיק, אז מען האט קיין רצון נישט, קיין תשוקה נישט — שפילט מען זיך אין רחמנות״.

אין די דאזיקע אפגעריסענע מימרות, וועלכע ווערן ביי אים געבוירן דווקא צופעליק, ווארצלט א גערייפטער לעבנס־באנעם פון אן אריסטאק־ראט, וואס וויל זיך בכוח אפשיידן פון דעם המון. ער קאן זיך נישט צו־נויפלעבן מיט דער מענגע בלינדע חסידים, וועלכע ער האלט פאר אן ערב־רב, וואס קומט צו אים מאנען דאס סאמע קלענסטע. ער גארט ארום זיך צו גרופירן אן אפגעגרענעצטע כתה פון אויסגעוויילטע יחידים, וואס זענען גרייט צו ברענגען אפילו די שמערצלעכסטע קרבנות אויף דעם מזבח פון ווילן. ערשט דער ווילן זאל פירן צום געלייטערטן ציל. נישטא קיין האלבוועגן, אהער אדער אהין, אלץ אדער גארנישט!

ער איז נישט אויסן קיינעם צו העלפן אדער צו לערנען, ער זוכט נאר אויסדערוויילטע, וואס זאלן אים העלפן אויסלייזן די וועלט. ער איז געקומען אויסהאקן נייע ליכטיקע וועגן פאר די, וואס ווילן באמת גיין אויף א נייעם וועג, ווייל די אלטע זענען שוין געווארן אומוועגן. איבע־ריקנס: „צו די אלטע וועגן האט מען גענוג פאליצעס ספרים, דארף מען קיין רבים נישט״.

דער איינציקער שטארק־דראמאטישער מאמענט אין „ערד און הימל״ איז דאס דערשיינען פון טעמערל. די חסידים זענען שוין אויסגעמאטערט פוןווארטן און פון נויט, ביי זייער גאנצער אנשטרענגונג קאנען זיי נישט דערגרייכן אפילו ביז צום קנעכל פון רבין און זיי גייען אים בלינד נאך, אן האפענונג צוגעלאזט צו ווערן נענטער. דער רבי אליין פייניקט זיך אויך, ער וויל אבער נישט איינגיין אויף קיין שום פשרות, ווייל ער פארשטייט, אז יעדע פשרה איז שקר. דעמאלט קומט קיין קאצק די ווארשעווער רייכע

חסידיתטע טעמערל מיט א זעקל געלט. זי האט געהערט, אז דער קאצקער רבי מיט זיינע חסידים גייען ארום קרוע-בלוע און הונגערן, האט זי גע־ברענגט געלט, אז ס'זאל זיי אין קאצק „גארנישט פעלן". דער רבי שלאגט זי באלד אפ: „ווי וועט זיין צו אונדזערע יאר, אז ס'וועט אונדז גארנישט פעלן"...

ווען דער עולם האט אבער דערזען ס'געלט, האט ער אנגעהויבן צו פיבערן. ער האט עס באטראכט ממש פאר א ישועה מן השמים. דער רבי איז ארייגעפאלן אין גרימצארן: „געלט?! געלט?! דעם יצר-הרע האסטו צו מיר אין שטוב אריינגעברענגט?!" — שרייט ער צו טעמערלען. און ווען ער האט באמערקט, אז דער עולם פלאטערט אזש פון גיריקייט האט ער א כאפ געטאן דאס זעקל און פונאנדערגעשיט די מטבעות איבער דער ערד. זאל מען זען, ווער ס'קאן ביישטיין דעם נסיון און ווער נישט. „כ'וויל וויסן, ווער ס'קאן א בייטש אויס־האלטן, און ווער ס'איז קיין בייטש אויך נישט ווערט". דער עולם איז דעם נסיון נישט ביינעשטאנען. דער רבי שטייט אויף א פארביטערטער און פארטרייבט זיי פון זיך. „אקסן, וואס שטייט איר נאך? גייט, ברעכט הענט און פיס! הירש! וועט נאך איינער אמאל ביי מיינע טירן קלאפן — מיט שטעקנס יאג אים אוועק! פארשלאסן זאלן מיינע טירן פאר ווערעם זיין! משיח, בלייב ביי די טויערן פון רוים זיצן! נישטא וועמען אויסצולייזן... א וועלט — גארע שנאָרערס".

דער דאזיקער משיח-שטריך ביים קאצקער דערמאנט די טראגעדיע פון מהר"ל. פונקט ווי דער מהר"ל האט ער געחלומט וועגן דערלייזונג, געפורעמט דעם גולם און באמיט זיך אין אים ארייגצולאזן א רוח חיים. דער המון האט — פונקט ווי דער גולם — געהאט נאר דעם אויסנווייניק־סטן אנבליק פון מיטבאגייסטערטע, אבער שוין ביים ערשטן פרווו האט ער פארלוירן די פליגל און איז געבליבן צוגענעגלט צו דער ערד. דער קאצקער ווייסט נישט פון „מילדערנדע אומשטענדן", ער איז שטרענג און האלט נאר פון מדת-הדין. ער האט דערזען זיין שיף־בראך, פארשטאנען, אז ער האט זיך איבערגערעכנט, און ס'ווערק איז נישט געראטן. אזא גולם־דיק לעבן איז באמת נישט ווערט געלעבט צו ווערן. נעמט ער פון גולם

אַרויס דעם שם־המפורש און צעשמעטערט דעם לײמענעם ריז. „גײט, ברעכט הענט און פיס... כ'דאַרף נישט קײן אָקסן!"...

מ. ב. שטײן האָט זיך אַפילו נישט באַמיט צו געבן קײן ראַמען צום בילד, שוין נישט רעדנדיק פון דעם בילד אַלײן. די דראַמע האָט — אַ חוץ דעם טעמערל־מאָמענט — כמעט קײן אַקציע נישט. דאָס ביסל זעלבסט־שטענדיקע מצד דעם מחבר באַשטײט בלויז אין דעם אופן פון סעגרעגירן דעם מאַטעריאַל; דער יסוד פון שטײנס דראַמע איז דאָך נישט פאַנטאַזיע, נאָר זכרון. דער פאָלקלאָריש און געשיכטלעך ווערטפולער שטאָף איז דאָ געסדרט געוואָרן מיט אַ געוויסער איבסענישער טענדענץ, דורכגעפלאָכטן מיט בראַנדישע אַקצענטן. מ'טאָר אָבער נישט פאַרגעסן, אַז איבסענס „בראַנד" איז דאָך נישט מער ווי אַ נעגאַטיווע מוסטער־פיגור פון קאָמ־פראָמיסלאָזיקײט, ווערנד דער קאָצקער איז בפועל ממש אַן אויטענטישע פיגור, וואָס האָט איר לעבן אויסגעשטורעמט אין אינעווײניקסטע ראַנג־לענישן פאַר אוניווערסאַלע ווערטן. באַזונדערס אויפפאַלנדיק איז די אײנ־זײטיקײט פון דעם צײכענען, וואָס דרינגט אַרויס פון דער אַפּאָריזמען־צונויפשטעלונג. דער קאָצקער קומט דאָ אַרויס בלויז אַלס מיזאַנטראָפּ, מיט אַ סאַדיסטישער פאַרביסנקײט. עפּעס אַ ווירוואַר פון היפּאָכאָנדרישע אַטאַקן. מעגלעך, אַז דאָס איז געשיכטלעך טאַקע קרוב לאמת, אָבער דער קינסטלער מוז דאָך זוכן און אַרויסגעפינען כאָטש דעם מינימום פון מאָ־טיווירונג. דערצו קאָנען שוין נישט קלעקן בלויז שאָטנס און שאָטנס. ס'איז נײטיק אַביסל זון, אַביסל מענטשלעכער ווײטיק, וואָס דערהויבט, וואָס דערנענטערט און טײטשט אויס די פּערזענלעכקײט.

***

ווי זעט דער ענין אויס בײ פּרץ?

אויף דעם געביט פון קינסטלערישן פיקסירן די פּערזענלעכקײט איז פּרץ געווען פּיאָנער. שוין אין אַ רײ פריערדיקע נאָוועלן פּרוווט ער אויס־שײלן דעם יחיד מיט זײן קאָמפּליצירטן לעבנס־אינהאַלט. דעם קאָצקער פילן מיר אין פּרצס ר' שלמה פון דער „גאָלדענער קײט". פּרץ קאָפּירט נישט דעם קאָצקער, רופט אים נישט אָן בײם נאָמען, נוצט אים נאָר אויס אַלס מאָטיוו. ס'קומט בײ אים אַרויס אַ גלגול פון אַ נײעם ניגון, און דאָך

בלייבט דאָס עסענציאָנעלע פון... קאָצק: דער פּראָטעסט קעגן דער וועלט ווי זי איז, דער פּראָטעסט קעגן דער וואָך און דעם וואָכעדיקן מענטש.

נישטאָ דאָ קיין שום אויסנווייניקסטע „קאָצקער" אקסעסוארן. בלויז אַ פּאַטריאַרכאַליש געשטאַלט, וואָס ווערט בעתן דראַמאַטישן שטייגערן דערהויבן ביז מאָנומענטאַלישקייט. שוין ר' שלמהס אויסערלעך אויסזען (אגב, אינגאנצן נישט ענלעך צום אויטענטישן אויסזען פון דעם קליינ־געוויקסיקן קאָצקער) פּירט אריין אין דער אַטמאָספער פון אַריסטאָק־ראַטישקייט:

„אַ זייער הויכער, גרויער, בלאַסער ייִד; אויסער דער שווארצער, שפּיציקער יאַרמולקע אויף דעם קאָפּ, — פּרעס-ווייס געקליידט; אַן אומ-געוועגלעך הויכער שטערן, אומגעווענלעך-גרויס געעפנטע אויגן; מיט אַ קינדיש־נאַאיוון שמייכל איבער דעם איינגעשרומפּענעם, פון צער פאַר-גליווערטן פּנים"... שטעלונג פון אַ ווירדיקן און אַ פעסט-אנטשלאָסענעם מענטש, נישט געקוקט דערויף, וואָס די האנדלונג קומט פאָר אין דעמער־רונג, בעת ס'שאַרן זיך שוין די נאַכט־שאָטנס פון מוצאי־שבת, זענען דאָך אַלע ווינקלען דאָ פול מיט ליכט פון אַ געהיים־אויפגייענדיקער זון.

ר' שלמה קאָן זיך נישט איינלעבן אין דעם מילבן-שטייגער, וויל צווינגען כביכול אליין דאָס לעבן מתקן צו זיין. אָבער דער בורא עקשנט זיך. הייבט זיך ר' שלמה אָן צו ברוגזן, ער האַלט איין דאָס ראָד פון לעבן, וויל נישט מאַכן קיין הבדלה, דערשטיקט דעם געשריי פון דער וואָך און לאָזט ווייטער אַלע דרימלען אין דער זאָרגלאָזער שבת-שטילקייט:

„איך מאַך קיין הבדלה נישט!".

באַלד אָבער וואַקסט אויס די גרויסע מחיצה צווישן פירער און גע־פירטע. דער עולם פאַלט אויפן פּנים, פול מיט וואָכעדיקע דאגות, און דאָ האָט דער רבי קיין רחמנות נישט... ער שפּילט זיך גאָר מיטן רבונו של עולם אין ברוגזלעך... דער רבי ווערט נישט נתפּעל פונעם עולמס צודרינגלעכ־קייט און האַלט זיך ווייטער ביי ס'זייניקע:

„אומזיסט אַלע רייד,
אַלע געבעטן אומזיסט".

דאָ רוקט זיך שוין אַרויס דער ערשטער „קאָצקער" שטריך — ר' שלמה איז נישט קיין רבי פון ע ו ל ם. ער וויל נישט זיין קיין מנהיג פון „פּאַספּולסטווע". וואָס פאַר א שייכות האָט ער מיט דער מחנה, אַז בסך־הכל פאַרשטייט זי אים נישט אינגאַנצן? וואָס ווילן פון אים די אויסגעמאָגערטע איינגעשרומפּענע שאָטנס? וואָס קאָן ער זיי געבן און וואָס קאָן ער אין זיי אָנצינדן? מיט אַלע רמ"ח אברים זענען זיי דאָך צוגעבונדן צו דער ערד, ווייטער ווי פון דער אייגענער נאָז דערגייט דאָך נישט זייער בליק. ווי קאָן ער זיין א נר־תמיד פאַר געפרוּוירענע נשמהלעך? ער איז אין דער פּאַטענץ א משיח, און זיי — זיי זעען אין אים נאָר א בעל־מופת... זיי זינקען אין גריבער פון דלות און נויט, קומען זיי צום בעל־מופת, ער זאָל פאַר זיי אויסוווּנדערן עפּעס א גוטע פּרנסה „פאַר זיך, פאַר איינן ווייב און קינד". זאָל „ער" נאָר ווּלן! ער אָבער איז פון זיי הימל־ווייט. וואָס פאַר א באַטייט קאָנען האָבן די יללות פון די אַלע פאַרחושכטע מיט זייער איינגעהויקערטער אונטערטעניקייט, בעת דער גאַנצער ווערט פון אזא לעבן דאַרף ווערן פונדאַמענטאַל אָפּגעפרעגט?

„...צווישן טויט און לעבן
וואַקלט זיך א וועלט;
ד'וועלט זינקט אין מרה שחורה איין —
אַ וועלט!"

די דאָזיקע מרה־שחורהדיקע וועלט מוז אויסגעלייזט ווערן דורך פרייד. דער וועג צו דער אויסלייזונג איז א טורעמדיקער, מ'דאַרף האָבן כוח צו קלעטערן, דערשטיקן אין זיך די צעשפּאַרטע געפילן, ממיתן דעם רצון און גרייט זיין אויף קרבנות, ווען ס'זאָל אפילו אויסקומען אָפּצומעקן דאָס גאַנצע מילבן־וועלטל, אָפּזאָגן זיך פון האַנדל־וואַנדל און זיין אַנגעוויזן אויף א שטענדיקן שבת. דער אויסגעצוווּנגענער לאַנגדויערנדיקער שבת דאַרף זיין א פּראָמעטעאישע התראה פאַר דעם בורא, אַז ווייטער אַזוי פאַרבלייבן קאָן עס נישט, אַז מ'קאָן שוין ווייטער נישט קריכן ווי ווערעם

און ווארטן אויף א נס. אזא וועלט פון ווערעמדיקייט איז נישט ווערט געלעבט צו ווערן, זי האט קיין זכות־הקיום נישט.

„חרוב זאל ווערן די וועלט!"

נישט יעדער איז מסוגל צו שפאנען איבער חורבות און נישט יעדער איז בכוח אויסצוגליען אין זיך א שטאלענעם באגער. מ'דארף באוויזן צו דערדריקן אין זיך די ליבע צום נאנטן, צו בני־בית און קרובים און אנצינדן אין זיך די ליבע צום געאנטן. נאר די „שבת־יומטובדיקע, נשמה־יתרהדיקע יידן" וועלן קאנען גיין אויף די חורבות...

פרצס ר' שלמה זוכט דעם גאנצן מענטש. קיין מיטל־וועגן זענען נישט דערלאזבאר. אויב דער מענטש גארט באמת נאך דערלייזונג, מוז ער זיך דערהויבן צו דער פולקייט. געגוג שוין מיט דעם צעשאטענעם וועלטל פון די מענטשן „פון יוצא וועגן". טוט שוין אזא איינער עפעס, קומט דערפון ארויס א מצווהלע אדער אן עבירהלע. ס'מוז אבער קומען א דור פון גאנצע מענטשן, וואס וועלן זיין ראוי די וועלט צו דערלייזן, ווארום ווייטער ווארטן איז אוממעגלעך.

„עם הענגט אינדערהויך דארט א וואג,
פארן כסא־הכבוד...
וויגט זיך, וויגט זי זיך, די וואג...
ס'צינגעלע צאפלט, צאפלט...
א מצווהלע טוט א ייד
און — אן עבירהלע...
שטעלן קאן זי זיך נישט...
נישט כולו חייב,
נישט כולו זכאי...
צאפלט זי..."

כולו זכאי אדער כולו חייב, אליץ אדער גארנישט.

און וואָלט ווירקלעך געלונגען צונויפצוקלייבן די אויסדערוויילטע יחידים פון „כולו זכאי" וואָלטן זיי, די דאָזיקע גייסטיקע אַריסטאָקראַטן, געטריבן פון אינעווייניקסטן פייער, געשפּאַנט איבער חורבות, באַשטראַלטע יחידים פול מיט יום-טוב-גלאַנץ, מיט שטאָלץ און ווירדע, מיט טאַנץ און געזאַנג, ציען זיי צום „הויכן באַרג". נישט קניען און נישט בעטן, נאָר פאָדערן און פאַרלאַנגען.

דעם קליין-וווקסיקן און אָנגעברוגזטן קאַצקער מיט זיינע עקסטראַוואַגאַנטישע גענג האָט פּרץ — און זיין ר' שלמה — דערפירט צו פּאַטריאַרכאַלער פּראַכט און אַרומגעוועבט מיט שימער. ער האָט אַרויסגעצויגן פון אים די „גיפטן" און אים פאַרוואַנדלט אין א ליכטיק געשטאַלט. אַרויסבאַקומען פון אים דעם מאַקסימום מענטשן-פריינטלעכקייט, פאַרטריבן די שאַטנס און באַוויזן זיין אינערלעכע מעגלעכקייט פון צונויפלעבן, צונויפפרייען און צונויפטאַנצן מיט מענטשן.

„זינגט מיט מיר!
טאַנצט מיט מיר!"

צום סוף אָבער קומט דער קראַך. מיט בלויזער שבתדיקייט איז אוממעגלעך צוציען דעם ברייטן עולם; ר' שלמהלע האָט געוואָלט דעם עולם צום הימל דערהויבן, אָבער די ערד איז, אַפּנים, שטאַרקער... די שבת-מחיצה ווערט איבערגעריסן און ס'רייסט זיך אַריין דער גרויער קוויטש פון דער וואָך; מ'האָט שוין אויסגעפּונען אָן אָנדערן הבדלה-מאַכער. דער עולם האָט מורד במלכות געווען. א צעבראָכענער טרעט ר' שלמה אָפּ זיין פּאַטער-שטול און בלייבט פאַראיינזאַמט... אָט טאַקע ווי דער אויטענטישער קאָצקער, וואָס האָט זי אויך, א פאַריאושטער, צוריקגעצויגן...

דאָס וועזנטלעכע פון דעם קאָצקערס געשטאַלט האָט ביי פּרצן געפונען א טיף-קינסטלערישע אָפּשפּיגלונג, די שפּעטערדיקע האָבן שוין דעריבער געהאַט פאַר זיך א פיין-סקיצירטע פיגור, כאָטש פּרצס ר' שלמה וואַקסט נישט אַזוי אָרגאַניש אַרויס פון דער סביבה, ער איז נישט רעאַ-

ליסטיש באדינגט, נאָר איז געגעבן מער אָפּגעריסן, סימבאָליש. ס׳שלענג־לען זיך געטאָקטע, קורצאָטעמדיקע פּערזן, שוועבנדיקע נאַקעטע ווערטער וועגן אַ גרויסן ר׳ שלמה פון ערגעצווו, וואָס זינגט וועגן אַ וועלט אין ערגעצווו.

***

מיט אַ גאָר באַזונדערן און אָריגינעלן צוגאַנג צו דער געשטאַלט פון קאָצקער צייכנט זיך אויס אַזאַ מייסטער פון דער מאָדערנער יידישער פּראָזע, ווי יוסף אָפּאַטאָשו. אין זיינע „פּוילישע וועלדער״ וואַקסט דער קאָצקער שיער נישט אויס ביז צו אַ צענטראַלער פיגור פונעם ווערק.

ביי אָפּאַטאָשון דערשיינט דער קאָצקער שוין אין דער לעצטער פאַזע פון זיין לעבן, שוין נאָכן גייסטיקן צוזאַמענברוך. ער שטעקט שוין איבער דרייצן יאָר אין שימל, אין אַ זייטיק־אָפּגעשלאָסן חדר, אָפּגעשיידט פונעם עולם און פון דער ארומיקער וועלט. כמעט שוין אַ שברי־כלי, צאַנקט ער דאָרט ווי אַ ליכט, און ס׳פלעמל ווערט וואָס אַמאָל קלענער און בלאַסער. וואָס איז געשען? דער קאָצקער האָט פאַרלוירן זיין ביזאַיצטיקן גלויבן, פאַרטריבן פון זיך די התגלות־בילדער, זיך אויסגעשטורעמט, געוואָרן צייַ־טיק און אַריינגעלאָזט זיך אין דעם פּרדס פון טיפן טראַכטן און נאָכ־דענקען איבער אַלץ. אָדער ווי דער באַרוועסער ישראל זאָגט: „זיצט און חקרנט זיך! קיין רוח הקודש איז שוין דאָרט נישטאָ, געבליבן בלויז מוח, אויסגעטריקנטער מוח״... שוין לויט די פּאָר ווערטער הייבט אָן קלאָר צו ווערן, אַז אָפּאַטאָשו האָט געצייכנט דאָס בילד פון קאָצקער אין אַ געוויסן זין אלישע־בן־אבויהדיק. ר׳ מענדל, דער מוח־מענטש, איז ווי אלישע אַריין אין „פּרדס״ פון דער מעטאַפיזיק, זיך פילאָזאָפיש אַריינגע־טראַכט אין דעם מהות פון זאַכן און לסוף דערגאַנגען צו דער מדרגה פון אַ „מקצץ בנטיעות״. אָפּהאַקנדיק די פלאַנצן, האָט ער אויסגערופן פאַרן גאַנצן עולם: „לית דין ולית דיין!״

ר׳ איטשע באַציט זיך צום קאָצקער פונקט ווי דער תנא ר׳ מאיר צו

אלישען. בעת אַלע פילדערן וועגן קאָצקערס אָפּווייכונגען, שטייט ר׳ איטשע אין מיטן עולם און באַרואיקט זיי מיט מילדע ווערטער: „זינדיק נישט, ישראל, ר׳ מענדל איז דער צדיק הדור“. אפילו דעם באַרוועסן ר׳ ישראלס „משוגענע“ שטיק, דערהויפּט ווען ער שפּרינגט צו צום רבין מיט די ווערטער: „קאָצקער רבי, טו תשובה“ — דערמאָנען ר׳ מאירן, בעת ער איז געקומען מבקר חולה זיין אלישען.

דער רבי איז אָפּגעצוימט אין זיין חדר, ס׳אַלטע צעקנייטשטע פּנים זיינס ווערט זעלטן־ווען צעשטראַלט פון אַ שמייכל. דאָס איז התבודדות פון אַ מענטשן, וואָס האָט אַ וועלט פאַרלוירן און זיצט אויף די חורבות פון זיין אמונה, פאַרוויגט אין האַרבער מרה־שחורה. ער איז אַ טיפער סקעפּטיקער, אַ דענקער, וואָס דערגייט אין זיין טראַכטן צו אבסאָלוטער פאַרצווייפלונג. ער איז, ווי אלישע, פאַרפּלאָנטערט געוואָרן אין מעטאַפּי־זישע חקירות און איז אַראָפּגעגאַנגען פון „גלייכן וועג“, געוואָרן שעדלעך פאַר דער סביבה, האָט מען אים פאַרשפּאַרט; די מקורבים האָבן מורא געהאַט, ווייל ער האָט זיך געביטן, געוואָרן אַן „אַנדערער“ ווי ביז איצט, אַן „אחר“...

„אַז זיי האָבן מיך פאַרשפּאַרט! אַלע, אַלע אַרבעטן מעשים, האָבן נאָך אַלץ מורא, אַז מיין תורה זאָל נישט אַראָפּפירן די קאָצקער פון דרך הישר! אָקסן! זיי האָבן איינגערעדט אַ וועלט, אַז דער מענטש האָט אַ בחירה און אויב ער האָט זי אפילו יאָ געהאַט, האָט ער זי שוין לאַנג איבערגעגעבן אונדז אין די הענט אַריין! און דאָס אַלץ האָבן מיר, רביים, וואָס האָבן געוואָלט אויסלייזן די וועלט פון די ווילנער גאונים, מיר האָבן די בחירה צוגענומען און צומאָל קיין כוח געהאַט אַוועקצושטעלן אונדזערע חסידים ביי די טירן און בויערן זייערע אויערן, און אַז מ׳וואָלט זיי גע־בויערט, וואָלטן זיי עס אויך צוגענומען באהבה, צו אַזאַ נידעריקער מדרגה איז דער מענטש געזונקען“.

אָפּאַטאָשו באַקומט דאָ אַרויס ריין־דאָסטאָיעווסקישע טענער. דעם קאָצקערס אַרט באַנעמען איז אַ שטעכיקער. ס׳איז מיט אים שווער פריד־לעך צו הויזן, אַקוראַט ווי ס׳איז פאַרן דורכשניט בכלל שווער צו הויזן מיט אַ גרויסן גייסט. ער איז אָפּט אכזריותדיק, אָבער ס׳איז די גרוי־

זאמקייט פון גייסטיקע רעוואָלוציאָנערן, וועלכע קענען נישט סובל זיין די בלינדע אונטערטעניקייט פונעם המון. זיין אכזריותדיקייט נעמט זיך פון גרויסער פאָדערונג. אמת, די „פשיסכער" און די „קאָצקער" האָבן רעוואָלטירט קעגן די מתנגדים, וועלכע האלטן זיך אייזן־פעסט ביים אות פון געזעץ, זיי האָבן אָבער דעם געזעץ אקעגנגעשטעלט דעם אידעאל פונעם מענטשנס פרייהייט, זיין בחירה, פרייהייט איז אָבער נישט קיין שפּילכל. ס'איז גאָר א הויכער ענין, וואָס איז פאַר־בונדן מיט יסורים.

די רביים האָבן איינגעזען דעם מענטשנס שוואכקייטן, פאַרשטאַנען, אז ער וועט נישט זיין בכוח זיך צו דערהויבן צום עול פון פרייהייט. דער מענטש וועט נישט דערטראָגן די משא. ס'וואָלט פאר אים געווען א צו גרויסע אחריות. האָבן זיי ביסלעכווייז געצוימט די פרייהייט, אוועקגע־נומען זי ביים ברייטן עולם. דיר איז שווער צו דערהויבן, ס'פאָדערט צו פיל קרבנות, זענען מיר די, וואָס וועלן דיר העלפן גיין צו גאָט. מיר וועלן שוין פאר דיר וויטיקן. דער עולם האָט לייכטער אָפּגעאָטעמט, פּטור געוואָרן פון אן עול, איבערגעגעבן זיך אין די הענט פון די פירער. דער קאָצקער קאָן עס נישט פאַרטראָגן. אָפּאַטאַשום קאָצקער לאַכט גאַליק: ווען דער רבי זאָל אפילו בויערן דאָס אויער ביים חסיד, וואָלט ער עס אויך מקבל באהבה געווען, ווייל „צו אזא נידעריקע מדרגה איז דער מענטש געזונקען..."

יאָ, ער שפּירט דעם אָפּגרונט, וואָס טיילט אָפּ די פירער פון די גע־פירטע און ער שפּירט אויך, אז ער באַלאַנגט צו די פירער, וואָס לאָזט זיך נישט פאַרפירן פון די געפירטע נישטיקייטן. ער האָט פאַרשטאַנען, דער קאָצקער ביי אָפּאַטאָשון, אז ער קען באַנעמען אן ענין טיפער אפילו פון זיין געוועזענעם רבין אין פשיסכע, אָבער ער איז נישט מסוגל צו זיין קיין בעל־מופתדיקער דיבוקים־טרייבער... „...צו ווערן א רבי איז ווייניק, וואָס מען איז א למדן, מען דאַרף אויך קענען איבערלייענען א קוויטל..." די רבישע „תורות" ווערן אים דערווידער, ער רופט זיי „אָקסן־תורה" און חוזקט אפילו פון ר' איטשען, וואָס לאָזט זיך אויף די וועגן פון די בעלי־מופת. ער קען זיך נישט צונויפלעבן מיט דעם געשמאַק פון עולם, שפּירט

א ווידערגעפיל צום „פּאַספּולסטווע". ווען ר' מענדל זאָל אויף אַ קאַטאָוועס נעמען דעם באַרוועסן ישׂראל, דעם דאָזיקן עם־הארץ, און אים מאַכן פאַר א רבי, וואָלטן די אַטלאַסענע קאַפּאָטעס זיך געבויגן פאַר אים מיט הכנעה, גלייבנדיק, אַז דאָס איז מן השמים. קוים וויל אָבער דער זעלביקער עולם אים אויך מאַכן פאַר אַן „אָקסן־רבי", פאַלט ער שוין אַריין אין גרימצאָרן און שרייט: „אָקסן, וואָס ווילט איר פון מיר? ווערט פאַרשרפהט! וואָס האָט איר זיך אָנגעזעצט איבער מיר? כ'בין קיין רבי נישט! נעמט אייער איטשען און גייט צו אַלדע שוואַרץ יאָר, איר הערט?"

שוין נאָך דער קאַטאַסטראָפע. דער קאָצקער שפּאַנט באַרג אַראָפּ אין טיפן אומעט. אַ טייל חסידים האָט ער פון זיך פאַרטריבן, ווייל זיי זענען פאַר אים געווען צו טעמפּ און קליינמוטיק, אַ טייל, ווידער, זענען אַליין פון אים אַוועק, ווייל ער איז פאַר זיי געווען צו שאַרף און גרויסמוטיק. אַרום דעם פענצטער פונעם רבינס אָפּגעשלאָסענעם חדר שאַרט זיך אַ מענגע „פּאַספּולסטווע", וואָס לעכצט נאָך דעם צדיקס אַ וואָרט. ער טרייבט זיי אָבער פון זיך. ווייל אויב שוין יאָ גלויבן, טאָ זאָל דער גלויבן זיין אַ פולער און אַ געלייטערטער. און אויב ס'גייט שוין יאָ אין מופתים, דאַרף דער מופת אַרויסדרינגען פונעם גלויבן, און נישט פאַרקערט.

זיין צום טייל געצוווּנגענע, צום טייל פרייוויליקע איינזאַמקייט, רעגט אים אָן צו גרינטלעכע באַטראַכטונגען. אין דעם אַרומיקן ים פון פּסולת, איז זיין תפילה־צימערל אַן אָפּגעזונדערט אינדזל. ער דערגייט מיטן געדאַנק צו די סאַמע וואָרצלען פון זאַכן. אַן אומאויפהערלעכער דענקונגס־פּראָצעס וועגן „מה למעלה, מה למטה".

ס'איז אַ וועלט מיט מענטשן, גרויסע און קליינע, רויע און איידעלע, און אַלע פלעכטן זיך צונויף אין איין ראָד פון האַנדלונגען. די קייט פון די האַנדלונגען באַוועגט זיך מיט אַ ווירבלדיקן אימפּעט, גוטס און שלעכטס ווערן צונויפגעפלאָכטן, אַז ס'איז זיי שווער צו אונטערשיידן. ווער וועט דאָס זיין דער, וואָס וועט אַמאָל פונאַנדערבינדן דעם דאָזיקן קנופּ און אויט־לעבן אַפּשאַצן לויט ס'זייניקע? ווער וועט געבן דעם גוטן זיין באַלוין און דעם שלעכטן זיין שטראָף? ווער וועט צוטיילן דעם צדיק זיין שכר און דעם רשע זיין עונש? איז דער גאַנצער עניז נישט אַמאָל אַן איינגעבילדעטע

פאַרשטעלונג? וואָס וועלן שוין דאָ העלפן אפילו דעם רמב״מס חקירות, אַז סוף־כל־סוף מוז דער מענטש אַ פאַרשפּאַרטער אָפּפינצטערן זיינע יאָרן און וואַרטן אויף דעם טויט, וואָס וועט ווידער אַלץ איינהילן אין אַ סוד? מוחל דעם שׂכר, זאָל כאָטש דער עונש זיין אַ זיכערער. „ווען מ'וואָלט כאָטש זי־כער געוווּסט, אַז מ'וועט דאָרט שמייסן, ווען מ'וואָלט כאָטש זיכער געוווּסט...״

אַזוי ווערט דעם רבינס מרה־שחורה־שלייער אַלץ געדיכטער. דאָס געשפּענסט פון טויט דערנענטערט זיך — און ס'איז נישטאָ וואָס צו באַדויערן און מיט וועמען זיך צו געזעגענען. עס דערגייט צו אַבסאָלוטן ניהיליזם. די סביבה שטיקט, די וועלט איז צו קליין אָן עיפּושדיק — „די וועלט שטינקט מיר״. ער הייסט אַלע זיינע חבורים וואַרפן אין פייער אַריין. פאַר דעם גרויסן רעטעניש פון לעבן שטייט דער מענטש אומבאַהאָלפן און זעט אויס קאָמיש מיט אַלע זיינע געוואַגטע פאַרמעסטונגען. מיט שווידערלעכן שפּאָט זאָגט אָפּאַטאָשוס קאַצקער אויף דעם גסיסה־בעט:

„אָפּגעאַרבעט אַ לעבן, זיך געמוטשעט, מחדש געווען וועלטן, געוואָלט ברענגען משיחן — פרעג איך דיך — וואָס? וואָס? קומט אַפּייערל און דער אמתער מענדעלע איז שוין נישטאָ, געבליבן בלויז אַ זעקל מיט קראַנקע ביינער! בין איך נישט גערעכט, איטשע, אַז דער מענטש איז אַ שטינקער?״

ווי פאַרלייגנערט די וועלט זאָל נישט זיין, גלוסט זיך דאָך נישט דעם קאַצקער סקעפּטיקער זיך צו שיידן מיט איר אָן אַ „זייַ־געזונט״. קלאַפּט דאָך ערגעץ־ווו אַן אָדערל מיט באַגער זיך איינצופּלאָנצן אין דער רעטע־נישפּולער אייביקייט, ווילט זיך דאָך פּאָרט נאָך זיך איבערלאָזן עפּעס אַ פּאָדעם. אָן מענטשן און אָן ספרים — ווי שטאַרבט מען עם אַזוי פאַרשניטן פון דער וועלט? ווי דער וואָרעם זאָל נישט נאָגן און וויפל קללות דער טראַגישער מתבודד זאָל נישט האָבן געשליידערט אויף דער וועלט, וויל ער נישט פונדעסטוועגן, אַז דער ווייטערדיקער גאַנג פון לעבן זאָל לגמרי אָפּ־ווישן יעדן שפּור פון זיין גערעכעניש.

אַלע כתבים פאַרברענט, איבערגעריסן אַלע פּעדעם און געשפּיגן קלעק אויף אַלץ. ווען איך וואָלט אָנגעהויבן פון דאָס נייע, ווייסטו, וואָס כ'וואָלט געטאָן? כ'וואָלט זיך אויסגעקליבן עטלעכע הונדערט יונגעלייט, זיי אָנגעטאָן שטריימלעך פון קרויט, אַרויפגעשיקט אויף דעכער, זיי זאָלן שרייען טאָג און נאַכט: „די וועלט שטינקט. די וועלט שטינקט — — — —״.

צווישן די פארברענע כתבים איז אויך געווען א קליין חבורל, וואס האלט סך־הכל איין זייטל, דאס איז דער „ספר האדם״. דאס עסענציאַנעלע פונעם גאנצן מענטשן. און דער רבי באדויערט שטארק, וואס דער כתב־יד איז פארברענט געווארן... געוואלט עס איבערלאזן פאר די קינפטיקע דור־רות. שוין אין די סאמע לעצטע מינוטן פון יציאת־נשמה, ווייל ער דאך זיין געדעכעניש באהעפטן מיט דער וועלט. מיט די לעצטע כוחות פרווט ער אויפסניי אנשרייבן דעם „ספר האדם״. ס'מישט אים אבער שוין אין קאפ, פאר די אויגן באוועגן זיך גרויסע שווינדלדיקע רעדער, אלץ הויבט זיך אן צו קנוילן... מיט דער פעדער אין האנט שעפטשעט ער די ווערטער: „ספר האדם״ — און ווערט נסתלק...

אַפּאַטאָשו טוט נישט ווי פרץ, וועלכער רייסט ארויס זיין ר׳ שלמהן פון יעדער רעאלער באדינגטקייט און צייכנט אים ווי א דיכטערישע פאר־מעט־פיגור, וואס פערזאָניפיצירט א גרויסע אידייע. ביי אַפּאַטאָשן וואקסט דער קאַצקער ארויס פון זיין סביבה. אויף טריט און שריט עטעמט ארום אים מיט לעבן, מיט אומגעבונג, מיט אַטמאָספער. נישט געקוקט פונדעסטוועגן דערויף, שטארט ער דאך ארויס אלס איינזאמער מענטש, וואס ראנגלט זיך טראגיש מיטן ארום און מיטן גורל, א מענטש, וואס שטורעמט אפ א צייט און שטעלט נאכדעם אוועק די אייביקע שאלה וועגן דעם זין און צוועקמעסיקייט פונעם שטורמען, פונעם לעבן בכלל...

***

אן אלטער מדרש זאגט, אז כל־זמן דער מענטש איז יונג — זינגט ער שיר השירים, ווערט ער רייפער און געזעצטער — זאגט ער שוין משלי, ווערט ער אינגאנצן אלט — זיפצט ער אויס קהלת. יעדער פון די דריי דא דערמאָנטע צוגאנגען צום קאַצקער, דערמאַנט איינעם פון די דריי עטאפן. שטאלץ, גייסטיק יונג, שיר השירימדיק איז דער קאַצקער ארויס־געקומען ביי פרצן. טריב, שארף, אפאָריסטיש און אלעגאָריש־שלאַגפער־טיק, ד״ה משלידיק, איז ער אין דעם פרווו פון מ. ב. שטיין, און א מידן, פילאָזאָפיש־סקעפטישן און קהלתדיק־אפהענטיקן באווייזט אים אונדז אין זיינע „פוילישע וועלדער״ יוסף אַפּאַטאָשו.

— ה —

די אשת חיל אין פוילן

די יידישע פרוי אין פוילן, די הארציקע יידישע מאמע, וועלכערס אידעאל איז צו זיין אן אשה כשרה, האט במשך פון דרייסיק דורותדיקן יידישן קיום אין פוילן אדורכגעמאכט א כסדרדיקן דערנער־וועג ביים אונטערהאלטן דעם מעמד פון דער בכבודיקער יידישער שטוב. און די יידישע שטוב אין פוילן האט געהאט איר פארהייליקטן טראדיציאנעלן שטייגער־נוסח מיט א באזונדערער בני־בית־היערארכיע און אייגנטימ־לעכן יידישלעכן רייץ. אין די שווערסטע מאמענטן פון דער אלגעמיין־יידישער מערכה אין פוילן איז זי מיט גרוים איינשטעלעניש תמיד געווען א פאנצער פאר דער יידישער היים און מיט העראאישער טריישאפט אונ־טערגעהאלטן ס'טליענדיק פייערל. נישט אומזיסט זאגט ס'פאלק „א מא־מע איז ווי א מזוזה", ד"ה, זי וואכט איבערן הויז. שווער איז געווען איר וועג שוין דערפאר, וואס די צניעותדיקע יידישע פרוי קאן נישט אפן מא־נען מיטן מויל, נאר שטיל צויבערן מיטן הארץ, ווארום די מדה טובה בנשים איז נישט צו זיין א תובע בפה נאר א תובעת בלב. אונטער דער לאסט פון די אלגעמיינע צרות האט די צארטע, משתוקקת לתכשיטין נישט איינמאל אונטערדריקט אין זיך אירע ווייבלעכע גלוסטונגען צו ליבע און אויסגוויניקסטן פראכט, אבי איינצוהאלטן דעם העכער-געלייטערטן סטיל פון יידישן משפחה־לעבן.

און נייטיק איז עס געווען צוליב דער אויסטערלישער לאגע אין פוילן, וואס האט דעם ייד דערפירט צו א פסיכישער געשפאלטנקייט; ער האט געפירט א טאפל־לעבן. אינדרויסן איז ער לגבי דעם בייזן פריץ געווען נאכגיביק, הכנעהדיק, שטענדיק געבויגן. נישט איינמאל אפילו פארבויגן די עלעמענטארע מענטשלעכע ווירדע, אבי ווי עס איז זיך איינשאפן די נייטיקע לעבנס־מעגלעכקייטן. זיך געלאזט מבזה זיין, געקושט דעם פריצס האנט, געטאנצט ווי א בער און געזונגען מה יפית.

דאס פארדרענגטע פינטעלע מענטש ביים פוילישן ייד האט דערי־

בער געזוכט קאמפענסאציע אין אינעווייניקסט-יידיש לעבן: אין דער קהילה, בית הכנסת, בית המדרש און בעיקר ביי זיך אין דער היים. דא האט ער זיך געלאזט אנטשפאנען פון דער אויפגעצוויגענער הינטישקייט און צוריקגעפונען זיין מענטשישקייט. האט טאקע די יידישע פרוי גע־שאפן א ווארעמע שטוב־אטמאספער מיט דעם איבערגעטריבענעם דרך־ארץ און פאטער־ליבע צום קאפ פון הויז. זי האט אים ממש דערהייבן צו דער ראל פון א פרינץ, וועלכנס ווילן ס'ווערט אין שטוב אלץ אונטער־געארדנט. ער, דער „קידוש־"-מאכער ווערט פון איר אידעאליזירט און דערפאר זינגט ער איר אן אדע „אשת חיל מי ימצא". אוודאי איז אין דעם פאראן אן עלעמענט פון שווישפיל, נישט מער ס'איז נישט קלאר וואס איז דא ווער און וואס איז שווישפיל; אפשר איז גאר די דרויסנדיקע וועלט אילוזיע און די שטוביקע וועלט — ווירקלעכקייט?...

דער אלט־יידישער לעבנס־שטייגער אין פוילן האט זיך באזירט אויף טהרת־המשפחה, וועלכע איז ווידער געבויט אויפן פרינציפ, אז די פרוי איז די עקרת־הבית און דער מאן — די עטרת הבית (די קרוין פון הויז). ס'גייסטיקע לעבן אין דער משפחה־נעסט איז איינגעטיילט לויט א שריי-ענדיקער דיספראפארץ. דער מאן איז דער תלמיד־חכם, למדן אדער בן־תורה. אויף אים איז געלעגן דער גאנצער עול פון גייסטיקע ענינים. ער איז געווען דער אויטאריטעט, דער לערנער, דער קאפ, דער אלצווייסער, דער, וועלכער איז בארופן מקיים צו זיין אלע מצוות, וואס זענען „ארויפ־געלייגט" געווארן אויפן מאנצפארשוין. מיט זיין לומדות, פרומקייט און ערלעכקייט דארף ער פארן גאנצן הויזגעזינט „טארעווען" א וועג צו עולם-הבא. דער פרוי דאקעגן זענען בסך־הכל צוגעטיילט געווארן דריי „קנאפע" מצוות: ריינקייט, ליכט-בענטשן און חלה-נעמען. דערביי האט זי נישט גע־האט קיין צוטריט צום גייסטיקן קוואל, פון וועלכן ס'האבן געטרונקען איר מאן און קינדער. א יידישע טאכטער לערנט נישט קיין תורה. איז זי טאקע געווען גייסטיק עלנט און אן אנשפאר אין לעבן. זי האט כסדר גע־קוקט „ארויף" צום מאן, צום ליכטיקן גן-עדן-פירער.

ביי זיך האט זי געוווסט, אז ס'איצטיקע לעבן איז נאכנישט ס'אמתע לעבן. עס איז רק א פארבייגייענדיקער שאטן, וואס קערט זיך שוין מער

נישט קריק. ס'אמתע לעבן דארף מען זיך ערשט פארדינען מיט תורה, עבודה ומעשים טובים. דערצו איז אָבער די „זינדיקע" אישה גאָרנישט מסוגל זיך צו דערהייבן. זי האָט דעריבער פארשטאַנען, אַז איר אויפ־גאַבע איז צו טאָן אַלץ אין דער וועלט, בכדי דעם מאַן צו פארלייכטערן זיין פאַמיליע־שליחות.

האָט זי נאָך געקענט אַביסל שעפּטשען די קליינע אותיותלעך, פלעגט זי אָפּט זיך „אויסזאָגן" אין די זיס־הארציקע תחינות, וועלכע האָבן לויט די בלערליי טעקסטן אנטשפּראָכן איר פארשידענע געמיט־צושטאַנדן. זי האָט היים געבעטן קודם כל אויף פּרנסה, קינדער, נחת פון קינדער, נישט פארלירן דעם חן ביי איר מאַן אד"גל. שבת מברכין פלעגט זי זיך אויס־צירן אין אַלעם בעסטן, אָנטאָן א שטערנטיכל, זיך איינהילן אין א טער־קישן שאַל און גיין אין שול ראש חודש-בענטשן. און אויב זי איז געווען א ביסל שטומפּיק אויף דער עברי פלעגט זי אויך גיין אין שול, אבי צו זיין אין גאָטס הויז. נישט אומזיסט איז אין פוילן פאראַן א ווערטל, „אַז א יידענע קען נישט דאַוונען ציילט זי כאָטש די שויבן אין שול".

דער העכסטער אידעאַל פון א יידישער טאָכטער איז קודם כל צו באַקומען א מאַן, א תלמיד חכם, נאָכדעם דארף זי שטרעבן דערציען קינ־דער בני־תורה, פירן ס'הויז יידישלעך־ערלעך און נישט דערלאָזן דעם מאַן, חלילה, צו קיין שום מלאכה בזויה און בכלל אָנשטרענגען אַלע כוחות ס'הויז צו „באַשיינען און באַקריינען". נישט תמיד איז אָבער אָט־דער וועג געווען א לייכטער. נישט איינמאָל איז איר אויסגעקומען אדורכצו־מאַכן שווערע נסיונות; זי האָט מפקיר געווען ס'אייגן לעבן און מיט גרויס מסירת נפש ענדלעך דערגרייכט ס'איריקע. דערפאַר האָט דער מאַן און די קינדער זי געהאַלטן בכבוד און ארומגערינגלט מיט ליבע.

בכלל האָט זי געלעבט אין שאָטן פון מאַן און באַמיט זיך שטילן איר גייסטיקן הונגער מיט די בראָקלעך תורה, וואָס זענען געפאַלן פון מאַנס טיש. אָבער דאָס האָט איר נישט געקלעקט. בפרט, אַז ס'תורה-לשון איז איר נישט געווען פארשטענדלעך. אין זעלביקן מאָמענט, ווען דער מאַן מיט די זין האָבן אין שבתדיקן בין-השמשות צעצויגן געזונגען דעם שווער־

שפּראַכיקן „בני היבלא", האָט זי געשטילט איר רעליגיעזע בענקשאַפט מיט די האַרציקע געזאַנג־רייד פון „גאָט פון אברהמען":

גאָט פון אברהם, פון יצחק, פון יעקב
גאָט ברוך הוא.
באַהיט דיין הייליק פאָלק ישראל
אין דיינעם לויב.

די זיבן טעג זאָלן אונדז וויל באַקומען
צו גליק און צו הייל און צו פרנסה בכבוד,
און צו אַלעם גוטן געזונט.
אמן ואמן!

הימל און ערד איז אָפן,
צו דיר טאָג און נאַכט, ליבער גאָט אין הימל
בעטן מיר און האָפן
מיר זאָלן האָבן אויסגעבעטן
אַ גוטע וואָך,
און אַ פרישע וואָך
און אַ פרנסהדיקע וואָך
און אַ מזלדיקע וואָך
און אַ געזונטע וואָך
און אַ פריילעכע וואָך
זאָל קומען אויף אונדז אַלע:
אויף מיר
אויף מיין מאַן און קינדער
און אויף כל ישראלס קינדערלעך.
נעם דעם בעכער אין דער רעכטער האַנט,
מאַך אַ ברכה איבערן גאַנצן לאַנד.
נאָכאַמאָל אַזוי הויך און נאָכאַמאָל אַזוי שיין,
און ס'גאַנצע פאָלק ענטפערט: אמן ואמן!

שפּעט אויף דער נאכט פאַרן גיין שלאָפן פלעגט זי זיך געזעגנען מיטן אייבערשטן אויף עברי־טייטש:

אני לי,
מיין נשמה נעם צי,
נאָך דיר געטרוי יאָך זי
ביז אינדערפרי.

ווייטער האָט די יידישע פרוי אין איר אינטעלעקטועלער פּאַרוואָר־לאָזטקייט ענדלעך באַקומען הילף אין דער טייטש־חומשדיקער פּראַ־פּראָזע און פאַרשידענע מוסר־ספרים, וואָס זענען געשריבן אויף יידיש. אויף די פאַרגעלטע בלעטלעך פון אָט־די ספרים האָט זי זיך גייסטיק דער־צויגן און אויסגעלעבט, פונדאַנען האָט זי געשעפּט כוח און אויסדויער. דאָ איז זי געלייטערט געוואָרן. אַ דאַנק זיי איז זי געצייטיקט געוואָרן אין איידלקייט און געהאַרטעוועט איר כאַראַקטער. אָט־די ספרים האָבן איר געגעבן מאָראַלישע באַגרינדונג פאַר אירע טאָג־טעגלעכע האַנדלונגען.

אַ באַזונדער אָרט אין גייסטיקן לעבן פון דער יידישער פרוי אין פּוילן האָט פאַרנומען די „צאינה וראינה". מיטן דאָזיקן ספר האָט זי זיך ממש נישט געשיידט. איז טאַקע פאַראַן אַ ווערטל: „אַ יידענע אָן אַ „צאינה וראינה" איז ווי אַ שיינעץ אָן אַ פּייפל".

דער טייטש־חומש („צאינה וראינה") האָט אויף אַ בילדלעכן שטייגער און זאַפטיקער פאָלקס־שפּראַך, לויט דער סדרה פון דער וואָך איבער־געגעבן די ספּורי חומש אַדורכגעפלאָכטן מיט מדרשים און אגדתות און ביי יעדער געלעגנהייט געמאַכט אַן אַנטשפּרעכנדיקן מוסר־השכל. שבת נאָכן עסן פלעגט די יידישע פרוי, אָנגעטאָן אין בגדי יום־טוב מיט אַ הויב אויפן קאָפּ, אַ באַהויכטע אין אַן אַטמאָספער פון מנוחה ושמחהדיקער לויטערקייט, אָנזאָטלען די שפּאַקולן אויף דער נאָז און מיט אַ באַזונדערן ניגון רעציטירן די היימישע פּסוקים פון דער „צאינה וראינה", אַרויס־ריידנדיק מיט פרומזעליקער כוונה: „דער בחיי זאָגט", „דער מדרש ברענגט" „שלמה המלך איז געווען דער קליגסטער פון אַלע מענטשן אויף דער וועלט" אאז"וו. די אין טייטש־חומש באַלעזענע פרוי פלעגט אין איר טאָג־

טעגלעכער שפּראַך געברויכן תנ"כישע און אַגדתאישע מעטאַפּאָרן: „עבד כנעני", „אני שלמה", „געלייגט די גאַנצע בייגל (חוטא בעגל) אויף מיר", „חושך מצרים", „פֿאַרקויפֿט די בכורה פֿאַר אַ טאָפּ לינזן", „זיבן מאָגערע קי", „פּרנסה בקריעת ים סוף", „אויפֿגעבויט פּתם ורעמסס", „ער אַרבעט נעבעך בחומר ובלבנים" אאַז"וו, אאַז"וו.

מעטאַפֿיזיש אָנגעהויכט איז דאָס לעבן פֿון דער יידישער פֿרוי אין פּוילן בעיקר פֿון די מוסר־ספֿרים, וועלכע זי פֿלעגט לייענען נישט נאָר שבת און יום־טוב, נאָר אַפֿילו אין אַ וואָכעדיקן אָוונט, דערהויפּט ווינ־טער. אין פּוילן זענען באַזונדערס פּאָפּולער געווען צוויי מוסר־ספֿרים: דער „ק ב ־ ה י ש ר" פֿון צבי הירש קוידאַנאָווער און דער „שבט מוסר" פֿון אליהו בן אברהם הכהן. זיי זענען געוואָרן די באַליבטסטע פֿאָלקס-ביכער פֿון אינדזערע עלטער־עלטער באָבעס. דער גרונט־טאָן — וועקן דאָס עטישע געפֿיל און פֿאָדערן צו גיין מיטן דרך הישר. דערביי זענען אַלע געבראַכטע שפּאַ־נענדיקע מעשׂיות פֿול מיט שטאָק־פֿרומקייט און אָפֿט אַפֿילו מיט פֿינצ־טערע אַבערגלויביקייטן. עס ווימלט מיט שדים, לצים און מזיקים. די לע־זערין האָט נישט קיין אויסוועג; אָדער זי וועט גיין בדרך הישר און דער־פֿאַר ווערן איבער הונדערט און צוואַנציק יאָר ארום באַלוינט מיט גן־עדן און עולם הבא, אָבער לאָזן זיך, חלילה, אויפֿן וועג פֿון שלעכטס און דער־פֿאַר ווערן באַשטראָפֿט מיט אימהדיקע יסורים אין גיהנום. דער בעל „קב הישר" ווענדט זיך צום לייענער. אָדער לייענערין: „...ווען דו זאָלסט וויסן, וויפֿל שדים פֿון דער סטרא אחרא עס לויערן אויף יעדן טראָפּן בלוט, וואָס איז פֿאַראַן אין מענטשנס הארצן, וואָלסטו באַלד מיט דיין גאַנצער נשמה און מיטן גוף זיך איבערגעוויזן דער עבודת הבורא".

די פֿרוי ווערט געוואָרנט צו זיין ערלעך, נישט זאָגן קיין ליגן און נישט שווערן פֿאַלש, אַזיסטן ווערט מען געשטראָפֿט מיט אָרעמקייט און פּריצייטיקן טויט: „לילית הרשעה איז תמיד אין דאָזיקן הויז, וווּ עס זענען דאָ פֿאַלשע שבועות; זי וווינט אין דאָזיקן הויז און ממיתם קליינע קינדער ר"ל. אין אַ שבֿאָט אָדער שטוב, אין וועלכע עס הערן זיך פֿאַלשע שבועות הערשט געוויינלעך אָרעמקייט".

פויליש־יידישע פרויען־געשטאַלטן

(בילד פון יוסף זיידענבייטל)



(בילד פון מאוריצי מינקאָווסקי)

אָפטמאָל צעשפּילט זיך ביים בעל־המוסר די פאַנטאַזיע און ער הייבט אָן דערציילן אויסטערלישע מעשיות, וועלכע ער גיט אָן פאַר „אמתע״; ס׳טייטש זיי האָבן זיך דאָך מיט אים אליין געטראָפן (גופא דעובדא). פון זיי דאַרף מען זיך אָראָפּנעמען א מוסר ווי אזוי זיך צו פירן. אָט דערציילט ער וועגן א מעשה שהיה אין סוף אכצנטן יאָרהונ־דערט בק״ק פּויזנא אויף א גרויסער גאַס. דאָרט האָבן נישטגוטע זיך פארקליבן אין קעלער, זיי האָבן ארויסגעשלעפּט די טעפּ פון אויוון און אריינגעשיט אש אין געקעכץ. דער עולם איז געוואָרן שטאַרק באַטריבט, מען האָט געשיקט נאָכן באַרימטן בעל־שם ר׳ יואל מק״ק זאַמאָשטש. ער האָט די מחבלים באַשווירן בשמות קדושים, אז זיי זאָלן זאָגן פאַרוואָס זיי גייען נישט צוריק אין די וויסטע מדבריות. עס איז דערגאַנגען צו א דין תורה צווישן די מחבלים און די איינוווינער פון דערמאָנטן הויז. עס שטעלט זך ארויס, אז אין זעלביקן הויז האָט אמאָל געוווינט א ייד א גאָלד־שמיד, וואָס האָט געלעבט מיט א שדית און געהאַט מיט איר „בנים זרים בני משחיתים״. אמת, דער גאָלדשמיד האָט געהאַט א ווייב, אָבער זי, די שדית, האָט אים אזוי פאַרכישופט, אז ער האָט זיך באַין אופן נישט געקאָנט פון איר באַפרייען אפילו בעתן דאַוונען. די „קינדער״ פון דעם פאַרשטאָרבענעם גאָלדשמיד, די שדים, פאָדערן איצט דאָס זייעריקע על פּי דין תורה. דער בית דין צדק האָט נאָכן אויסהערן די טענות פון די מחבלים. געפּסקנט, אז היות ווי די שדים קאָנען נישט באַטראַכט ווערן פאַר זרע בני אדם, האָבן זיי נישט קיין שום חלק אין גאָלדשמידס הויז. נאָכן אויסהערן דעם פּסק, האָט דער בעל־שם דורך שבועות געצוווּנגען די מחבלים צו פאַרלאָזן דעם גאָלדשמידס הויז. און פון דעמאָלט אָן איז שוין דאָרט רואיק. „פון דעם איז צו זען, מאַכט דער בעל-המוסר אן אויס־פיר, וואָסערע גרויסע זינד עס איז, ווען א מענטש איז זיך מתדבק מיט לילית...״

אָט דאָס ווילדע שטייגער־בילד איז געבוירן געוואָרן אין דעם בעל־המוסרס מחשבה אין די בלוטיקע צייטן פון גזירת ת״ח ות״ט. זי גיט אונדז איבער די גייסטיקע פינצטערקייט, וואָס האָט דעמאָלט געהערשט. דער מחבר האָט נישט קיין אנדערע זאָרגן ווי וואָרענען יעדן ייד, אז ער

זאָל זיך חס ושלום נישט „מתדבק זיין מיט לילית"... די לעזערין האָט דערפון געמאַכט אַן אויספיר, אַז זי דאַרף פירן איר הויז ערלעך און פרום, כדי דער מאַן זאָל נישט באַקומען קיין זינדיקע מחשבות און נישט דער־פירן דערצו, אַז אין איר הויז זאָלן זיך חו"ש באַזעצן שדים.

דערעיקרשט וועקט דער בעל „קב הישר" ביים לייענער בטחון; ער שטראָפט די קליינגלויביקע, וואָס האָבן טענות צום רבש"ע, באַשר זייער פאַרמעגן האָט זיך אביסל פאַרקלענערט. דאָס — טענהט דער מחבר — איז אַ גרויסע זינד, וואָס איז עלול צו ברענגען אַ סך שלעכטס. בטחון איז דער יסוד פון יידישקייט.

מיט גרויס ירגזון טרעט ער אַרויס קעגן די איינצלנע, וואָס פּרווון לערנען פרעמדע שפּראַכן און געניסן פון וועלטלעכן וויסן. דעם דאָזיקן פאַקט באַטראַכט ער ווי אַ חילול השם. „...פיל לייט טוען נישט רעכט — — די לעצטע צייט געפינען זיך פיל מענטשן, וואָס זיי לאָזן לערנען זייערע קליינע קינדער רעדן פראַנצויזיש לשון אָדער אַנדערע לשונות. און אַז דאָס קינד וואַקסט אויס, גיט זיין פאָטער קיין השגה נישט, אַז זיין זון זאָל גיין אין בית המדרש נאָר זיין עיקר השגחה איז, אַז ער זאָל גיין אין בית לימוד לערנען די לשונות פון די אומות".

אויך האָט אָט־דאָס ספר טענות הלמאַי אַ טייל יידן פּרווון ענדערן די יידישע הלבשה. די גויאישע הלבשה און די גויאישע שפּראַכן זענען מעכב די גאולה.

די יידישע פרוי אין פּוילן, נישט האָבנדיק קיין דריסת הרגל צו די גרונט־ווערק פון דער יידישער קולטור, איז געווען אויסשליסלעך אָנגע־וויזן אויף די משונהדיק־פּרעפּאַרירטע מוסר־ספרים און לויט זייער גייסט האָט זיך פאָרמירט איר פּרצוף־פּנים. זי איז דעריבער געווען שטאָק־פרום, אַבערגלויביק און זיך פאַרגענומען צו קעמפן מיט אַלע „קליפּות", וואָס גנבענען זיך אַריין אין יידישן הויז אין געשטאַלט פון גויאישער הלבשה, גויאישע מנהגים און גויאישע לשונות. זי איז געווען די געטרייע היטערן פון אַלעם אָפּגעשטאַנענעם. זי האָט נישט געלאָזט אָפּן אפילו קיין איינ־ציקע שפּאַרע, דורך וועלכער עס זאָל קענען אַריינדרינגען אַ וועלכער עס איז שטראַל פון וועלטלעכקייט, וואָס איז בעצם „עבודה זרה".

אין אָנהייב פון אכצנטן יאָרהונדערט האָט אין פוילן שטאַרק אויסגענומען דאָס מוסר-ספר „שבט מוסר”. אין קעגנזאַץ צום קאָשמארן „קב־הישר” צייכנט זיך דער „שבט מוסר” אויס מיט אַ מער הייטער געמיט. ער רופט דעם מענטשן זיך צו שטאַרקן, בכדי צו קלעטערן וואָס אמאָל העכער, וואָרום דאָס שליחות פון מענטשן איז זיך כסדר צו לייטערן. לייטערן קאָן מען זיך נאָר דורך הארציקער עבודת-הבורא. דערביי דאַרף מען זיך נישט אָפּזאָגן פון די ערדישע גיטער, תענוג עולם הזה, נאָר גראָד דורך זיי דערגרייכן א העכערע מדרגה.

דער גורל פון מענטש ליגט אין זיין אייגענער האַנט; פון זיין אינעווייניקסטער אומבאפלעקטקייט איז אָפּהענגיק זיין ענדגילטיקער גורל. ער גופא איז גורם זיין אייגענעם טויט אָדער לעבן, אוודאי איז דער מענטש זינדיק, אָבער דער וועג צו גייסטיקער באנייאונג פירט דורך תשובה.

דער בעל „שבט מוסר” פארשטייט, אז בלויז דערהויבענע ווערטער זענען נאָך נישט מסוגל טרייבן דעם מענטש צו תשובה. ער ווענדט דעריבער אָן סאנקציעס, ער שרעקט מיט גיהנום, וואָסווארט אויף דעם זינדיקן. ער רעכנט אויס א קייט יסורים; קודם כל דער מלאך המות מיט זיינע מיתות משונות, ווייטער חיבוט הקבר און לסוף שוידערלעכע יסורים אין גיהנום אליין.

דער מחבר ווייזט דערביי ארויס גרויס קענטעניש בנוגע דעם טעריטאָריעלן פארנעם פון גיהנום. ער באשרייבט אויספירלעך די פינצטערע קאמערן, און די באזונדערע אָפּטיילונגען, וואָס פארנעמען אזש טויזנטער מיילן. ער ווייסט גענוי דעם כוח פון גיהנום-פייער, מיט וועלכן מען ברענט די רשעים און לויט זיין חשבון קומט אויס, אז דאָס גיהנום־פייער איז זעכציק מאָל ברענענדיקער פון ערדישן פייער. חוץ דעם פליסן דאָרט טייכן פון פעך און שוועבל. ער באַשרייבט „פאַכמעניש” די פאַרשידענע עקזעקוציע־אופנים: ווערגן, שטעכן, הענגען און ברענען. די זינדיקע נשמות וואָגלען דאָרט כסדר און מאכן אדורך שוידערלעכע גלגולים. זיי פליען אומאויפהערלעך פון איין עק וועלט ביז צום צווייטן און לסוף ווערן זיי געשליידערט אין כף־הקלע.

דאָס איז אַלץ געמאָלן, כדי אנצוואוארפן אַן אימה אויפן זינדיקן, ער זאָל זיך דערשרעקן, באַזינען און תשובה טאָן.

„ווי צו דעם, וואָס טראַכט נישט וועגן די ענינים, וואָס שטייען אים פאַר, ווי צו דעם, אַז ער איז בלויז אַ שאָטן אויף דער ערד, ווי צו דעם, וואָס פארגעסט אָן דער אימהדיקער געשטאַלט פונעם מלאך־המות, ווי צו דעם, וואָס גערעדנקט נישט פון חיבוט הקבר, ווי צו דעם, וואָס גע־דענקט נישט אין יום־הדין און דעם משפט פון גיהנום" אאז"וו.

אוודאי איז דאָס נוגע דעם רשע, אָבער פאַר די צדיקים איז אָנגע־גרייט עפּעס אַנדערש. פאַר זיי און פאַר די, וואָס האָבן באַצייטנס תשובה געטאָן וואַרטן גרויסע תענוגים.

פונדאַנען האָט די יידישע פרוי אין פּוילן באַקומען איר וועלט־בילד און וועלט־בליק. פונדאַנען איז זי אָנגערעגט געוואָרן צו באַגראָבן אין זיך טיפער אַלע ווייבלעכע עמאָציעס און ליידנשאַפטן, בכדי זיי סובלימירן אין פרום־שטייגערישן „גאַנג" פון אַן אישה צנועה. דער דאָזיקער „גאַנג" איז געוואָרן וואָס אַמאָל איינגעצויגענער און איינגעהאַלטענער, אַרומגענו־מען מיט אַ רייף פון אָפּגעשטאַנענקייט און אַבערגלויביקייטן. אויך איר געזעלשאַפטלעכע ראָל איז געווען אַן אומבאַדייטנדיקע; אין פאַרגלייך מיטן מאַנס געזעלשאַפטלעכער אַקטיוויקייט איז זי פאַררוקט געוואָרן אין סאַמע ווינקל פון כלל־לעבן אָן צו האָבן אַ וועלכן ס'איז ממשותדיקן איינפלוס.

פונדעסטוועגן האָט ס'יידישע לעבן אין פּוילן אַרויסגעגעבן איינ־צלנע ענערגישע, באַהויכטע און גייסטיק געלייטערטע פרויען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט אינטעליגענץ, פאָלקס־טריישאַפט און מסירת־נפש. אַ טייל פון זיי האָט ס'פאָלק אַרומגעוועבט מיט לעגענדעס. ס'איז באַ־קאַנט, אַז דער מהרש"א האָט זיין ווייטערדיקע גייסטיקע אַנטוויקלונג דער־הויפּט צו פאַרדאַנקען זיין שוויגער איידל, וועלכע האָט אים דערמעגלעכט זיצן על תורה ועבודה. זי האָט אים געגרינדעט אַ ישיבה, וועלכע זי האָט אויסגעהאַלטן במשך פון צוואַנציק יאָר און דערביי מוטערלעך געזאָרגט פאַר די הצטרכותן פון די עטלעכע הונדערט תלמידים. ער האָט פון גרויס דאַנקבאַרקייט צו דער שוויגער זיך גערופן לויט איר נאָמען — שמואל

איידלס. נאָך איר טויט אין יאָר שמ״ה איז די ישיבה געשלאָסן געוואָרן און דער מהרש״א האָט געמוזט זוכן רבנות אין אַנדערע שטעט.

דעם סמע״ם („ספר מאירת עינים״) ווייבביילע איז געווען אַ גרויסע מלומדת און זיך באַטייליקט אין די וויכוחים איבער די פּסקי דינים פון לעמבערגער בית דין. זי האָט אפילו מחדש געווען אַ סך דינים. דער „מגן אברהם״ ברענגט אין איר נאָמען צוויי דינים.

ס׳איז כדאי צו דערמאָנען די זעלטענע פרוי, וואָס האָט געלעבט אין זיבעצנטן יאָרהונדערט, די „גילדענע רויזע״ פון לעמבערג, וועלכע האָט געשמט מיט איר אויסערגעוויינלעכער שיינקייט; זי האָט אָבער געהאַט נישט נאָר גילד־בלאָנדע האָר, נאָר אויך אַ גילדן האַרץ. אַט די גרויסע סוחרטע, זעלטענע יפת תואר, וואָס האָט בליץ־שנעל איינגענומען די הער־צער פון שררות, סטאַראָסטעס און גלחים, האָט תמיד געקוקט צו איר פאָלק אַרויף און איז יעדער מינוט גרייט געווען זיך מקריב צו זיין פאַר אירע ברידער. זי איז געווען אַ דערפאָלגרייכע שתדלנטע ביים לעמבערגער סטאַ־ראָסטע מנישעק, וועלכער האָט געהאַט קיניגלעכע מאַכט, ביים ערצבישאָף און ביים קיניג אין וואַרשע. זי האָט כסדר אָפּגעשריגן שווערע גזירות אויף יידן.

מיט גרויס מי און איינשטעלעניש האָט זי געוווּנען דעם פּראָצעס קעגן די פאַרביסענע יעזואיטן, וועלכע האָבן געוואָלט די לעמבערגער שטאָט־שול פאַרוואַנדלען אין אַ קירך. דער לעמבערגער ערצבישאָף האָט זיך אין איר געליבט און געפאָדערט איר ליבע פאַר העלפן געווינען דעם פּראָצעס. און ס׳פאָלק דערציילט, אַז ווען זי האָט געזען, אַז ס׳האַלט שמאָל, האָט זי זיך אין ערצבישאָפס הויז אַראָפּגעוואָרפן פון דאַך.

זי האָט ביי דער לעמבערגער יידישער באַפעלקערונג איבערגעלאָזט געפילן פון ליבשאַפט און פאַרערונג. במשך פון דורות פלעגן יידישע פרויען אין אַן עת צרה גיין צו דער „גילדענער רויזעס״ קבר, זיך אויסוויינען, בעטן, אַז זי זאָל זיך פאַר זיי מיען ביים כסא הכבוד. אויף דער מצבה ווערט מרת רוזה בת הרב ר׳ יעקב באַצייכנט ווי אַ פרוי „אשר בכל אלה לא מצאתיה״. איר גרויסקייט איז דערגאַנגען דערצו, אַז מלכים און פירשטן האָבן זיך פאַר איר געבוקט („מלכים ראוה ושרים קמו והשתחוו״).

שטאַרק פאַרערט האָט מען אויך ביים לעבן און אויך נאָכן טויט די
קדושה אַ ד י ל ק י ק י נ י ש, וועלכע האָט אין אָנהוב אַכצנטן יאָר־
הונדערט געוווינט אין דראָהאָביטש. זי איז געווען אַ טאָכטער פון לעמבער־
גער גבירישן סוחר משה קיקיניש. אויך זי איז געווען באַרימט ווי אַ רייצנ-
דיקע שיינקייט. איר מאַן איז געווען אַ יושב אוהל, ער האָט יום ולילה
געלערנט תורה און זי האָט מיט גרויס בריהשקייט געפירט די זאַלץ־מס־
חרים, וואָס זי האָט איבערגענומען פון איר רייכן שווער. מיט איר שיינ־
קייט, קלוגשאַפט, וואַרעמער שטים און קלאָרער אויסשפּראַך האָט זי ממש
געכישופט אַלע שררות און גלחים. אין זייער מאַכטלאָזער קנאה האָבן די
גלחים געזוכט וועגן ווי אַזוי אומצוברענגען די שיינע אַדיל און צוזאַמען
מיט איר די גאַנצע יידישע באַפעלקערונג. דערציילט זיך, אַז זיי איז גע־
לונגען איבערצורייידן אַדילס קריסטלעכע דינסט, אַז זי זאָל דערהרגענען
איר אייגן קינד און וואַרפן די גאַנצע שולד אויף אַדיל, וועלכע האָט עס
געטאָן, כדי צו האָבן קריסטלעך בלוט פאַר מצות אויף פסח. מ׳האָט אַדיל
אַרעסטירט און געפּייניקט אין תפיסה, אַז זי זאָל אויסגעבן אירע מיט־
העלפער. זי האָט די גאַנצע שולד גענומען אויף זיך אַליין און געזאָגט, אַז
זי האָט עס געטאָן אָן עמיצנס מיטהילף. מ׳האָט זי אין לעמבערג פאַר-
משפט צום טויט. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ מיתה משונה. לויטן אורטייל
האָט מען געדאַרפט אירע האָר צובינדן צום עק פון אַ ווילד פערד און עס
מיט בייטשן טרייבן איבערן שטיינערנעם ברוק און נאָכדעם ערשט זי
פאַרברענען. דערהערנדיק אָט דעם אורטייל האָט די קריסטלעכע דינסט
חרטה באַקומען און אויסגעזאָגט דעם סוד ווער עס האָט זי אָנגערעדט צו
דערהרגענען איר אייגן קינד. מ׳האָט זי אָבער באַלד גענומען אין תפיסה
און דאָרט דערוואָרגן. מ׳האָט אַדילן צוגעזאָגט שענקען ס׳לעבן בתנאי, אַז
זי וועט זיך שמדן. זי האָט זיך אָבער אַנטשלאָסן אָפּגעזאָגט פון שמד.

די עקזעקוציע איבער אַדילן איז מיט גרויס פייערלעכקייט אַדורכגע־
פירט געוואָרן אויפן לעמבערגער מאַרק־פּלאַץ, וועלכער איז געווען איבער־
געפולט מיט צענדליקער טויזנטער נייגעריקע קריסטן. אַפילו די דעכער
און פענצטער זענען געווען אָנגעשטאָפּט מיט מענטשן. אויף אַ טריבונע
זענען געזעסן די ריכטער אין סאַמעטענע טאָגעס. אין דער זייט איז גע־

שטאנען אַדיל אַ געבונדענע. דער לעמבערגער ערצבישאָף האָט זי געפרעגט, וואָס איז איר לעצטער באַגער פאַרן טויט? — זי האָט געענטפערט, אַז מ'זאָל איר לויז מאַכן די הענט און אויך געבן עטלעכע שפּילקעס. זי האָט פעסט צוגעשפּילעט דעם זוים פון איר קלייד, אַריינשטעכנדיק די שפּילקעס טיף אין איר לייב פון די פיס. איצט איז זי זיכער, אַז בעת ס'ווילדע פערד וועט זי שלעפּן איבערן מאַרק, וועט איר לייב, חלילה, נישט אָנטבלויזט ווערן...

אויף דער מצבה איז אויסגעקריצט, אַז זי איז אומגעקומען ביום ו' עש"ק ב"ז אלול תע"ח. זי ווערט באַצייכנט ווי „האשה הקדושה והטהורה — שם הגדול קדשה ומסרה נפשה בעד כלל ישראל. ה' ינקום את דמה".

דאָס האָט שפּעטער געדינט י. ל. פּרצן פאַר איינעם פון די מאָטיוון אין זיינע „דריי מתנות".

בער באָלעכאָווער דערציילט אין זיינע „זכרונות", אַז ווען ר'איז אַלט געווען צוועלף יאָר ד"ה אין יאָר תצ"ה, האָט ער געלערנט ביים באָלעכאָווער רב, דעם גאון ר' מרדכי סג"ל, וועלכער איז געווען אַ חלוש. דער רב פלעגט אים אויפגעבן אַ הלכה און אַליין זיך צולייגן שלאָפן. ביים רב האָט דעמאָלט געוווינט זיין שוועסטער לאה. ס'יינגל האָט זיך געמאַטערט איבער דער האַרבער סוגיא און באַין אופן זי נישט געקענט באַנעמען. דעם רבס שוועסטער איז געזעסן פון דערווייטנס און זיך צוגעקוקט צום יינגלס מאַטערנישן. ענדלעך האָט זי אים איבערגעפרעגט אין וואָס עס גייט. דערנאָך האָט זי פון אויסנווייניק געניי איבערגעזאָגט די גמרא מיט רש"י און אים מיט אַ קלאָרער שפּראַך אויפגעפּלאָנטערט דעם גאַנצן ענין. („ואחותו האשה מרת לאה יושבת מרחוק והביטה וראתה והשגיחה איך אני איננו מבין סוגית הגמרא ופירוש רש"י, ואמרה לי מה אתה שמה משתומם אמור נא דברי הגמרא שאתה מסופק, והתסלתי לאמר איזה דברי הגמרא שלפני או דברי רש"י והיא התחילה לאמר בע"פ דברי הגמרא או רש"י בשפה ברורה באר היטב ככתיב שמה ומדבריה השכלתי").

**
*

מיטן אויפקום פון חסידות אין פוילן האָט זיך די לאַגע פון דער פרוי אביסל געביטן. דער מאַנצפּאַרשוין איז צוליב זיין לערנען און צוליב זיין

עוסק זיין אין חסידות נאכמער אפגעריסן געווארן פון פראקטישן לעבן. מחמת זיין שטענדיק פארברענגען אין בית־המדרש און כסדרדיקן „קלעבן" אן רבין, אדער פירן לאנגע שמועסן אין חסידים־שטיבל, איז דער גאנצער עול של פרנסה איבערגעווארפן געווארן אויף די שוואכע פלייצעס פון דער פרוי, וועלכע איז על פי הכרח געווארן אן אשת־חיל. זי האט עס — ביי די שווערסטע עקאנאמישע באדינגונגען — געמוזט זארגן וועגן שפייז פאר די בני־בית, מלבושים פארן מאן, א שיכל פארן קינד און דערהויפט וועגן שכר־לימוד פאר די קינדער, אז זיי זאלן נישט פארגרעבט ווערן און חס ושלום נישט אויסוואקסן קיין גויים. אמת, אפטמאל איז איר דאס אנגע־קומען ביטער, ממש מיט דער גרינער גאל, אבער זי האט איר עול געטראגן מוטיק, מיט גרויס מסירת־נפש ווי א ווירדיקע שליחות, וואס איז איר אי־בערגעגעבן געווארן פון הימל.

זעלטן האט זי געהאט לעבנספרייד. אפילו אויף אירע אייגענע שמ־חות, בעת א בר־מצוה־פייערונג פון איר אויסגעטשעטשעלן בן־יחיד, דעם עלוי, אדער חתונה פון איר טאכטער, איז דער פרוים פרייד געווען א באַ־גרענעצטע. דער שווערפונקט פון דער שמחה איז תמיד איבערגעטראגן גע־ווארן אויף דער מאנצפארשוינישער זייט; דארט האט מען געזאגט תורה, דארט איז מען געגאנגען א ריקודל.

איינס איז דעם חתנס טיש,
וו מ'עסט, וו מ'טרינקט,
וו מ'הוליעט, וו מ'זינגט
הו־ליא — הו־ליא!
הו־ליא — הו־ליא!

די פרוי איז געבליבן אינגאנצן אין דער זייט. די שטרענגע פרומקייט האט נישט דערלויבט מענער פארברענגען צוזאמען מיט פרויען. דאס וואלט שוין געשמעקט מיט חריפות הגדר און לויט די רייד פון מהרש"ל איז אין אזא שטוב אסור צו מאכן די ברכה „שהשמחה במעונו"...

אויסער דעם מין אשת־חיל־געביט, האט ס'פוילישע חסידות געעפנט א דין שפעלטעלע דורך וועלכן די פרוי האט געפרווט זיך אריינבאקומען

אין דער גייסטיקער אטמאָספער פון מאַן. אָבער לאַנג איז זי דאָרט נישט פאַרבליבן. ווי אַ מוסטער פוןביידע טיפּן פרויען איז כדאי צו דערמאָנען די וואַרשעווער נגידיתטע טעמערל (די שנור פון שמואל זביטקאָווער אין פּראַגע) און די „לודמירער מויד".

טעמערל איז געווען די קלאַסישע אשת־חיל, וועלכע האָט געהאַט אַ מאַנצבילישן קאָפּ, אַ פּליסיקע פּויליש־יידערקע, אַ גרויסע סוחרטע (ביי איר איז געווען באַשעפטיקט בינעם באַניהאַרט — דער שפּעטערדיקער רבי רב בינעם) און האָט געהאַט גרויס אָנזען ביי פּוילישע שררות. זי איז געווען אַ גרויסע כלל־טוערין, צדקה־געבערין, גרינדערין פון פאַרשידענע פילאַנטראָפּישע חברות און באַקאַנטע פּראָטעקטאָרין פון חסידישע רביים. בעיקר אַ הייסע פאַרערערין פון ר' יצחק וואָרקער און ר' מענדל קאָצקער. חסידים האָבן זיך באַצויגן צו איר מיט גרויס דרך־ארץ. טעמערלס נאָמען האָט געקלונגען איבער גאַנץ פּוילן. ווען עס איז עמיצן נישט געגאַנגען פוינגלדיק מיט דער פּרנסה פלעגט אים ס'ווייב טרייבן קיין וואַרשע צו דער נגידותטע טעמערל, וואָס באַזאָרגט בני תורה מיט אַ שטעלע ביי זיך אין געשעפט.

אמת, צוליבן חסידות איז דער פרויס לעבן געוואָרן שווערער, דער עול פון הויז גרעסער, די צרות ביטערער. אָבער אין חסידישן לעבן גופא האָט די פרוי פונדעסטוועגן געשפּילט אַ באַשטימטע ראָל. אין בעש"טס צייטן איז געווען באַקאַנט די „פרומע ריוועלע" פון סאַטאַנאָוו. מ'דערציילט, אַז ווען דער בעש"ט האָט זיך אַמאָל דערנענטערט צו דער שטאָט סאַטאַנאָוו איז פאַר אים אויפגעגאַנגען אַ בלענדנדיק ליכט. ווען די פּני העיר האָבן אים מקבל־פּנים געווען, האָט ער צו זיי געזאָגט: „איר מעגט זיך שעמען, וואָס נישט ביי אייך, נאָר ביי אַ יידענע האָב איך געפונען ס'ליכט". ער האָט דערמיט געמיינט די „פרומע ריוועלע". צוליב איר פרומקייט און אירע מופתים האָט זי אין יענע מקומות געהאַט אַ גרויסן שם. ווען זי איז געקומען צו איר מאַנס קבר, האָט זי געשלאָגן מיט אַ שטעקן איבער דער מצבה און אריינגעשריגן אין קבר: „הערשל, בעט רחמים ביים אייבערשטן, אַז דיינע קינדער זאָלן בלייבן עניים ואביונים, ממילא וועלן זיי זיך קיינמאָל נישט אָפּקערן פון גאָטס וועג". איינמאָל אום

פרייטיק האָבן אירע קינדער פון פאַרשידענע שטעטלעך זיך צונויפגע־פאָרן ביי דער מאַמע. זי האָט זיי געגעבן אויף גיך אַפּעסן און זיי געטריבן צוריק אהיים. „דער רבש״ע האָט מיר געגעבן קינדער, אַז איך זאָל פון זיי האָבן נחת אויף יענער וועלט און נישט אויף דער וועלט״.

וועגן־זיין טאָכטער אָדל פלעגט דער בעש״ט זאָגן, אַז זי איז אַ גרויסע צדקת, האָט אַ הויכע נשמה און איז אַ בעלת רוח הקודש. דאָס האָט ער באין אופן נישט געזאָגט וועגן זיין בן־יחיד ר׳ צבי. ער האָט שטאַרק גע־האַלטן פון אירס אַ ברכה. איר נאָמען אָדל האָט דער בעש״ט אויסגע־טייטשט ווי ראשי־תיבות פון פסוק „אש דת למו״. אָדלס בית־יחידה פייי־גע, די מוטער פון ר׳ נחמן בראַצלאַווער, האָט זיך ארויסגעוויזן מיט גרויס רוח הקודש. זי האָט באַווירקט איר זון ר׳ נחמנען, וועלכער איז געוואָרן אַ פירנדיקע פיגור אין חסידות.

פּאָפּולער איז אין פוילן געווען רחלע די אַפּטערן, ס׳איייניקל פון „אַפּטער רב״. זי האָט פאַרן עולם געזאָגט תורה און דערציילט חסידישע מעשיות.

אַ גרויסן שם אין דער חסידישער וועלט האָט געהאַט די פרומע און האַרציקע פרוי חנה־חיה, די טאָכטער פון טשערנאָבילער מגיד. שעהנווייז פלעגט זי דרשנען פאַרן עולם און דערציילן פּרעכטיקע חסידישע מעשיות וועגן איר הייליקן פאָטער. אירע ברידער האָבן געזאָגט, אַז מער איידער זיי, איז זי מסוגל צו פירן דעם עולם אויפן דרך החסידות.

אַ גאָר באַזונדער אָרט צווישן די הויכבאַזעלטע יידישע פרויען אין פוילן האָט פאַרנומען די באַהויכטע, יונגפרוי ח נ ה ־ ר ח ל, די טאָכ־טער פון לודמירער סוחר ר׳ מאָנעש בערבערמאַכער. ס׳פאָלק האָט זי גע־קרוינט מיטן נאָמען „ד י ל ו ד מ י ר ע ר מ ו י ד״. זי איז געבוירן געוואָרן אין זעלביקן יאָר, ווען עס איז נפטר געוואָרן דער דריילינג פּיאָנערן פון חסידות אין פוילן: ד ע ר ר ב י פ ו ן ל ו ב ל י ן, ק אָ ז ש ע־נ י צ ע ר מ ג י ד און י י ד ה ק ד ו ש, ד״ה אין תקע״ה.

זי איז געווען זייערע אַ געטרייע נאָכפאָלגערין. ווי אַזוי איז זי נתגלה געוואָרן? — קודם כל איז זי געווען אַ ווילקענעוודיקע; געהאַט אַ גרויסע ידיעה אין ספרי מוסר און אויך געווען באַהאַוונט אין מדרש און אגדות.

זי איז געווען אין אַ צושטאַנד פון שטענדיקן רעליגיעזן עקסטאַז, געדאַוונט שעהנווייז מיט ברען. שדכנים האָבן איר אָנגעשלאָגן פאַרשידענע שידוכים, אָבער זי האָט וועגן זיי נישט געוואָלט הערן. זי האָט אין זיך כסדר אונטערדריקט אַלע עראָטישע אימפּולסן.

האָט זיך גראָד געמאַכט, אַז לויט איר פּאָטערס ווילן איז זי געוואָרן אַ כלה פאַר אַ לודמירער בחור, וועלכן זי האָט פון קינדווייז אָן שטילערהייט שטאַרק געליבט און אוימאויפהערלעך שטאַרק געבענקט צו אים. אָבער קיין שום ילוד אשה האָט דערוועגן נישט געוווּסט, אפילו פאַרן חתן אַליין האָט זי נישט אַנטפּלעקט איר סוד. זי איז געווען איינזאַם, נישט געהאַט וועמען אָנצופאַרטרויען איר בענקשאַפט. אַ גאַנצן טאָג איז זי געזעסן פאַרטיפט אין די ספרים, און פון צייט צו צייט פלעגט זי גיין אויפן בית־עלמין און זיך אויסוויינען אויף איר מאַמעס קבר.

מאַכט זיך אַמאָל — חנה־רחל איז געזעסן אויף דער מאַמעס קבר און ביטער געוויינט; פון מידקייט איז זי איינגעשלאָפן. ווען זי האָט זיך אויפגעוועקט איז שוין געווען פינצטער. פון שרעק האָט זי אָנגעהויבן ציטערן און לויפן. פּלוצלינג האָט זי זיך פאַרטשעפּעט אָן אַ קבר און אָנגעהויבן הויך שרייען ביז זי איז געפאַלן אין חלשות. דער שומר פון בית הקברות האָט זי אהיימגעפירט צום טאַטן. נאָכדעם איז זי אַריינגעפאַלן אין אַ קרענק און אָפּגעלעגן אין היץ עטלעכע וואָכן. איינמאָל האָט זי פּלוצלינג אויפגעוואַכט, צוגערופן דעם טאַטן און אים געזאָגט: „טאַטע, זיי ווייסן, אַז איך האָב איצט אָראָפּגעגנידערט פון הימל; דאָרט האָט מיר דער בית־דין של מעלה געגעבן אַ נייע הויכע נשמה".

ווען זי איז געזונט געוואָרן, האָט זי זיך געפילט גאָר אַן אַנדערער מענטש, אָנגעהויבן פירן אַ נייעם לעבנסשטייגער: אָנגעטאָן אַ טלית קטן, צום דאַוונען האָט זי געלייגט תפילין און געטראָגן אַ מאַנצבילישן טלית. אַ גאַנצן טאָג האָט זי עוסק געווען בתורה. זי האָט זיך אָפּגעזאָגט פון די ערדישע ווילטאָגן, באַשלאָסן צו בלייבן אויף שטענדיק אַ בתולה. דעם חתן, וועלכן זי האָט פלאַמיק געליבט, האָט זי צוריקגעשיקט די תנאים. זי

האט אַנגעהויבן שמן ווי אַ „הייליקע יונגפרוי“. זי האָט זיך אויסגעבויט אַ „גאַרנשטיבל“ און דאָרט דורך אַ פענצטער גענומען קוויטלעך פון די חסי־דים. איר שם ווי אַ „הייליקע מויד“ איז גיך פאַרשפּרייט געוואָרן איבערן גאַנצן לאַנד; קינד און קייט איז געלאָפן אַנקוקן אַ „ווייבערישן רבי“... און אויסבעטן אַ מופתל. צווישן אירע באַזוכער האָבן נישט געפעלט קיין לומ־דים און אַפילו רבנים. די רביים האָבן געהויבן מיט די פּלייצעס און נישט פאַרשטאַנען זייער נייעם קאָנקורענט. מ'האָט געפּרוווט אויסטייטשן, אַז אין איר איז מגולגל געוואָרן אַ נשמה פון אַ גרויסן צדיק. אַנדערע ווידער האָבן געהאַלטן, אַז עס איז אין איר ר"ל אַריין אַ דיבוק. מ'האָט זיך באַ־מיט מיט פאַרשידענע מיטלען זי צו „ליקווידירן“. היתכן אַן אַלטע מויד זאָל זאָגן תורה און נעמען קוויטלעך?... מ'האָט זי אַנגעהויבן צוריידן, אַז זי זאָל חתונה האָבן. לכתחילה האָט זי דערוועגן נישט געוואָלט הערן, שפּעטער איז עס דעם טשערנאָבילער מגיד דאָך געלונגען זי איבערצייגן, אַז זי זאָל חתונה האָבן. ער האָט איר דערקלערט: „ס'איז נישט קלאָר וועלכן צדיקס נשמה האָט זיך באַהעפט מיט דיר, איינס איז אָבער זיכער, אַז דעם צדיקס נשמה וועט קיינמאָל נישט געפינען קיין רו אין גוף פון אַן אשה“. ענדלעך האָט זי חתונה געהאַט מיט אַ רב. איר מאַן האָט אָבער מורא געהאַט צורירן זיך צו אַ הייליקער פרוי. זיי האָבן זיך דעריבער באַלד געגט. זי האָט חתונה געהאַט מיט אַ צווייטן אָבער אויך מיטן זעלבן רעזולטאַט; זי האָט זיך ווידער געגט. זי איז שוין אויף שטענדיק פאַר־בליבן אַ יונגפרוי. אָבער אירע ביידע חתונות האָבן פאַרקלענערט איר איינפלוס אויף די חסידים. די „וווּנדערלעכע בתולה“ האָט צוליב דעם ביים עולם פאַרלוירן איר ביז איצטיקע הייליקייט, מ'האָט איינגעזען איר ערדישן יסוד. זי האָט אָבער ווייטער געפירט אַן אָפּגעשיידט לעבן און לסוף געפאָרן קיין ארץ ישראל; דאָרט איז די יידישע זשאַננאַ ד'אַרק געשטאָרבן.

צו דעם קרייז פרויען האָט אויך געהערט פּערעלע די קאָזשעניצערין, דעם מגידס איינציקע טאָכטער. נאָך אַלס קינד איז זי צוזאַמען מיט איר פאָטער, דעם קאָזשעניצער מגיד, „געפאָרן“ צום רבי ר' אלימלך. שפּעטער האָט זי געטראָגן אַ טלית־קטן, זיך געטובלט יעדן טאָג פאַרן דאַווענען. זי האָט געדאַוונט איינגעהילט אין מאַנצבילישן טלית, געלייגט תפילין און

בשעת התפילה שטאַרק געווײנט. יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק האָט זי געפאַסט. זי האָט געטראָגן אַ זײדענע שובע, פאַרבונדן מיט אַ זײדענעם גאַרטל. דער קאָזשעניצער מגיד אַלײן האָט געהײסן זײנע חסידים זיך מזכיר זײן בײ איר.

ברכהלע די בענטשינערין, די מוטער פון פּיאַסעטשנער רבי, האָט געטראָגן אַ טלית־קטן און חסידים פלעגן זיך בײ איר מזכיר זײן. אויך דעם „תפארת שלמהס" װײב, גיטעלע, די ראַדאָמסקער רביצין, האָט געטראָגן אַ טלית־קטן און געפאַסט יעדן מאָנטיק און דאָנערשטיק.

דאָס זענען אָבער אַלץ פאַראײנצלטע פאַלן; בדרך כלל איז די פרוי געשטאַנען אונטער דער טיר פון דער קלויז פונקט װי זי איז געשטאַנען אונטער דער סוכה, בכדי צו הערן דעם מאַנס יום־טובדיקן קידוש. דאַקעגן איז ממש געװאָרן טיפּיש אין פּױלן די פרוי װי אַ פרנסה־געבערין, סוחרטע, קרעמערקע און פאַרזאָרגערין. דאָס איז אַפילו נוגע פרויען פון פּאָפּולערע רביים און בעלי־מופתים.

ס'איז באַקאַנט, אַז דער „חידושי הרי"ם", װען ער האָט געװױנט אין װאַרשע, האָט באַין אופן נישט געװאָלט נהנה זײן פון קײן שום מתנות, מצווה־סעודהלעך און אַפילו פון די רענדלעך, װאָס טעמערל האָט בײגעלײגט צום „משלח־מנות". זײן פרנסה האָט ער געצויגן פון אַ קרעמל מיט שניט־סחורה, װאָס פײגעלע די רביצין האָט געפירט מיט גרויס בריה־שאַפט. אויך זײן אײניקל, דער „שפת אמת", האָט נישט גענומען קײן פּדיונים. מפרנס געװען ס'הויז האָט יוכבד די רביצין. זי האָט מיט געניטשאַפט געפירט מסחר מיט צוקער און טיטון.

דעם רבי ר' יעקעלע ראַדזימינערס װײב איז געװען אַ דאָרפגײערין; זי איז געגאַנגען איבער די פּויערישע כאַטעס פאַרקויפן צעלניק און אין אײנװעגס פאַר פּדיון אײנגעהאַנדלט אביסל קאַרטאָפלעס און בוראַקעס פאַרן הויזגעזינד.

דער װאָלבאָזשער רבי ר' בעריש האָט נישט געהאַט פון װאָס צו לעבן; ער איז אַפילו געװען גבאי פון חברא קדישא, אָבער דער „קאָזשעבאָלעץ" איז געװען צו קנאַפּ, אַז מ'זאָל זיך קענען מפרנס זײן. זײן װײב אסתר

מלכה האָט דעריבער געעפנט א געמישטע קראָם. די אַרומיקע פויערים האָבן אַלץ איינגעקויפט ביי דער „בערקאָווע", גלויבנדיק, אַז אין זכות פון דער „צאַדיקאָווע" וועט זיי ס'גליק צושפּילן.

דער שילדלאָווצער רבי ר' נתן דוד האָט אפילו געהאַט אַ גוט אין סטאַרא וויעש, אָבער ער האָט זיך אין דעם לגמרי נישט אויסגעקענט. ערשט דבורה פּערעלע די רביצין האָט פאַכמעניש און מיט גרויס דערפאָלג פאַרוואַלטעט מיטן פאָלוואַרק. דעם רבי ר' בער ראַדזשיצערס ווייב איז געשטאַנען אויף ירידים מיט צעלניק און דערפון געשפּייזט ס'הויז בצמצום גדול.

אויך דער לובלינער גאון ר' צדוק הכהן האָט נישט געוואָלט פון קיי־נעם נהנה זיין. זיין פרוי חנה דבורה, וואָס האָט געשמט פאַר אַ גרויסער צדקת, האָט נישט געוואָלט, אַז איר מאַן זאָל זיך פאַרנעמען מיט מסחר, נאָר זאָל במנוחה זיצן על התורה ועל העבודה בקדושה ובטהרה. זי האָט געעפנט אַ געוועלבל מיט אַלטוואַרג און דערפון מישטיינסגעזאָגט, אונטער־געהאַלטן ס'הויז.

כאַראַקטעריסטיש פאַר דעם פאַמיליען־לעבן אין די רביאישע קרייזן איז דער פאַל מיטן אפּטערם ווייב, ציפּעלע די רביצין, וועגן וועלכער מען דערציילט, אַז זי איז געווען אַ חכמה, און אפילו געלערנט אַ בלאַט גמרא. זי האָט אַ לאַנגע צייט נישט געהאַט קיין קינדער און געהאַט גרויס קרענ־קונג. זי האָט אויך נישט געקענט אַריבערטראָגן דעם מאַנס צער און דע־ריבער אים כסדר פאַרגעלייגט אַ גט. איר מאַן חנינה ליפּא האָט אָבער זייער הויך געשעצט זיין ווייב און נישט געוואָלט הערן פון אַ גט. שוין אין די עלטערע יאָרן האָט ער אָנגעהויבן שטאַרק קרעכצן און זאָגן, אַז אין הימל פאַרלאַנגט מען, אַז ער זאָל זיך מיט איר גטן און מיט אַ צווייט ווייב ברענגען אַ זרע של קיימא. ציפּעלע איז דערויף תיכף איינגעגאַנגען און דאָס פאַרפאַלק האָט זיך געגט. חנינה האָט חתונה געהאַט קיין פּיאָטר־קאָוו און ציפּעלע האָט חתונה געהאַט קיין פּילץ. חנינה איז אָבער ווייטער געבליבן קינדערלאָז, ציפּעלע דאַקעגן, אַלט זייענדיק דעמאָלט שוין זעכ־ציק יאָר, איז געוואָרן אַ מוטער און איינגעלאַדן איר ערשטן מאַן חנינה צו סנדקאות. חנינה איז פון אָט דער ידיעה געוואָרן שטאַרק צעטומלט.

ערשטנס האָט ער זיך נישט גערעכט, אַז ציפּעלע זאָל אויף דער עלטער געבוירן אַ בן־זכר און צווייטנס האָט ער נישט געוווסט, צי דאַרף ער זיין סנדק ביי זיין ערשט ווייבס אַ קינד. ער איז געלאָפן צום „חוזה" קיין לובּ־לין נאָך אַן עצה. דער „חוזה" האָט אים ממש געטריבן, אַז ער זאָל פאָרן אויפן ברית. ער האָט זיך אויפן ברית שטאַרק משמח געווען און געווונטשן ציפּעלען צו האָבן אַ סך נחת פון קינד...

***

דער יידישער משפּחה־שטייגער אין פּוילן איז געווען ענג געבונדן מיט רעליגיעזער געצוימטקייט, לויט וועלכער אָבער דער מאַן קאָן זיך צו יעדער מינוט באַפרייען פון זיין ווייב, אויב ער האָט נאָר געוואָרפן אויף איר אַן אומחן. ס'איז געגנוג געווען, אַז ס'זאָל זיך אים נאָר אויסדוכטן, אַז ער האָט ביי איר באַמערקט אַן „ערות דבר" אָדער, אַז זי האָט גלאַט צוגע־ברענט ס'געקעכץ (אפילו הקדיחה תבשילו) און ער קען איר שוין געבן אַ גט. פונדעסטוועגן איז דערצו זעלטן דערגאַנגען. ס'רוב איז דאָס פאַמיליע־לעבן געווען אַ שלום־ושלוהדיקס. זי האָט אָפטמאָל פאַרקוקט פאַרשידענע עוולות „זאָל מיינס איבערגיין" — אַלץ מפּני דרכי שלום. ער ווידער האָט זיך נישט איינמאָל געמאַכט נישט וויסן וועגן אירע חסרונות, בכדי נישט אויפצורייסן פרעמדע מיילער און אויסמיידן אַ גערעדעריי פון זייטיקע מענטשן. „סטייטש וואָס וועט זאָגן די וועלט" — אַלץ מפּני תיקון לעולם... אַזוי איז מען דערפאָרן צו די „באַשערטע" יאָרן און אויסגעגעבן קינדער און קינדס־קינדער מיט מזל און ברכה.

אַ קלענערע דיספּראָפּאָרץ צווישן די פונקציעס פון מאַן און ווייב און פאַמיליע־צונויפלעבן איז געווען ביים בעל־מלאכה, קליינקרעמער און דאָרפס־גייער. דאָ האָט געהערשט אַ רעלאַטיווע גלייכהייט. דעם בעל־מלאכהס ווייב איז געווען אויסגעבונדן מיטן מאַנס אַלע געשעפטס־זאָרגן; זי האָט געוווסט וועגן דער גרויס פון דער אַרבעט, חובות פאַר רוישטאָף, גרויס פון ריוח אד"גל. ס'לעבן איז ביי זיי געווען אָן דיסטאַנס; ס'גוטע און שלעכטע האָט מען דורכגעמאַכט צוזאַמען. איבעריקנס איז דאָס נישט געווען קיין פאַרפאָלק פון אַ „גערעדטן" שידוך, לויט וועלכן מ'האָט זיך פריער נישט אָנגעזען פאַר

די אויגן, און זיך באקענט ערשט נאָך דער חופּה. דאָס איז געווען א פּאָרל, וואָס איז באשטאנען פון א גזלעל און א קעכין, וועלכע האָבן יאָרנלאנג „געפירט" א ליבע.

ביי איר נישט אַלעמאָל געהויבענער מערכה האָט זי אויף איר אייגן באַלעבאַטישקייט תמיד באמיט זיך איינצוהאלטן דעם טראַדיציאָנעל־יידישן נוסח, בכדי צו „באשיינען" די שטוב. פאר די פּאָר קארגע גילדן האָט זי אויף שבת איינגעהאנדלט א פונט פלייש, א שטיקל פעטס, פלאַטקע־פיש און א פּאָר חלבנע ליכטלעך אין די קופּערנע לייכטער. זי האָט אָפּגעהיטן כשרות. מיט געלייטערטקייט אַקוראַט ווי מ'פּראַוועט עבודה האָט זי „גע־מאכט שבת", געזאַלצן ס'פליש, געפילט פיש און געשטעלט טשאָלנט מיט קוגל. דער שבתדיקער טאָג דארף דאָך באַלייכטן די זעקס קומענדיקע גרוי־וואָכעדיקע טעג.

אויב זי האָט געפילט, אז ס'שלום בית הייבט זיך אָן א ביסל צו וואַק־לען, אז זי הייבט אָן ביים מאן צו פארלירן דעם חן, האָט זי אים געפּרווט איינגעמען מיט עסן, דערהויפּט אום שבת, דעם איינציקן זאַט־ליעטיקן טאָג אין דער וואָך. דער עיקרשט טעם צווישן די שבתדיקע מאכלים האָט מען געפילט אין קוגל, וועלכער „צעגייט אין מויל". האָט זי טאַקע געטאָן אַלץ אין דער וועלט, אז דער קוגל זאָל געראָטן, בכדי דער מאן זאָל זיך חו"ש נישט בייזערן און די שכנים, די נישט פארגינערס, זאָלן פון איר נישט מאכן ס'לייטיש געלעכטער. ס'זענען אין פּוילן געווען ספּעציעלע ווייבערישע „תפילות" פון דעם מין.

קיגל, קיגל יאך מאך דיך געטריי,
געטריי ווער יאך דיך מאכן,
מען זאָל אוים מיר נישט לאכן.
אין אויוון זאָלסטו שטיין,
אין מויל זאָלסטו צעגיין
גיט זאָלסטו זיין ווי יעקב
און רויט ווי עשו.

לעמבערגער יידן

(בילד פון גאטאָן פון יאָר 1795)

וואַרשעווער יידישע משפּחה

(בילד פון ב. קאַנאַלעטאָ פון יאָר 1770)

אָדער א צווייטער נוסח:

קיגל יאך באשווער דיך ביי דיין גאנץ לעבן,
דו קענסט מיר מאכן א גיטע דאליע
אין מיין מאנס גומען זאָלסטו זיך נישט צוקלעפּן,
ער מעג דיך עסן ווי פּאוואָליע.

ס׳איז אויך פאראן א דריטער נוסח:

יהי רצון מלפני,
קיגל זיין מיר געטריי;
אין לנו מזבח,
זאָלסט מיר זיין פעט און ווייעך,
מגדול ועד קטן
זאָלסט מיר טאקע געראָטן.

געזעלשאפטלעך פלעגט ער זיך צו ביסלעך אויסלעבן אין שניידערישן שולכל אָדער אויף א שלום-זכר ביי א „גוטן ברודער", ווו מ׳האָט אויסגע־פּלעט א פּעסל ביר. זי דאקעגן איז געבליבן אליין אינדערהיים. אין בעסטן פאל איז זי אריין צו פריידע דער שכנטע, ווו מ׳האָט זיך אויפסניי איבער־דערציילט ווי אויסטערליש גוט עס איז היינטיקס מאָל געראָטן ס׳טשאָלנט. די „מעו שכלדיקע" האָבן זיך געקוויקט מיט א מעשה־ביכל.

די נגידהשע טאָכטער, באלעבאטישע פרוי, בעל מלאכהס ווייב, אויס־געמאָגערטע נייטארין און פאַרהאָרעוועט דינסטמיידל האָבן אלע אין זיך פארדרענגט א שפּארן געפילן־קאפּיטאל, וועלכער איז במשך פון דורות פארמאגאניזירט געוואָרן. ס׳איז דעריבער פארשטענדלעך, וואָס אין מאָ־מענט פון געזעלשאפטלעכן אויפברויז, איז איר ענערגיע אויפגעלייזט גע־וואָרן און באקומען א תיקון אין דער נאציאָנאלער און דערהויפּט אין דער פּראָלעטארישער באוועגונג. דאָ און אין דער יידישער ליטעראטור האָט זי זיך צום ערשטן מאָל אין דער פולקייט אויסגעלעבט. אין דער פּראָלעטארי־שער באוועגונג אין פוילן האָט זי אריינגעבראכט דעם הייליקן פייער פון

מסירת-נפש. זי האָט זיך געפונען אויף אַלע געפערלעכע קאַמפּס־פּאָזיציעס, בײַזאַמען מיטן מאַן געקעמפט אויף די באַריקאַדן, געשמאַכט אין די צאַ־רישע טורמעס, אומגעקומען אין סיביר, אאַז"וו.

חוץ דעם אַלגעמיין־מאַסנהאַפטיקן אַנטייל פון דער יידישער אַרבע־טער-פרוי אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אין פּוילן, זענען אויף דער יידיש־פּראָלעטאַרישער גאַס אין פּוילן געווען טעטיק פרויען פון גרויס־רעוואָלוציאָנערן פאַרנעם, וואָס האָבן אַרויסגעוויזן העלדישקייט, זיך נישט געשראָקן פאַר קיין תּפיסה, סיבירער טייגעס און תּליה. צווישן זיי טיילן זיך אויס: פּ אַ נ י ע ג ר אַ ב ע ל ס ק י, וועלכע איז געפאַלן אין וואַרשע בעת אַ דעמאָנסטראַציע אין יאָר 1905. ע ז אַ ל י פּ ש י ץ, איז געווען טעטיק אין לאָדזש, שפּעטער זיך באַטייליקט אין מאַטראָסן־אויפשטאַנד אין אָדעס. צ ב י ה ה ו ר ו ו י ט ש אַ רעוואָלוציאָנערין פון גרויסן איינפלוס. ר אָ ז ע ל ע וו י ט (פרידע) און אֶ ס ת ר ר י ס ק י נ ד, וואָס איז אויפגעריסן געוואָרן פון אַ באָמבע אין ביאַ־ליסטאָק.

***

אויך די מאָדערנע יידישע ליטעראַטור האָט געפונען אַ וואַרעמען אָפּ־קלאַנג ביי דער יידישער פרוי אין פּוילן. לכתחילה האָט זי אין לאַנג-ווינטערדיקע פרייטיק־צו־נאַכטסן זיך געקוויקט מיט די „פאַרכאַפּנדיקע" מעשה־ביכלעך געקויפט ביי די פּאַקנטרעגער. שפּעטער האָט זי געשלונגען די „שפּאַנענדיקע" ראָמאַנען פון שמ"ר, א. מ. דיק און עוזר בלאָשטיין. אָט ווי עס זעט י. ל. פּרץ די ניי־געבאַקענע ראָמאַנען־לייענערין:

„פון די בענטש־ליכט צאַנקט נאָך איינס, און פון די שטוב־נפשות איז נאָך איינע וואַך — די עלטסטע טאָכטער. די צעפּלאָסענע האָר זענען רויט. דאָס פּנים געל: געגערט פון קאַרטאָפל נישט צו דער זאַט. אין די אויגן דאָך ברענט; די איינגעפאַלענע ברוסט הייבט זיך און פאַלט, די דאַרע הענט ציטערן. זי לייענט ביי אַ צאַנקענדיקן ליכט שמ"רס אַ ראָ־מאַן. די ליפּן ציטערן פאַר אומגעדולד. זי איז צערודערט. זי שרעקט זיך:

טאָמער גייט איר אויס דאָס ליכטל, און זי וועט נישט געוווּיר ווערן דעם סוף פון פּיפּערנאָטער".

נאָכדעם ערשט גענומען לייענען קינסטלערישע ווערק, געוואָרן באַגייסטערטע פאַרערערינס פון י. ל. פּרץ און אַפילו מאַסנהאַפטיק באַזוכט זיינע פאָרלעזונגען.

גאָר פאַמעלעך איז אָבער ביי דער יידישער פרוי אין פוילן געוועזן דער איבערגאַנג פון קאָנסומענט צו פּראָדוצענט. במותדיק איז איר שעפערישער אָנטייל אין דער יידישער ליטעראַטור לפי ערך אַ נישט־אָנזעעוודיקער אָבער קוואַליטאַטיוו — אַ גאָר באַדייטנדיקער. פרויען־דיכטערינס אין פוילן קען מען, וואָס אַן אמת, איבערציילן אויף די פינגער פון איין האַנט, אָבער דערפאַר האָבן זיי אַלע באַשטימטע פּאָזיציעס אין דער יידישער ליטעראַטור.

די צניעותדיקע יידישע טאָכטער־דיכטערין, די קדושה, מ ר י ם א ו ל י נ אָ וו ע ר איז עפּעס אַ היינטצייטיקער גלגול פון אונדזער צאַרט־פרומען אַמאָל. ס'פילט זיך ביי איר געשיכטלעכע אחריות פאַר אונדזער יידישלעכן קיום, וועלכער איז איר אַריין אין בלוט. מיט דיכטערישן שטאָלץ טראָגט זי אונדזער אַלטע ירושה און וויל זי ממשיך זיין אין אַ נייער פאָרם. ס'דאַכט זיך, אַז אָרום און אַרום בלאָזן בייזע ווינטן, אָבער זי נעמט זיך דערמיט נישט איבער נאָר לעבט בילדעריש אויף אַן אויסגעלאָשענע וועלט פון אַלטער היימישקייט געבונדן דורך דורות־לאַנגן שטייגער־סטיל. זי שעפּט אירע מאָטיוון פון ריינעם קוואַל, פון דער געטרייער באָבעשים מויל, וואָס דערציילט וועגן יאָרן אָנגעזאַפּטע מיט דערפאַרונג און חכמה. זי דיכטעט מיט פוילישער באַחנטקייט וועגן פרילינגס־שבתים, שבת־ליכטלעך, אַלטן סידור, געפלאָכטענע חלות, שטערנטיכלעך, שידוכים אאז"וו. אירע לידער אָטעמען מיט צאַרטער בענקשאַפט נאָך אַ פאַרשוווּנדענער גילדענער וועלט. ווען יידישע מיידלעך רימען זיך מיט אַנטיקן, זאָגט מרים אולינאָווער:

> אנומעלט האָבן מיידעלעך דריי, שיינינקע ווי גאָלד,
> מיט מיינע אַנטיקעלעך זיך זאַלבעדריט געפּראַלט:

„איך האָב אַ שטערן-טיכעלע — האָט איינע זיך באַרימט —
נאָך פון מיין עלטער-באָבעשי, געקעסטלט און געבלימט.”
„איך האָב אַ ציטער-נעדעלע — די צווייטע האָט שטאָל-
צירט —
נאָך פון מיין עלטער-באָבעשי, מיט דימענטלעך פארצירט”.
און נאָך דאָס דריטע מיידעלע האָט שטיל אין זיך געלאכט
און שטיל דאָס שויבן-טירעלע פון אלקער אויפגעמאכט:

„דאָס טייערסטע אנטיקעלע פארמאָג איך איינע נאָר —
די עלטער-באָבעשי אליין פון איבער הונדערט יאָר”.

מיט הארציקער ליבשאפט דיכטעט זי וועגן איינגעווארצלטן יידיש-רעליגיעזן שטייגער, וואָס איז פארבונדן מיט באַקן חלות אויף שבת און פון וועלכן זי מאכט פאָלקס-קלוגע אויספירעניישן:

„ווער עס פוילט זיך פלעכטן חלות,
פלעכטן וועט א גרויען צאָפּ” —
יאָגט די באָבע מיך צום מולטער
כאַפּ איך שטיל זיך פארן קאָפּ:

און דאָס געלע בעקער-מיידל?
חלות יעדע וואָך — א בויד —
אָנגעפלאָכטן אויסגעטאָקטע,
און געבליבן אלטע מויד.

מיט גאר א באזונדערן פאָלקסטימלעכן חן זינגט זי וועגן דער מערכה פון א יונג יידיש ווייבל, וואָס נעמט שוין אויף זיך די מצוות פון אן אשת-איש, וועגן איר ליכט-בענטשן, וועגן אירע גורלות, וואָס זענען תמיד און אומעטום פארבונדן מיט א ווארעם יידישן אויסבליק:

איצט ביסטו שוין א ווייבעלע
ביז הונדערט צוואנציק יאָר, —

איצט נאָ דיר שבת-ליכטעלעך
און לייכטערלעך צוויי פּאָר.

אין „קורצן פּרייטיק״, ווייבעלע,
געדענק אפילו דאַן
צינד-אָן באַצייטנס ס׳ליכטעלע,
נישט עובר זיין דעם זמן!

צו גאָט ביי שבת-ליכטעלעך
בעט שטיל און היים ביז גאָר;
פאַרשטעל, ווי ס׳קומט די אייגעלעך,
נאָר זענק נישט אָפּ די האָר.

און לאָזטו אפשר זיך פון הויז
א מאָל סוף-וואָך אוועק, —
געדענק די שבת-ליכטעלעך
נעם מיט, נעם — מיט אין וועג

קאָנסט בלייבן נאָך אין ריינעם פעלד,
אליין אין ברייטן רוים...
טריף-אָן די שבת-ליכטעלעך
אין דרויסן צו א בוים.

האָט זי באמת געפילט, אַז די זון פון דער אַלט-יידישער וועלט גייט אונטער און די דיכטערין איז בארופן צו פאַרפיקסירן די לעצטע גוססדיקע שטראַלן? האָט זי פאַר זיך טאַקע געזען א נייע אויפגייענדיקע וועלט, וואָס זאָל פאַרבייטן די אַלטע? איז דאָס ביי איר געוועזן בלויז א פרום-דיכטע-רישער ווונטש אויף א ווילע בילדעריש אויפצוהאַלטן דאָס, וואָס איז באַשטימט צו שטאַרבן? ניין, זי האָט זיך איינגאַנצן באַהאָפטן מיט דער

אַלטער וועלט און זי געהאַלטן אין איין באַזאָפטן מיט איר אייגן בלוט. זי, די יונגע דיכטערין, האָט אין סוחריש־צאַפּלדיקן לאָדזש זיך אָפּגעשיידט פון רווישיקן אַרום און אַפילו איר פּערזענלעך לעבן געאָרדנט לויטן אַלטן נוסח פון אונדזער פרומגלייביקע מאַמעס און באָבעס. געטונקען אין טראַ־דיציע און אמונה, געוואָרעמט זיך אין פאָלקס־טרייִשאַפט און בטחון.

**
*

ר ח ל ק אָ ר ן איז בכלל די ערשטע יידישע דיכטערין אין פּוילן, וואָס איז דערצויגן „צווישן פעלדער נאַקעטע און ברוינע". דאָס איז אין פּוילן אַ נייעס — אַ משוררין אַ „שיקסע". אירע לידער־זאַמלונגען הייסן: „דאָרף", „רויטער מאָן", איר פּראָזע־בוך — „ערד" און איר אייגענער נאָמען — קאָרן. אַליץ שמעקט מיט וואַלד און פעלד־ריחות. זי איז גיכער ענלעך אויף וויספּיאַנסקים ראַכעלאַ איידער אויף אונדזער היימיש־יידישער רחל. און פאַרן יידישן לייענער איז עס בכלל אַ נייעס. ער איז געווען צו־געוווינט צו דינאַמישע קרומקייטן פון אונדזער דומפּיק שטעטל- און געסל־לעבן און נישט צו דער פריי־לוסטיקער דאָרף־אַטמאָספער.

די באַהאַרצטע ליריקערין ווייזט אַרויס אינטימע צונויפגעבונדנקייט מיטן דאָרפישן לעבן, מיט דער נאַטור און פּויער.

ס׳פאַרטרייבט דעם טרוים פון פאַסטעכס שלאָף
דאָס שטרוי־געלעגער אין דעם שטאַל,
די שאַרפע קעלט,
דער ריח פון מיסט.

זי באַנוגנט זיך אָבער נישט בלויז מיט נישט־יידישע מאָטיוון. אין איר פּראָזע־בוך „ערד" שילדערט זי יידישע שיקזאַל־מענטשן, וואָס זענען פּסיכאָלאָגיש צונויפגעוואַקסן מיט דער ערד. זי דערוווייטערט אונדז קינסטלעריש פון די ענגע געטאָ־געסלעך און דערנענטערט אונדז — אַזוי צו זאָגן — צו דער שוים פון דער נאַטור.

כאַראַקטעריסטיש אין דעם פאַל איז די דערציילונג „אַ שד אין פעלד". דער יידישער דאָרפסמאַן פראָים האָט אָפּגעשריבן זיין דאָרפישע באַלע־באַטישקייט דעם איינציקן זון. דער זון ווידער, פאַרן אַוועקגיין אין

מלחמה, האט די זעלביקע באלעבאטישקייט אפגעשריבן זיין יונג ווייב. דער זון איז אומגעקומען אויפן מלחמה־פראנט. אין דער היים זענען איבערגעבליבן דער פאטער און די יונגע אלמנה. זי האט פארקויפט דאס פארמעגן און אמעריקאנער און זיך איבערגעקליבן אין שטאט. עס האבן נישט געהאלפן קיין שום תחנונים, אז פראים זאל מיטפארן אין שטאט. דער אלטער האט זיך נישט געוואלט שיידן מיטן דארף, וואס איז געווען זיין לעבנס־אינהאלט. ער האט געהאלטן אין איין טראכטן וועגן זיין פארשטארבענעם זון, זיך גענארט, אז ער לעבט און וועט נאך אהיימקומען. ער האט כסדר זיך געדרייט ארום זיין אמאליקער שטוב, וואס באלאנגט שוין צום אמעריקאנער, און זיך באין אופן נישט געקענט צוגעוווינען צום געדאנק, אז דאס איז שוין נישט זיין פארמעגן, אויף וועלכן ער האט דאס גאנצע לעבן שווער געהארעוועט. ביינאכט פלעגט ער זיך צושלייכן צו זיינע אמאליקע פעלדער און שייערן, ער האט מיט פאטערלעכער צערטלעכקייט געגלעט די זאנגען, פארזוכט די קערנער און גלייכגעלייגט די סנאפעס, ער פלעגט מיט די הענט גראבלען אין דער פייכטער ערד און מעסטן מיט די פינגער די טיפקייט פון פאדקלאד. פראימס יעדערמאליקער באזוך האט אנגעמאכט היזקות. די פויערים האבן געזאגט, אז דאס איז זיך עפעס א שד נוקם, ער מאנט זיין חלק. נאכט־איין און נאכט־אויס האט זיך דאס זעלביקע איבערגעחזרט, ביז דער אמעריקאנער האט אין א פינצטערער נאכט דערשאסן דעם „שעדיקער”.

„...פראים איז שוין געווען טויט. און אז מען האט אים געלייגט אויף די נאשעס, כדי אים אהיימצוטראגן, האט זיך פון זיינע פארמאכטע פויסטן אנגעהויבן שיטן ווייכע, שווארצע ערד, אין וועלכער עס האבן זיך גע־פרווט איינצוקלאמערן זיינע הענט אין די לעצטע מינוטן פון גסיסה.”

אין דער לעצטער סצענע אנטפלעקט זיך דער גורל־מענטש, וואס איז אויף לעבן און טויט צוגעבונדן צום „באדן”. די דאזיקע שטעל דערמאנט אונדז די באקאנטע סצענע אין ריימאנטס „פויערן” בעת באריאנא פאלט אין פעלד מיט א הויפן ערד אין דער פארשטייפטער פויסט.

א וואריאנט פון דער זעלביקער באדן-צוגעבונדנקייט זעען מיר אין דער דערציילונג „ערד”. מרדכי פארשטייט אויסגעצייכנט די שפראך פון

דער מאַמע ערד. לגבי מענטשן איז מרדכי אַ שטרענגער און מרה שחורה-דיקער, דערפֿאַר איז ער מילד און נאַכגיביק לגבי דער ערד. ער אַקערט און זייט אַקוראַט ווי ער וואָלט דערמיט געוואָלט צערטלען די ערד. ער האַלט, אַז ווען אַ פֿעלד פֿאַלט אַריין אין די הענט פֿון אַ גוטן באַלעבאָס, באַצאָלט די זריעה פֿילפֿאַך דעם מענטשנס האָרעוואַניע. מרדכי פֿאַרמאָגט אַן אומגעהויערן אַרבעטס-קולט. אַז ער האָט פֿאַרענדיקט די אַרבעט און איז צופֿרידן פֿון צעאַקערטן פֿעלד, כאַפּט ער אַראָפּ דאָס היטל פֿון קאָפּ און פֿאַרנייגנדיק זיך דריי מאָל פֿאַרן פֿערד, גיט ער אַ זאָג הויך אויף אַ קול: „דזשענקויען צי בולאַנקו". אַפֿילו בעת די גרעסטע מלחמה-געפֿאַרן האָט ער זיך נישט געוואָלט שיידן מיטן פֿעלד, פֿאַרבלייבנדיק אויפֿן פּאָסטן פֿון זיין באַשטימטקייט.

„מגפה אין דאָרף" ברענגט אַרויס דאָס פּריינטשאַפֿטלעכע צוזאַמענלעבן פֿון די פּויערים מיט די יידישע דאָרפֿסלייט. קעגן אַלע פֿאָראורטיילן, איז די אַרבעט מסוגל מענטשן צו פֿאַרבינדן.

אַ בולט-סאָציאַלן עלעמענט האָט די גרעסטע דערציילונג „שלמה נווזשדע". מיט גרויס אויסגעבונדנקייט און מענטשן-קענטעניש צייכנט קאָרן סילועטן פֿון אוקראַאינישע און יידישע פּויערים, זייערע זאָרגן און דאגות, גלוסטונגען און קאַפּריזן, אַרבעט און קאַמף, נויט און גערענגל, נייגונגען און ווונטשן. זי צייכנט יאָדערדיקע און פֿרישע פּויערישע נאַטורן, זייער באַציאונג צום פּריצישן הויף, אויפֿגעוועקטע בונטאַרישקייט קעגן באַליידיקונג און אויסניצעריי, די מורא פֿאַר הונגער אאַז"וו. אַלץ איז איינגערעמט אין פּלאַסטישע שילדערונגען פֿון פֿאָלקס-פּרימיטיוו געצייטיקט אויף דעם לאַנדשאַפֿט-פֿאָן.

***

נאָכן חורבן פּוילן, ווען זי איז געשטעלט געוואָרן פּנים אל פּנים מיט אונדזער שוידערלעכער פֿאַרוויסטונג, האָט זי זיך באַפֿרייט פֿון די אַלגעמיין-סאָציאַלע מאָטיוון און איז אַריינגעטרעטן אין זיך גופא ד"ה אין יידישן אינגעווייד, צוריק אויפֿגעלעבט די פֿאַרשווּנדענע וועלט און אויף אַ נאַטירלעכן שטייגער עמאָציאָנעל אָנגעקניפּט אין דעם אייביק-יידישן

מאמע-מאַטיוו. זאָגט זי טאַקע דערוועגן, אַז נאָכדעם ווי די מאַמע איז פאַרשווינדן פילט זי אויף זיך אַליין די שליחות פון יידישן המשך.

אָבער ווי אַ דיכטערין און אשת-חיל וויל זי אידייאיש אַנקניפּן צום המשך פון טאַטן, ווייל דער טאַטע ווי אַ ראש פון טראַדיציאָנעלן היים-ווינקל איז דער מיניאַטור-אויסדרוק פון יידיש-נאַציאָנאַלן גורל. אין איר ליד „מזרח” זאָגט קאַרן:

אַט אהער מיטן פּנים איז מיין פאָטער געשטאַנען געווענדט
קאָפּ און שטערן באַדעקט מיט טלית ווייס-שוואַרץ —
אויף וואלד, אויף לאָנקע, פעלד זיך אָנגעשפּאַרט מיטן בליק,
בעת ס'האָט אין אַ ווייטער נסיעה געלאָזט זיך זיין האַרץ.

— — — — — — — — — — — — — — — — — — —

עס האָט מיין פאָטערס שטילער מורמלענדיקער ניגון
ווי חשוונדיקער בלעטער-פאַל, ווי שורשנדיקער זאַמד
ארויסגעשפּאַרט דורך פענצטער און דורך אָפענע טיר
מיין ווילדן לויף פאַרשטעלט, מיין יונגע פרייד געצאַמט.

זי באַטראַכט זיך נישט ווי קיין אָפּגעזונדערטע, נאָר פילט זיך צונויפ-געבונדן מיט איר פאָלק, וואָס האָט במשך פון דרייסיק דורות געפּידרט אויף דער פּוילישער ערד אַן איינגעוואָרצלט יידיש לעבן. זי זעט זיך ווי אַן אור-אייניקל פון צאַרט-פרומע באָבעס, וואָס האָבן בלחש אויסגעזיפצט זייערע ווייטיקלעכע תפילות און פון זיידעס, וואָס האָבן מיט זייער שווערער האָ-רעוואַניע זיך פאַרקנסט מיט דער פּוילישער ערד אויף לעבן און טויט.

און איך גיי דאָ די לעצטע פון אַ דור,
וואָס אויפגעמאָנט האָט ביי דער וועלט זיין חלק
פון הימל און פון ערד — דעם הימל, וואָס צעאַקערט
די באָבעס מיט די תפילות זייערע פרום און הייליק.

פון ערד, וואָס ס'האָבן אור-זיידעס צעלייגט מיט שאַרפן פלוג
ביז צו דעם טיפסטן, שמעקעדיקסטן גרונט

און זיך פארקנסט מיט איר אויף לעבן און אויף טויט,
דורך שוויים און בלוט מיט איר באַנייט אויפסניי דעם בונד.

ס׳האָט אונטער פוילנס טאָפּאָליעס אין אָוונטן פארטראַכטע
זיך אויסגעהאָניקט זייער טרוים פון ווייטן לאַנד כּנען
און אין שבתים לויטער-מילדע זענען פון תנ״ך
ארוים גלילער בערג זיך שפּיגלען אינעם סאַן.

מאָמענטנווייז דערשפּירט זי אין זיך דעם דיכטעריש-נאַציאָנאַלן באַרוף ווייטער צו שפּינען ס׳אַלט-יידישע ירושה-וואָרט-געוועב. אָט וואָס זי זאָגט צום פּרץ-גייסט:

מיר קומען אויך צוריק פון ווייטע דערפער, שטעט,
פון וועלדער, בונקערס, לאַגערן און טיפע ערד-לעכער,
די יורשים פון די זעקס מיליאָנען פרישע קברים,
די יורשים פון דיין ליד, פון דיין „אויב נישט נאָך העכער״.

⁂

ר ײ ז ל ז ש י כ ל י נ ס ק י — שטאַמט פון די פאָלקס-טיפּעדישן פון יידישן לעבן אין מערב-פוילן, פון אַ באַחנט יידיש שטעטל גאָמבין. איר דיכטונג וואַקסט ארויס פון דער טיפּיש-יידישער שטוב, אין וועלכער „ס׳קיניגט״ די באַהאַרצטע יידישע מאַמע.

מאַמע, דו האָסט פייער געמאַכט,
האָסט פון דאַרע שטיקלעך האָלץ
צעבלאָזן אַ זון.

אירע ערשטע לידער שטעקן אָן מיט דער אַטמאָספער פון דער גרויהיימישער וואַרעמקייט. אזוי האָבן אויסגעזען אַלע אָרעמע יידישע היימען אין די פּוילישע שטעטלעך; היימען, וואָס צייטיקן זיך אין טראַגישן פאָלקס-גורל. איר אַרט דיכטן איז אַן אויסטערלישער; לויט דער טעמאַטיק

וואָרצלט זי טאַקע אין פאָלקס-שטייגער, דערפאַר לויטן מעטאַפאָר, בילד, וואָרט-שאַץ און פערזן-געפלעכט איז זי דורכאויס עקסטראַ-וואַגאַנטיש; אירע שורות אַנטפּלעקן זיך פאַרן לייענער אומדערוואַרטעט. עפּעס אַ סי-דעה-ווידער-געיעג פון פאַרשידן-פאַרביקע פלעמל-ציטערנישן, וואָס קומען צעפליען פון אינגאַנצן אומגעריכטע זייטן. זייער דיכטערישער מיטלפּונקט איז ס'טיף-פּאָעטישע און צאַרט-ווייבערהאַפטיקע.

זי איז נישט געבליבן שטעקן בלויז אין קרייז פון יידישן לעבן, נאָר אויך געזען דעם גויאישן אַרום, געזען אוממיטלבאַר צומאָל וואַנזיניק-החגלותדיק:

א צלם א נאַקעטער אין מיטן פעלד.
האָט א שיקסע דאָס פּנים
מיט די הענט פאַרשטעלט,
דעם שטערן אַראָפּגעבויגן
און אירע צעפּ צוויי
די בלאָנדע, אויפגעפלאָכטענע
שטאַרבן ווי טויבן צוויי
געשאָכטענע
דורך סטאַכס צוויי רויטע הענט.

אין איר אַלגעמיינער שאַפונגס-ליניע איז דאָס אָבער אַ דערווייליקער זיג-זאַג, באַלד ווערט די ליניע יידיש אויסגעגלייכט. זי הייבט אָן דיכטן אויף ביבלישע מאָטיוון. אוודאי נישט גלאַט ביבלישע מאָטיוון, נאָר „אויף ביבלישע" ד"ה זי אַנטפּלעקט אין זיך תנ"ך-בילדער, וועלכע הערן אונדז קיינמאָל נישט אויף צו פאַרפאָלגן, אָבער זי גיט זיי איבער אויף אַן אייגענעם ד"ה רייזל זשיכלינסקירישן שטייגער.

נאָכן חורבן ווען עס באַהעפט זיך צו איר די וויזיע פון פאַרוואָלקנסטן פוילן, דעם פוילן, וווּ פלאַמען האָבן פאַרצערט אונדזערע נאָענטסטע, דער-זעט זי קודם די מאַמע. שפּעטער ערשט: שוועסטער, ברידער און שכן:

פון א וואָלקן קוקט אויף מיר די מאַמע
מיט פאַרבלוטיקטע אויגן —

טאָכטער פארבינד מיר די ווונדן.
איר גרויער קאָפּ איז געבויגן.

מיין שוועסטער וויינט צווישן די בלעטער
פון אלע גרינע ביימער:
מיין מיידעלע, מיין טאָכטער ווו איז?
רייזל, קלויב צונויף אירע ביינער.

מיין ברודער שווימט אין די וואסערן
טעג, וואָכן, יאָרן.
א שטיין איז צוגעבונדן צו זיין האלדז.
דער הימל לויכט מיט בלויע טויערן.

מיין שכן וועקט מיך אין די נעכט.
מען האָט מיך געהאנגען מיטן קאָפּ אראָפּ.
נעם מיך אראָפּ פון דער תליה — הייב מיך אויף
אָ, ווי עס טוט וויי יעדע האָר אויף מיין קאָפּ.

איך גיי אַרום צווישן שאָטנס
מיט מיין קליינעם זון אויף די הענט.
אזויפיל לעבנס פארשניטענע קלאמערן זיך
צו מיר, צו מיינע ווינקלען, צו מיינע ווענט.

אזויפיל לעבנס פארשניטענע ציטערן
אויף די לאנגע וויעס פון מיין קינד,
אזויפיל לעבנס פארשניטענע קלאגן
אין מאַי, אין פרילינגדיקן ווינט.

אזוי דערבליקט אונדזער שטומען צער א שטאמיק-יידישע טאָכטער-

דיכטערין פון מדינת פוילן. א דיכטערין, וועלכער ס'טוט ווי יעדער האָר אויף איר קאָפּ...

***

קאַדיע מאָלאָדאָווסקי — די איידעלע פרוי־דיכטערין איז אין איר וועזן א גלגול פון גליקל פון האמעלן און שׂרה בת טובים. הגם זי איז דערשיטערט פון דער וועלט פון סאָציאַלן עלנט, איז זי אָבער אין תוך טיף־רעליגיעז. זי בונטעוועט זיך קעגן מענטש־אויסניצער, אָבער ווידערשפּעניקט קיינמאָל נישט קעגן דעם באַשעפער. אין איר „חשוונדיקע נעכט" באַנעמט זי מיט צאַרטער לירישקייט די האַרבסט־נעכט אין אָט־וואַצקער וואָקזאַל, וואָס איז באַשטימט פאַר די באַוואָלהטע דורך דער נאַטור:

נעכט אזוינע זענען אלע יאָרצייט־נעכט,
און ס'ציען די שטערן
ווי אָנגעצונדענע מיט אבלדיקע הענט.

אָבער גיך ווערט זי באַאומרואיקט פון מענטשנס נויט און פּיין, זי קאָן נישט פאַרטראָגן זיין דלות־געפאַלנקייט און דערהויפּט ווערט זי אויפגעקאָכט פון יידישער קאָלעקטיווער אביונישקייט, וואָס וואַלגערט זיך איבער די אָפּגעריסענע און פאַרשמאָדערטע יידישע הויקער־גאַסן. אין „דזשיקע גאַס" זעט זי ס'קרומע בילד פון גראָטעסק־טראַגישע געשפּענסטער, וואָס האַלטן זיך אויף א חסד־האָר פון א „גליק"־קונה, וועלכער באַווויליקט צו... קויפן א בייגל. א דלותדיקע פאַרלוירנקייט פון יידישע בייגל־הענדלער, וואָס טראָגן אין זיך דעם גורל פון א צעפלאָכטן פאָלק, וואָס האָט נישט קיין באַשייד פאַר זיין אייגענעם קיום. ס'לעבט א פאָלק צווישן שפּאַלטן פון דער וועלט, וועלכע זויגט ביי אים אויס ס'בעסטע, וואָס עס פאַרמאָגט.

א פאָלק צום אויסגיין פאַר געלעכטער,
ליפערט עס פאַר דער וועלט בראַקירטע סחורות
און בלוט פון זין און טעכטער.

אין איר דיכטערישן בארוף זעט זי גרויסע פֿאָלקס־שליחות און לאָזט זיך באַין אופן נישט אָפּנייגן אויף ריין־עסטעטישע שטעגן, וואָס זענען עלול צו פאַרשטעלן ס׳עיקרדיקע, ס׳וועזנטלעכע. פרעמד זענען איר די לבנה־דיכטער, וואָס האָבן נישט קיין אויג פאַרן מענטשנס נויט. זי בונ־טעוועט זיך קעגן די אויפגערוימטע און אויפגעפּוצטע רייד פון די לבנה־זינגער:

און טרערן זענען נישט קיין פערל, ווי עס שרייבן
עד היום פּאָעטן
ס׳זענען פליגן אויף קויטיקע בעטן.

צו גאָרער סאָציאַלער געשפּאַנטקייט דערגייט עס אין איר „פריידקע״. זי טרעט אויף ווי אַ סאָציאַלע עלעגיקערין, וואָס ווידערשפּעניקט קעגן דער יחידישקייט פון איר אייגענעם לירישן באַרוף.

אין אָנבליק אָבער פון גרויסן יידישן חורבן אין פּוילן איז ביי דער דיכטערין פאָרגעקומען אַ גרינטלעכע אינערלעכע איבערקערעניש. זי איז אויפגעטרייסלט געוואָרן. ס׳אַלטע וואָרט פון מאָנען יושר און רופן צו קאַמף איז געוואָרן אויסגעהוילט און פאַרלוירן יעדן זינען. זי האָט דערזען די עלנטקייט פון איר צעווייטיקט פאָלק און לייִדיקייט פון דער וועלט. זי האָט פאַרלוירן יעדע אמונה אין מענטש און גאָט. קיינער שטעלט זיך פאַר אונדז נישט איין, פאַרקערט הכל שוחטין...

ביז ווי לאַנג וועלן מיר זיך גרויסן מיטן „דוד מלך חי וקים״ ווען ס׳פאָלק איז פאַרשניטן און די הייזער פאַרברענט.

דאָס פאָלק איז פאַרשניטן —
וווּנד און טויט.
די וועגן פאַרשאָטן,
די הייזער פאַרברענט.
דער מלך דוד אליין איז געבליבן,
ער מיט דער קרוין אין די הענט.

דאָס פאָלק, וואָס האָט געזאָלט דערלייזן די וועלט איז אַליין פון די

וועלט-פלאַמען פאַרצערט געוואָרן. די קרוין, וואָס האָט געזאָלט זיין אַ כתר משיח ווערט איצט געטראָגן פון דעם הכל צוויי יידישע הענט... פון מלך דוד אליין...

פאַרצייטנס האָט די רביצין פון קאָזשעניץ זיך איינגעהילט אין אַ טלית און מיט טרערן אין די אויגן געבעטן דעם רבש"ע, אַז ר' זאָל אויס־לייזן זיין פאָלק, וואָס דאַרף זיין אַ לערער פאַר אַלע פעלקער אויף דער וועלט. די רביצין ברכהלע פון בענטשין האָט אַמאָל געפאַסט תעניתים און פרום געמורמלט הארציקע תפילות, אַז דער „אל רחום וחנון" זאָל זיך דער־באַרעמען איבער זיין אויסדערוויילט פאָלק, וואָס דאַרף זיין די קרוין פון אַלע פעלקער. זייער ווילקענענדיק אוראייניקל די משוררין קאַדיע פון דער דזשיקע גאַס זאַמלט איצט צונויף אין איין לאָגל אַלע טרערן פון אירע פרומגלייביקע עלטער־באָבעס און גיסט זיי אַרויס. גענוג געבעטלט, גענוג געוויינט, ס'אומגליק איז צו גרויס, אַז אַ טרער זאָל עס קענען לייכטער מאַכן:

טרערן מיינע, פאַלט נישט, פאַלט נישט, —
ווען אין האַלדז די פיין איז ביטער,
טרערן מיינע, טאָפּלט מיר די זעאונג —
איצט אין נאַכט פון דעם געוויטער.

אויב שוין יאָ בעטן דעם בורא, איז וועגן דעם, אַז ער זאָל פון אונדז אוועקנעמען די בכורה, ער זאָל אונדז באַפרייען פון אונדזער גרויסער וועלט־שליחות, ער זאָל פון אונדזער צעבלוטיקטן קאָפּ אַראָפּנעמען די דערנער־קרוין. מיר האָבן שוין נישט קיין כוח ווייטער צו זיין קיין נביאים און משי־חים און כסדר פון יעדן געשאָכטן ווערן. מיר ווילן זיין אַ פּראָסט פאָלק באַגלייך מיט אַלע דורכשניטלעכע פעלקער, וואָס לעבט שטיל און רואיק. גענוג דורות יידן האָבן געשטרעקט דעם האַלדז צום חליף.

אל חנון,
קלייב אויס אַן אַנדער פאָלק,
דערוויל.

מיר זענען מיד פון שטאַרבן און געשטאָרבן,
מיר האָבן נישט קיין תפילות מער,
קלייב אוים אן אנדער פאָלק,
דערוויל,
מיר האָבן נישט קיין בלוט מער
אויף צו זיין א קרבן,
א מדבר איז געוואָרן אונדזער שטוב.
די ערד איז קאַרג פאַר אונדז אויף קברים,
נישטאָ קיין קינות מער פאַר אונדז,
נישטאָ קיין קלאָג-ליד
אין די אלטע ספרים.

אל חנון,
הייליק אן אנדער לאַנד,
אן אנדער באַרג.
מיר האָבן אלע פעלדער שוין און יעדן שטיין
מיט אש, מיט הייליקן באַשאָטן
מיט זקנים,
און מיט יונגע
און מיט עופהלעך באַצאָלט
פאַר יעדן אות פון דיינע צען געבאָטן

אל חנון,
הייב אויף דיין פייערדיקע ברעם,
און זע די פעלקער פון דער וועלט —
גיב זיי די נביאות און די יום-נוראים.
אין יעדן לשון פּרעפּלט מען דיין וואָרט —
לערן די מעשים זיי
די וועגן פון נסיון.

אל חנון,
גיב פּראָסטע בגדים אונדז

פון פאסטעכער פאר שאָף,
פון שמידן ביי דעם האמער,
פון וועש־וואשער, פון פעל־שינדער
און נאָך מער געמיינעם,
און נאָר איין חסד טו צו אונדז:
נעם צו פון אונדז די שכינה פון גאונות.

ארום די פיר בנות־פוילן דיכטערינס־וויזיאָנערינס איז אויך פאראן איינע, וואָס באמת זיך געבן א באשייד פאר די וויזיעס, פותר־חלום זיין זייערע טרוים־בילדער. דאָס איז די פיינע עסעאיסטן ר ח ל א ו י ע ר־ב א ך. א פרוי פון הויך־אינטעלעקטועלער קולטור און טיף־יידישער עמ־פינדלעכקייט; א מאָדערנע בת־תורה.

שוין א שטיק צייט ווי זי פאָלגט נאָך דעם אנטוויקלונגס־גאנג פון דער יידישער ליטעראטור אין פוילן און באליכט אירע פראָבלעמען אין וווּנ־דערשיינע עסייען. זי האָט אין דער ליטעראטור־קריטיק אריינגעבראכט דעם צארטן ווייבלעכן טאָן אין וועלכן ס'האָט זיך ביז איצט געפילט א שטארקער דוחק זי האָט פאראייניקט איר אייראָפעאישע קולטור מיט דעם יידיש־פאָלקסטימלעכן און אזוי ארום געפונען פאר זיך דעם מאָדערן־יידישן וועג.

איז זי אָבער בעת דער גרויסער יידן־שחיטה אין פוילן פארוואָגלט גע־וואָרן צווישן די דייטשע רוצחים פון וועלכע זי האָט זיך במשך פון 6 יאָר בסדר אויסבאַהאלטן. זי איז אדורכגעגאַנגען שבעה מדורי גיהנום, געטראָגן יעדן א טרייסט־וואָרט און איז — ווי עס פאסט פאר א צניעותדיקע יידי־שע טאָכטער — ארוים א ריינע און געלייטערטע. ביי אלעמען דאָרט אי־בערגעלאָזט א געפיל פון ליבשאפט און אנערקענונג.

איר פעדער איז צו פארדאנקען א רייע עסייען, סקיצן און כראָניקעס וועגן חורבן פוילן. איר ערשט נאָך־חורבן־וואָרט איז צו אונדז דערגאַנגען דורך איר שטימונגספולן עסיי „א מאָל איז געווען א מעשה". איבער אָט־דעם וווּנדערלעכן עסיי שוועבט דער גייסט פון אונדזערע אמהות. יעדעס וואָרט איז א טרערן־געשטיק פו דער געלייטזעליקטער מאמע־רחל, וואָרום קול בפוילן נשמע — — — רחל מבכה על בניה...

— ו —

יידישע אַרענדאַרן אין פּוילן

דער אַלט־יידישער לעבנסשטייגער אין פּוילן האָט „אַרויסגעגעבן" אַ באַזונדער־מגושמדיקן טיפּ ישובניק, דאָרפסמאַן, דעם א. ג. אַ ר ע נ־ד אַ ר, וועלכער האָט אין פאָלקס־מויל באַקומען דעם נאָמען „האַרענדאַר" אָדער „ר ע נ ד אַ ר". אַרום אָט דער אייגנאַרטיקער געשטאַלט איז אויסגעוואַקסן אַ שלל לעגענדעס, מעשהלעך, שפּאַסן, הלצהלעך, שפּיצלעך, ווערטלעך און וויצן, וועלכע גיבן איבער די אַמאָליקע לעבנס־באַדינגונגען, ווירטשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן און שטייגער־קאָלאָריט. זיי פלעכטן זיך מאָדנע מיט די אויסטערלישע מעשהלעך פון שטאָטיש־סוחרישן נוסח און באַזונדערן „גאַנג" און התנהגות פון פּוילישע גוטע־יידן, וועלכע האָבן פּאַרצייטנס ממש „געשאָקלט" מיט דער וועלט. אויף אָט דעם באָדן טרעפן זיך צונויף צוויי אַקעגנליגנדיקע פּאָלוסן. פון איין זייט — דער פּלפּולים־טיש־איבערגעשפּיצטער אינטעלעקטועלער, דער אויסגעבלייכטער לומד תורה אָדער חסידישער רבי, וועלכער אין ראשו ורבו אַריינגעטאָן אין ספרים און דביקות, פאַרבלייבנדיק אָפּגעריסן פון דער נאַטור. פון דער אַנדערער זייט — אַ געפּאַקטער פּאַרשוין אַ פּראָסטאַק אָן תורה און אָן מידות, אינגאַנצן אַריינגעטאָן אין קרעטשמערישע עסקים, אָפּגעריסן פון ציבורדיקער עבודה, פאַרפרעמדט צו יידישלעכע מנהגים, דער פאַרגרעבטער פולבלוטיקער אַרענדאַר, וועלכער איז אינטים באַהאָפטן מיט דער נאַטור.

די סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע סטרוקטור פון פאַרצייטישן פּוילן איז געווען אַזעלכע, אַז יידן האָבן זיך בעיקר באַשעפטיקט מיט געלט־האַנדל, אַלגעמיינעם מסחר און מלאכה, שפּעטער — מחמת דער אַנטוויקלונג פון דער משקאות־אינדוסטריע — איז ש ע נ ק ע ר יי געוואָרן אַ כאַראַקטעריסטיש־יידישע פּרנסה, דערהויפּט פאַר אומפאַרמעגלעכע דאָרפס־יידן. דאַקעגן די רייכערע יידן האָבן איבערגענומען די פּאַכט פון ברוויערייען, גאָזשעלניעס און זאַלצגרובן. דאָס זענען געווען אַרענדאַרן אין גרויסן פאַרנעם. עס זענען אויך געווען מיטעלע אַרענדאַרן, וואָס האָבן געפּאַכט ביי די

פריצים גאַנצע גיטער און אַ רייע שענקן און זיי שפּעטער איבערגעגעבן צו אונטער־פּאַכטער. צו זיי האָבן אויך געהערט די הכנסות פון מילן, פיש־מייכן, בריק־אָפּצאָל (מאָסטאָווע), „מויט" (מיטאָ) פון שאָסייען (ראָגאַט־קאָווע) און „טשאָפּאָווע" פון אָקעוויט, מעד און ביר.

ס'איז אָנגענומען, אַז איבער אַ דריטל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָט זיך מפרנס געווען פון שענקעריי. חוץ דעם זענען שוין „צונויפ־געמישט" געוואָרן מיט די אַרענדאַרן אויך אַנדערע יידן, וואָס האָבן גע־לעבט אויפן דאָרף. דאָס זענען דאָרפישע קרעמער, מילנער, בעלי־מלאכות, דערהויפּט שניידער און היטלמאַכער, וואָס האָבן געצייט פאַר די פּויערן. אויך זיי האָבן זיך אָנגעזעטיקט מיטן דאָרפישן לעבנסשטייגער און זיך אויסגעצייכנט מיט אַן אַרענדאַריש פּרצוף־פּנים.

אין זיבעצנטן און אַכצנטן יאָרהונדערט איז שטאַרק געשטיגן די צאָל קלענערע יידישע אַרענדאַרן פון דאָרפישע קרעטשמעס, שענקן און אַכסניות ווי אויך פּאַכטערס פון מילך. ביי אַט די אַרענדאַרן ווידער האָבן פאַרנו־מען אַ נידעריקערן שטאַפּל די א. ג. „וויינערס" (וויניאַזשע), וועלכע האָבן ביי די קרעטשמער געברענט בראָנפן. אָבער על פּי רוב האָבן סיי די אַרענ־דאַרן און סיי די „וויינער" פון דעם אַלעם געצויגן חיונה בצמצום. אַ טייל אַרענדאַרן האָבן אַפילו צופּאַרדינט מיט שניידעריי.

די שווערע לאַגע פון אַרענדאַר האָט דערהויפּט געשטאַמט דערפון, וואָס דער צעהוליעטער פּריץ האָט געהאַלטן אין איין אויפשרויפן דעם אַרענדע־אָפּצאָל, וועלכער איז פאַרן אַרענדאַר געווען איבער די כוחות און ער איז דעריבער כסדר אַריינגעפאַלן אין גרויסע חובות. ער האָט מיט זיינע בני־בית געלעבט אין נויט. די פּויערישע באַפעלקערונג פלעגט נישט איינמאָל באַדויערן דעם אויסטערלישן דלות פון יידישן קרעטשמער און שטענדיק געהאַט גרייט אויף די ליפּן ס'באַקאַנטע פּוילישע ווערטל:

„Wielka mecyja karczma we wsi".

(אַ גרויסע מציאה אַ קרעטשמע אין דאָרף.)

דערביי האָט זי זיך באַצויגן מיט פריינטלעכן הומאָר צום קרעטש־

מער. ווען זיי האָבן נאָך אָנגעטראָפן אויף א שיקלדיקן ארענדאר, פלעגן זיי פון אים גוטמוטיק חוזקן:

„Kykste Kuba, zyste Wojtek''.

דער ארענדאר האָט אָפט נישט געקענט צום טערמין באַצאָלן די ארענדע און איז געלאָפן צום פריץ מיט גרויס תחנונים אָפּצולייגן דעם טערמין. ס׳רוב מאָל פלעגט אים דער פריץ פשוט ארויסטרייבן מיט הינט. ווען ער איז אָבער געווען אביסל אויפגעלייגט, איז ער אָפּגעקומען מיטן ווערטל:

„Nisztu gelt, nisztu komplement''.

ווען ס׳איז פאַר יום־טוב אין א קרעטשמע ערגעץ אין לובלינער קאַנט פאַרפאָרן א וואָגן געפּאַקט מיט חסידים, איז דער ארענדאר געווען מלא שמחה, פאַר דעם „זשאַבעכץ", וואָס שטייט אים פאַר; ער האָט פשוט געהאָפּט אזוי ארום געהאָלפן צו ווערן. די דאָרפישע שכנים האָבן אים מיט־געפילט און דערביי באַגלייט די אָפּפאָרנדיקע חסידים מיט א צעזונגען ווערטל, וואָס רעכנט אויס מיט וואָסערע מעלות יעדעס שטעטל באַזונדער צייכנט זיך אויס:

Łęczno — złotem, Szczebizeszyn — błotem,
Lublin — winem, Kock — rabinem.

(לענטשנא מיט גאָלד, שטשעבזשעשין מיט בלאָטע,
לובלין מיט וויין און קאָצק מיטן רבין.)

דער יום־טוב איז אוועק און דער קרעטשמער איז ווייטער געבליבן ביי זיין גרויער אביוניסקייט. ווינטער־צייט זענען ס׳ווייב און קינדער גע־גאַנגען אָפּגעריסן; ער אליין אין צעריסענע שטיוול. דער פויער האָט אים מיטגעפילט און געזאָגט:

„Chłopa grzeją piersi, a Żyda pięta''.

(דעם פויער וואַרעמט די ברוסט, דעם ייד — די פּיאַטעס.)

דער פויער האָט געלעבט אין אָרעמקייט און איז אָפטמאָל פון פאַר־

צווייפלונג מיטן לעצטן גראשן געגאנגען אין דער יידישער קרעטשמע, כדי זיך אביסל צו טרייסטן מיט „גאזשאלע":

„Chociaż bida zatańcz u Żyda".

(הגם א נויט, טאנץ ביים ייד.)

ווי האט אבער אויסגעזען די „מעכיע" פון „רייכן" קרעטשמער? אט ווי עס שילדערט שלמה מיימון דעם אינעווייניקסטן אויסזען פון א קרעטשמע:

„אן אנגערויכערטע שטוב, קויל־שווארץ פון אויסנווייניק און אינעווייניק אן א קוימען מיט א קליינעם לאך אין דאך ארויסצולאזן דעם רויך. ווי נאר ס'פייער גייט אויס, פארשטעקט מען באלד דאס לאך, כדי די װארעם זאל נישט אוועק.

די פענצטער זענען פארשטעלט מיט פאפיר, וואס איז צוגעקלעפט צו דינע שטיקלעך קין, וועלכע זענען צונויפגעשטעלט ווי א קרייץ. אין דער זעלביקער שטוב האט מען געוווינט, גענעסן, געשלאפן, געלערנט און געהאנדלט. זי איז געווען שטארק אנגעהייצט און דורכגעדרונגען מיט רויך, וואס איז דורכן ווינט צוריקגעטריבן געווארן אינעווייניק, ווי אויך מיט ווילגאטש, וואס איז געקומען פון צעשמאלצענעם שניי, אזוי, אז מ'האט געקענט פשוט דערשטיקט ווערן. ס'האט געהאנגען שמוציקע וועש און פארלייזיקטע מלבושים. דא זענען אויך געווען צעהאנגען ווורשטן צום טריקענען און האבן דערביי כסדר אויף מענטשנס קעפ געטריפט מיט טראפנס פעטס. ס'זענען געשטאנען דזשיזשעס מיט איינגעזויערט קרויט און רויטע ריבן. ערגעץ אין ווינקל איז געשטאנען וואסער צום טעגלעכן געברויך און דערנעבן — ס'פאמעשאף. מ'האט דא געקנעטן ברויט, געקאכט, געבאקן און געמעלקט די קו אאז"וו.

די פויערים זיצן אויף דער הוילער ערד (העכער האט מען נישט געקענט זיצן, ווייל ס'האט געשטיקט דער רויך) זויפן בראנפן און ליארעמען. אין ווינקל זיצן די בני־בית און אונטערן אויוון זיצט דער בעלפער מיט א שמוציק האלב־נאקעט יינגל און לערנט מיט אים פון א צעריסענעם חומש" („לעבנסגעשיכטע", 1טע טייל, קאפיטל אכצן).

דער דאָזיקער „גביר", מ'שטיינסגעזאָגט, איז געווען פּאַרמיטלער צווישן פּויער און פּריץ, ער האָט עס איבערגעפירט דעם לעצטן גילדן פון פּויערס קעשענע אין פּריצס פּאַרטפּעל און אַליין געהאַט דערפון ס'קרחת. אָבער אין די אויגן פון פּויער האָט דער ייד תמיד געגאָלטן ווי אַן אויסנו־צער און באַרייסער.

Gdy się chłop w karczmie podpoi,
Żyd go ze wszystkiego odoi.

(ווען דער פּויער וועט אין דער קרעטשמע א טרונק־טאָן,
וועט דער ייד אים אינגאַנצן אָפּמעלקן.)

די פּריצים זענען געווען שטאַרק צעווילדעוועט און אין זייער רשות איז געווען ס'לעבן פון אַרענדאַר און זיין משפּחה. ביי יעדער געלעגנהייט האָבן זיי לגבי דעם קרעטשמער זיך דערלויבט די סאַמע הפקרדיקסטע מעשים. טאָמער איז דעם קרעטשמערס טאָכטער געווען אַ שיינע און נישט געוואָלט טאָן דעם שררהס ווילן, איז דעם יידס לעבן נישט ווערט געווען קיין פּרוטה. נישט איינמאָל האָט מען אים אינדערמיטן נאַכט אַרויסגע־וואָרפן פון קרעטשמע און מיט הינט אַרויסגעטריבן פון דאָרף. חוץ דעם האָבן זיי גלאַט געהאַט ווילדע קאַפּריזן. ס'איז באַקאַנט די מעשה וועגן פּריץ, וואָס איז געקומען אין קרעטשמע און געפאָדערט: „מאָשקו, דערלאַנג שאַמפּאַניער!" דער אַרענדאַר האָט געענטפערט מיט הכנעה און ציטער־ניש: „ס'איז נישטאָ יאַשניע וויעלמאָזשני פּאַניע דזשעדזשיצו!" דער פּריץ האָט באַפוילן די פּאַראָבקעס, אַז זיי זאָלן דעם ייד דערפאַר שמייסן. אַן אַנדערש מאָל האָט דער פּריץ געפאָדערט „מאָשקו, דערלאַנג געבראָטענע האָזן!" — „נישטאָ, יאַשניע וויעלמאָזשני דזשעדזשיצו". מען האָט דעם ייד ווידער געשמיסן. צום דריטן מאָל, ווען דער פּריץ איז נאָר אַריינגעקומען און איידער ער האָט נאָך געעפנט דאָס מויל, האָט זיך שוין דער ייד גע־לייגט אויף דער באַנק און געזאָגט: „שמייס, יאַשניע וויעלמאָזשני דזשע־דזשיצו". די כוונה פון פּריץ איז נישט געווען צו באַקומען פונעם ייד דאָס געפאָדערטע, נאָר זיך איזדעקעווען און לוסטיק מאַכן איבער דעם באַפּאַהטן קרעטשמער.

דעם יידס גאנצע פרנסה און אפילו זיין נפש איז געווען אפהענגיק אין פריצס געמיט־צושטאנד, אין זיין גוטער אדער שלעכטער שטימונג. אין „גוטע" מינוטן האט מען ביים פריץ געקענט עפעס אויספועלן. טאמער איז דער פריץ נישט געווען אויפגעלייגט, ר'איז ארויס שלעכט פון א וועלכן ס'איז שפיל אדער נישט געהאט קיין הצלחה אויף א פארוויילונג, איז דער ארענדאר געפאלן פאר א קרבן. „אז ביי גויים איז א קערמעשל, שלאגט מען יידן".

די פריצים האבן צווישן זיך שטענדיק געלאדנט אין די „סאנדעס", תמיד געווינען אדער פארשפילט „ספראוועס". אין יעדע פאלן האט מען זיך לוסטיק געמאכט איבערן יידישן ארענדאר. „א פריץ האט פארלוירן, א גוי געפינען — און צום ייד טשעפעט מען זיך".

דער ייד האט זיך דעריבער באמיט ארפצוליייענען פון פריצס נאז זיין שטימונג, אויסגעפינען זיין מצב הנפש; גוט געקענט זיינע רגילותן, קאפריזן און זשעסטן.

אז דער פריץ קלערט,
כאפט ער זיך ביי די וואנסעס.
אז דער ייד קלערט,
האלט ער די הענט פון הינטן.

דער ארענדאר איז געווען קנעכטיש איינגעשטעלט לגבי דעם פריצס וועלונגען און פארגלוסטונגען. באמיט נישט צו טרעפן זיך מיט אים, ווען יענער איז בייז. געמוזט זיך אנשטויסן ווען ר'איז הונגעריק אדער זאט. ס'האבן זיך איינגעשטעלט אזעלכע סימנים:

אז דער ייד איז הונגעריק, זינגט ער;
אז דער פריץ איז הונגעריק, פייפט ער;
אז דער פויער איז הונגעריק, וויינט ער.

דער ארענדאר האט נישט איינמאל באוויינט זיין ביטער מזל, הלמאי אים קומט אוים צו זיין א שפילכל אין די הענט פון לייבטזיניקן פריץ,

וועלכער האָט אַ גרינג געמיט, האָט תמיד אינזינען נאַרשיקייטן און פּוסטע זאַכן.

אַ פּריץ האָט אינזינען פערד און הינט,
אַ ייד האָט אינזינען ווייב און קינד.

שלמה מיימון דערציילט זייער אַ סך וועגן הימלשרייענדיקע מעשי־תעתועים, וואָס האָבן געהאַט אָן אָרט אין דער אַרענדע פון פּירשט ראַ־דזשיוויל. צוו. אַנד. איז דאָרט אַ רייד וועגן דעם, אַז דער פּירשט ראַדזשי־וויל איז אַמאָל שיכורערהייט געקומען אין קירך „...און נישט וויסנדיק ווו ער געפינט זיך, האָט ער זיך פאַרהאַלטן ביים אַלטאַר און דאָרט משתין געווען. אַלע אַנוועזנדיקע זענען נשתומם געוואָרן. צומאָרגנס גאַנץ פרי, ווען ער איז שוין געווען גאַנץ ניכטער, האָבן די גלחים באַמיט זיך וועקן ביי אים דאָס געוויסן, אויפוואַרפנדיק אים די נעכטיקע האַנדלונג. „עי, האָט דער פירשט אויסגערופן, מיר וועלן באַלד פּרווון דאָס פאַריכטן". און ער האָט תיכף אַרויסגעגעבן אַ באַפעל צו די אָרטיקע יידן, אַז זיי זאָלן אויף זייער אייגענעם חשבון צושטעלן פּופציק שטיינער פלאַקס, וועלכע מען זאָל אויסברענען אויף דעם פּראַפאַנירטן אָרט. די אָרעמע יידן זענען געווען געצוווּנגען ברענגען אַ קרבן־תשובה פאַר מטמא זיין אַ קריסטלעכע קירך דורך אַ רעכט־גלויביקן קאַטאָליק" („לעבנס־באַשרייבונג", 1ער טייל, קאַפּיטל צוועלף).

נישט אומעטום האָבן אַלע פּריצים זיך גלייך באַצויגן צו יידן. עס זענען געווען גוטע פּריצים, אָבער דערביי געפערלעך אימפּולסיווע. אַנדערע זענען געווען לייכטזיניקע אָבער דערביי מיט אָן אכזריות־קאָמפּלעקס. ווי־דער אַנדערע קלוגע, אָבער צעלאָזענע שיכורים און הולטאַיעס. עס זענען אויך געווען אַמביציעזע בעלי־גאווה, וואָס זענען גרייט פאַרן מינדעסטן קאַפּריז צו פאַרשפּילן דעם גאַנצן מאַיאָנטעק. עס איז צווישן זיי זעלטן געווען אַ ניכטערער מענטש, וואָס זאָל זיין מסוגל זאַכלעך צו באַטראַכטן זיינע געשעפטן. דער איינציקער שטריך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר אַלע פּריצים איז דער כסדרדיקער פאַרלאַנג אַרויסצוצאַפּן פון אַרענדאַר וואָס מער הכנסה, כדי צו דעקן די גרויסע הוצאות פון זייערע פאַרשווענ־דערישע הוליאַנקעס.

יידישע גאסן־הענדלער אין ווארשע אין דער ערשטער העלפט פון 19טן יאָרהונדערט

(בילד פון א. פיוואַרסקי)

אין זעלטן־ניכטערע מאָמענטן פון אויפגעלייגטקייט פלעגט דער שררה אויספרעגן זיין יידישן אַרענדאַר וועגן די שכנותדיקע פריצים. אים האָט אינטערעסירט וואָס יידן טראַכטן וועגן אים און אַנדערע פריצים. דער ייד פלעגט פאַרזיכטיק אַרויסזאָגן זיין מיינונג אין אַ צעקאַליעטשעטן פויליש מיט אַ זינגענדיקן אַקצענט, וואָס האָט ביים פריץ אַרויסגערופן אַ שמייכל. אויף די פריצישע בעלער האָבן די שררות זיך שפּאַסהאַפטיק איבערגעגעבן די „מיינונגען”, אַרויסגעזאָגטע דורך די „זשידקעס”. צוו. אַנד. האָט זיך אין דער פּוילישער־פּריצישער וועלט איינגעבּ־רגערט אַזאַ סטראָפע:

Potockes — umnes	(קלוג)
Czartoryskes — dumnes	(שטאָלץ)
Radziwiłes — szaławiłes	(משוגע)
Małachowskes — pikes.	(נאָבל)

**
*

דער אַרענדאַר איז פון דור־דורות איינגעוואַקסן אין פּוילישן דאָרפס־לעבן, איז אויסגעבונדן מיט די פּויערישע שכנים, קען אַ „וועלט” דורכ־פאַרנדיקע פריצים, יידן און פּויערים. ער איז אָבער אָפּגעריסן פון יידישן קהל־לעבן, וואָס קאָנצענטרירט זיך אין שטאָט. און אים איז ממילא פרעמד די יידישלעכע אַטמאָספער, וואָס דרינגט אַרויס פון מאַרק, קראָם, בית המדרש, קהילה, בית־דין־שטוב, חדר, ישיבה אאז״וו. ער איז מער אויס־געקאָכט אין די קריסטלעכע חגאות און פּוילישע פאָלקס־מנהגים, איידער אין יידישקייט. ער האָט זיך אָנגעאייגנט אַן אייגנאַרטיק פּוילישן טראַכ־טונג־ און אויסדרוק־שטייגער, באַנוצנדיק זיך דערביי מיט אַ פּויערישער פראַזעאָלאָגיע, פּוילישע פאָלקס־ווערטלעך און אייגנאַרטיקע זשעסטן. פונ־דעסטוועגן איז ער תמיד פאַרבליבן שטאָק־פרום, געהאַלטן ערלעך אַלע יידישע דינים, אין שטוב געפירט אַלץ כשר און בעיקר שטרענג געהיטן דעם שבת־קודש. פרייטיק־צו־נאַכטס האָבן שוין די דערבייאיקע פּויערים געוזען דורך די שויבן, אַז ביי יונה ברענען די שבת־ליכט און אַז די קרע־טשמע איז געשלאָסן.

אין שטאָט פלעגט ער קומען זעלטן, דערהויפּט צוליב יידישקייט ד"ה אויף יאָרצייט, ברענגען אַ מוהל צו זיך אויף אַ ברית, אָבער גאָר שטאַרק פלעגט ער זיך קלייבן מיט ווייב אין שטאָט אַריין אויף „די ראָש־השנקעס" ד"ה אויף די ימים נוראים, ווען אַפילו אַ פיש אין וואַסער ציטערט. אין אָט די פורכטיקע טעג איז עפּעס אומהיימלעך צו בלייבן אין דאָרף צווישן מיט אַנטעקן און וואַלענטי.

חסידישע לצים אין שטאָט פלעגן טרייבן קאַטאָוועס פון פאַרגרעבטן אַרענדאַר, וועלכער איז אינגאַנצן „אַריינגעטאָן אין עולם הזה" און קלערט גאָרנישט וועגן הימלישן תכלית. פורים פלעגט מען אין חסידישע שטובן אָפּשפּילן אַ סצענע וועגן „אומזיניקן" לעבן פון אַרענדאַר (אין אַ טייל ערטער האָט מען אים גערופן — „באַלאַבאַן") און יידישלעכן לעבנסשטייגער פון חסיד, וועלכער איז תמיד עוסק אין עבודת הבורא. און ווי עס פּאַסט פאַר פורים ווערט די סצענע געשפּילט אין אַ גראָטעסק־חסידישן פּויליש.

Szedł bałaban z bóżnicy,
Spotkał go chusyd na ulicy,
Miał się chusyd rozśpiewać,
Bałaban głupi rozgniewać.

(א באלאבאן איז געגאנגען פון דער שול, האט אים געטראפן א חסיד. דער חסיד האט זיך געוואלט צעזונגען, דער נארישער באלאבאן צעבייזערן).

חסיד:

Hej, bałabanie! na cóż ty żyjesz?
Rano wstajesz, krowę doisz,
Kartofle skrobiesz, śniadanie gotujesz, —
A Boga wcale się nie boisz!
Ale my chusyty, inaczej żyjemy:
Boga chwalimy, całem sercem służymy.

(העי, באלאבאן, צו וואס לעבסטו? שטייסט אויף אינדערפרי, מעלקסט די קו, שיילסט קארטאפל, קאכסט אנבייסן, און דו האסט אינגאנצן נישט מורא פאר גאט. אבער מיר, חסידים, לעבן אנדערש: מיר לויבן גאט און דינען צו אים מיטן גאנצן הארצן.)

באלאבאן:

Całem sercem — nie służysz, ale żyjesz:
W karczmie wszystką wódkę wypijesz, —
A za to żona i dzieci
Wałęsają się po świecie.

(מיטן גאנצן הארצן דינסטו נישט צו גאט, אין דער קרעטשמע טרינקסטו אויס דעם גאנצן בראנפן. און דערפאר וואלגערן זיך איבער דער וועלט דיין ווייב און קינדער.)

חסיד:

Prawda, żyjemy, ale i Bogu służymy,
Cadyków szanujemy, wiary się uczymy;
A ty — pamiętaj — potym... pożałujesz! —
A jak nie wierzysz, to mię ...jesz.

(אמת, מיר לעבן, אבער מיר דינען אויך צו גאט, מיר שעצן צדיקים, לערנען תורה: אבער דו — געדענק — שפעטער... וועסטו באדויערן! און אויב דו גלייבסט נישט, טא וועסטו מיך ק...ן.)

דער זעלביקער אין דארף־שטייגער איינגעוואָרצלטער הויכוועקסיקער אוןברייטפּלייציקער אָרענדאַר באַקומט גאָר אַן אַנדער פּנים אין שטאָט; זיין טראָט ווערט וואַקלדיקער, זיין בליק שעמעוודיקער, זיין שמייכל — אומבאַהאָלפענער. ער זעט אַרום זיך קיין עין־הרע אַזויפיל יידן, סוחרים, קרעמער, בעלי־מלאכות, מעקלער, מלמדים, שוחטים, רבנים אד"גל. ס'רוב לומדי תורה, אָפּגעהיטענע יידן, וואָס זענען קלאָר אין יידישן דין. ער פילט, אַז ער איז בפירוש אַ נ ד ע ר ש פון זיי. ס'דאַכט זיך אים כסדר, אַז אַלע אין שטאָט, אַפילו ס'קלענסטע יינגל, לאַכן פון זיין באַזונדערן „האָרענדאַרישן" הילוך, דאָרפישער אומגעלומפּערטקייט און קנאַפּער קענ־טעניש אין די דראָבנע אותיותלעך.

גאָר „דאָסיק" שפּירט ער זיך אין בית המדרש בעתן דאַווענען; זיין קול איז עפּעס גרעבער פון אַנדערע, דערצו שרייט ער אַלע איבער מיט זיין קלאָציק־גרייזיקער עברי, אַרויסרופנדיק ביים עולם מתפּללים גרויס הייטערקייט. מ'דערציילט אַפילו, אַז ביים פּאַלן כורעים האָט זיך אַן אָרענ־דאַר פון גרויס צעטומלעניש געלייגט מיטן בויך אַרויף...

אמאָל האָט אין שטאָט־בית־המדרש אַן ארענדאַרס אַ זון עולה לתורה געווען. ווען מען האָט אים געהייסן מאַכן אַ ברכה, האָט ער אין גרויס גע־פּלעפּטקייט הויך געמאַכט אַ „בורא מיני מזונות". דער עולם האָט זיך צע־לאַכט. דער טאַטע, וואָס איז געשטאַנען דערביי האָט מיט פאַרלעגנהייט געפּרוווט פאַרענטפערן זיין „תכשיט" — כ'וויים, מיין בערעק איז אַלץ געוווינט כסדר צו עסן קאַרטאָפלעס, שלעפּט זיך אים שטענדיק נאָך דער „מזונות"...

דער גבירישער ארענדאַר האָט זיך שוין באַמיט אָנצוהאַלטן אַ באַלע־באַטישן נוסח, בכדי נישט פאַרשעמט צו ווערן ביי די שטאָטישע. ער האָט זיך ס'רוב מתחתן געווען מיט בעסערע בעלי בתים און גענומען פאַר איי־דעמס ווילקענעוודיקע בחורים, צו אַזאַ ארענדאַר איז אמאָל פאַרפאָרן צו גאַסט זיין שטאָטישער מחותן. ווען מ'האָט פונדערווייטנס דעם ארענדאַר אָנגעזאָגט די בשורה, אַז דער מחותן פאָרט, האָט ער בליץ־שנעל איבער־געטאָן די יום־טובדיקע בגדים און זיך געזעצט „לערנען". היות אין שטוב איז נישט געווען קיין שום ספר, האָט ער אויף דער גיך אוועקגעלייגט פאַר זיך דעם יאָר־לוח. דער גאַסט האָט מיט אַ שמייכל געזאָגט צום ארענדאַר: „אַ, מחותן, איר זענט עוסק בתורה, וואָס זשע אַ שטייגער לערנט איר איצט?" דער ארענדאַר האָט געענטפערט ערנסט: — „איך לערן אַ שטיקל לוח"...

ס'רוב אָבער זענען אָרעמע ארענדאַרן אין אַן עת־צרה געקומען אין שטאָט אָדער שטעטל צום חסידישן רבי, צום בעל מופת, אויסגיסן פאַר אים זייער ביטער האַרץ, פאַרטרויען אַלע דאגות און בעטן הילף, וואָרום דעם פּריצס חליף ליגט שוין אויפן האַלדז.

דער ארענדאַר האָט באַשיינפערלעך געפילט אויף זיך די שטאָך־בליקן פון די גאַווהדיקע שטאָטלייט, וואָס האָבן תמיד געזוכט כלערליי שפּיצלעך אים מבייש צו זיין. ביי זיך אין האַרצן האָט ער זיי אָפּגעצאָלט מיט אַ פאַרביטערט געפיל פון שנאה. דאַקעגן האָט ער געהאַט גרויס דרך־ארץ, פאַרערונג און אפילו ליבע פאַרן חסידישן רבי, דעם הייליקן צדיק, צו וועלכן ער האָט געהאַט אַ שטענדיקן אָפענעם צוטריט און ביי וועלכן ער־

האָט ס׳רוב געפונען אַ וואַרעמע פּאַטערלעכע עצה. ביי די אַרענדאַרן זענען דעריבער אויפגעוואַקסן אַ סך פּאָלקס־מעשיות, וואָס פאַרהערלעכן דעם רבין, דערציילן וועגן זיין איבערגעגעבנקייט צום אָרעמאַן, טריישאַפט און מסירת נפש ביים אַרויסשלעפּן דעם אַרענדאַר פון אַ ביטערער צרה, באַזונדערס ווערט דערציילט וועגן רבין ר׳ משה לייב סאַסאָווער, וועלכער איז געווען אַ תלמיד פון ר׳ שמעלקע ניקלסבורגער. ווען ער האָט פאַרענדיקט זיין זיבניעריקן לימוד, האָט אים ר׳ שמעלקע מיטגעגעבן אַהיים צידה לדרך: אַ ל י י ב ל ב ר ו י ט, אַ ג י ל ד ן ר ע נ ד ל א ו ן אַ ו ו י י ס ן כ אַ ל אַ ט. גייענדיק אַהיים האָט ער אויפן וועג פון אַ קעלער־אַרויס דערהערט יאָמערלעכע קולות. דאָס האָט אַן אַרענדאַר ביטער געוויינט; ער האָט נישט געקענט צו דער צייט אָפּצאָלן דעם פּריץ די ראַטע פאַר דער שענק דריי הונדערט רייניש. דער פּריץ האָט אים דערפאַר פאַרשפּאַרט אין קעלער און געלאָזט אויסגיין פון הונגער. דער אַרענדאַר האָט ביטער געוויינט און געבעטן דעם דורכגייער רחמנות האָבן אויף אים. ר׳ משה לייב סאַסאָווער האָט זיך שטאַרק איבערגענומען מיטן אַרענדאַרס מצב. ער האָט אים קודם־כל איבערגעלאָזט ס׳לייבל ברויט און איז באַלד געלאָפן צום פּריץ אָפּצאָלן דעם אַרענדאַרס חוב מיט ר׳ שמעלקעס גילדן רענדל. דער פּריץ האָט אָבער בשום אופן נישט געוואָלט בס״ה מיט איין רענדל „אַבסאָלאַטירן״ אַ חוב פון דריי הונדערט רייניש. דער סאַסאָווער איז אַוועק מיט אַ צעבראָכן האַרץ און געהאַלטן אין איין קלערן וועגן אַרענדאַרס ביטער מזל און ענדלעך באַשלאָסן ווידעראַמאָל גיין צום פּריץ און אים מיטן רענדל אין האַנט בעטן צו באַפרייען דעם אָרעמען אַרענדאַר. דער פּריץ, וואָס איז אין יענע צייטן געווען געגליכן צו אַ מלך, איז אַריינגעפאַלן אין גרויס כעס און באַטראַכט דעם סאַסאָווער ווי אַ מורד במלכות, וועלכער האָט זיך דערוועגט אָקעגנצושטעלן דעם ווילן פון דזשעדזשיץ און האָט אים דערפאַר פאַרמשפּט צום טויט. ער האָט אָנגערייצט די הינט, זיי זאָלן אים צערייסן. ס׳איז אָבער געשען אַ נס, די הינט האָבן זיך נישט צוגערירט צו אים. דער פּריץ איז אַריינגעפאַלן אין נאָך אַ גרעסערער רציחה און באַפוילן אַריינפירן דעם סאַסאָווער אין אַן אָרט אין הויף, ווו ס׳געפינען זיך כלערליי חיות רעות. ווען דער סאַסאָווער האָט דערזען ווי די

בלוטדורשטיקע חיות לויפן צו אים, האָט ער כהרף עין אָנגעטאָן דעם רבי ר׳ שמעלקעס ווייסן כאַלאַט. די חיות רעות זענען תיכף נעלם געוואָרן. דער פּריץ האָט פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז מן השמים, ר׳האָט דעריבער באַלד באַפרייט דעם סאַסאָווער און איז אַליין בכבודו ובעצמו געגאַנגען באַפרייען דעם אַרענדאַר פון קעלער־געפענגעניש.

ווען מען האָט אָט די מעשה דערציילט דעם הייליקן טשאָרטקאָווער ז״ל, האָט ער געגעבן אַ טיפן זיפץ און געזאָגט: „אוי אוי, ווו נעמט מען היינט אַזאַ כאַלאַט...״

אָבער אויך די חסידישע רביים פון זייער זייט האָבן קיינמאָל נישט געטריבן קיין חוזק פון אַרענדאַר, נישט אויסגעלאַכט זיין מגושמדיקייט, פאַרקערט, עס פלעגט ביי זיי ביז גאָר אויסנעמען די דאָרפישע תמימות, אוממיטלבאַר געפיל, שווערע פּראַצע און ערלעך גלויבן. זיי האָבן זיך צום קרעטשמערישן פּראָסטאַק נישט איינמאָל אפילו באַצויגן מיט אַ געוויסן ערנסט און טיפער איינגעטייטשט זיינע פּראָסטע רייד.

דער ראַדאָשיצער רבי האָט אַמאָל געטראָפן אַן אַלטן אָרעמען אַרענדאַר פון דאָרף אָלשינע, וועלכער האָט גוט געקענט דעם רבין נאָך פון קינד־וויי־אָן. דער אַרענדאַר האָט זיך געווענדעט צום רבין מיט דער שאלה: „בערל, וואָס הערט מען עפּעס?״ דער רבי ווידער האָט געענטפערט מיט אַ שאלה: „וואָס הערט זיך ביי דיר?״ ענטפערט דער אַרענדאַר: „אוי בערל, בערל, וואָס זאָל איך דיר זאָגן, וואָס מען אַרבעט נישט אויס, דאָס האָט מען נישט.״ די דאָזיקע רייד זענען דעם רבין טיף אַריין אין דער מחשבה. נישט איינמאָל, ווען אַ חסיד האָט זיך ביי אים מזכיר געווען וועגן דוחק אין פּרנסה, האָט אים דער רבי געענטפערט בזה הלשון: „דער אַלטער פון אָלשינע פלעגט זאָגן, אַז דאָס, וואָס מען אַרבעט נישט אויס, דאָס האָט מען נישט״...

מען דערציילט אויך, אַז אַמאָל איז אַ ייד, אַ בן־תורה, פאַרוואָגלט געוואָרן אין דאָרף ווי אַן אַרענדאַר. ער האָט דאָרט נישט געהאַט מיט וועמען צו פאַרברענגען און זיך געפילט שטאַרק פאַראייניזאַמט. ער איז אַמאָל געקומען צום ראַדאָשיצער און זיך געקלאָגט פאַר אים, אַז אין דאָרף האָט ער נישט מיט וועמען זיך צו חברן, ווייל די איינציקע יידן אין דער פאַר־

סעסיע זענען דער פאַכטער און דער בעל עגלה, וועלכע זענען שטאַרק פאַרגרעבט. דער רבי האָט געענטפערט פאַרחידושט: „היתכן, אַזאַ ערלע־כער ייִד ווי דו האָסט נישט מיט וועמען זיך צו חברן? אַבייוורבא זענען דיר נישט קיין גוטע חברים? חבר זיך מיט זיי און זיי וועלן דיך־לערנען דעם אמת-חסידישן וועג."

אויך אַן אַנדער פאַל איז כאַראַקטעריסטיש פאַר דער האַרציקער באַ־ציאונג פון פוילישן „גוטן־ייִד" צום אָרענדאַר. צום סטרעליסקער רבי ר' אורי זענען אָפט געקומען אָרענדאַרן זיך מזכיר זיין. איינמאָל האָט אַן אָרענדאַר, זיך בריימער פונאַנדערשמועסנדיק מיטן רבין, געפרעגט פראָסט־לעך: „סטרעליסקער רבי, פון וואָס לעבט איר?" דער רבי האָט תמימות־דיק געענטפערט: „איך לעב פון צוויי קי". צומאָרגנס איז דער אָרענדאַר אַריין צו דער רביצין און געבעטן אים פאַרקויפן אַ טאָפּ מילך. די רביצין איז געוואָרן אין כעס און געשריגן: „האָרענדאַר, צו וואָס מאַכט איר עפּעס חוזק אויס מיר, עס איז דאָך שוין מער ווי אַ יאָר זייט אין מיין שטוב קומט נישט אַריין קיין טראָפּן מילך." דער אָרענדאַר איז אַריבער אין בית־המדרש און זיך געווענדעט צום סטרעליסקער מיט אַ טענה: „רבי, וואָס האָט איר מיך אָפּגענאַרט, איר האָט דאָך מיר נעכטן געזאָגט, אַז איר זענט זיך מפרנס פון צוויי קי, און די רביצין זאָגט גאָר קאַפּויער". דער רבי האָט אים רויִק געענטפערט: „אַוודאי האָב איך פרנסה פון צוויי קי. איין קו איז „כי בו ישמח לבנו" און די אַנדערע קו איז „כי בשם קדשו בטחנו"...

דער צונויפטרעף פון צוויי באַזונדערע טיפּן, דער רבי און אָרענדאַר, איז געווען אַ מין קרייציקונג פון צוויי באַזונדערע שטראָמען, וואָס האָבן על פי דרך הטבע געמוזט ברענגען באַפרוכפּערנדיקע רעזולטאַטן. דער מגושמדיקער אָרענדאַר איז דורכאויס נתפעל געוואָרן פון דעם פאַראיידלטן רבין, דעם מענטש פון גייסט, וואָס איז פול מיט קדושה, דעם הייליקן צדיק, וואָס איז מיט זיין ערלעכער פרומקייט בכוח צו פאַרטרייבן אַלדאָס בייז און „אויוון" אויספועלן אַלדאָס גוטס. — „צדיק גוזר והקדוש ברוך הוא מקיים". עס האָט אים ממש פאַרכאַפּט דעם רבים באַזונדערער „גאַנג", זיין כסדר איבערגעריסענער חיתוך הדבור, געצייילטע ווערטער, זיינע פיל־

זאַנגדיקע העוויות און סודותדיקע תנועות. די הויפּט-עמאַנאַציע איז גע־גאַנגען פון רבים ווייטיקלעכן קרעכץ, וואָס האָט געשטאַמט פון די סאַמע וועלט־טיפענישן, פון יגון-עולם. בלייבנדיק אויג אויף אויג מיטן רבין, האָט דער דאָרפסמאַן בפירוש געפילט אויף זיך דעם אומאויפגעקלערטן יענער־וועלטיקן שטראָם, וואָס טראָגט אריין אין זיין פויעריש לעבן אַ גאָר אַנדערן זינען. זיין גייסטיקע עלנטקייט ווערט שוואַכער, ער הערט אויף צו זיין אַן אבר מדולדל און שפירט זיך פשוט פאַרבונדן מיט דער ברייטער וועלט.

דעם פאַרדביקהטן רבין ווידער, וועלכער טובלט שטענדיק זיינע אויגן אין דראָבנע אותיותלעך און איז רק עוסק אין „הויכע זאַכן", איז וויל־געפעלן דער פּראָסטער מענטש מיט זיינע געזונטע אינסטינקטן און ליידנ־שאַפטלעכע אימפּולסן. ער האָט אינעם אַרענדאַר תיכף דערשפּירט דעם מענטש פון פעלד און וואַלד, ער איז גיך פאַרכאַפּט געוואָרן פון די דאָרפ־ריחות, אין וועלכע ער האָט דערפילט אַ חיות, אַן אָפּפרישונג. עס איז אינ־טעלעקטועל געווען אַן ענגער צונויפקום פון צוויי ליניעס, אַ האָריזאָנטאַ־לער און ווערטיקאַלער. דער אַרענדאַר האָט דעם רבין כסדר אַראָפּגעצויגן פון די הוילע אבסטראַקציעס און אים ד ע ר נ ע נ ט ע ר ט צום ר עאַ ל ן ל ע ב ן. דער רבי דאַקעגן האָט דעם פּראָסטאַק כסדר ד ע ר־נ ע נ ט ע ר ט צום ה י מ ל. און ווי ס'איז דער שטייגער פון חסי־דישן רבין נישט צו זען אין לעבן קיין שום צופעליקייטן, נאָר אַלץ אויפ־נעמען ווי אַ קייט דערשיינונגען און געשעענישן, וואָס באַוועגן זיך לויטן „גאַנג" פון דער קאָסמישער מיסטעריע, האָט ער אויך אינעם אומוויסנ־דיקן קרעטשמערס לעבן, אין זיינע באַמיאונגען און שטרעבונגען, תמיד אויסן געווען זיך „דערשלאָגן" צום טיפן סוד, וואָס איז אין זיי פאַרהוילן. דער רבי פלעגט אין פּראָסטע דערשיינונגען תמיד אַריינטייטשן טיפע רמזים און הויכע סודות.

אין „שבחי בעש"ט" ווערט דערציילט וועגן אַ דאָרפסמאַן, וועלכער פלעגט אום ראש השנה און יום-כפור דאַווענען אין בעש"טס בית המדרש. דער דאָרפסמאַן האָט געהאַט אַ יינגל, וואָס איז געווען שטאַרק פאַרטעמפּט און באַין אופן זיך נישט געקענט אויסלערנען די צורה פון די אותיות. דער

פויליש־יידישע געשטאַלטן פון 18טן יאָרהונדערט

יידישער בעל־עגלה

א קונצמאכער

(צייכענונגען פון נאָרבלין)

פאַטער האָט זיך געשעמט אים מיטברענגען מיט זיך אין שטאָט אריין. אָבער ווען ס'ייִנגל איז אַלט געוואָרן דרייצן יאָר און אָנגעהויבן לייגן תפילין, האָט אים דער פאָטער מיטגענומען אין בית המדרש אריין נישט אַזוי ווייט צום דאַווענען ווי אים אָפּצוהיטן, אַז ער זאָל חס וחלילה נישט עסן אום יום כיפּור. דאָס ייִנגל האָט געוויינלעך געפּאַשעט אין דאָרף די שאָף און ביי זיך תמיד געטראָגן אַ פייפל. און אויך אום יום כיפּור האָט ער געהאַלטן ס'פייפל אין קעשענע. דער טאַטע האָט נישט געוווּסט דער־פון. ס'ייִנגל איז געזעסן ווי אַ שטומער סיי ביי „כל נדרי", סיי צומאָרגנס ביי שחרית. ער האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן און געפילט, אַז אַלץ ברויזט אין אים. ווען ס'איז געקומען צו מוסף זאָגט ער: „טאַטע, כ'האָב ביי זיך מיין פייפל, ס'ציט מיך שטאַרק צו געבן אַ פייף". דער פאָ־טער האָט אויף אים אַ געשריי געטאָן: „גיטע, מ'טאָר נישט". ס'ייִנגל האָט זיך כסדר איינגעהאַלטן. ביי מנחה זאָגט ער ווידער: „טאַטע, לאָז מיך געבן אַ פייף". דער דאָרפסמאַן איז אריין אין כעס און געפרעגט: „ווו האָסטו ס'פייפל?" און ווען ס'ייִנגל האָט געוויזן אויף דער קעשענע, האָט דער פאָטער אים כסדר צוגעהאַלטן די קעשענע מיטן פייפל, ווייל אום יום כיפּור טאָר מען עס נישט נעמען אין האַנט אריין. אַזוי צוהאַלטנדיק די קעשענע האָט דער דאָרפסמאַן געדאַוונט מנחה און נעילה. אינמיטן נעילה האָט אָבער ס'ייִנגל מיט גרויס כוח ארויסגעצויגן ס'פייפל פון קע־שענע און געגעבן אין בית המדרש אַ הילכיקן פייף. ס'איז אין בית המדרש געוואָרן אַ גרויסער רעש, מ'האָט אָנגעהויבן פּאַטשן אין די מחזורים און זידלען דעם אָרענדאַר, וואָס האָט מיט זיך מיטגעבראַכט אַ „כאַמוליע", וועלכער ווייסט נישט ווי זיך צו פאַרהאַלטן אין אַ מקום קדוש. בלויז דער בעש"ט האָט היינט גיכער ווי אַלעמאָל אָפּגעדאַוונט און געזאָגט בקול רם: „זייט וויסן ייִדן, אַז אָט דער פייף האָט אויפגעשלאָסן די הימלען פאַר אונזערע תפילות".

דאָ ווייזט דער חסידישער מנהג ארויס זיין גרויס פאַרערונג פאַר די שטומע פּאַטענצן פון נאַטור־מענטש, וועלכער מיידט אויס די אָנגענומענע נוסחאות פון תפילה־אויסדרוק, נאָר זוכט אַן אייגענעם וועג פאַר רעלי־גיעזן עקסטאַז. פאַרקערט, די שאַבלאָניקע תפילות, געמורמלטע מעכאַ־

ניש דורך וווילקענעװדיקע לייט, האָבן נישט קיין אינעווייניקסטן פייער; פאַר זיי זענען די הימלען געשלאָסן. גראָד דער אוממיטלבאַרער אויסדרוק פון עם־הארץ זאָגט וועגן געלייטערטע געפילן, וועלט־באַוווּנדערונג און לעבנס־באַגײַסטערונג. גראָד אָט דער „כאַמולישער" פייף וועקט אויף די וועלט פון פאַרגליווערטקייט און טרייבט זי צו גייסטיקער באַנייאונג. דאָס דאָרפישע יינגל האָט במשך פונעם יום כיפורדיקן מעת לעת שטומערהייט אײַנגעזאַפּט אין זיך אַלע תפילה־זיפצן, לעבנס־באַגערן, גליק־בענקשאַפטן און זיי געגעבן אַ תיקון דורך זײַן איינציקן אינסטרומענט — ס'פּאַסטעריש פײַפל און דערמיט אויפגעשלאָסן די הימלען.

אויף דעם איז זיך סומך שלום אַשם מאָטיוו „דער דאָרפישער צדיק".

תנא ר׳ עקיבא אין אונדזער צייט

— א —

מיט איין פוס אין אפגרונט

ווען א קולטור־פילאזאף זאל זיך פארמעסטן פסיכאלאגיש צו באצייכענען דעם כאראקטער פון אונדזער דור, וואלט ער אוודאי געווען אין גרויס פארלעגנהייט. מ׳קען נישט זאגן, אז די תקופה, אין וועלכער מיר לעבן היינט, איז פאר דער מענטשהייט די סאמע „גליקלעכע״, פונקט ווי מ׳קען נישט זאגן, אז זי איז די סאמע אומגליקלעכע, ווייל אין אלגעמיינעם גאנג פון דער וועלט־געשיכטע זענען באקאנט געגוג פינצטערע צייטאפשניטן.

איינס ווייזט אבער אויס צו זיין קלאר, אז דער סימן מובהק פון היינטיקן דור איז דער ב א וו ו ס ט ז יי ן, אז די מענטשהייט שטייט איצט פאר א טיפן תהום. צו אירע דרינגלעכע אויפגאבן געהערט דעריבער נישט די ב א ט ר א כ ט ו נ ג, נאר די ה א נ ד ל ו נ ג, נישט דער זיך גריבלענדיקער ישוב הדעת, וואס איז עלול צו פארפירן, נאר די באלדיקע א נ ט ש ל י ס ו נ ג, וואס דארף פירן צו טאט. געגוג געזוכט, געגוג געצווייפלט, געגוג זיך געוואקלט, געגוג געבלאנדזשעט. דער היינטיקער מענטש איז שוין גמור בלבו צו האנדלען, ער איז שוין רייף צו מעשים. יעדע אפשלעפעניש דערנענטערט נאר דעם תהום.

ס׳איז אפשר א סברא, אז אט די מעשים־צייטיקייט שטאמט פון אויסטערלישן ציוויליזאטארישן טעמפא, וואס האט אדורכגעדרונגען אונדזער דור. דער היינטיקער דור האט פארווארפן אלע ראמאנטישע פארחלומטקייטן און ארויסגערוקט אין פאדערגרונט דעם ב א ג ע ר צ ו ב א־

הערשן די נאטור־סודות. און אויף אט דעם געביט גרויסט זיך דער זעלביקער דור דערמיט, וואס אים איז געלונגען צו צעקלאפן אלע קנינים פון זיינע פאראויסגייער. די גרונט־דערגרייכונגען פון דער א. ג. קלאסישער פיזיק, וואס זענען געווען דער שטאלץ פון נײַנצנטן יארהונדערט, ליגן איצט אפגעלייקנטע און אויסגעלאכטע. דער באגריף „אייביקייט”, וואס האט זיך סומך געווען אויפן באגריף „צייט”, האט איצט פארלוירן זיין זעלבשטענדיקן זכות הקיום, ווייל אין ליכט פון דער מאדערנער וויסנשאפט בילדעט ער בסך־הכל א פערטע דימענזיע פון וועלט-חלל.

דאס אוועקנעמען ביי דער „אייביקייט” איר ביזאיצטיקע פעלזנפעסטע מציאות האט אויך אויסגעליידיקט דעם הײַנטצייטיקן מענטש פון זיינע „אייביקייטס”־חלומות און וועלט-פארבעסערישע אידעאלן. ער איז געשטעלט געווארן פנים אל פנים מיט נאקעטע פאקטן, וואס פאדערן באלדיקע אנטשיידונג.

די גרעסטע מאדערנע וויסנשאפטלעכע דערגרייכונג — די אטאמשפאלטונג האט געמאכט א תל צו אלע פארעלטערטע בטלנישע נשמה־שפאלטענישן, צו די כסדרדיקע וואקלענישן צווישן וואר און חלום.

נאכמער קומט די אפגרונט־סכנה צום אויסדרוק אויפן געביט פון סאציאל-עקאנאמיע. איז טאקע צו מערקן, אז פאראלעל מיט דער איבערקערעניש אין דער וועלט פון נאטור-וויסנשאפט, וואס טראגט מיט זיך בלוט־פראקטישע פאלגן, ווערט ארויסגערוקט דער ליידנשאפטלעכער באגער אדורכצופירן סאציאל־ווירטשאפטלעכע איבערקערענישן. אט דער פארלאנג קומט פון ביידע זייטן — סיי פון רעכטס, סיי פון לינקס, סיי מצד די שווארצזאגער פון „ציוויטאס דיאבאלי” און סיי מצד די פירשפרעכער פון „ציוויטאס דעי”. דערביי ווערט דער קאמף צווישן די צדדים געפירט נישט אויפן געביט פון טעאריע, נאר אויפן שלאכפעלד. יעדער פאר זיך האט שוין אן אויסגעפרוווטן אמת, וועלכן ער דינט געטריי. עס קומען דעריבער נישט אין באטראכט קיין לאגישע באווייזן, נאר דער צוזאמענשטעלט פון די פיזישע און ממילא טעכנישע כוחות-פארהעלטענישן.

קומט עס טאַקע אויס פּלאַי־פּלאַימדיק, וואָס גראָד דער היינטיקער דור, וועלכער איז בעצם באַרופן צו אַנטשלאָסענע טאַטן, קאָן עפּעס זעלבּשטענדיק נישט אַקטואַליזירן זיין מעשים־פּאַטענץ. ער מוז דורכאויס ווערן באַוויגן דורך אַן אימאַנענט אַרויסגעהויבענעם צויבער־כוח — דורך אַ גרויסן אויטאָריטעט. דאָס איז נוגע סיי דער טומאה, סיי דער טהרה. דאָ ווי דאָרטן איז פאַראַן דער קולט פאַר דער פּערזענלעכייט, וואָס איז אין זיך כולל אַלע וועלענישן פון קאָלעקטיוו און איז מהאי טעמא באַרופן אים צו פירן.

די טומאהדיקע פאַשיסטישע וועלט איז מיליטעריש צעבראָכן. זי באַוויינט איצט נישט בלויז איר מלוכה־חורבן, זי באַקלאָגט אויך נישט מינער איר פאַריתומטקייט; זי איז, נעבעך, געבליבן אָן מנהגים, אָן מוסאָליני און אָן היטלערן (ימח שמם!). אָבער אויך די באַפרייטע מערב־אייראָפּעאישע פעלקער ביטערן, אַז עס פעלט זיי אַן אויטאָריטאַטיווע פירנדיקע פערזענלעכקייט. אַפילו די פאַרייניקטע שטאַטן האָבן איצט נישט קיין גרויסע פירנדיקע אינדיווידואַליטעט. אמת, אַ שפּאָר שטיקל צייט האָט פראַנקלין דעלאַנאָ רוזוועלט אַרויסגעוויזן פּאָליטישע אַנטשלאָסנקייט און עטישע אומבויגזאַמקייט, אָבער זיין גלאַנץ איז גיך פאַרלאָשן געוואָרן. בלויז און איינציק דער ראַטנפאַרבאַנד, וואָס בויט זיין נייעם סאָציאַלן סדר אויף אַ זעקסט־חלק פון דער וועלט, האָט אַרויסגעהויבן אַן אויטאָריטאַטיוו־פירנדיקע פערזענלעכקייט, וועלכע האָט באַוויזן די „דרעמלענדיקע" רוסישע מאַטעריע צו פאַרוואַנדלען אין קאָנסטרוקטיווער ענערגיע.

וואָס איז שוין, כ'בעט אייך, צו זאָגן וועגן אונדזער אינעווייניקסט יידיש וועלטל? בלי־ספק זענען מיר אַן אָפּשפּיגלונג פון אַרומיקן היסטאָרישן געצאַפּל. דאָס ציוויליזאַטאָרישע טעמפּאָ איז פאַר אונדז מגולגל געוואָרן אין אַ מחבל. אַלע טעכנישע דערגרייכונגען, וואָס האָבן דערפירט צו פּרעציזע בלי־משחית, זענען קודם כל געווענדעט קעגן אונדזער קיום. מער ווי אַ דריטל פון אונדזער פאָלק איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַש. אַ טייל פון אונדז מיינען, אַז מיר שטעקן שוין מיט איין פוס אין אָפּגרונט, אַז אונדזער עצם־קיום ווי אַ פאָלק שטייט אין קאָן. דער הויפּט־קוואַל פון אונדזער נאַציאָנאַלער ענערגיע איז אויסגעטריקנט געוואָרן. עס ענגבערט

דעריבער כסדר די פראגע: פון וואנען וועלן מיר שעפן אונדזערע ווייטער־דיקע לעבנס-זאפטן?

צווישן אונדז, רעשטלעך פון אפגעמעקטן יידיש-פוילישן קיבוץ, זע-נען אויך פאראן אזעלכע, וואס די קאטאסטראפע האט זיי געמאכט קליינ־גלייביק און זיי האבן זיך שוין פון אלעם מיאש געווען. מ'דארף אבער ווייסן, אז דאס איז א היסטאריש-פעסטגעשטעלטער באגלייט-פענאמען פון כמעט יעדער נאציאנאלער אויפטרייסלונג.

ס'רוב פון אונדז אנטלויפט אבער פון די כלערליי אומגעזונטע גריב־לענישן און ספיקות און איז פעסט אנטשלאסן צו ה א נ ד ל ע ן ד"ה אויפצובויען דעם צעשטערטן נאציאנאלן קיום, ווען עס זאל אפילו אויס-קומען אריבערצושפרייזן אלע פינצטערע געפארן, וואס לויערן אויף אונדז. אבער אויך אונדז פעלט לעת-עתה דער ארויסגעהויבענער אימאנענטער כוח, וואס זאל אקטואליזירן אונדזער „דרעמלענדיקע" פאטענץ. אויך מיר בענקען נאך א שטארקער פערזענלעכקייט, וואס זאל אפשפיגלען די אינע־ווייניקסטע יידישע פאלקישע וועלענישן און זיי פירן צו טאט. דארף מען זיך דעריבער נישט חידושן, וואס געציילטע יידישע שרייבער זענען איצט פארקוקט אין דער וויט-יידישער פארגאנגענהייט, בכדי פון דארט ארויס־צונעמען א מוסטער-געשטאלט פאר א שטארקער פערזענלעכקייט, וועלכע זאל — נאכן אראפנעמען די צייט-אקסעסוארן — קענען דינען ווי א לייכט-טורעם פאר אונדזערע קערוועגן און ווענדונגען.

און געוועגדט איז דער בליק צו יענער קאטאסטראפאלער עפאכע, ווען די זיילן פון דער יידישער זעלבסטשטענדיקייט האבן זיך אנגעהויבן טרייסלען און צוזאמען מיטן דורכפאל פון בר-כוכבאס אויפשטאנד זיך איינגאנצן איינגעבראכן. היינט, בעתן דריטן חורבן, פילן מיר זיך גייסטיק נאענט מיט דער דאזיקער תקופה. דער עד ראיה פון יענע טעג, יוסף פלא־וויוס, זאגט וועגן דער דעמאלטיקער פארוויסטער ירושלים: „שווער געווען צו גלויבן, אז אויף דעם ארט זאל זיך אמאל האבן געפונען א מענטשלע־כער ישוב". מיר, די לעבנגעבליבענע עדות פון חורבן-ווארשע, דער עיר ואם בישראל, צוקוקנדיק זיך צו דער קופע שטיינער פון געטא, זאגן: „שווער צו גלויבן, אז דא האט אמאל געפיבערט א פולבלוטיק יידיש לעבן".

יענע צייט, אַנהויבנדיק פון שטרענגן הורדוס־רעזשים, ווען ס׳היידני־שע רוים האָט זיך גענומען ביסלעכווייז אַריינשניידן אין דער אָפּגעשוואַכ־טער יהודה, און ענדיקנדיק מיט אַדריאַנוסעס רציחות, וואָס האָבן ענד־גילטיק ליקווידירט אַלע יידישע האָפענונגען, קען זיך באַזונדער לעגיטי־מירן מיט אַ גאַלעריע שעפערישע און פירערישע פיגורן.

צי קען מען אין דעם פּרט גלייכגילטיק פאַרבייגיין, לאָמיר זאָגן, נעבן הלל הזקן? צי האָט אונדזער צעשויבערטע צייט פון אים טאָקע גאָרנישט וואָס צו לערנען? צי בעט זיך נישט אָט די פיגור אויף דער פּען? צי לאָקט ער באמת נישט דעם שרייבער און דיכטער ווי אַ „העלד" פאַר אַ קונסט־ווערק? מיט וואָס דערקלערט זיך דער פאַקט, וואָס קיינער פון אונדזערע שרייבער האָט זיך צו אים נישט צוגערירט?

דער געוויינלעכער ענטפער וועט זיין, אַז הלל איז היפּער־ליבעראַל, צו־מילד, נאָכגיביק, אולטראַ־הומאַניסט און ממילא ל ע ב נ ס פ ר ע מ ד.

אוודאי איז הלל הבבלי אַ ליכטיק געשטאַלט, וואָס איז אַדורכגעזאַפּט מיטן גרויסן אידעאַל פון אומפּשרהדיקער מענטשנליבע. אָבער זיין איבער־מענטשלעכע סבלנות און טיפער גלויבן האָט אים נישט געמאַכט בלינד פאַר די ממשותדיקע נויטן פון טאָג־טעגלעכן לעבן. פּונקט ווי זיין גרויס פאַרע־רונג פאַר די תורה־געזעצן, האָט אים פונדעסטוועגן נישט אָפּגעהאַלטן פון איבערגעשטאַלטיקן, בכדי זיי צופּאַסן צום לעבן. וויפל לעבנס־חכמה ליגט אין דעם, וואָס ער האָט באַוויזן דעם פּאָזיטיוון אָבער אוטאָפּיסטישן גע־באָט „האָב ליב דעם צווייטן, ווי זיך אַליין" פאַרוואַנדלען אין אַ נעגאַטיוו־אויסגעדריקטן אימפּעראַטיוו: „וואָס עס איז דיר נישט ליב, זאָלסטו דעם צווייטן נישט טאָן". אַפילו אין פינאַנסיעל־ווירטשאַפטלעכע ענינים האָט ער געהאַט אַ ניכטערן אַריינבליק. וויפל קאָמערציעלער אויפטו שטעקט אין זיין פיקטיווער אָנווענדונג פון „פּרוסבול", וואָס שאַפט נאָמינעל נישט אָפּ דעם אומפּראַקטישן געזעץ פון „שמיטה", אָבער ער מיידט אים פּאַק־טיש אויס.

אין ברייטערן פאַרנעם איז הלל דער קרישטאָלענער הומאַניסט, וואָס גלויבט באמונה שלימה אין מענטש, וועלכער איז באַרופן אָנצופירן מיטן אייגענעם גורל („אם אין אני לי, מי לי?"), אָבער דער יחיד ווערט דעמאָלט

פולוועריק, ווען ער בלייבט נישט איינזאם, נאר פארבינדט זיך מיטן כלל („אם אני לעצמי, מה אני?"). און ווייטער פאדערט ער שוין בפירוש פון יחיד, אז ער זאל זיך נישט אפשיידן פון קאלעקטיוו („אל תפרוש מן הציבור").

ביי דעם אלעם פעלט אבער הלל דאס, וואס זאל אים דערנענטערן צו אונדזער צייט. מ'דארף נישט פארגעסן, אז ער האט געלעבט אין דער הורדוס-צייט. דאס זענען געווען הייסע טעג פון פאליטיש-רעליגיעזן טעראר. ס'גאנצע לאנד איז געווען ארומגעכאפט מיט קאמף קעגן רוימיש-היידנישן יאך. אפילו הללס לערער שמעיה ואבטליון זענען געווען קרבנות פון דאזיקן קאמף. פונדעסטוועגן האט הלל נישט געפיבערט מיטן ריטם פון זיין צייט, נישט פארבונדן זיך מיטן קאנקרעטן ציבור. ווי א פאסיווע נאטור, איז ער געשטאנען אויסער דעם אלעם, וואס איז פארגעקומען אויף דער „גאס".

אבער אויך דאס געשטאלט פון הללס בן גיל, זיין שטענדיקער אפאנענט — ש מ א י, הערט אונדז נישט אויף צו „אינטריגירן". געוויינלעך שטעלן מיר זיך אים פאר ווי א שטרענגן „פאנאטיקער", וואס היט ריגאריסטיש אפ יעדן אות פון דער תורה און טייטשט אלץ לחומרא. ער צוימט זיך ארום מיט אומצאליקע באווארענישן.

אין דער אמתן האט די איבערגעטריבענע רעליגיעזע אפגעהיטנקייט דעמאלט באשטרעבט איינצוהיטן דעם יידיש-נאציאנאלן קיום. און ס'איז אוודאי נישט קיין צופאל, וואס די מערהייט תלמידי בית שמאי זענען אומגעקומען אין אקטיוון קאמף קעגן די רוימישע באצווינגער.

איז אבער ממש צו שטוינען, וואס ביי דער גאנצער אמונה־ארומגעפאנצערטקייט לאזט זיך ביי די שמאיטן ארויסשפירן א אינעווייניקסטע צעריסנקייט, א פסיכאלאגישער ווידערשפרוך. מ'קען אפילו ריזיקירן מיט דער הנחה וועגן בית שמאים פ ע ס י מ י ז ם. יא, די שטרענגע היטער פון דער תורת חיים זענען אליין פילאזאפיש געווען צעקריגט מיטן לעבן. דאס ארומשפינען זיך מיט א געוועב פון דינים איז געווען א „קלענערע בייז", אן וועלכן ס'איז נישטא קיין אויסוועג.

דערציילט זיך דאך אין „עירובין", אז במשך פון צוויי און א האלב

יאָר האָט זיך געפירט אַ וויכוח צווישן בית שמאי און בית הלל וועגן ווערט פון מענטשנס לעבן. די זקני בית שמאי האָבן געזאָגט, אַז ס'וואָלט פאַרן מענטשן געווען אַ סך בעסער, ווען ער זאָל אינגאַנצן נישט באַשאַפן ווערן. די זקני בית הלל ווידער האָבן געטענהט קאַפּויער, אַז דאָס באַשאַפן ווערן דאַרף מען באַנעמען ווי אַ גרויס חסד. נמנו וגמרו, אַז „נוח לו לאדם שלא נברא משנברא". ס'האָט געזיגט די פּעסימיסטישע טעזע פון בית שמאי. דערביי האָט מען זיך באַוואָרנט מיט אַן אין־ברירה־קלויזול: „איצט, אַז ער איז שוין יאָ באַשאַפן געוואָרן, זאָל ער זיין איבערגעזעען אין זיינע מעשים", דער גאַנצער סיג לתורה איז נישט מער ווי אַן אומפאַרמיידלע־כער אַנלען, אַן וועלכן דעם נעבעך־באַשאַפענעם מענטש איז שווער צו שטעלן אַ טריט.

דעם היינטצייטיקן שרייבער לאָקט באַין אופן נישט אַ פיגור, וואָס איז פאַרגליווערט אין דאָגמען, איז אין תוך פּעסימיסטיש און האַלט זיך אין איין וואַקלען אין זיינע מעשים.

לאָמיר גיין אַ דור וויטער, צו ר' הללס יינגסטן תלמיד, דעם גרויסן י ו ח נ ן ב ן ז כ א י. וועגן אים איז נישט שייך צו זאָגן, אַז ער האָט נישט געפילט דעם אָטעם פון דער צייט, אַז ער האָט אויסגעמיטן די „גאַס" און זיך רק אָפּגעשלאָסן אין די ד' אמות של הלכה. ער האָט שוין דווקא יאָ געהאַט אַ חוש פאַר אַקטועלע פּראָבלעמען. נישט מער — ער איז גע־ווען איבערגעזען, אַז דער קיום פון פאָלק קען נישט זיין אָנגעוויזן אויס־שליסלעך אויף דעם זכות פון דער מלוכה, וועלכע האָט סיי ווי סיי נישט קיין אויסזיכטן אויף ווייטערדיקער עקזיסטענץ.

ער האָט קענען דעב ווילן פון די ענטוזיאַסטישע קעמפער זיך אַרויס־באַקומען פון דער באַלאַגערטער שטאָט און דאָרט דעם רוימישן קריגס־פירער אַספּסינוסן „אָפּגעגעבן" ס'גאַנצע לאַנד פאַרן פרייז פון „תן לי יבנה וחכמיה". די מלוכה גוססט, אָבער דאָס פאָלק קען אָפּגעראַטעוועט ווערן דורך אויפריכטן דעם סנהדרין אין יבנה, אַ שטעטל נעבן יפו. דער סנהדרין האָט געדאַרפט זיין (און איז טאַקע געוואָרן) דער צענטראַל־אָר־גאַן פון דער יידישער זעלבסטפאַרוואַלטונג. יבנה, דער אַקאַדעמישער צענ־טער, האָט רעגולירט ס'יידישע רעליגיעז־געזעלשאַפטלעך לעבן.

דאָ קומט צום אויסדרוק דער געראנגל צווישן צוויי פּרינציפּיעלע אויס־בליקן: 1) איינהאַלטן די פּאָליטישע זעלבשטענדיקייט, ווייל אָן איר איז נישט מעגלעך צו פלעגן קיין שום גייסטיקע אייגנאַרטיקייט און 2) ביים אומפאַרמיידלעכן חורבן פון דער מלוכה מוז מען איינהיטן די טראַדיציעס און נאַציאָנאַלע קולטור־ווערטן, בכדי דערמיט צו ראַטעווען די עקזיסטענץ פון פאָלק. דאָס לעצטע איז אפשר נישט קיין פולשטענדיקע לייזונג, אָבער אַ „הצלה פורתא" איז עס יאָ.

דער דאָזיקער געראַנגל איז נאָך עד היום אַקטועל. דאָס איז אויך די באַקאַנטע פּלוגתא צווישן אחד העם און שמעון דובנאָוו. יוחנן בן זכאי איז געווען אַ הייסער אָנהענגער פון צווייטן אויסבליק.

האָט אָבער די דאָזיקע בכל אופן אָריגינעלע און כאַראַקטערפולע פּער־זענלעכקייט נישט געפונען קיין לייטזעליקייט אין די אויגן פון אונדזערע שרייבער (נישט רעכענענדיק די פּראָפיל־צייכענונג אין פויכטוואַנגערס „יידישן קריג"). צו אָט דער גלייכגילטיקייט האָט מסתמא גורם געווען דער אומשטאַנד, וואָס אונדזער דור שפּירט עפּעס אַ ווידערווילן צו די כלערליי רודף־שלומ'ניקעס. און דערעיקרשט האָט יוחנן בן זכאי אָפּגע־שטויסן פון זיך צוליב זיין אָפּגעפרעמדקייט פון יידישן פאָלקס־לעבן. ער האָט נישט געהאַט דעם מינדעסטן מיטגעפיל פאַר דעם העראָאיזם פון די יידישע פּאַטריאָטן. ער האָט נישט געהאַט קיין פאַרשטענדעניש פאַר די „פּוסטע" אַמביציעס און „היציקע"ליידנשאַפטן פון „פּראָסטן" המון, וועלכער האָט געפירט אַ האָפענונגסלאָזן קאַמף מיטן פיל שטאַרקערן שונא, אַבי ווירדיק צו שטאַרבן פאַרן פאָטערלאַנד. ער האָט דאָס געהאַלטן פאַר נאַריש און הפקר. די העלדן יוחנן בגוש חלב און שמעון בר גיורא האָט ער באַצייכנט ווי „בריונים", לאָבוזעס...

אַ באַזונדערן, אויב נישט אויסטערלישן אויפמערק, ווייזט דער היינט־צייטיקער יידישער שרייבער ארויס צו יוחנן בן זכאים גרויסן תלמיד — ר' ע ק י ב א. מ'קען זאָגן, אַז עס איז איצט מצד אַ רייע יידישע קינסטלער ממש אַ געיעג נאָך דער עקיבא־קרעאַציע. מען שפּירט אין אים בולט ארויס די מוסטער־פיגור פאַר אַ מאַן פון אונדזערע היינטיקע קאַמף־טעג, אַ מאַן, וועלכער איז בכוח צו נעמען די צעשטורעמטע צייט „פאַר די הערנער".

אין יעדן קרייזל-שמועס ווענן יידישער געשיכטע איז ר׳ עקיבאן היינט נישט אויסצומיידן. אויף עפנטלעכע פּאָליטישע פאַרזאַמלונגען אין פּוילן ווערט איצט ר׳ עקיבא אָפט ציטירט. דער יידיש-סאָוועטישער שרייבער שמואל האַלקין פירט אונדז אין זיין דראַמע „בר כוכבא״ אַרויס די עקיבא-פיגור אין בלענדענדיקן ליכט פון געלייטערטער פאָלקס-העלדישקייט. יוסף אָפּאַטאָשו האָט נאָך פאַר דער מלחמה אָנגעהויבן שרייבן אַ ראָמאַן א. נ. „ר׳ עקיבא״ און, ווי עס לאָזט זיך הערן, איז דער ראָמאַן שוין פאַרטיק. דוד בערגעלסאָן אַרבעט איצט איבער אַ גרויסן היסטאָרישן ראָמאַן מיט ר׳ עקיבאן ווי אַ צענט-ראַל-פיגור. ביי אַ רייע אַנדערע יידישער שרייבער געפינט זיך איצט ר׳ עקיבא אויפן אַרבעטס-וואַרשטאַט.*)

עס איז שוין אַפילו דערגאַנגען דערצו, אַז אַ ניו-יאָרקער יידישע צייטונג האָט אויף אַ ראָמאַנען-זייט כסדר געדרוקט אַ „שפּאַנענדיקן״ ראָמאַן „ר׳ עקיבא״. ס׳קומט דעריבער אויס, אַז אַן אַמעריקאַנער ביזנעסמאַן איז, נאָך אַ גאַנצן טאָג זיין פאַרטראָגן אין געשעפטן, מסוגל זיך צו קוויקן מיט „סענסאַציעס״ פון פאַר אַכצן הונדערט יאָר, ווו דער „הויפּט-העלד״ איז דער גולה למקום תורה... נישטקשה, ס׳איז זיך צו פאַרלאָזן אויף די אַמעריקאַנער פרעסע-לייט, זיי פילן שוין איינמאָל אַרויס דעם דופק פון דער צייט.

נישט יעדן אָבער איז אין אַ גלייכער מאָס ניחא אָט דער עקיבא-סעזאָן אין אונדזער ליטעראַטור. עס זענען פאַראַן אַזעלכע — דערהויפּט אין די אָרטאָדאָקסישע קרייזן — וואָס האַלטן פאַר אַ חילול השם דאָס אַריינציען דעם פאַרהייליקטן ר׳ עקיבא אין נעץ פון וועלטלעכע ליטעראַטור-טעמעס. עס פעלן אויך נישט אַנדערע, וועלכע האָבן זיך במשך פון לאַנגע יאָרן אין בית המדרש אויף דער האַרטער באַנק צוגעפּגעלעבט מיט יענעם עקיבא-בילד, וואָס אַנטשפּרעכט ווייט נישט די כאַראַקטער-שטריכן, וועלכע פאָדערן זיך פאַר אַ מאַן פון אונדזער צייט. זיי מיינען דעריבער, אַז נישט

*) ערשט אין אַמעריקע איז מיר אויסגעקומען זיך באַקענען מיט דוד פּינסקים דראַמע „ר׳ עקיבא און בר-כוכבא״.

ר׳ עקיבא איז בארופן אויסצודריקן דאס וועלט-געפיל פון היינטיקן פאר־פייניקטן דור, וועלכער ראנגלט זיך פאר זיין פיזישן און גייסטיקן קיום.
ווי זעט דעריבער אוים דער חלום וועגן ר׳ עקיבאס גייסטיקן ווידער־געבורט אין אונדזער איצטיקער צייט?

— ב —

ר׳ עקיבא אין קאזשעניצער בית המדרש

אין דער מחשבה פון אמאליקן קאזשעניצער אדער אסטראווצער לערן־בחור האט ר׳ עקיבאס געשטאלט נישט געפלעמלט מיט קיין באזונדער צו־ציאונגס-ליכט. אמת, מ׳האט געהאט גרוים דרך-ארץ פארן דאזיקן גולה למקום תורה. מ׳האט אפילו געוווסט, אז ווען זיין תלמיד שמעון האט, נאך ר׳ עקיבאס פטירה זיך דערלויבט אויפן אדרעס פון תנא א פאר פרייע ווערטער, האט ער נאכדעם ווי א צייכן פון חרטה געפאסט לאנגע תעניתים. פונדעסטוועגן האט ר׳ עקיבא מיט זיין אויסטערלישן לעבנסוועג באין אופן נישט געהארצט, נישט געהאט קיין רייץ.
קודם-כל איז דעם פארחלומטן בחור געווען דערווידער ר׳ עקיבאס אפשטאם. ס׳טייטש, ער איז דאך צומאל נישט געווען קיין בן־טובים, נישט געהאט קיין זכות-אבות. היינט זיין פרנסה, מ׳שטיינס געזאגט, איז לגמרי נישט קיין יידישלעכע — א פראסטער פאסטוך, וואס האט באר־וועסערהייט געטריבן בהמות איבערן פעלד, ד״ה אין הייסע זומער־טעג, ווען יידישע בחורים האבן אין דער פארדעמפטער בית-המדרש-לופט זיך געשטיקט ביים „תנו־רבנן", האט דער יונגער עקיבא — פטור פון עול־תורה — זיך געפונען אונטערן פרייען הימל און צעלאזן געהאצקעט איבער גרינע לאנקעס.
אפשר קען עמעץ מיינען, אז עקיבא האט דעמאלט ארויסגעוויזן א וועלכן עס איז באגער צו לערנען תורה, אדער געהאט א פארערונגס-געפיל פאר א למדן. חס וחלילה! ער בארימט זיך גאר, אז „כשהייתי עם-הארץ" — בעת ער איז נאך געווען אומוויסנד, האט ער נישט איינמאל געטראכט,

אַז ווען עס געלינגט אים אַ שטייגער ערגעץ אין אַ ווינקל צו פּאַקן אַ תּלמיד־חכם, וואָלט ער זיך מיט אים אָפּגערעכנט אויף אַ גאָר באַזונדערן אופן. ער וואָלט אים ממש צעביסן ווי אַן אייזל (אנשכנו כחמור). ווען די תּלמידים האָבן אים געפרעגט: היתכן, רבי, וואָס עפּעס ווי אַן אייזל און נישט ווי אַ הונט? האָט ר' עקיבא זיי געענטפערט: ווען אַן אייזל בייסט, ברעכט ער דערביי איבער די ביינער (זה נושך ושובר עצם), ווען אַ הונט אָבער בייסט, ברעכט ער נישט איבער די ביינער (ואינו שובר עצם). אַזוי ווייט איז געווען זיין שנאה צום תּלמיד־חכם (פּסחים מ"ט).

אויפן זכרון קומען די זומערדיקע שבת־נאָכמיטאָגס, ווען דער טאַטע האָט, נאָכן פאַרהערן זיין ייִנגל, אַ צעשמייכלטער אים געגעבן אַ קניפּ אין בעקל, און די צעשטראַלטע מאַמע האָט דעם בחורל אונטערגעטראָגן גע־רויטלטע עפּעלעך שבת־אויבסט. טאַטע־מאַמע זענען פאַרשיכורט פון נחת, וואָס וואַרט אויף זיי. זייער זונדל וועט מיט גאָטס הילף אויסוואַקסן אַ תּלמיד־חכם. דאָס איז אויך געווען דער שיינער חלום פון יעדן לערן־בחור, און דאָ קומט גאָר צו גיין דער יונגער עקיבא און מאַכט אַ תּל פון די דאָ־זיקע חלומות.

ס'איז פּשוט נישט צו פאַרשטיין, וואָס האָט אין אים אַזוינס דער־זען רחל, די איידעלע טאָכטער פון ירושלימער גביר כלבא שבוע. הלמאי האָט זי גראָד דעם גאַרגרעבטן פּאַסטוך אויסגעקליבן פאַר איר באַשערטן.

גענומען לערנען האָט ער ערשט אין די שפּעטערדיקע גאָר־רייפע יאָרן אונטערן בפירושן איינפלוס פון זיין ווייב, וועלכע האָט דורכאויס גע־וואָלט, אַז איר מאַן זאָל זיין אַ בן־תּורה. דער ארומיקער עולם האָט אפילו געצווייפלט, צי דער אָרעמער פּאַסטוך וועט זיין מסוגל צו באַנעמען די טיפקייטן פון דער תּורה. אויף עקיבאס אַדרעס האָט דאָך דער אויפגעּ־קלערטער אלישע בן אבויה אַרויסגעזאָגט זיין שטאָך־אַפאָריזם: „ווער ס'לערנט אין די קינדער־יאָרן איז פּונקט ווי מען וואָלט געשריבן אויף ניי, גלאַטיק פּאַפּיר (ניר חדש) און ווער ס'לערנט אין די עלטערע יאָרן — ווי ער וואָלט געשריבן אויף פלעק־פּאַפּיר (ניר מחוק)".

היינט, אַז ער איז שוין ענדלעך געוואָרן דער גרויסער למדן, האָט ער זיין פריערדיקע ליידנשאַפטלעכע שנאה צום תּלמיד־חכם געווענדעט אין

דער ריכטונג פון עם-הארץ. עס זעט עפעס אויס, ווי ער וואלט זיך וועלן פשוט נוקם-זיין אין זיינע געוועזענע אומוויסנדיקע חברים און פארצוימען זיי דעם וועג צו דער תורה דורך „אנהענגען אויף יעדן שטריכעלע פון דער תורה גאנצע בערגער הלכה".

מ'דארף זיך דעריבער נישט חידושן, וואס ביים סיסטעמאטיזירן די גאנצע מאסע דינים און הלכות, האט ער אנגעטראפן אויף באדייטנדיקע קעגנער, וועלכע האבן אים פארגעווארפן געקינצלטע סאפיסטישע אויס-טייטשונגען, וואס האבן געמערט דעם פרוכטלאזן פלפול.

ר ב י י ש מ ע א ל ב ן א ל י ש ע האט בפירוש באקעמפט ר' עקיבאס אנגעצויגענעם מעטאד פון אריינפשטעלן אין יעדן ווארט און אפילו אות אין דער תורה. דער „תנא דבי רבי ישמעאל" האט נישט געקענט הויזן צוזאמען מיט דער „משנה דרבי עקיבא". ער האט אים אקעגנגע-שטעלט דרייצן ל א ג י ש ע מידות.

אויך ר' ט ר פ ו ן האט אין באהאנדלען א ריי געזעצגעבערישע ענינים זיך ארויסגעוויזן ווי ר' עקיבאס א קעגנער. ער האט געהאלטן, אז ר' עקיבאס הנחות האבן נישט קיין שכלדיקן פונדאמענט, נאר זיי זענען זיך סומך אויף א „הויפן ווערטער"...

און שפעטער, ווען ער איז געווארן דער אנערקענטער גרויסער תלמו-דישער אויטאריטעט, דער באגרינדער פון דער שול אין שטעטל בני-ברק נעבן יבנה, האט ער זיך ארויסגעוויזן הארט און קאנטיק אין זיינע דינים-באשיידונגען. נישט געלאזט זיך בייגן פון קיין שום מענטשלעכע אפעקטן אדער ראמאנטישע שוואכקייטן, נאר תמיד עקשנותדיק געשניטן דעם וועג פאראויס לויט דער קאלטער מ י ד ת ה ד י ן.

אט באהאנדלט בבא מציעא דעם פאל פון „שנים שהיו מהלכין בדרך" — צווי שפאנען אין א הייסן טאג איבער א פוסטן וועג און ווערן גע-פייניקט פון דורשט. זיי האבן אבער מיט זיך בסך-הכל א קליין לאגל וואסער, וואס קען קלעקן קוים פאר איין מענטש. ווען זיי זאלן זיך טיילן און צוזאמען אויסטרינקען ס'ביסל וואסער, וועלן זיי ביידע אומקומען פון נישט געשטילטן דורשט, זאל אבער איינער אויסטרינקען דעם גאנצן סכום וואסער, וועט ע ר בלייבן לעבן און ווי עס איז זיך דערשלאגן צו א ישוב,

דאַקעגן דער צווייטער וועט מוזן שטאַרבן. וואָס טוט מען? — בן פּטורא פּסקנט הויכמוטיק: זאָלן ביידע טרינקען און באַדאַי ביידע אומקומען, אבי איינער זאָל זיך נישט צוקוקן דעם טויט פון אַנדערן. דוכט זיך, אַז שענער קען גאָרנישט זיין... עד שבא ר' עקיבא און פּסקנט קאַטעגאָריש — „חייך קודמין לחיי חברך" — דיין לעבן איז בילכער פון דיין חברס לעבן, ד"ה האָסטו אָנגעשעפּט ס'וואַסער און געפינסט זיך דער לאָגל אין דיין רשות, טאָ טרינק אויס דעם גאַנצן סכום, אפילו ווען דיין חבר זאָל דערביי אויסגיין פון דורשט...

אָבער אויך אין די גאָר רייפע יאָרן, ווען דער שטעטלדיקער לערן־בחור האָט שוין געכאַפּט אַ זשענק פון דער השכלה און אָנגעהויבן בסוד שנאַפּן אַרום דער נישט־יידישער געדאַנקען־וועלט, האָט ער זיך ווידער אָנגעשטויסן אויף ר' עקיבאן, וועלכער דערשיינט אויך דאָס מאָל נישט איבעריק צוציענדיק. עפּעס האָט געהערט דער בחור וועגן חכמת יונית, אַ פאַרביקער וועלט פון וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע און קונסט, וואָס אונטערשיידט זיך גרינגלעך פון יידישן וועלט־באַנעם. עפּעס האָט ער געהערט, אַז נישט איין תנא האָט נישט געקענט באַשטיין דעם רייץ, וואָס האָט געשלאָגן פון דער גריכישער גייסטיקייט, און נישט איין יידישער גדול איז אין אַט דעם לוסטגאָרטן (פּרדס) געשטרויכלט געוואָרן.

צווישן דער יידישער און גריכישער וועלט איז געווען אַ טיפער תהום. שוין ידידיה האלכסנדרוני האָט געפּרוווט צו פאַראייניקן אַט די ביידע וועלטן, אָבער ערשט אין מיטלאַלטער איז שלמה איבן גבירל און דעם רמב"ם געלונגען טיילווייז צו פאַרשיטן דעם אָפּגרונט. דעם ערשטן האָט געבלענדעט פּלאַטאָס אידייען־וועלט, דער צווייטער איז געווען פול מיט התפעלות פאַר אַריסטאָ און געהאַלטן אים פאַרן גרעסטן בר־סמכא אויפן געביט פון נאַטור־וויסנשאַפט און לאָגיק („מה שאמר ארסטו"ו בכל הנמצא אשר מתחת גלגל הירח עד מרכז הארץ הוא אמת").

דערציילט זיך טאַקע אין „חגיגה" וועגן „ארבעה נכנסו לפרדס", ד"ה פיר האָבן זיך אַנטשלאָסן אויף אַ דרייסטן שריט זיך „אַדורכצושפּאַצירן" איבער אַלע אַלעען פון גריכישן לוסטגאָרטן, כדי צו באַנעמען דעם סוד פון מעשה מרכבה. די פיר זענען געווען: בן־זומא, בן־עזאי, אלישע בן

אבויה און ר׳ עקיבא. וואס האט זיך ארויסגעוויזן? — פאר דער מערהייט „שפאצירנדיקע" איז דער איינדרוק פון דער גנאזים־וועלט געווען א דער־שיטערנדיקער. בן־זומא איז אויפגעטרייסלט געווארן און ממש אראפ פון זינען, בן־עזאי איז פשוט אויסגעגאנגען, ביי אלישע בן אבויה איז פאר־געקומען א פולשטענדיקע גייסטיקע איבערקערעניש: ער האט אנגעהויבן רייסן די אלט־יידישע פלאנצן צוזאמען מיט די ווארצלען. פון דעמאלט־אן איז ער דערווייטערט געווארן פון דער יידישער סביבה. מ׳האט אים גע־געבן א צונאמען „אחר", און עס איז ארוים א בת־קול מן השמים. אז פאר אלע אפטריניקע איז אפן דער וועג צו באקערונג א חוץ פאר אחרן; פאר אים זענען אויף אייביק געשלאסן די טויערן פון תשובה.

וואס זשע איז געשען מיט ר׳ עקיבא? פון אים איז דאך געווען צו דערוואַרטן ס׳גרויסע ווארט. ער איז דאך געווען בארופן גרינטלעך אפצור־שאצן די ליכט־ און שאטן־זייטן פון „פרדס". וועלכע פירות זענען דארט נארהאפטיקע און וועלכע זענען שעדלעך? צי איז דארט פאראן אן ארט אויך פארן יידיש־דענקענדיקן מענטש? צי מוזן מיר אויף שטענדיק זיין פארוועבט אין דער נעץ פון די אויסטערלישע יידישע דינים און אזוי ארום בלייבן אפגעזונדערט פון דער ארומיקער וועלט. אדער עס לאזט זיך ענד־לעך דער יידישער וועג פאראייניקן מיטן יונישן?

מיר ווערן אבער ביטער אנטוישט, אונדזערע פראגן בלייבן הענגען אין דער לופט; ס׳איז נישטא קיין שום ענטפער. דער רעזולטאט פון ר׳ עקיבאס שפאנען איבערן „פרדס" ווערט איבערגעגעבן אין געציילטע פיר ווערטער: „א ר י י ן ב ש ל ו ם — א ר ו י ס ב ש ל ו ם".

צי איז טאקע ר׳ עקיבא געווען אזוי אומעמפינדלעך, אז דער „פרדס" האט אויף אים נישט געמאכט דעם מינדעסטן איינדרוק? צי איז צו זיין באוווסטזיין נישט דערגאנגען קיין איין גריכיש־פילאזאפישע אידייע? — און אפשר איז ער גאר געווען אזוי פארפאנצערט מיט אמונה, אז זיין גלויבנס־פעסטקייט האט אפגעשליידערט אלע אפיקורסישע פיילן? אזוי צי אנדערש, מיר ווייסן דערוועגן גארנישט. ר׳ עקיבא האט מיט זיך מיט־גענומען דעם סוד. ער איז פאר אונדז נאכן „פרדס"־עקספערימענט פאר־

בליבן דער זעלביקער ווי פריער. נישט אומזיסט האָט ער תמיד געפּריי־דיקט זיין פּרינציפּ פון „סיג לחכמה שתיקה".

ר' עקיבא, דער שטרענגער קאָדיפיקאַטאָר, מיידט פליייסיק אויס יע־דע אַבסטראַקטע חקירה. ער אָנערקענט נאָר פאַקטן, וואָס לאָזן זיך רעגו־לירן לויט פעסטגעשטעלטע דינים. אַלץ, וואָס רייסט אָפּ פון רעאַלן לעבן און פירט צו ריין־ פילאָזאָפישע באַטראַכטונגען, איז ר' עקיבאן דערווידער. ס'רעדט זיך דעריבער וועגן זיין ענערגישער התנגדות לגבי דעם קאַנאָני־זירן אַ רייע ספרים. ס'איז דאָ אַ באַגרינדעטע סברא, אַז אינעם „בקשו חכמים לגנוז ספר קהלת" (שבת ל') איז פאַראַן ר' עקיבאָס ענערגישער אַנטייל. ער האָט נישט געקענט סובל זיין אַ ספר, וואָס ברענגט צום אויסדרוק דעם מענטשנס כסדרדיקע וואַקלענישן. ער איז דעריבער געווען קעגן איינשליסן עס אין די כתבי־קודש.

ס'טייטש „קהלת", דאָס אינטימע ספר פון קאָזשעניצער לערן־בחור, וואָס קען זיך נישט באַגנוגענען בלויז מיט טרוקענע דינים. אַ ספר, וואָס איז מסוגל מיטצורייסן שוין צוליב סקעפּטישן אוועקשטעלן גרונט־פראַ־בלעמען פון מענטשלעכן לעבן — „וואָס קומט דעם מענטשן אַרויס פון זיין מיען זיך אונטער דער זון?". אַ ספר, וואָס שליידערט דעם מענטשן צווישן טאָג און נאַכט, צווישן גלויבן און כפירה, צווישן אַפירמאַציע פון לעבן און פולשטענדיקער רעזיגנאַציע. מאָמענטנווייז פאַלט ער אַריין אין התפעלות פאַרן לעבן און רופט אויס: „בעסער אַ לעבעדיקער הונט איידער אַ טויטער לייב". און תוך כדי דיבור ווערט ער טריב־פּעסימיסטיש אַפּהענטיק — „הבל הבלים"... מיט וויפל אָרעמער וואָלט געווען אונדזער גייסטיק לעבן אָן אָט דעם בריליאַנטענעם ספר.

ר' עקיבא וויל עפּעס קנאַפּער מאַכן אונדזער געדאַנק. אַלנפאַלס אים באַרויבן פון זעלבסשטענדיקייט. ער וויל אונדזער גייסטיק לעבן דערפירן רק צום פּראָצעס פון מקיים זיין פאַרהייליקטע געבאָטן. און אויב עס איז אים פונדעסטוועגן נישט געלונגען פון אונדז צו דערווייטערן „קהלת", וועלכער האָט דאָך געפונען בירגער־רעכט אין תנ"ך, איז עס דערביי מסתמא ר' עקיבאָס פאַרדינסט, וואָס צו אָט דעם ספר איז לפּחות צוגעשריבן געוואָרן אַ רעכטגלויביקער „העפּי־ענד" פון „סוף דבר הכל נשמע" אאז"וו.

אזא עקיבא-געשטאַלט האָט אַמאָל געשוועבט צווישן די אַלטע ווענט פון פויליש-שטעטלדיקן בית המדרש. אזוי האָט זיך לגבי אים דעמאָלט איינגעשטעלט דער פון דער שורה אַרויסגעפירטער יונגער לומד תורה. היינט איז שוין אָבער אָט דער בחור אַ שווער-געפּרוּווטער מענטש אין די מיטליאָרן. און הגם ער איז איצט שוין אַריינגערייפט אין קרייז פון דער יידיש-וועלטלעכער פּראָבלעמאַטיק, קוקט ער זיך צו מיט שטוינונג ווי מען באַמיט זיך צו באַלעבן דעם גייסט פון אַלטן תנא. וואָס האָט ער אייגנטלעך צו זאָגן דער היינטיקער גאָטלאָזער צייט? און ווער וועט זיך צו זיין וואָרט צוהערן? צי פאַרמאָגט די עקיבא-פיגור בכלל עלעמענטן פון אונדזער היינטצייטיקייט?

עס איז דעריבער כדאי לויט אונדזער היינטיק וועלט-געפיל אַדורכ-צופירן אַ שטיקל רעוויזיע איבער די העכער געצייכנטע גרונט-שטריכן פון ר' עקיבאס אינטעלעקטועל-נאַציאָנאַלן פּרצוף-פּנים, כדי עס צו קאָנפראָנ-טירן מיט דער גייסטיקער און פּאָליטישער פיזיאָנאָמיע פון דער היינטיקער יידישער ווירקלעכקייט.

— ג —

דער גייסטיקער ווידערגעבורט

אדם אחד יש שעתיד להיות בסוף כמה דורות ועקיבא בן יוסף שמו שעתיד לדרוש על כל קוץ וקוץ תילין תילין של הלכות.

(מנחות כ"ט).

ר' עקיבא האָט געלעבט אין אַ שטורמישער צייט, ווען עס האָט גע-בושעוועט ווילדער פּאָליטישער טעראָר און אכזריותדיקע רעליגיעזע רדי-פות. אין תלמוד ווערט זי באַצייכנט ווי אַ „שעת השמד". דער גורל פון גאַנצן פאָלק איז געשטאַנען אין קאָן. דער יחיד האָט געקענט ראַטעווען זיין לעבן בלויז פאַרן פּרייז פון אַפּטריניקייט, אָבער מחמת בלוטיקער צוגע-בונדנקייט מצד די פאָלקסשיכטן צו דער יידישער אמונה און איינגעוואָרצל-

טע מנהגים איז נישט געווען צו דערוואַרטן, אַז עס זאָל דערגיין צו מאַסן־פּאַראַט. גיכער איז געווען פּאַראויסצוזען אַן אַקט פון קאָלעקטיווער מסירת־נפש, וואָס וואָלט ממילא דערפירט צו נאַציאָנאַלן זעלבסטמאָרד.

די תנאים, וואָס האָבן בדרך כלל געהאַט אַ שטייפן איינזייטיק־רעליגיעזן צוגאַנג צום פּראָבלעם פון פאָלקס־קיום, אַ צוגאַנג פון „יקוב הדין את ההר", האָבן זיך פונדעסטוועגן דערשראָקן פאַר דער געשאַפענער לאַגע און געפּרוווט זוכן אַ וועלכן ס'איז אויסוועג. אויף דער געהיימער באַראַטונג אין לוד איז באַשלאָסן געוואָרן צו מאַכן געוויסע הנחות. ס'איז דערלויבט געוואָרן מקריב צו זיין ס'לעבן נאָר אין פאַל ווען דער שונא צווינגט ברעכן די עיקרים פון דער יידישער אמונה און קודם כל ווען ער צווינגט צו ע ב ו ד ה ז ר ה. אָבער אַט דער נעגאַטיוו־יידישער עיקר איז ביי די רוימער געווען אַ פּאָזיטיווער „עיקר". זיי האָבן געשטרעבט אינגאַנצן אָפּשאַפן דעם יידישן קולט, ממילא איז פּראַקטיש די לודער הנחה לגמרי נישט געווען קיין הנחה. די חכמי לוד האָבן נאָר געהאַט אַ זינען פאַר פּאַסיוון אויסדויער, וואַרטן אויף אַ נס, אויף אַ סיעתא דשמיא. יעדן אַקטיוון ווידערשטאַנד האָבן זיי געהאַלטן פאַר אויסגעשלאָסן.

אַנדערש איז דערויף געווען ר' עקיבאס בליק. נישט ער איז אָפּגעטרעטן פון דער א. ג. עכטער יידישקייט, ער האָט זי נאָר געלענקט אין אַן אַנדער ריכטונג. און אין דעם באַשטייט ר' עקיבאס אייגנטלעכע באַזונדערקייט אין דער יידישער געשיכטע.

זאָל קיינעם נישט איינפאַלן, אַז מיט אַט דער אַ נ ד ע ר ש ק י י ט זאָל ר' עקיבא האָבן קענען זיך אויפגעשטעלט די רעכט־גלויביקע קרייזן, אָדער האָט אין דער תנאישער וועלט, חלילה, פאַרלוירן זיין גרויסן אויטאָריטעט אַלס בעל הלכה. ר' עקיבאס גרויסקייט האָט אין דער יידיש־גלויביקער וועלט איבערגעשטיקן אַלע ריכטונגען און איבערגעהאַלטן אַלע דורות. דער ווערט פון זיינע אויפטואונגען ווערט פאַרגליכן צו דער באַדייטונג פון משה רבינו.

וועגן דעם זאָגט עדות אַ תלמודישע לעגענדע:

בעת משה איז אַרויפגעשטיגן אין הימל האָט ער דערזען דעם באַשעפער אַ פאַרנומענעם מיט צוגרייטן קרוינדעלעך צו די אותיות פון דער

תורה (שיושב וקושר כתרים לאותיות). אויף דער שאלה צו וואָס זענען נייטיק די קריינדעלעך, האָט ער באַקומען אַן ענטפער: „אין דורות אַרום וועט קומען אַ מאַן מיטן נאָמען עקיבא בן יוסף, וואָס וועט פון יעדן אות און יעדן שטריכעלע פון דער תורה אַרויספירן אַ הלכה (תילין תילין של הלכות)". משה האָט געבעטן, אַז מ׳זאָל אים דערלויבן כאָטש אַ קוק טאָן אויפן קינפטיקן תורה-באַגלייטער. ווען זיין בקשה איז דערפילט געוואָרן און ער האָט אַ בליק-געטאָן איז ער באַלד צוריקגעזעצט געוואָרן, ווייל ער האָט באַנומען, אַז ער איז נישט מסוגל צו פאַרשטיין עקיבאס לערע...

אוודאי איז שווערלעך צו באַנעמען ר׳ עקיבאס קאָמפּליצירטע פּער־זענלעכקייט. עס איז דאָך ממש צו שטוינען ווי אַזוי אַ תנא פון אַזאַ בלענדנדיק-תלמודישער גרויסקייט האָט געפונען דעם וועג צו דער המו-נישער „גאָס".

עס דאַרפן אָפּנים גענומען ווערן אין אַכט צוויי עיקר-מאָמענטן: דער עמאָציאָנעלער און אינטעלעקטועלער.

וואָס שייך דעם עמאָציאָנעלן מאָמענט דאַרף מען געדענ־קען ר׳ עקיבאס „פּראָסטן" אָפּשטאַם. העכער איז שוין געזאָגט געוואָרן וועגן קאָזשעניצער בחורס באַוואָרעניש בנוגע דעם, וואָס ר׳ עקיבא איז נישט קיין בן טובים. אוודאי האָט דאָס געשפּילט אַ באַשטימטע ראָל אין עקיבאס ווייטערדיקן לעבן. נישט קוקנדיק, וואָס דער געוועזענער פּאַסטוך האָט זיך געטובלט אין ים התלמוד, איז ער דאָך מסתמא געבליבן דער איינציקער צווישן די תנאים, וועלכער האָט במשך פון זיין גאַנץ לעבן נישט געקענט לויז-ווערן פון דער „אומגליקלעכער" ירושה. אָט די „יחוס־לאָזע" ירושה האָט פון איין זייט פון אים פאַרצוימט דעם וועג צו אָפיציעלע געזעלשאַפטלעכע אמטן; ער האָט קיינמאָל נישט געקענט גענים פון כבוד צו ווערן אַ ראש פון סנהדרין. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט זיין „נידעריקער" אָפּשטאַם אים באַפרייט פון דער יידנשאַפטלעכער מנוחה פון טיפּישע אַקאַדעמיקער, וואָס שליסן זיך אָפּ אין די תורה-געצעלטן.

די אין די ייִנגל-יאָרן אַריינגעאָטעמטע באַרג-לופט האָט אים שפּע-טער נישט געלאָזט צו לאַנג „פאַרזיצן" אין בית-המדרש. דאָס קאָכיקע בלוט פון אַן אימפּולסיוון פאָלקס-מענטש האָט אים כסדר געטריבן אין

„גאַס״. דאָרט האָט דער פאָלקסשטאַמיקער תנא געפונען אַ געמיינזאַמע שפּראַך מיטן המון־מענטש, בכדי אים צו באַוועגן צו מעשים. לויט אונדזער היינטיקער פאַרשטעלונג זעען מיר דאָס גראָטעסק־בילד ווי אַזוי דער „חפץ־חיים״ גייט געאָרעמט מיטן ווילן־יונג פון גזשיבאָוו.

אויף דער *אינטעלעקטועלער* פלאַך ווידער איז כאַראַקטעריסטיש פאַר ר׳ עקיבאַן זיין נטיה צו *סינטעטיזירן*. לגבי זיינע פאַרגייער טרעט ער על פּי רוב נישט אַרויס *אַנטיטעטיש*; ער פאַרלייקנט נישט די טעזע, ער באַמיט זיך צונויפשמעלצן זי מיט דער קעגנזעצלעכער דערשיינונג. דאָס איז קענטיק ביים באַהאַנדלען אַ רייע אַבסטראַקטע ווי אויך קאָנקרעטע פּראָבלעמען. לדוגמא איז כדאי צו באַרירן דעם ענין *דעטערמיניזם*.

געוויינלעך האָט די אמונה פאַרשטריקט דעם יחיד אין אַ דעטערמינירטער וועלט, וואָס נעמט ביי אים אַוועק דעם פרייען ווילן, אייגענע איניציאַטיוו צו האַנדלען זעלבסטשטענדיק. אַלץ איז באַשערט פון הימל. ר׳ עקיבא מאַכט אויף דעם געביט אַן *איינבראָך*; יאָ, בפירוש אַן איינברוך און נישט קיין *איבערברוך*. אין דעם פּרט טרעט ער נישט אַרויס אַבסאָלוט קעגן דעם איינגעבירגערטן הכרח־ריטם, פרייען ווילן. ווי בינדיק און שלאָגיק איז זיין סענטענץ „הכל צפוי והרשות נתונה״, אַלץ, הייסט עס, איז טאַקע פאָראויסגעזען און פאָראויסבאַשטימט, אַלץ איז אַריינגערינגלט אין אַ קייט פון אומפאַרמיידלעכע סיבות און פאָלגן. פונדעסטוועגן איז דעם מענטשן געגעבן געוואָרן די מעגלעכקייט פון פרייער בחירה און האַנדלונג.

ס׳איז דעריבער נאַאיוו די השערה פון בית־המדרשניק וועגן דעם, אַז גראָד ר׳ עקיבא איז מסתמא דער אויטאָר פון רעכטגלויביקן „סוף דבר״ אין ספר קהלת. דאָרט ווערן דאָך ביים מענטשן אַוועקגענומען אַלע האָריזאָנטן: דאָס גרונט־מענטשלעכע ווערט דאָך דאָרט דערפירט רק צו „היטן גאָטס געבאָטן״, כי זה כל האדם. אין דער אמתן ברייטערט גאָר ר׳ עקיבא אויס דעם מענטשנס אויסבליק שוין דערמיט, וואָס ער שפּאַנט אים צו ביסלעך אויס פון דער דעטערמיניסטישער נעץ.

אַוודאי זאָגט זיך ר׳ עקיבא נישט אָפּ פון די געבאָטן. ס׳קומט אָבער

בײ אים אויס, אז די געבאָטן זענען דעם מענטש נישט ג ע ג ע ב ן, נאָר א ו י פ ג ע ג ע ב ן געוואָרן. זײ בילדן גײסטיקע לײטערונגס־פונקטן, וואָס דאַרפן דעם מענטשן פירן צו עטישער שלימות. אַזוי אַרום הערן די געבאָטן אויף צו זײן בלויז דרויסנדיקע, אָנגעוואָרפענע; אין פּראָצעס פון פאַרווירקלעכונג ווערן זײ פאַראינערלעכט און גײען ממילא איבער אין מענטשנס רשות.

אין לעצטן פונקט דערפירט ר׳ עקיבא זײן עטישן באַנעם צו דער הייליקייט פון בר נש, צו דער קדושה פון מענטשנס בלוט. ער האַלט, אַז ווער עס דערלויבט זיך צו פאַרגיסן אומשולדיק מענטשלעך בלוט, דער פאַרמינערט די געלייטערטע גאָט־פאַרשטעלונג (כאילו ממעט את הדמות). אַזוי באַלאַנסירט עס ר׳ עקיבא צווישן גאָט און מענטש.

ער דערפירט נישט צו קײן סינטעז נאָר אין דעם פאַל, ווען די טעזע אַלס אויסדרוק פון געלייטערטע אידייען שטויסט זיך צונויף מיט אידייען, וואָס זענען געבוירן אין טומאה. אַזוי אַרום איז אויך צו פאַרגעבן דאָס תמימותדיקע ברוגזן זיך מצד דעם צוביסלעך אויפגעקלערטן ישיבה־בחור הלמאי ר׳ עקיבא איז געבליבן אַזוי האַרטהויטיק־אומעמפינדלעך לגבי דער פּרעכטיקער יונישער וועלט, דער וועלט פון פּלאַטאָ און אַריסטאָ, פון וועלכער דער רמב״ם איז שפּעטער אַזוי נתפעל געוואָרן. הלמאי ר׳ עקיבא האָט „אומבאַרירט״ פאַרלאָזט דעם פּרדס און זיך תיכף צוריק אײנגעוועבט אין דער נעץ פון טײטשן דינים לקולא אָדער לחומרא. הלמאי אויף אונדזערע אַלע צודרינגלעכע פראַגן וועגן מהות פון גריכישן וועלט־באַנעם, האָט ער פּעסט צונויפגעדריקט די צײן און אונדז „געענטפערט״ מיט אַבסאָלוטן שווײגן.

בכל זאת מוז דער שטעטלדיקער בחור אַרויסגעפירט ווערן פון אַן אומהיימלעכן טעות, וואָרום אין די צײטן פון די תנאים האָט די חכמת יונית באַטײט נישט די קלאַסישע גריכישע פילאָזאָפיע, נאָר דעם ג נ אָ ז י ס.

בעצם איז דער גנאָזיס נישט קײן רײנע דערקענטעניש־פילאָזאָפיע, נאָר אַ געמיש פון טעאָלאָגיע, פילאָזאָפיע און מאַגיע. ער איז זיך נישט סומך אויף קײן שום לאָגיק נאָר ציט זײן יניקה פון טונקל־פאַנטאַס-

טישע השערות. דער גנאָסטיציזם פּראָדוצירט קאָסמאָגאָנישע און טעאָ-לאָגישע ספּעקולאַציעס. אַלץ דרייט זיך אַרום צוויי גרונט־פּראָבלעמען פון דעמיורג און גאָט — מעשה בראשית און מעשה מרכבה, וואָס האָבן קיינמאָל נישט אויפגעהערט צו אינטערעסירן דעם דענקענדיקן מענטש. נישט מער דער אינטעלעקטועלער מענטש האָט זיך שטענדיק באַמיט זיי צו דערגרונטעוועון דורך ריין־וויסנשאַפטלעכן פאָרשן און טיף־פילאָזאָפישן טראַכטן. דער גנאָסטיקער דאַקעגן האָט זיך פאַרוואַנדלט איז אַ מכשף, וואָס לאָזט זיך איבער די היילן פון משונהדיקע וויזיעס און אַפילו אָרגיעס.

דער יידישער מענטש האָט מורא געהאַט צורירן זיך צום גנאָזיס, צו אַט דער טונקעלער וועלט, וואָס האָט זיך אַרומגערינגלט מיט געדיכטער סודותדיקייט. עס האָט פון איר פּשוט געשלאָגן אַ רוח טומאה. אין „פּסחים" דערציילט זיך אַפילו, אַז געוויסע גנאָסטישע סעקטעס האָבן געפירט אַ הפקרדיקן לעבנסשטייגער.

ווען ר' עקיבא האָט זיך צונויפגעטראָפן מיט אַט דער וועלט און האָט פאַרגליכן דעם יידיש־געלייטערטן מאָנאָטעאיזם מיט דעם ווילד־מאַגישן גנאָזיס, האָט אים בלתי ספק אָנגעהויבן צו איבלען. די געדרייטע וועגן פון דער מאַגישער מעשה מרכבה האָבן אים אָפּגעשטויסן. ער האָט זיך דעריבער אַנטשלאָסן צו שווייגן, אַלנפאַלס עפנטלעך דערפון נישט רעדן.

שוין זיין רבי, יוחנן בן זכאי, וועלכער האָט לויט אַ געוויסער ווערסיע זיך אינטערעסירט מיט גנאָסטיציזם, שטרייכט פעסט אונטער די גילטיקייט פון פאַרבאָט צו באהאַנדלען דעם ענין מעשה בראשית אין קעגנוואַרט פון צוויי תלמידים און דעם ענין מעשה מרכבה אין קעגנוואַרט פון איין תלמיד.

הײַנט, וואָס איז זיך שוין צו חידושן הלמאי ר' עקיבא דערציילט גאָרנישט וועגן זיינע פּרדס־איבערלעבונגען און הלמאי ער איז פון דאָרט אַרויס אומבאַשעדיקט.

אין אַ געוויסער מאָס איז דער סינטעטיזם אויך קענטיק אין ר' עקיבאס צוגאַנג צו דער מלוכה־אידייע. אין דעם פּרט האָט ער זיך באַמיט צו פאַראייניקן צוויי פלאַכן פון דער יידישער פאָלקס־וויטאַליטעט, דורך

שאַפן אַ סינטעז פון יוחנן בן זכאיס ניכטערער איבערגעזעענקייט און די בריונימס באַרוישטן פּאַטריאָטיזם, צווישן דעם ווילן איינצוהיטן דעם יידיש־גייסטיקן אייגנאַרט און דעם באַגער איינצוהאַלטן די פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט. בני ברק ווי אַ המשך פון יבנה האָט באַפעסטיקט די בריק צווישן תורה און משנה, בכדי דורך די אויסגעשמידטע דינים און הלכות קאָנסערווירן און אַפילו אַנטוויקלען די יידישע אייגנאַרט אין ארץ ישראל, בבל, אַלעקסאַנדריע און רוים, ווו ס'זענען דעמאָלט געווען יידישע קהילות. דער אויפשטאַנד ווידער קעגן דער רוימישער מאַכט האָט באַשטרעבט פּאָליטישן ווידערגעבורט, פּאָליטישע פרייהייט פאַר דער מערהייט פון יידישן פאָלק, וואָס איז צו יענער צייט געווען קאָנצענטרירט אין לאַנד. אַזוי אַרום האָט ר' עקיבא דעם אַביסל פאַרשטייפטן יבניזם באַזאַפט מיט לעבעדיק בלוט און דעם רויען בריוניזם באַהויכט מיט אַ קולטור־פילאָזאָפישער אידייע.

עס וואָלט זיך אַנב געוואָלט עפּעס זאָגן וועגן ר' עקיבאס א. ג. שטאַטלעכקייט. דאָס איז דאָך נישט געווען גלאַט אַ קאַמף לשם מלוכה, נאָר מלוכה, ווי אַן אָרגאַניזאַציאָנעלע מעגלעכקייט איינצוהיטן ס'יידיש-נאַציאָנאַלע. מ'טאָר נישט פאַרגעסן די גרונט־נפקא-מינה צווישן דער פּאָליטישער סיטואַציע בעת יוחנן בן זכאי און דער לאַגע פון עקיבאס צייטן. אספּסינוס האָט אין דעם פּרט אַרויסגעוויזן אַ געוויסן ליבעראַליזם דורך דערלויבן שאַפן אַן אַקאַדעמישן צענטער אין יבנה און דערמיט דערמעגלעכט פריי צו פלעגן די יידישע גייסטיקייט. אַדריאַנוס דאַקעגן האָט געשטרעבט דעם יידישן קולט אינגאַנצן אָפּצווישן פון דער פּאַלעסטינער אויבערפלאַך. אַדריאַן איז דאָך צוגעטראָטן אויף די ירושלימער חורבות אויפצובויען אַ געצנדינערישע שטאָט „עלאַ קאַפּיטאָלינאַ" און אויפן אָרט פון בית־המקדש אוועקשטעלן אַ טעמפּל יופּיטערן. בר כוכבאס אויפשטענדלער זענען דעריבער געווען די גייסטיקע יורשים פון די חשמונאים, וואָס האָבן אַמאָל געקעמפט קעגן אַנטיוכס עפּיפאַנעסעס רעליגיעז־נאַציאָנאַלע רדיפות.

מ'טאָר אויך נישט פאַרגעסן, אַז דער בר כוכבאיזם ברייט אויס זיין

אידייאישן טעטיקייטס־קרייז דורך פאַרבונדן זיך מיט אַ דערלייזערישער משיח־אידייע.

לויט דער יידישער עסכאַטאָלאָגיע וואַרצלט די משיח־אידייע אין דער מעטאַפיזיק. זי איז נישט קיין ערדישע, נאָר אַ טראַנסצעדענטאַלע און אוניווערסאַלע, דערביי איז זי פאַרבונדן מיט דער פאַנטאַסטישער פאָרשטעלונג וועגן וועלט־צעשטערונג און וועלט־באַנייאונג. זי האָט זיך געשפּייזט מיטן עכסטן גלויבן אין איבערנאַטירלעכע גלגולים, וואָס דאַרפן העלפן רעאַליזירן די געבורט פונעם אויסגעטרוימטן עולם הבא. עס זאָל, הייסט עס, אָפּגעשפּיגלט ווערן די שלום־סצענע פון דער וועלט־דראַמע. נאָכדעם וועט באַגינען דער גרויסער יום־הדין איבער די געצנדינער; אויף דער ערד וועט אָנהייבן הערשן מלכות שדי, אייביקער שלום.

אויך אויף דעם געביט טרעט ר׳ עקיבא אויף ווי אַן אָריגינעלער סינטעטיקער. ער פאַרבינדט דאָס רעליגיעזע מיטן נאַציאָנאַלן. ער פאַרמינערט באַין אופן נישט דעם גלויבן אין עולם הבא. וועגן דעם זאָגן אויך עדות זיינע מאַרטירערישע פאַרמאָמענטן פון יציאת נשמתו, וועלכע ער איז אין אומדערשיטערטן גלויבן מקבל באהבה (והיה מעריך באחד שיצתה נשמתו ובאחד). ער דערוועגט זיך אָבער אויך דעם עולם הזה דערהייבן צום שטאַפּל פון משיחיזם. אויך דאָס טאָג־טעגלעכע לעבן מוז קאָנקרעט אויסגעלייזט ווערן פון אויסנווייניקסטן צוואַנג און זעלישער קנעכטשאַפט. ער איניצירט דעריבער אַ באַוועגונג פון פאָליטישן משיחיזם, וואָס איז נישט רק געקניפּט מיט מיסטישע זעאונגען און אירעאַלע גלויבונגען. נעבן דער פאָרשטעלונג פון אַ הימלישן משיח פירט ר׳ עקיבא אַרויס דעם גלויבן אין אַן ערדישן דערלייזער, ווייל אַ האָפענונגסלאָז שקלאַפיש לעבן פון אַ פאָלק איז נישט ווערט געלעבט צו ווערן.

אין דער לופט שפּירט זיך דער אינעווייניקסטער ריס פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס וואַרגט זיך אין דער רוימישער תפיסה און האָט פונדעסטוועגן נישט ס׳באַוווּסטזיין און מכל שכן די גרייטקייט פאַר באַפרייאונגס־טאַט.

דער פרייהייטס־דראַנג ווימלט פּאָטענציעל ערגעץ אין פאָלקס־אינגעוויד. און וואָס שטאַרקער עס איז דער רדיפות־דרוק מצד די

רוימער, אַלץ טיפער ווערט אַט דער דראַנג אַראָפּגערוקט אין אונטערבאַ־וווסטזיין פון פאָלקס-לעבן. אַלץ ווערט אויסגעפילט מיט יאוש. אין בעסטן פאַל האָט מען געגלויבט אין ניסים, אָבער נישט אין דער נוצלעכקייט פון פּאָליטישע איבערקערענישן.

און אָט קומט דער שעת הכושר: ס׳יידישע מאַסן־לעבן הייבט אימאַ־גענט אַרויס די פירנדיקע פּערזענלעכקייט — אויף דער פּאָליטישער אַרע־נע דערשיינט דער אָנערקענטער געניאַלער בעל הלכה ר׳ ע ק י ב א ב ן י ו ס ף, וועלכער איז לויטן בלוט אַ שטאַמיקער פאָלקס-מענטש. ער איז, דוכט זיך, דער איינציקער תנא, וואָס האָט געפונען ס׳אומיטלבאַרע לשון צום מאַסן־מענטש, ער האָט אַרויסגעשפּירט דעם אינעווייניקסטן פיבער פון דער צייט און באַוויזן צו אַ ק ט ו אַ ל י ז י ר ן די אָנגעזאַמלטע מעשים־פּאַטענץ.

ער ווערט אָרגאַניזאַטאָר און פירער פון פאָלקס-אויפשטאַנד. דער גרויסער תנא טוט אָן דעם העלדישן פּראָסטאַק שמעונען די משיח־קרוין אויפן קאָפּ און ווי אַ באַרופענעם מיליטערישן אָנפירער זאַלבט ער אים אַלס „מלך המשיח״. ער ווענדעט דערביי אָן די נבואה: „דרך כוכב מיעקב וקם שבט מישראל — והיה אדום ירשה״. ר׳ עקיבא האָט מיט זיין צויבער־וואָרט באַגייסטערט צום קאַמף.

דאָס האָט דאָך ר׳ עקיבא אָנגעפירט אין בני ברק מיט דער געהיימער באַראַטונג וועגן די אויפשטאַנד־פּלענער. אַט די באַראַטונג האָט געדויערט אַ גאַנצע נאַכט און ווען די יידישע שומרים האָבן פאַרטאָג דערזען, אַז עס דערנענטערן זיך די רוימישע אַגענטן, האָבן זיי אויף אַ פאַרשטעלטן שטיי־גער צווויסן געגעבן די קאָנספּיראַטאָרן: „רבותינו, הגיע זמן קריאת שמע של שחרית״. דעמאָלט האָט זיך ר׳ עקיבא אויפגעשטעלט און מיט אַלע פאַרזאַמלטע פייערלעך געזונגען די אויפשטאַנדס־מאַרסעליעזע „שפוך חמתך!״

אין זיין קאַמפּס-וועג איז ער תמיד געווען אַ פעסט-אַנטשלאָסענער. אין די אויגן פון אַ טייל תנאים האָט זיין געוואַגטער טאַט אויסגעזען ווילד און אַוואַנטוריסטיש. י ו ח נ ן ב ן ת ר ס א האָט אים געוואָרנט: „גראָז וועט פון דיינע באַקן, עקיבא, אויסוואַקסן און בן דוד וועט נאָכנישט

האָבן געקומען". אויך י ה ו ש ע ב ן ח נ נ י ה האָט אָנגעווענדעט זיין רעדנער־טאַלאַנט, בכדי מיט פאַרביקע משלים איבערצוצייגן די אויפ־געקאָכטע מורדים אין בית רמון און אין עמק ישראל, אַז זייער קאַמף מיטן מעכטיקן רוים איז פשוט אַ משוגעת.

נאָר ר׳ עקיבא ווי אַ באַרופענער פאָלקס־פירער, ווי אַ מאַן פון אומ־דערשיטערטן ווילן לאָזט זיך נישט בייגן פון די בלעדליי פחדנישע איינ־ווענדונגען און פעסימיסטישע התראות, ווייל ער האָט פעלזנפעסט גע־גלויבט אין פאָליטישן ווידערגעבורט פון פאָלק. נאָך פון די פריערדיקע צייטן, איידער ר׳ עקיבא איז געוואָרן דער גרויסער פאָלקס־מנהיג, דער־ציילט זיך וועגן אים, אַז ווען ער האָט אַמאָל אין געזעלשאַפט פון עטלעכע תנאים שפּאַצירט אין ירושלים לעבן הר הבית, האָט ער פלוצים דערזען ווי פון די מקדש־חורבות זענען אַרויסגעלאָפן שאַקאַלן. זיינע חברים, דער־זעענדיק די גרויליקע פאַרוויסטונג, אַז דער טעמפל איז געוואָרן אַ הייל פאַר חיות, האָבן אָנגעהויבן הויך צו וויינען. דאַקעגן ר׳ עקיבא האָט גראָד געשמייכלט. ער האָט באַרואיקט זיינע באַגלייטער מיט די ווערטער: „אויב עס איז מקוים געוואָרן די נבואה, אַז ירושלים וועט חרוב ווערן, וועט אויך מקוים ווערן די נבואה, אַז ירושלים וועט אויפגעריכט ווערן".

אַן אַנדערש מאָל דערציילט זיך, אַז ווען ר׳ עקיבא האָט ווי אַ מיט־באַטייליקטער אין דער דעלעגאַציע קיין רוים זיך דערנענטערט צו די טויערן פון דער „אייביקער שטאָט", איז צו אים דערגאַנגען אַ ליאַרם פון קאַפּיטאָל. זיינע חברים, פאַרגלייכנדיק ס׳רוישיקע רוים מיטן צעשטערטן און פאַרוויסטן ירושלים, האָבן זיך שטאַרק צעוויינט. ר׳ עקיבא אָבער איז געבליבן פעסט און זיי געטרייסט: „צו וואָס וויינט איר? אויב דער באַ־שעפער ווייזט אַרויס אַזוי פיל חסד לגבי אַ ווידערשפּעניק פאָלק, טאָ שטעלט אייך פאָר וואָסער באַלוינונג ער וועט געבן זיינע געטרייע קינדער".

***

לויט איר גרונט־כאַראַקטער לויפט אונדזער היינטיקע תקופה ווייט נישט אָפּ פון דער בר־כוכבא־צייט. פאַר ביידע עפּאָכעס איז כאַראַקטע־ריסטיש די זעלישע אויפטרייסלונג פון פאָלק, וואָס איז היסטאָריש האַרט

געשטעלט געוואָרן פאַר דער האַמלעטישער דילעמע: „זיין אָדער נישט זיין".
פאַר ביידע צייטן איז כאַראַקטעריסטיש די לאָזונג פון שונא — אָפּצו־
מעקן ס'יידנטום פון דער ערד־פלאַך. אַדריאַנס רציחות זענען טעכניש
„פאַרפולקאָמט" געוואָרן דורך די היטלער־שווידערלעכקייטן. נישט מער
בימי אַדריאַן איז נאָך געווען אַן אויסוועג — אָפּטרעטן פון יידישקייט.
אין די היטלער־יאָרן איז אויך אָט דער שאַנס פאַרלוירן געגאַנגען.

דאַרף מען דעריבער זיך נישט חידושן, וואָס אין אונדזער איצטיקן
צושטאַנד פון אָפּגרונט־שטימונגען קען געמאָלט זיין דער גייסטיקער ווי־
דערגעבורט פון אַזאַ געשטאַלט ווי ר' עקיבא. נאָכן אַראָפּנעמען די צייט־
אַקסעסוואַרן דערבליקן מיר זיך אין אים, ווייל צו אונדזער היינטיק וועלט־
געפיל און אויפגעוואַכטער נאַציאָנאַלער מענטאַליטעט ריידן אינטים ר'
עקיבאס באַזונדערע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן. מאָמענטווייז צויבערט אונדז
ממש דער דאָזיקער מ א ן פ ו ן ל א נ ג ן א ט ע ם.

ער איז קודם כל פון די וויניקע מענער אין אונדזער געשיכטע, וואָס
האָבן באַוויזן זייער הויך־אינטעלעקטועלע קולטור פאַרבונדן מיט דער
אוממיטלבאַרער פאָלקס־ווירקלעכקייט. דאָס האָט אומבאַדינגט גורם געווען
דערצו, אַז ר' עקיבא האָט באַנומען יידישקייט נישט בלויז ווי אַן אַב־
סטראַקטע אידייע, וואָס איז אין פאַרטיקן צושטאַנד געגעבן געוואָרן פאַר
אַלע צייטן און אַלע דורות. לויט זייער השגחה איז יידישקייט אַ לעבעדיקער
אָרגאַניזם, וואָס אונטערליגט באַשטימטע אַנטוויקלונגס־געזעצן. אַזאַ יידיש־
קייט איז נישט מחויב בלויז צו פאַרשטייפטן צערעמאָניאַל און טראַפּאַ־
רעט־תפילות, נאָר פאַרלאַנגט אַ לעבעדיקע באַציאונג.

ווער נאָך ווי אונדזער היינטיקער דור איז אַזוי אויסגעהונגערט נאָך
אַן אויטאָריטאַטיווע פערזענלעכקייט, וואָס זאָל אינטעלעקטועל באַנעמען
דעם ריזיקן אומפאַנג פון דער יידישער גייסטיקייט און דערביי זיין פסי־
כאָלאָגיש פאַרבונדן מיט דער פאָלקס־געדיכטעניש. אין אַזאַ געשטאַלט
וואָלטן מיר אַנטפּלעקט זיך אַליין, אונדזערע טיפסטע פאָלקס־וועלענישן.

פאַר אונדז „היינטיקע" האָט אָבער אַ באַזונדערן רייץ ר' עקיבאס
אַלגעמיין־סינטעטישער אויסבליק. אונדזער פאָליטיש־אידייאישע צעריסנ־
קייט איז שוין דערגאַנגען צום קולמינאַציע־פונקט; פאַר אַלעם שטאַמט זי

פון איינגעשפאַרטער איינזייטיקייט, וואָס צעטרענצלט אונדזערע אַזוי אויך אָפּגעשוואַכטע כוחות. אָבער דאָ האַנדלט זיך נישט וועגן דעם גענוג קאָמפּראָמיטירטן „אחדות". דאָ איז בעיקר אַ פּאַרנעם קעגן דער בלינדער איינזייטיקייט, וואָס באַגנוגנט זיך בלויז מיט שפּליטערן פון דער יידישער פּראָבלעמאַטיק און נעמט נישט אין אַכט אַלע גרונט־עלעמענטן פון אונדזער גייסטיקן און מאַטעריעלן קיום. אונדז אימפּאָנירט דער פאַקט, וואָס ר' עקיבא איז נישט בלינד צוגעבונדן צו אַ פאַרגליווערטער דאָגמע, וואָס ער האָט אין זיך גענוג מוט צו מאַכן אַ פּוזיע פון צוויי „אויגנשרייענדיקע" סתירות, וואָס ער איז מסוגל איבערצושפּרייטן די „הייליקע" איינזייטיקייט, בכדי אויפצונעמען דאָס גאַנצע, דאָס אַלצאַרומנעמענדיקע, דאָס אַלגעמיין־גילטיקע.

דער עיקרשט פאַסצינירט אונדז ר' עקיבאס אומגעווייכלעכער אָפּטימיזם, וואָס דרינגט אַרויס פון זיין שטאַרקן גלויבן, אַז דאָס גוטע און גערעכטע מוז סוף כל סוף מנצח זיין.

אין מאָמענטן פון האָפענונגסלאָזער חשכות, ווען אַלץ ווייזט אויס צו זיין רייף צום אונטערגאַנג, האָט ער נישט פאַרלוירן די אמונה, נאָר כסדר געוועקט ביי דער פאַרחלשטער סביבה מוט און אויסדויער. ער איז געווען איבערצייגט, אַז די פינצטערניש וועט שליסלעך פאַרשווינדן און עס וועט אויפשטייגן דאָס ליכט פון פרייהייט. ווו נעמט מען היינט אַ מאַן מיט אומגעבראָכענעם גלויבן אין אונדזער צוקונפט!

ווי אַ פּועל־יוצא פון דאָזיקן גלויבן טרעט אויף ר' עקיבאס קנאות אינעם פּראָצעס פון באַוועגן די איינגעווייגטע מאַסן צו טאַט, צו קאַמף. דאָס איז נישט קיין אָנגעוואָרפענער מנהיג, וואָס שניידט זיך אַ וועג צו מאַכט דורך אומבאַדינגטער דיקטאַטור. דאָס איז אַ אין גרויסן קולט אַרויסגעהויבענע פיגור, וואָס רייסט מיט דעם שטראָם איינמאַגאַזינירטע פאָלקסענערגיע.

די כלערליי באַוואָרענישן סיי פון די אָרטאָדאָקסישע קרייזן, סיי פון דער האַלב־אויפגעקלערטער יוגנט און סיי פון דער פּסיידאָ־וועלטלעכער אינטעליגענץ ווערן צעשמעטערט אָן דעם ריזיקן עקיבא־פּעלז, וואָס בילדעט אַן אוניקום אין אונדזער געשיכטע. דער געזונטער אינסטינקט פון

יידישן שרייבער איז אוודאי נישט פארפירעריש, ווען ער שטויסט היינט־צו־טאג זיין טעמאטיק אויף די אלטע שפורן פון דעם אומשטערבלעכן עקיבא.

דער הייליקער אנדענק פון די ווארשעווער און ביאליסטאקער געטא-אויפשטענדלער רופט זיך בלחש איבער מיטן גערעכעניש פון די בר־כוכבא-מורדים, וואס זענען אינספּירירט געווארן דורך ר׳ עקיבא. אויך די איצטיקע חלוצישע קעמפער אין פאלעסטינע צייכענען אין דער לופטן א קאמפס־גרוס בר־כוכבאס העלדישן חיל. אפילו די מיליאניקע קדושים אין טרעבלינקע און אשוויענטשים שעפטשען זיך אין לעצטן מאמענט איבער מיט ר׳ עקיבא (והיה סורקין את בשרו במסרקות של ברזל) און זיינע חברים־מארטירער, וועלכע האבן זייערע נשמות אויסגעהויכט ווי עשרה הרוגי מלכות.

פאר אונדז, ר׳ עקיבאס גייסטיקע אוראייניקלעך, איז אויך באלערנדיק דער פאקט, וואס דער באהויכטער פאלקס-מנהיג האט זיין קאמף פאר פאליטישער פרייהייט נישט באטראכט ווי א פראגמענט, נאר אים פארבונדן מיט אן אלגעמיין־מענטשלעכן אידעאל פון משיחישער וועלט־פארבעסערונג אין גייסט פון יענער צייט. אויך מיר, זיינע גייסטיקע יורשים, פארבינדן אונדזער קאמף פאר פאליטישער פרייהייט מיט אן אלגעמיין־מענטשלעכן דערלייזערישן אידעאל אין גייסט פון דער היינטיקער צייט — מיטן ס א צ י א ל י ז ם.

איבער די גאַסן פון מיינץ און וואָרשע

— א —

איז אייך אַמאָל נישט אויסגעקומען אין די יינגל-יאָרן האַלטן אין האַנט דער מאַמעס ימים נוראימדיקן מחזור. איך געדענקט אים מסתמא, אַן אַלטע דייטשישע אויסגאַבע, א בייכיקער, געבונדן אין גרויער לעדער, באַשלאָגן מיט מעטאַלענע לוחותלעך, אויף וועלכע עס זענען געווען אויסגעקריצט צען רוימישע ציפערן, וואָס זאָלן באַצייכענען די עשרת הדברות. דער מחזור האָט זיך פאַרמאַכט מיט אַן אויטאָמאַטיש קלאַפּשלעסל. איך עפנט די געליישטע טעוועלעך, אויפן שער־בלעטל זאָגט זיך, אַז די תפילות זענען געשטעלט מיט ליכטיקע אותיות, די עברי־טייטש־איבערזעצונג איז געמאַכט מיט גרויס פליים קלאָר און דייטלעך, כדי „עס זאָלן פאַרשטיין גרויס און קליין". איך בלעטערט ווייטער, דאָס אויג פאַרהאַלט זיך אויף די ערשטע צוויי זייטלעך. א לאַנג געגראַמט ליד געזעצט מיט גאָטישער שריפט; אין עפּיש־לירישע שורות דערציילט דאָס דאָזיקע ליד אויף דייטשיש־לשון וועגן די אויפטרייסלענדיקע איבערלעבונגען פון לויטערן קדוש ר' אמנון פון מיינץ, דעם מחבר פון „ונתנה תוקף". נישט קענענדיק אַנטציפערן דאָס ליד איז מען דאָך נישט אַוועק פון אים אינגאַנצן ליידיק, ווייל די צוויי פרעמד-קלינגענדיקע ווערטער „אמנון" און „מיינץ" האָבן באַוויזן געשווינד זיך איינדרוקן אין זכרון און אויפוועקן די יינגלשע פאַנטאַזיע.

די געדאַנקען הייבן אָן בלאָנדזשען אין נעפּל. הייסט עס, אַז דער ווייסקיטלדיקער יום־טוב ראש השנה איז נישט אַנטשטאַנען אין אונדזער פּויליש שטעטל און איז נישט באַשטימט בלויז פאַר אונדזערע יידן. די האַרציקע תפילה „ונתנה תוקף", וואָס איז ווי צוגעפּאַסט צו אונדזער צעבראָכן

געמיט, איז גאַרנישט געבוירן געוואָרן אין אונדזער סביבה און איז נישט באַשטימט רק פאַר אונדזער חזן, וועלכער האָט מיט זיין מתיקותדיק געציקלט געזאַנג אַרויסגעפּרעסט ימים טרערן אין דער ווייבערשטער שול. ניין, ר׳ אמנון איז נישט קיין היימיש־פּוילישער ייד, ער האָט געלעבט אַזש מיט טויזנט יאָר צוריק אין אַ לאַנד, וואָס געפינט זיך העט־ווייט פון אונדזער שטאָט־שול ערגעץ אין גרויסן העסער־דאַרמשטאַטער הערצאָגטום. די אַלמנה פון קדוש האָט בשעתה שוין אוודאי קיינמאָל מער נישט חתונה געהאַט, ווייל דאָס געדעכעניש פון איר מאַן האָט דאָך ווייטער געלעבט אין פאַרשידענע פּנקסאות, דערהויפּט אין אַלט־מיינצער „מימורבוך״, אין וועלכן ס׳ווערן אויסגערעכנט די מאַרטירער: „און זאָל דער באַשעפער דערמאָנען די נשמות פון אַלע קהילות־מיטגלידער, וועלכע זענען געוואָרן דערהרגעט, פאַרשטיינערט, פאַרברענט, געשאָכטן, דערטרונקען, ראָדגעבראָכן, געהאָנגען, לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דער ערד, דערפאַר ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זייער גלויבן״.

***

זייט יענע יינגל־טעג זענען שוין אָפּגעלאָפן אַ סך וואַסערן, די פאַרביק־מאַרטירערישע „פּאַסיאָנאַל־לעגענדע״ האָט זיך וואָס אַמאָל מער אָפּגערוקט אין הינטערגרונט. אויף איר אָרט האָבן זיך אַרויסגערוקט גאַנץ אַנדערע וועלט־שפּירונגען און לעבנס־באַשטרעבונגען. די ווייטערדיקע טעג זענען געווען שטורמישע, אָנגעפּילט מיט הארטן קאַמף פאַר אַ נייעם וועלט־באַנעם. די נייע שטייגער־אומשטענדן זענען געווען אָנגעלאָדן מיט שאַרפע געזעלשאַפטלעכע קאָנפליקטן, וואָס האָבן אונדז געהאַלטן אין איין דערוויטערן פון דער אַמאָליקער ונתנה תוקף־אַטמאָספער. אין לויף פון די געשעענישן זענען די אמנון־מיינץ־געפילן כסדר אַראָפּגערוקט געוואָרן טיפער אין אונדזער אונטערבאַוואוסטזיין און דערביי האָבן מיר גאָרנישט פאַרשטאַנען, אַז זיי זענען אין אונדז נישט אונטערגעגאַנגען אויף שטענדיק. זיי האָבן לכתחילה אַ בלויז געטאָן, כדי זיך שפּעטער שוין קיינמאָל מער נישט צו לעשן, ווייל זייער תוך איז לאַנגער היסטאָרישער אָטעם, וואָס וויקלט זיך צווישן צוויי פלאַמען: ק י ד ו ש ה ש ם און ד ע ר ל יי־

ז ו נ ג. זיי האָבן אין אונדזער גייסטיקן אינגעווייד פּאָטענציעל גע־דויערט עקשנותדיק ביז זייער נייער אויפלעזונג, ד"ה ביז עס איז געקומען דער שעת הכושר און זיי זענען ביי אַנטשפּרעכנדיקע געשיכטלעכע באַדינ־גונגען ווידער אין אַ נייעם גלגול אויפגעשווומען אויף דער פלאַך פון אונ־דזער רייפן באַוווסטזיין.

אוודאי האָבן אין אונדזערע צייטן די יידישע מאַסן געגעבן העראָאישע געשטאַלטן, דערלייזונגס־מאַרטירער. די ווילנער גאָסן — ה י ר ש ל ע־ק ע ר ט, די וואַרשעווער — ב ר ו ך ש ו ל מ אַ ן און לעמבערגער — נ פ ת ל י ב אָ ט װ י ן. זייער מאַרטירערישקייט איז פון גאָר הויכן עטישן ווערט, ווייל זי איז קודם כל אַ ן אַ ק ט י װ ע. זיי האָבן גע־האַנדלט אין נאָמען פון אַן עפּנטלעך אָנגעקינדיקטן גרויסן דערלייזונגס־אידעאַל, וועמענס אָנהענגער זענען געווען אין אָרגאַניזירטן פּאָליטישן אָנגריף.

די לעצטע זעקס יאָר אָבער האָבן אונדז געשטעלט פאַר אַן אויסטער־לישן מאַסן־נסיון, פון וועלכן ס'איז נישט געווען קיין שום אויסוועג, אפילו ווען עמיץ וואָלט געשטרויכלט געוואָרן מיטן געפיל פון נאַציאָנאַלן פאַראַט. דאָס איז על פּי רוב געווען אַ דעטערמינירטער און באַגלייך פּאַסיווער הע־ראָאיזם, וואָס האָט פּאַרדאָקומענטירט די רשעותדיקייט פון דער הייִנטי־קער וועלט, סיי פון אוממיטלבאַרע מערדער און סיי פון די, וואָס האָבן זיך גלייכגילטיק צוגעקוקט צום שווידערלעכן ספּעקטאַקל. נישט ווייניקער איז דערמיט פּאַרפּיקסירט געוואָרן די אימאַנענטע טראַגישקייט, וואָס איז פּאַרוועבט אין עצם־פּאַקט פון אונדזער ביאָלאָגישער און ממילא אויך נאַ־ציאָנאַל־באַוווסטזיניקער אָנגעהעריקייט צום יידישן פּאָלק. דאָס אַליין האָט שוין פּאַר אונדז געטראָגן דעם אומאָפּרופלעכן נאַציסטישן גזר־דין פון טויט. די דאָזיקע זעקסיעריקע דייטש־באַרבאַרישע בלוט־אָרגיע מיט איר אַלגעמיין פּסיכאָלאָגישע אומשטענדן ווי אויך מיט דעם באַזונדערן אָרט רעאַגירן מצד די פּאַרפייניקטע, טרייסלט אויף אונדזער היסטאָריש באַ־וווסטזיין, וואָס זוכט אויף דעם שטח פון אונדזער פּאַרגאַנגענהייט אַן אָנ־קניפּונגס־פּונקט. און ס'איז נישט צו פּאַרלייקענען, אַז אין דאָזיקן מאָמענט ציט זיך עפּעס ווי פון זיך אַליין אַן אומזעבאַרער פּאָדעם צו יענעם פּונקט,

ווו ס'איז איבערגעריסן געוואָרן אונדזער נעפּלדיק אַמנון-מיינץ-געפּיל. מיר שפּירן בחוש, אַז דאָ קרייצן זיך צוויי באַזונדערע פאָרמען פון איין און דער זעלביקער גורל-געמיינשאַפט.

***

פאַר אונדזערע אויגן דערשיינט פּלוצים די וווּנדערלעכע שטאָט מיינץ אָדער ווי זי ווערט גערופן אין די יידישע ספרים מ ג נ צ א, די שטאָט פון וועלכער עס טראָגט זיך דער אַראָמאַט פון אַלט-יידישן שטייגער אין אייראָפּע. איינע פון די סאַמע עלטסטע און מיוחסדיקסטע קהילות אין אשכנזים־לאַנד, אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן דאָך יידן שוין געוווינט אין די צייטן פון דער רוימישער הערשאַפט און דערפירט זי צו מאַכט און פּראַכט; פונדאַנען האָבן יידן געפירט סחורות איבערן מיין און ריין.

במשך פון צענדליקער דורות, האָט דאָס יידישע מיינץ געבליט און אַנטוויקלט געוואָקסן אין שטייגער־אָרגאַניזאַציע, זיך געצייטיקט אין גדולה און געאיידלט אין תורה, דאָ האָט געווירקט דער גרויסער תלמודישער אויטאָריטעט ר' גרשום, וועלכער ווערט באַצייכנט ווי אַ „מאור הגולה". דאָ זענען געווען טעטיק גרויסע ישיבות אונטער דער אָנפירערשאַפט פון יהודה הכהן, אליעזר בן יצחק הגדול, יעקב יקיר א"א. דאָ האָבן געלעבט ליטורגישע דיכטער דערהויפּט פון דער באַגאַבטער משפּחה ק ל ו נ מ ס, וועלכע האָבן געשאַפן טיף-רירנדיקע סליחות, קינות און לירישע פּיוטים.

די דאָזיקע עיר ואם בישראל האָט געהאַט איר באַזונדערן פּאָליטישן גורל. ביי דער גאַנצער איינגעזעסנקייט האָט די דאָרטיקע יידישע באַפעלקערונג אַדורכגעלעבט אַ קייט רדיפות און נגישות. פון איין זייט האָט זי באַוויזן צו אָרגאַניזירן דאָס יידיש־געזעלשאַפטלעכע לעבן דורך קהילות און סינאָדן, וואָס האָט אירע איינוווינער שטאַרק צוגעבונדן צו זייער היימשטאָט. מיינצער יידן פלעגן זיך גרויסן, אַז זייער שטאָט איז, „די עלטסטע, פיינסטע און בעססטע צווישן אַלע קהילות אין לאַנד". פון דער אַנדערער זייט האָבן זיי אויף דער אייגענער הויט אַדורכגעלעבט די שווערייקייטן פון אַלע קרייץ־צוגן, וואָס זענען קודם כל געווען פאַרבונדן מיט שווערע גזירות, פּאָגראָמען, שרפות און גירושים.

אַפילו דער פרום-גלויביקער „מאור הגולה" איז אַרויס פון זעלישן גלייכגעוויכט און אַדרעסירט צום באַשעפער אַ פּאָר פרייע קלאַנג־ווערטער. אין זיינע „סליחות" קלאָגט ער זיך:

„מיר ווערן פאַרפאָלגט פון שווידערלעכע בלבולים, מיט וואָס האָבן מיר זיך פאַרשולדיקט, אַז אונדזער האָב און גוטס זאָל איבערגעגעבן ווערן אין די הענט פון רויבער. עס ציט זיך אַ קייט פון צרות, דער קומענדיקער טאָג איז טרויערדיקער פון דעם פאַרגאַנגענעם. דיינע אויסדערוויילטע, אַ גאָט, ווערן באַדרענגט דורך שונאים. בעת די רדיפות פאַרלאַנגט דער שונא אויף אַן אויסגעלאַסענעם שטייגער, אַז מיר זאָלן אָנשטאָט צו דיר גאָר זיך בוקן צו אַן אָפּגאָט. ביז ווי לאַנג נאָך זאָל איך נאָך פון מיין ענגעניש שיקן צו דיר תחנונים? דערהער מיך דאָך אין דיינע הימל־הייכענישן, דו, וואָס ביסט אַלמעכטיק."

דערביי איז פאַר יענער צייט אויפפאַלנד, וואָס גראָד די מיינצער יידן האָבן אַלע צרות אויפגענומען אויף אַן אייגענעם שטייגער. אָפטמאָל האָבן זיי געשטעלט אַ דויערהאַפטיקן ווידערשטאַנד דעם פיל שטאַרקערן שונא.

ווען די בלוט-העצער — די „פרומע" גייסטלעכע — האָבן בעת דער שוואַרצער מגפה אין יאָר 1349 אָנגערייצט גרויסע מחנות כוליגאַנעס שטראָפלאָז צו ווילדעווען איבער די יידישע גאַסן, האָבן די שוצלאָזע מיינ־צער יידן ביי אויסזיכטלאָזע באַדינגונגען אָרגאַניזירט אַ העראָאישע זעלבסט-פאַרטיידיקונג. אין דאָזיקן אומגלייכן קאַמף האָבן יידן אַרויסגע־וויזן אַ הייליקע פאַרביסנקייט, וועלכע האָט געבראַכט צוויי הונדערט טויט־טע מצד די אָנפאַלער. ווען דער העלדישער געראַנגל איז שוין פאַרן יידישן צד געוואָרן איינגאַנצן האָפענונגסלאָז, האָבן זיי באַשלאָסן לעבעדיקערהייט זיך נישט איבערגעבן דעם שונא. זיי האָבן זיך צוריקגעצויגן טיפער אין יידישן פערטל און אַליין אונטערגעצונדן די הייזער. און ווי די אַלטע פּנק־סאות גיבן איבער, זענען דעמאָלט זעקס טויזנט יידן אומגעקומען אין איי־גענע פלאַמען.

פונדעסטוועגן זענען אויך געווען אַזעלכע, וואָס האָבן זיך איינגע־בראָכן. צווישן זיי אַפילו רבנו גרשומס זון. בעתן פאַרטרייבן יידן פון מיינץ איז אַ טייל געווען געצוואונגען זיך צו שמדן. נאָכן אָפּשטעלן די רדיפות

האָבן זיי זיך אומגעקערט צום יידנטום, אָבער ר׳ גרשומס זון האָט זיך שוין נישט געוואָלט שיידן מיט זיין נייעם גלויבן. דער פאָטער איז נאָך אים געזעסן שבעה נישט זיבן נאָר פערצן טעג, ווייל דער זון האָט דאָך פארלוירןביידע וועלטן.

**
*

די לעצטע מיינצער פייער-צונגען האָבן פארשלונגען א ריזיקן אָפּשניט פארשידנאַרטיק פולסירנדיקן יידישן לעבנסשטייגער, וואָס האָט ארומגענומען איבער צוואַנציק דורות. די פלאַמען האָבן אויף שטענדיק איינגעזאַפּט דעם סוד פון די מיינצער טאָג־טעגלעכער יידישער ווירקלעכקייט און עד היום ווייסן מיר קנאַפּ־וואָס דערוועגן. איז עס דאָך געווען א צאָלרייכער קיבוץ, וואָס האָט זיך פילפאַרביק אויסגעלעבט. צי ווייסן מיר עפּעס וועגן ליד, מיט וועלכן דער דעמאָלטיקער בעל־מלאכה האָט באַגלייט זיין ארבעט? צי איז אונדז באַקאַנט דאָס שפּריכוואָרט, מיט וועלכן דער מיינצער ייד האָט אָפּגעשאַצט זיין לעבנס-גורל? איז צו אונדז דערגאַנגען דאָס רעטעניש מיט וועלכן ס׳צעשפּילט יידיש קינד האָט באמת פאַר זיך קלאָר מאַכן די ערשטע לעבנס-שוועריקייטן? וו זענען די פערזן אין וועלבע א פארליבט יידיש מיידל האָט ארייגעוויינט איר בענקשאַפט? ווו זענען די מגילות, וואָס זאָלן אונדז דערציילן וועגן יוגנט־בונטאַרישקייט? וואָס האָט אייגנטלעך באַגייסטערט די אויפשטענדלער קעגן די אָנפאַלער? ווער איז אין קאַמף געבליבן פעלזנפעסט און ווער האָט זיך איינגעבראָכן? — דאָס אַלץ בלייבט פאַר אונדז א סוד.

ערשט אין אָנהויב צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, בעת עס איז אין מיינץ אַדורכגעפירט געוואָרן די שטאָט-קאַנאַליזאַציע, האָט מען זיך אָנגעשטויסן אויף מאַכיקע שטיינער מיט טיפע איינשריפטן, וואָס דערציילן, אז די מאַסנהאַפטיק ארויסגעריסענע יידישע מצבות זענען פארנוצט געוואָרן ווי בוי־מאַטעריאַל פאַר הייזער. אַנדערע שטיינער־איינקריצונגען גיבן איבער, אז א געוויסער מיינצער פּרנס — אוים מורא, אז די כוליגאַנעס זאָלן נישט מטמא זיין די שול — האָט ער זי אייגנהענטיק אונטערגעצונדן און איז מיט זיין פאַמיליע פארצערט געוואָרן דורך די פלאַמען. וועגן נאָך ענ־

לעכע פאקטן דערציילן אונדז די „ריידעוודיקע" שטיינער. אָבער דאָס עיקר־דיקע בלייבט פאַר אונדז ווייטער פאַרהוילן.

היינט טראָגן מיר זיך במחשבה איבערן מיינצער יידישן קווארטאַל, מיר וואנדערן איבער די אויסגעלייגדיקטע יידישע גאַסן, זוכן שפּורן אויף דער הויפּט-שטראַסע, שפּאַנען אויף דער בעצעלגאַסע און פאַרהאַלטן זיך מיט נאָגנדיקער בענקשאַפט אויפן פלאַקסמאַרק. דאָס אויער ווערט אָנגעשפּיצט, כדי צו כאַפּן אין דער לופט דעם אָפּגעהילכטן „אמן" פון לעצטן מיינצער „קדיש". דאָ האָט אַמאָל געזשמעט אַ רייך־פונאַנדערגעצווייגט יידישלעך לעבן, לגבי וועלכן אונדזער היינטיקס איז דאָך אַן עוואָלוציאָנערער המשך. וואָס זעען מיר? — אין בלאַסן שיין פון דער אַפּערשווימענדיקער לבנה שטאַרצן אַרויס שפּיציקע מויערן, שטומע עדות פון אונדזער אומאויפגעקלערטן שיקזאַל, פון אונדזער פּערמאַנענטער עקדה, ווייטער גאָרנישט, גאָרנישט...

עס קומט עפּעס אויס ווי די קאָלירפולע פאַרגאַנגענהייט וואָלט אין איר באַגער זיך צונויפצושמעלצן מיט די קינפטיקע דורות — אָפּגעשיילט פון זיך אַלע דרויסנדיקע לבושים און זיך רק קאָנדענסירט אין אַ צענטראַל־פּונקט, וואָס ווערט סימבאַליזירט דורך ר' אמנון, וועמענס וויזיע איז אין חלום איבערגעגעבן געוואָרן דעם מיינצער מרא דאתרא — קלונמס בן משולם.

איבער אַלע אונדזערע צולאָזונגען און השערות ביים אַרויסבאַקומען שפּליטערן פון היסטאָרישן אמת שוועבט אויף די פאַרפּייניקטע ר' אמנון־פיגור, דאָס געשטאַלט פון „יודעוס אימאָרטאַלים". מיר זעען אים אַ גע־לייטערטן מיט מילדע בליקן, וואָס זאָגן אָן דער רשעותדיקער וועלט דור־רותדיקע „אהאספער"־עקשנות און ווייטערדיקן גלויבן אין אייגענעם קיום. להכעיס די פאַרפאָלגער פּריידיקט ער אומגעבראָכענעם גלויבן אין מאָרגנ־דיקן טאָג. מיט פאַרקוילטע לעפצן פליסטערט ער די ווערטער: „און מיר וועלן דערציילן דעם הייליקייטס־כוח פון טאָג..."

ר' אמנון איז מיט העראָאישער בראַוווּר בייגעשטאַנען דעם פּייַנפולן נסיון, פאַר וועלכן ס'האָט אים געשטעלט דער ערצבישאָף. אַ שווער-גע־פּרוווטער איז ער אַרויס גליקלעך.

— ב —

מיר באַווייזן קוים איבערצוכאַפּן דעם אָטעם ווי עס שפּאַרן אונדז שוין געדאַנקלעך די וואַרשעווער גאַסן. ס'איז קלאָר, אַז דער יידישער קיבוץ אין פּוילן איז אויסגעוואַקסן אין אַ סלאַווישער אַטמאָספער, וואָס אונטערשיידט זיך גרינטלעך פון דער דייטשיש־שטייפער גע־אָרדנטקייט און גערמאַנישער ברוטאַלקייט הן לויטן זאַנפטן געמיט, הן לויטן אימפּולסיוון באַנעם. להיפוך דער דייטשישער סיסטעמאַטישער רו־בריצירטקייט שווימט דער סלאַווישער באַנעם אַריבער די פּלאַנמעסיק־איינגעשטעלטע געקעסטלטקייט. ס'איז נישטאָ יענע פּרייסיש קאַלט־גע־סדרטע אויסגערעכנטקייט. דער סלאַווישער אָנגריף איז דורכאויס ווייטיק־לעך, אָבער נישט דויערהאַפטיק. ער איז גיכער העפטיקער ספּאַזם. ער פלאַקערט אויף ווי אַן אונטערגעצונדן בינט שטרוי און לעשט זיך געשווינד אוים. די פּוילישע־פּאַרחלומטע ראָמאַנטישקייט האָט בלי ספק אויף איר שטייגער געווירקט אויף די אייגנאַרטיקע געמיט־פאָרמירונגען פון פּוילישן ייד, וועלכער איז מיט אַן ערך טויזנט יאָר ייִנגער פון מייִנצער ייד. אוודאי האָט נישט די רחבותדיקע וואַרשע די מייִנצער זקנה־קנייטשן. זי איז נישט קיין גאָר אַלטע קהילה אין מערב־אייראָפּעאישן פאַרנעם. עס זענען אין פּוילן געווען אַ סך עלטערע קהילות, וואָס האָבן אַ פיל גרעסערע שייכות צו אַלט־פּוילישער יידישקייט. פונדעסטוועגן איז אין לעצטן יאָרהונדערט וואַרשע געוואָרן דער פּולבלוטיקסטער אויסדרוק פון פּוילישן יידנטום.

וואַרשע איז קודם כל געווען אַ גרויסער ווירטשאַפטלעכער צענטער; אַלע פּראָווינץ־קאַנאַלן האָבן געפירט צו איר, אויך די יידישע קולטור־שטראָמען פון גאַנצן לאַנד האָבן זיך געקרייצט אין וואַרשע, וועלכע איז מיט דער צייט געקרוינט געוואָרן ווי אַ פּולסירנדיקער מיטלפּונקט פון יידיש־געזעלשאַפטלעכן לעבן.

וואַרשע האָט אויף איר רוקן נישט געטראָגן קיין אַלט־דורותדיקע ירושה, איר לעגיטימאַציע איז נישט זכות אבות, נאָר יחוס עצמה. אַרום איר האָט זיך געזאַמלט אַלץ, וואָס איז אויפגייענדיק און שעפעריש, אין דער דאָזיקער שטאָט האָבן געלעבט און געווירקט דער אַלטער בערג־

סאַן און די מיוחסת טעמערל (די באָבע פון פילאָזאָף אנרי בערג־סאָן). בערעק יאָסעלעוויטש, דער חידושי הרי״ם, בעריש מייזעלס, לודוויק נאטאַנזאָן, י. ל. פּרץ, נחום סאָקאָלאָוו, בראָניסלאַוו גראָסער, ברוך שולמאַן און ביינוש מיכאַלעוויטש.

וואַרשע האָט געהאַט איר אייגנאַרטיקן קאָלאָריט, באַחנטע יונגקייט און פרישקייט, זי איז נישט געווען משועבד צו קיין פאַרגליווערטע טראַדיציעס, נאָר אַליין כסדר געשאַפן נייע טראַדיציעס פאַר די קינפטיקע דור־רות. אַלץ, וואָס זי האָט געטאָן האָט זיך באַזירט אויף מאַסנהאַפטיקער מיטווירקונג; אומעטום איז געקומען צום אויסדרוק דער קול המון. אין דער פּרץ־לויה האָט זיך באַטייליקט אַ הונדערט טויזנט קעפּיקער עולם. ש. אַנ־סקים „דיבוק״, י. ל. פּרצעס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק״ און שלום אשס „קידוש השם״ זענען אין די וואַרשעווער יידישע טעאַטערן געגאַנגען ביי פולגעפּאַקטע הייזער אָן איבעררייס צו עטלעכע הונדערט מאָל. די ער־שטע מאַי־צוגן פון די יידישע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן תמיד צו־געצויגן ריזיקע אַרבעטס־מאַסן און ראַדיקאַלע אינטעליגענץ. יעדע פּאָלי־טישע אַקציע, סיי ווי אַ פּראָטעסט קעגן באַגרעניצונגען, סיי ווי אַ מאַני־פעסטאַציע פאַר אַ פּאָזיטיווער דערשיינונג האָט זיך שטענדיק באַגעגנט מיט אַ האַרציקן מיטגעפיל מצד דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג.

אוודאי איז וואַרשע נישט געווען פריי פון דלות און נויט, פונדעסט־וועגן איז געווען רירנדיק דער פאַקט, וואָס אין סאַמע געדיכטן הו־הא האָט זיך פלוצים אָפּגעשטעלט אַ פאַרשמייעטער קרעמער, אָדער אייַלנדיקער בעל־מלאכה געפּאַנגען דורך דעם צעזונגענעם אויסרוף: „האָט׳ס רחמנות, יידי־שע קינדער!״

***

פאַר אונדזערע אויגן דערשיינען איצט די ליבע וואַרשעווער גאַסן אין זייער אמאָליקער אַטמאָספער בעת זיי האָבן נאָך געאָטעמט מיט לעבנס־פולקייט און לגמרי נישט פאַראויסגעפילט זייער נאָענטן ביטערן סוף.

אָט שפּאַנען מיר אויף דער טוואַרדע־גאַס איבער די האַלב־צעשפּאַל־

טענע טראָטואַרן; אומעטום „אָפּגעשינדענע“ הייזער באַהויכט מיט אַלט־נגידישן שימער, ברייט־בערדיקע יידן אין אָפּגעטראָגענע קאַפּאָטעס און אויסגעריבענע קאַשקעטן, אָפּגעקומענע סוחרים, יורדים, וואָס קענען שוין נישט מיטהאַלטן די ראַשע טריט פון דער צייט. זיי האַלטן אין איין דער־מאָנען „יענע“ גוטע צייטן, וואַרפן קרומע בליקן אויף די אַרומיקע, אויף־געקומענע און בלאָזן זיך אין אומגעשטילטער גאווה.

די באַוועגונג אויף טוואַרדע איז ס'רוב אַ געדעמפּטע, פאַמעלעכדיקע, דער האַנדל איז דאָ אַ שטילער, בנעימותדיקער אָן באַזונדערן איינגרייסע־רישן געפּילדער; אַט אַזוי זיך „אַבי צו לעבן“. כמעט אין יעדן הויף — אַ שול, בית־המדרש, און אַ חסידים־שטיבל. אין די פרימאָרגן־שעהן באַ־געגנט מען כסדר יידן מיט טלית־ און תפילין־זעקלעך אונטערן אָרעם, פון די אָפענע פענצטער טראָגן זיך גמרא־ניגונים פון ווילקענעוודיקע קעסט־איידעמס, וואָס „פּאַרקלינגען“ די גאַס מיט תורה, פון שכנותדיקן הויז ענטפערט אַ כאָראַלער קינדער־געזאַנג פון דער יידישער־וועלטלעכער פאָלקס־שול:

אַ יום־טוב מאַכט אויף אַלע מערק
און פייערן צינדט אָן אויף בערג
און דרייסט און זיכער יעדער טראָט
מיר קומען אָן פון דאָרף און שטאָט
מיר קומען אָן!
מיר קומען אָן!
מיר קומען אָן!

די דאָזיקע צוויי קאָנטראַסטירטע „ניגונים“ פלעכטן זיך שווערלעך, עפּעס ווי אַ געראַנגל צווישן אַן אונטערגייענדיקער און אויפגייענדיקער וועלט. זיי בלאָנדזשען אָפּגעריסן איבער דער טוואַרדע־לופט און קענען זיך נישט צונויפגיסן האַרמאָניש. אין אַלגעמיינעם געמיט־אויסדרוק פון דער דאָזיקער גאַס איז דער „מיר קומען אָן!“ בלויז אַ פאַרביקער אָנזאָג. אין תוך אָבער איז די זעלביקע גאַס טיף איינגעוואָרצלט אין יידישלעכער אַלט־געזעסנקייט און איז דערווייל נישט מסוגל צו גרויסער איבערקערערישקייט.

קיין שום גאס איז נישט אזוי „באזעצט" מיט אָרעמעלייט ווי די טוואַרדע; עס ציט זיך אַ רייע בעטלער, וואָס קומען אין די מאָגער-געפולטע קראָמען נאָך „זייער" רעגולערן נדבה-גראָשן. בכלל איז טוואַרדע אַ גאַס, וואָס זאָרגט שטאַרק פאַר עולם הבא. דאָ וווינען אַ סך נשים צדקניות, וואָס פאַרזאָרגן אָרעמע כלות מיט נדן, יתומים מיט אַ העמד, אַרעסטאַנטן מיט כשר עסן, קינדערלאָזע מענטשן מיט געדונגענע קדיש-זאָגערס אד"גל.

צוקאַפּנס פון דער „איידעלער" טוואַרדע שניידט זיך אַריין דער „פּראָסטער" ג ז ש י ב אָ וו. אַ גרויסער פּלאַץ אַרום אַ נעבעכדיק סקווערל אָנגעפילט מיט שווער געלאָדענע פורגאָנעס אייזן. אַ מענגע אויס־געהאָרעוועטע טרעגערס און בעלי־עגלות אין צעצויטענע וואַטענע שפּענ־צערס מיט פאַרקאַטשעטע אַרבל איילן פאַרשוויצט אַהין און צוריק, שלעפּנ־דיק מיט בלוט-באַאָדערטע הענט גרויסע משאות. זיי שרייען זיך איבער מיט רוי-געשפּאָלטענע קולות הלמאי מ'פאַרטיקט זיך נישט אָפּ גיכער, ווייל ווער ווייסט צי זיי וועלן „זדאַנזשען" אַהיים. אינעווייניק אין רוישיקן סקלאַד דינגט זיך דערווייל דער פּראָווינצער קונה מיטן וואַרשעווער מוכר וועגן טערמינען פון די וועקסלען.

אין אַ ווײַלע אַרום געפינען מיר זיך שוין אויף טלאָמאַצקע און לעש. די דאָזיקע גאַסן זענען כמעט אויסגעטאָן פון מסחר-גרויקייט. זיי זענען עפּעס פאַרמשכנט צום איינציקן שבתדיקן טאָג. אין וואָכעדיקע טעג זענען זיי „אַרבעטסלאָז" און באַקומען זייער תיקון ערשט אין אַ יום-טוב, אָדער יומא דפגרא. טלאָמאַצקע איז געניינט צו „מאָדערנקייט". דאָ געפינט זיך די גרויסע יודאַאיסטישע ביבליאָטעק, יודאַאיסטישער אינסטיטוט און די טלאָמאַצקע סינאַגאָגע, וועלכע איז אין ימים נוראים איבערפולט מיט באַ־צילינדערטע „מאָזאַאישע" יידן, וואָס קומען אַהער פון „יענע" רייכע גאַסן. די דאָזיקע דריי אינסטיטוציעס דערגאַנצן זיך געמיינזאַם.

האַרט ביי דער „אויפגעפּרישטער" טראַדיציאָנעלער יידישקייט הויזט אָן אַ וועלכער ס'איז בולטער גרעניץ — די נייע יידיש-וועלטלעכע קול־טור, וואָס שטאַמט נישט פון „אויבערשטער" שטייפער ממלכת כהנים, נאָר פון דער „אונטערשטער" היימישער פאָלקס-שטוב. ס'איז דעריבער נישט צו פאַרדאַמען וואָס גראָד לעם דער סינאַגאָגע געפינט זיך דער יידישער

ליטעראַטן־פאַריין, דער יורש פון אַמאָליקן „הזמיר“, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן דורך פּרצן און דינעזאָן. דאָס איז די היים פון יידישן שרייבער, וואָס איז באַגלייך די גייסטיקע היים פון יידישן פאָלקס־אינטעליגענט. במשך פון צענדליקער יאָרן זענען די גרויסיקע זאַלן פון ליטעראַטן־פאַריין געווען פאַר די ברייטע שיכטן יידישע לייענער, דאָס באַליבט אָרט פון גייסטיקן געניס, פון דער ליטעראַטן־טריבונע, זענען געהאַלטן געוואָרן פאַר־לעזונגען וועגן אַלע וויכטיקע געשעענישן אין יידישן קולטור־לעבן. דאָ האָט מען זיך פּערזענלעך געטראָפן מיט יידישע שרייבער, קינסטלער, שוי־שפּילער, וויסנשאַפטלער, פּאָליטיקער און קולטור־טוער פון אַלע יידישע קיבוצים אויף דער גאָרער וועלט. דאָ האָט אַ פאַרחלומטער בחור פון דער פּראָווינץ געבראַכט אויף מבינות זיינע ערשטע דיכטערישע פּרוון.

אַ פּאָר שפּאַן און מיר שטויסן זיך אָן אויפן בנין פון „צענטראַל“־טעאַטער. אויף דער דאָזיקער סצענע האָט מען במשך פון לאַנגע יאָרן ביי פולגעפּאַקטע זאַלן אויפגעפירט די בעסטע זאַכן פון יידיש־דראַמאַטישן רעפּערטואַר. דאָ האָט מען געשליפן דעם קלאַנג פון יידיש־קינסטלערישן וואָרט.

אַקעגנאיבער זעט זיך דער יידישער אַרטיסטן־פאַריין, וואָס איז באַ־קאַנט מיט זיינע טומלדיקע צוזאַמענפאָרן. יעדער צוזאַמענפאָר איז געווען אַ פאַרשיידנפאַרביקער קיבוץ גליות פון שוישפּילער, וועלכע שטאַמען פון פּוילן, רומעניע, ווייסרוסלאַנד, צפון־אַמעריקע און אַרגענטינע, זיי אַלע פאַרייניקט די אומבאַהערשטע ליבע צו דער אויף מאַמע־לשון אַרויסגע־הויבענער סצענישער קרעאַציע.

צו מיידן עטלעכע הייזער און מיר האָבן פאַר זיך די פּאָפּולערע „גראָ־סער־ביבליאָטעק“, אין וועלכער ס'שלענגלט זיך שטענדיק אַ לאַנגע רייע יוגנטלעכע אַרבעטער, וואָס זענען געקומען נאָך אַ „פריש“ יידיש בוך. בשכנות — אַ גרויסער לייען־זאַל געפּאַקט מיט אַרבעטער־לייענער. אַקעגנ־איבער — דער לאָקאַל פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע, וועלכע פירט אָן מיט דער אַרבעט פון די יידיש־וועלטלעכע שולן אין פּוילן. דאָרט באַגעגנט מען פּראָווינצער שול־טוער, וואָס זענען געקומען אין דער רעזידענץ דערליידיקן דרינגלעכע שול־ענינים.

אַרויפצוציען — דער פאַרלאַג „קולטור־ליגע“, וואָס האָט זיך רייך פאַרשריבן אין דער געשיכטע פון מאָדערן יידיש פאַרלאַג־וועזן.

רעכטס — דער זייער פּאָפּולערער „פאָלקס־אוניווערסיטעט“ ביי דער זעלביקער „קולטור־ליגע“, וועלכער האָט אין לויף פון צענדליקער יאָרן געפירט אַ סיסטעמאַטיש־פּעדאַגאָגישע אַרבעט. טויזנטער אומגעבילדעטע אַרבעטער זענען פון דאָרט אַרויס באַוואָפנט מיט וויסן. באַזונדער האָבן זיך קונה שם געווען די מאַסנהאַפטיק־באַזוכטע פרייטיק־צו־נאַכטיקע „אָפענע פאָרומס“, וועלכע האָבן אין אַ פּאָפּולערער פאָרם באַהאַנדלט די וויכטיק־סטע אַקטועלע געשעענישן.

פּאַראַלעל צו לעש די געדיכט־באַפעלקערטע גאַסן נאָוואָליפּיע, נאָ־וואָליפּקי און דזשעלנע, דערהויפּט באַוווינט דורך יידישע בעלי־מלאכות און אַרבעטער. די דאָזיקע לאַנגע גאַסן בילדן צוזאַמען אַן אומענדלעכן וואַרשטאַט. אויסנווייניק פירן זיי אַ צוגעניצטן שטייגער, ווען מען קומט דאָ אָבער אַריין אין אַ וועלכן ס׳איז הויף, ווערט מען באַלד „מיטגעריסן“ מיט דער אייגנאַרטיק „קאָמבינירטער“ מוזיק, אין וועלכער ס׳הערט זיך האַמער־קלאַפּ, מאַשינען־גערויש, העבעל־געוויין, זעג־געשריי, רעגולערער גרילץ פון אַ שטריק־מאַשין אד״גל. די דאָזיקע שוויץ־וואַרשטאַטן באַזאָרגן ס׳גאַנצע לאַנד מיט מעבל, מלבושים, וועש, שיך, לעדער־גאַלאַנטעריע, טריי־קאָ־אויסאַרבעטונגען, שטיקערייען, גאַרדינען אד״גל. דאָ איז געשטאַנען ס׳וויגעלע פון דער יידיש־רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. מיט זיי זענען גייס־טיק פאַרבונדן דאָס פּייכט־גרויע סטאַווקי־געסל און קרוע־בלועדיקע ניזקע, דער צענטער פון דער יידיש־בונטאַרישער אָרעמקייט.

וויפל האַרציק געלעכטער האָט צווישן יידישן עולם אַריינגעבראַכט דאָס פאָלקסטעאַטער „סקאַלאַ“ אויף עק דזשעלנע און דזשיקע. פון דאָרט זענען איבער דער פּאַוויע, סמאָטשע, דזשיקע און אַנדערע גאַסן הילכיק צעזונגען געוואָרן לייכטע קופּלעטן, „איך האָב זיך אַריינגעדרייט, ווי דרייט מען זיך אַרויס“. זיי האָבן אויף אַ ווײַלע „פאַרזיסט“ ס׳ביטערע לעבן פון גרויען פאָלקסמענטש.

פון אַרבעטער־קוואַרטאַל טראָגן מיר זיך פאַמעלעך איבער אין האַנדל־צענטער — די נ אַ ל ע וו ק ע ס. דער מאַשינען־גערויש ווערט גלייך

פאַרביטן אויף „איינרייסערישן” מסחר־געפילדער. דער דאָזיקער רשות הרבימדיקער זאַמלפונקט פון יידישער רירעוודיקייט און המצאה איז טעריטאָריעל איינגעפרעסט צווישן צוויי סקווערן — דער ערשטער ביי די „קראַמי נאַלעווקאָווסקע”, דער צווייטער אויף מוראַנאָוו. צווישן זיי ציען זיך צוויי שורות בייכיקע הייזער געדיכט באַהאָנגען מיט פאַרשידנפאַרביקע שרייעדישע שילדן. אומעטום גרויסע ענג־געפּאַקטע סקלאַדעס, וואָס זענען מיט גאָרנישט ענלעך צו די ליידיקע פּאַליצעס פון דער אָפּגעקומענער טוואַרדע, נאָר יוירן ממש פון שפע.

די נאַלעווקעס זענען יוסט אין זייער אָנגעלאָדנקייט, זיי נאַרן נישט אָפּ דעם דורכגייער רק מיט אַן „עפעקטפולן” פראָנט. זיי האָבן זיך אויך נישט צו פאַרשעמען מיט זייער „הינטערלאַנד” ד״ה מיט די הייף. יעדער הויף אויף די נאַלעווקעס איז אַ מלוכהלע פאַר זיך מיט אַן אייגענעם קלימאַט. ר׳האָט זיין איינגעפירטע בראַנזשע, שטענדיקע קונים און דערהויפּט אַן אייגענעם פאַרהאַנדלונגס־גערויש, וואָס אונטערשיידט זיך גרינטלעך פונעם געטומל אין שכנותדיקן הויף.

דאָ איז דער הויפּט־שפּייכלער פונוואַנען מ׳פירט פונאַנדער סחורות איבערן גאַנצן לאַנד. דאָ אַרבעטן אויס חריפותדיקע קעפּ כלערליי קאָמבינירטע טראַנזאַקציעס, וואָס פאַרבליפן נישט איינמאָל מיט זייער שאַרפער אויפטוערישקייט.

בדרך כלל ליידן די נאַלעווקעס אויף מאַנגל פון שטח, מ׳איז שטאַרק צונויפגעקוועטשט. די טראָטואַרן זענען געדיכט „באַשפּאַנט” מיט קויפער און פאַרקויפער, צומערסט פראָווינצער יידן, וואָס רעדן אויף אַלערליי יידישע דיאַלעקטן. מחמת ענגשאַפט גייט מען נישט, נאָר מ׳שטופּט זיך, מ׳ריקט זיך ווי פיגורן אויפן שאַכברעט.

ס׳ליגט אין דעם אפשר יידיש־היסטאָרישער גורל, וואָס די אויבנאויפיק דורכאויס מאַטעריאַליזירטע נאַלעווקעס לעבן זיך גאָר בעצם אויס אין אַ איראַציאָנאַלן ריטם. מ׳אָפּערירט מיט הוילע אבסטראַקציעס נישט האָבנדיק קיין אינערלעכע באַציאונג צום מסחר־קעגנשטאַנד גופא. „יאַך דאַרף נייטיק האָבן שטרויזפעדערן? יאַך דאַרף האָבן פינוסע”. אַן עולם־הדמיונדיק געפלעכט צווישן „זיין” און „שיין”. צווישן די פיגורן אויף

דעם נאַלעווקער שאַכבערעט איז פאַראַן אַן עודף פון לויפערס, וועמענס טבע איז דאָס איבערהיפערן. די האָריזאָנטאַלע ליניע איז באַשרענקט, וואַקסט מען דעריבער שפּילעוודיק אויס ווערטיקאַל.

אויף אַ גראָטעסק־שטייגער באַוועגן זיך די מעקלערלעך־איבערשפּרינגער, וואָס נישטערן כסדר אַ פאַרדינסטל, צי מ׳קען זיך יאָ, צי מ׳קען זיך נישט, פאַרטשעפּעט מען אין גאַנג יעדן צופעליק אַנגעטראָפענעם דורכגייער. אַזוי מיר־נישט דיר־נישט וואַרפט מען זיך איבער מיט קאַרגע ווערטער אין טעלעגראַפן־נוסח:

— פעטער, איר זייט אַ בעלן?
— ווי טייער?
— נישט מינער ווי מיט אַכציק.
— ס׳מסחר איז נישט פאַר מיר.

מ׳צעגייט זיך מיט גאָרנישט.

דער אָפּגאָט פון די נאַלעווקעס איז ס׳ וו ע ק ס ל. דאַכט זיך, אַז איבער קיין שום דאָקומענט אויף דער וועלט האָבן נאַלעווקער סוחרים נישט אַזוי פיל זיך געוויצלט ווי איבערן וועקסל, וואָס מאַכט דורך אַ רייע גלגולים ביז „ס׳דערפאַרט״ צום אומפאַראויסגעזעענעם סוף. פונדעסטוועגן זעט מען דאָ כסדר פאַרשמייעטע יידן, וואָס האַלטן אין איין זוכן אַ גמילת חסד אויף צו צאָלן ס׳וועקסל, אָדער לויפן אין באַנק און פרעגן צאַפּלדיק צי דער קונה האָט עס „שוין״ אויסגעקויפט. ס׳איז טשעקאַווע צו וויסן, צי דער קונה בלייבט ווייטער קונה אָדער ער איז שוין אַן אָפּגעשלאָגענע הושענה.

ס׳איז ממש צו שטוינען ווי די זעלביקע „איינרייסער״ און דורכגעטריבענע סוחרים טרעפן זיך אין אָוונט אין דער ליטווישער חברה ש״ס, נאַלעווקי 39. צוהערנדיק זיך צו די „באַטעמטע״ רייד פון מגיד „משה ידבר״, ווערן די נאַלעווקער „פוקסן״ פאַרוואַנדלט אין קינדער, וועלכע גלויבן בתמימות אין די „תכליתדיקע״ רייד, וואָס ער טראָגט זיי פאָר. אוודאי איז דאָ געמיינט אַן אַנדערער „תכלית״ אַ העכערער... דאָ רעדט נישט גלאַט אַ פּוילישער דרשן, עפּעס אַ קליינשטעטלדיקער צלאָפּ, נאָר אַ גע־

בראַטענער ליטוואַק, אַ צלם־קאָפּ, וואָס „זאָגט" מיט דורכדרינגלעכן ניגון און שאַרפן „סין" אויף „פּאָליטישע" טעמעס:

— מורי ורבותי — קנעלט דער מגיד מיטן עולם — די גרויסקייט פון אונדזער תורה איז גאָרניסט אויסצודערציילן, דאָס איז אַ זאַמיעצאַטעלנע אַמוניציע, מיט וועלכער מיר נעמען איין די וועלט. צו וואָס דאַרפן מיר באָמבעס, צו וואָס גראַנאַטן, אַז צום ערשטן פייער־פראָנט האָט אונדז דער רבש"ע געגעבן דריי גרויסע סראַפּנעלן: „בבע קמא", „בבא מציעא" און „בבא בתרא", וועלכע זענען מסוגל צו ספּאַסאַיען די וועלט פון אונטערגאַנג.

טראַכט זיך נאָר, רבותי, גוט אַריין אין ענין און עס וועט אייך ווערן יאַסנע. די וועלט לעבט אין איין טויט־סרעק, באַסער מ'האָט בסדר מוראַ פאַר אַ מלחמה. וואָס איז אַזוינס מלחמה? מלחמה זנאַציט, אַז צוויי מלכים האָבן זיך אָנגעבלאָזן און איינגעספּאַרט. איינער טענהט, אַז די גאַנצע לאַנד געהער אים, און דער אַנדערער טענהט, אַז זי געהער נאָר אים. קען מען צווישן זיך ניט אַדורכקומען און מ'פאַרגיסט בלוט. קומט צוגיין „בבא מציעא" און זאָגט: „סנים אוחזין בטלית", ווען צוויי אַמפּערן זיך איבער אַ לאַנד, יעדער טענהט כולה סלי! אַז די גאַנצע לאַנד געהער נאָר אים, און ניט דעם צווייטן, מוז מען געפינען אַ וויכאָד, אַז ביידע צדדים זאָלן זיין צופרידן ד"ה ויחלוקו — דיר ביז אַהער — מיר ביז אַהין. און ס'וועט זיין סלום אויף דער וועלט. און אויב ס'איז פאַראַן נאָך אַ גרויסער ספק המוטל בספק גדול, וואָס לאָזט זיך נישט רעסען אויפן אָרט, איז אויך נישט קיין אומגליק. צו וואָס זיך איילן און דערפירן ח"ו צו ספיכת דמים. זאָל מען עס בעסער אָפּלייגן אויף ספּעטער, יהא מונח עד סיבא אליהו.

ווייטער ווייזן מיר, אַז ווען צוויי מלכים פאַרנעמען אַ פרעמדע לאַנד און ווילן דאָרט אויפבויען אייגענע אוצרעזשדיעניס, ברעכט ס'רוב אויס אַ מחלוקה. אי די מלכים אַמפּערן זיך אי דער באַזיגטער נאַראָד בונטעוועט זיך, ווייל דאָס איז פרעמד די אָרטיקע פאָלקס־מנהגים. קומט צוגיין די „בבא בתרא" און זאָגט, אַ ווען „הסותפין לעשות מחיצה בחצר אאז"וו דאַרף מען זיך דורכאויס רעכענען מיטן ווילן פון נאַראָד און גאָרניסט טאָן כנגד זיין רצון, ווייל „הכל כמנהג המדינה"... אַזוי אַרום וועלן די מלכים

זיך אומזיסט ניט אָפּעסן די האַרץ און דער נאַראָד וועט זיך נישט בונ־טעווען...

לסוף רעדט דער מגיד נאָך מיט גרויס פייער וועגן אַנטשעדיקונג ד"ה וועגן קאָנטריבוציע. שטיצט זיינע „פרידלעכע" אויספירונגען אויף „בבא קמא". ער אילוסטרירט עס מיט „ארבעה אבות נזיקין" און פאַרענדיקט מיט „דחב המזיק לשלם תשלומי נזק במיטב הארץ".

אַלץ ווערט באַלד „קלאָר" און „פאַרשטענדלעך". דער עולם, וואָס האָט במשך פון טאָג געקערט אַ וועלט, איז איצט אינגאַנצן „אַנטוואָפנט", מ'שאָקלט מיט די קעפּ און מ'באַמקעט־צו דעם מגיד: „ס'איז דאָך טאַקע אַזוי", „ער טענהט נעבעך ערלעך" אד"גל.

אין שכנותדיקן הויז קומט גלייכצייטיק פאָר אַ פאַרזאַמלונג פון דער יוגנטלעכער סאָציאַליסטישער „ארקאדי־גרופּע", וואָס באַשטייט פון גע־וועזענע ישיבה־בחורים, וועלכע האָבן די ישיבה פאַרביטן אויף אַ וואַר־שטאַט. זיי האָבן פאַרלאָזט די „בבא קמא" און זיך גענומען צו מאַרקס „קאַפּיטאַל". אויף דער טריבונע שטייט דער אויסגעוווּקטער חבר אריה, אַ געוועזענער בית המדרשניק, און רעדט מיטן זעלביקן מגידישן פייער, אָבער שוין נישט וועגן „השור והבור והמבעה", נאָר וועגן דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם ווי אַ גרויסן דערלייזונגס־אידעאַל אד"גל. ער וויל נישט „ספּאַסאַיען" די וועלט מיט „פרידלעכע" מיטלען, נאָר רופט צו דויער־האַפטיקן געראַנגל מיט דער פינצטערניש און האַרטנעקיקן קאַמף פאַר אַ נייער גערעכטער וועלט. די יוגנטלעכע צוהערער ווערן נישט איינגעשלעפט מיט קיין „זיסע רייד", באַמקען נישט צו די „ערלעכע טענות", זיי ווערן נישט אַנטוואָפנט, שאָקלען נישט תמימותדיק מיט די קעפּ; זיי ווערן אָנ־געצונדן און ביילן פויסטן.

***

דאָס יידישע וואַרשע האָט אירע פּילצאָליקע בתי־תפילה, קאָר־שולן, חסידים־שטיבלעך, ישיבות, יידיש־וועלטלעכע שולן, מיטלשולן, אָוונט־קורסן, פאָלקס־אוניווערסיטעטן, ביבליאָטעקן, תרבות־שולן, חלוצים־פאַ־ריינען, ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס אד"גל אין וועלכע מ'דערציט — יעדער

אויף זיין שטייגער — דעם אונטערוואַקסנדיקן דור. חוץ דעם זענען פאַראַן פּראָפעסיאָנעלע פאַריינען, ווירטשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס, געזעלשאַפט־לעכע קלובן, אַרבעטער־היימען, כאַריטאַטיווע אינסטיטוציעס. איבער די וואַרשעווער יידישע גאַסן זענען צעשטעלט הונדערטער צייטונגס־שענק־לעך, באַהאַנגענע מיט אַ בונטן וואַכליער פון צען וואַרשעווער יידישע טאָג־בלעטער און זעקס ליטעראַרישע וואָכנבלעטער פון אַלע ריכטונגען ד"ה פון דער „אגודה" ביז „בונד" און קאָמוניסטן.

אָט דער שלל פון דרייסיק דורותדיק איינגעפונדעוועט יידיש לעבן אין פּוילן, באַזירט זיך אויף אייגענעם מאַטעריעלן און גייסטיקן כוח. דורך די אויסגערעכנטע אַנשטאַלטן קומט צום אויסדרוק דאָס איינגאַרטיקע פּרצוף־פּנים פון דינאַמישסטן יידישן קיבוץ אויף דער גאַרער וועלט.

***

איז אָבער געשען אַ בייז וווּנדער פון שקיעת החמה כהרף עין; איבער דעם צעבליטן יידישן לעבן אין פּוילן איז די זון פּלוצים אונטערגעגאַנגען. פון מערב־זייט האָט זיך אַריינגעריסן די ציוויליזירטע חיה און אָנגעהויבן נישטערן און פאַרצוקן. הערט און שטוינט נישט! ביים צוקוקן זיך פון דער גאַנצער וועלט איז אַן אַלט פאָלק געגאַנגען געאַרעמט אין די קאַלכ־אויוונס.

איז די „וויאַ דאָלאָראָזאַ" פון וואַרשעווער ייד נישט קיין גראַדוווי־ריקע; לויטן שטח איז דער וועג פון די נאַלעווקעס קיין טרעבלינקע אַ קור־צער, אָבער לויט די חבלי מיתה, אַ לאַנג־לאַנגער און זיג־זאַגיקער. לכתחילה האָט מען גענומען דעם יידן „אַנטמענטשן", צונעמען ביי אים די צורת אדם, מ'האָט אויפגעפּראַלט די טירן פון אַלע זיינע טעמפּלען און די היי־ליקייטן אַרויסגעוואָרפן אויפן מיסט. מיט אַ באַזונדערער פּערפידיע האָט מען אין אים געלעסטערט דאָס פיינטעלע מענטש, מ'האָט אים געשענדעט און באַשפּיגן, ער האָט נאָר הילפלאָז געענטפערט מיט אַ קללה, אַ צע־דרויבטער און צעשמעטערטער האָט ער געווענדעט זיין בליק צום הימל און ווייטיקלעך געשעפּטשעט „שפוך חמתך!"

שיינט דאָך פאַר אונדז אויף ס'געשטאַלט פון הרב צבי יחזקאל מי־

בעלזאָן, וועלכער איז אויף דעם אַליאַרם־רוף נישט אַראָפּ אויף דער גאַס, בכדי צוזאַמען מיט אַלע גיין צו דער שחיטה, נאָר איז איינער אַליין געבליבן ביי זיך אין הויף אויף פּאַנסקע. אָנגעטאָן אַ קיטל, טלית און תפילין און אָנגעהויבן הויך זאָגן וידוי ביז אַ דייטשישער שאָס האָט אים אומגעוואָרפן. פּונקט ווי ר׳ עקיבא האָט ער בעתן אויסהויכן די נשמה געאיינציקט גאָטס נאָמען.

הער איך זיך צו צו דעם, וואָס מען דערציילט וועגן זקן הסופרים ר׳ הלל ציי טלין. בעת דער „אַקציע" איז דער דאָזיקער מקובל מוטיק געגאַנגען צווישן עולם, מיט זיין הויכן וווקס, פּאַטריאַרכאַלן אויסזען און שטאָלץ געהויבענעם קאָפּ, האָט ער ביי די אַרומיקע געוועקט אַכטונג צו זיך. ער האָט זיינע מיטגייער כסדר געמונטערט: „יידן, מ׳דאַרף זיין ראוי אומצוקומען על קידוש השם".

איז מיר צום האַרצן די לעגענדע וועגן גלויביקן דיכטער ישראל שטערן, וואָס האָט נישט געקענט באַנעמען כביכולס גלייכגילטיק צוקוקן זיך צו דער שענדונג פון זיין פאָלק. ער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף אַ שמוציקן וואַרשעווער געטאָ־הויף און האָט במשך פון אַ וואָך צייט נישט געוואָלט נעמען קיין ביסן ברויט אין מויל אַריין. אַזוי אַרום איז ער אין אַ לאַנגן פּראָטעסט־תענית פאַר אַלעמען אין די אויגן אויסגעגאַנגען.

אָבער נישט בלויז מיט פּאַסיוון העראָאיזם האָט זיך באַגנוגנט די עיר ואם בישראל — וואַרשע. ס׳האָבן זיך אויך געפונען גרופּן, וואָס האָבן דעם מעכטיקן שונא געוויזן אַ פויסט און אַזוי אַרום געלאָזט טריאומפירן דעם אַקטיוון ווילן. דאָס פּרעכטיקע קאַפּיטל „אויפשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ" וועט קיינמאָל נישט אויפהערן צו צויבערן, ס׳שוועבט פאַר אונדז אויף ס׳פייער־בילד פונעם אויסטערלישן געטאָ־לעגיאָן, אַ מחנה באַלייידיקטע און דערנידעריקטע, באַשפּיגענע און געטרעטענע, געהונגערטע און געפּייניקטע, עלנטע און פאַרלאָזענע מיט דער טויט־וויזיע פאַר די אויגן. זיי זענען גרייט אַלץ אָפּגעבן, אָבער נישט דעם כבוד; אויב טויט זאָל עס זיין אַ טויט פון קעמפער און נישט קיין מיתה משונה אין טרעבלינקע.

אונדזערע לייבלעכע ברידער און שוועסטער מרדכי אַנילעוויטש, אריה ווילנער, מיכאל קלעפּפיש, ניוטאַ טייטעלבוים, אַבראַשאַ בלום, יורעק

בלאָנעם, טאַשיאַ אַלטמאַן, אַנדזשעי שמידט, מלך פּערעלמאַן און הירש בערלינסקי. מיט זייער ביישפּיללאָזער שטאַנדהאַפטיקייט זענען זיי די גייסטיקע יורשים פון די עשרה הרוגי מלכות, וועלכע האָבן אפילו ביים בלוט־שונא אדריאַן אַרויסגערופן שטוינונגס־ווערטער: „גרויס איז דאָס שעפעלע וואָס שטייט צווישן זיבעציק וועלף".

וועגן דעם וואַרשעווער אויפשטענדלער מיכאל קלעפּפיש שרייבט אַן עד ראיה מאַרעק עדעלמאַן, אַז בעת די געטאָ־קאַמפן האָבן די דייטשן אַרומגערינגלט אַ הויז פון וועלכן עס האָבן געשאָסן יידישע אויפשטענדלער. צווישן זיי איז אויך געווען מיכאל קלעפּפיש. עדעלמאַן שרייבט: „אַ פּאָר שעה נאָכדעם ווי די דייטשן זענען אָפּגעשטויסן געוואָרן, געפינען מיר קלעפּפישס קערפּער, וואָס איז ווי אַ זיפּ אַדורכגעלעכערט מיט צוויי אויטאָמאַטן־סעריעס".

צי דערמאָנט אונדז דאָס נישט דעם אומדערשראָקענעם אויפשטענדלער פון בר־כוכבאס צייטן יהודה בן בבא, וועגן וועלכן די כראָניקער דערציילן: „די רוימישע זעלנער האָבן אים געטויט און דערביי מיט זייערע שפּיזן אַזוי צעשטאָכן זיין ליב, אַז עס האָט אויסגעזען ווי פון אַ זיפּ".

דער ביז די ציין באַוואָפנטער שונא, די מעכאַניזירטע נאַציסטישע בעסטיע, האָט זיי, אַ הייפל אָפּפערוויליקע מיט גייסט און שטאָלץ באַוואָפנטע, נישט געקענט בייקומען און געלאָזט זיך פאַרשלונגען דורך פייערצונגען. פון די דאָזיקע אומקום־פלאַמען האָט זיך שוין ביי אונדזער פאָלק אויסגעבילדעט אַן עמוד האש, וואָס באַלייכט און וועט עד סוף כל דורות באַלייכטן אונדזערע פינצטערע טעג.

— ג —

אַ צופעליק ניצול געוואָרענער פון מאַסן־אומקום, שפּאַן איך איצט איבער די חורבות פון די וואַרשעווער יידישע גאַסן. דאָס זענען נישט בלויז חורבות, נאָר צומערסט קופּעס שטיינער און ציגל־שטיק צוגעדעקט מיט אַן אָנגעברוגזטן טונקל־גרויען הימל. איך ווייס נישט פאַרוואָס און אויף וועמען עס צאָרנט דער פאַרוואָלקנטער הימל. אפשר, דערפאַר, וואָס ער

האָט אין זיך איינגעאָטעמט געשטיקטע וויי־רופן פון מיליאָנען פאַרפּייניקטע ייִדן? אָדער גאָר אויף מיר הלמאי איך רודער אויף די תשעה באָב־שטילקייט, וואָס שפּרייט זיך אַרום און אַרום. אפשר איז עס טאַקע פון מיין זייט נישט גלייך, וואָס איך באַטרעט דעם דאָזיקן שטח מיט שיך. איז דאָך יעדער שפּאַן ערד דאָ אַדורכגעזאַפּט מיט קדושים־בלוט. דוכט זיך אַ שטים רופט פון אַן אויסגעלאָשענעם סנה: „צי אַראָפּ די שיך פון דיינע פיס, ווייל ס'אָרט אויף וועלכן דו שטייסט, איז הייליקע ערד"...

אַ פאַרדמיונטער קלעטער איך איבער גרודעם שטיינער, איבער די געוועזענע ייִדישע גאַסן און קען נישט דערבליקן זייער אַמאָליק פּרצוף־פּנים. צוזאַמען מיט מיר בלאָנדזשען נישט־אויסגעלעבטע שאָטנס פון יונג פאַרשניטענע לעבנס. די האַלב־צעקרישלטע הייזער מיט זייערע אויפגעריסענע פענצטער־עפענונגען יאָגן אָן אַ שרעק ווי אויגן־לעכער פון אַ טויטן־שעדל.

**\
*

אָט שטיי איך פאַר די חורבות פון דער סינאַגאָגע. אַלץ איז איינגעבראָכן, די קאָלומנעס, וואָס האָבן אַמאָל אונטערגעהאַלטן דעם טעמפּל-בנין, ליגן איצט אויסגעצויגן אויף דער ערד מיטן פּנים אַראָפּ. אַמאָל איז דער חזן בעת דער עבודה געפאַלן כורעים און די דערביי שטייענדיקע מתפּללים האָבן אים באַלד אויפגעהויבן. היינט זענען די עמודים געפאַלן כורעים; זיי ליגן אונטערן הימל פאַרשעמטע, קיינער דערנענטערט זיך נישט צו זיי... קיינער פּרוווט זיי נישט אויפהייבן...

איך גיי ווייטער, אָבער נישט לויטן אייגענעם ווילן נאָר עפּעס פירט מיך אויטאָמאַטיש. זענען דאָס, רחמנא לצלן, גאַסן... פון ביידע זייטן הויפנס שטיינער און אינמיטן אַ שמאָלער פּאַס טראָמוויי-ליניעס, וואָס ציען זיך אין דער אומענדלעכקייט. איין „גאַס" איז טראָפּן-ענלעך צו דער אַנדערער; אַלץ איז צונויפגעמישט אין אַ פאָרמלאָזער ציגל־מאַסע, וואָס האָט לגמרי אָפּגעווישט ס'אייגנאַרטיקע פון איטלעכער גאַס באַזונדער.

דאָס ציגל־זאַמד פונעם נאַלעווקי־מדבר האָט אין זיך אינגאַנצן איינגעזויגן דעם אַמאָליקן גערויש, אַלץ איז אויסגעפּלומפּט פון וועלכן ס'איז

לעבנס-שפור. קוים פארבלאנדזשעט דא א צופעליקער דורכגייער, ווערט ער באלד פארטריבן פון דער אומהיימלעכער פוסטקייט.

פון ביידע חורבן-זייטן ווייעט מיט פארוויסטונג, אומקום און טויט. ס'איז קלאר, אלץ איז פארענדיקט, דער חשבון אונטערגעצויגן: געווען — נישטא. בלויז די פארזשאווערטע שינעס גיבן אנצוהערן, אז מיטן חורבן עקט זיך נאך נישט די וועלט, זיי ווייזן, אז עס איז פאראן א וועג, וואס דארף פירן צו אן אנדערער וועלט.

אט די גאסן האבן געצייכנט דעם לעצטן וועג פון אונדזערע נאענטע, פון דאנען האט זיך אנגעהויבן דער גאלגאטא-שליאך, וואס האט זיך געצויגן ביז טרעבלינקע. דא האבן די פון ווארשע דעפארטירטע יידן געווארפן דעם לעצטן בליק אויף זייער ליבער שטאט און מיט א פאר צענדליק קילאמעטער ווייטער זיך געשיידט מיטן לעבן. געבליבן זענען נאר שטיינער, שטומע עדות, וואס פרעסן און מאנען.

אויך מיר, געפינענדיק זיך מיט פיל טויזנטער קילאמעטער פון דער ווייטנס, האבן מיט אונדזער בליק טריט נאך טריט באגלייט די קדושים אויף זייער וועג צו די קאלכאוויונס. אבער אונדזערע אויגן זענען געווען פארטרערט און ס'איז אוממעגלעך געווען צו דערזען דעם פנים-אויסדרוק פון די אן דין פארמשפטטע. מאטערט אונדז כסדר דער באגער אויף א וועלכן ס'איז שטייגער אויפצולעבן אין אונדזער דמיון דעם פנים-אויסדרוק פון די פארפייניקטע. וואס האט זייער אויסזען אויסגעדריקט? ווי אזוי האבן זיי זיך פארהאלטן לגבי דעם שונא? צי מיט מורא און הכנעה, אדער זיי זענען געגאנגען צום טויט מיט שטאלץ און פאראכטונג? וואס האט זייער לעצטער בליק אונדז געהאט איבערצוגעבן? יעדע בליק-צוואה פון די אומגעקומענע איז פאר אונדז א הייליקייט.

ס'איז איצט, וואס אן אמת, אויפגעקליבן געווארן א רייע ווארשע-ווער געטא-פאטאגראפיעס, וואס זענען אויפגענומען געווארן דורך די דייטשישע תלינים אליין. דאס האבן זיך די טעמפע רוצחים געגרויסט פאר זייערע קרובים אין דייטשלאנד מיט „העלדישקייט". די דאזיקע פאטאגראפיעס, וואס שוידערן אויף מיט זייער מאקאברישקייט, גיבן אפטיש איבער אויסטערלישע געפאלנקייט-פאזיציעס, אין וועלכע די געטא-יידן זענען גע-

שטעלט געוואָרן דורך די „בראַווע" באַצווינגער. ווי פּינקטלעך די פאָטאָ־בילדער זאָלן נישט האָבן אַרויסגעקומען, גיבן זיי שליסלעך איבער בלויז דאָס אויסנווייניקסטע.

מיר ווילן דאָך וויסן ווי אַזוי האָבן די געטאָ-יידן אינערלעך אַדורכ־געלעבט דעם אַרומיקן גרויל. אַ קליין שפּעלטל פון געטאָ־פּנימיות עפנט זיך אין די על פּי צופאַל געפונענע דינע צייכענונגען פון באַקאַנטן מאָלער ראָ־מאַן קראַמשטיק, וועלכער איז אומגעקומען אין וואַרשעווער געטאָ, בעת דער ערשטער אַקציע. די עטלעכע קראַמשטיקס צייכענונגען, וואָס פאַרמאָגן אַ שטאַרקע עקספּרעסיע, גיבן איבער מיט קינסטלערישער געצווימטקייט און באַהערשטקייט דעם טיפן ווייטיק פון מענטשן, וואָס זענען פאַרשטריקט געוואָרן אין אַ נעץ פון טייוולאָנישער אויסגעלאַסנקייט, אָבער רעאַגירן אויף אַלעם מיט אינערלעכער ווירדע. איבער זיינע „קאָפּ פון אַ יינגן ייד", „פרויען-קעפּל", „אַ ייד מיט קינדער" גייט פאַר אונדז וויזועל אויף אַ בלענדנדיקער דערנער־קראַנץ. וואָס זעען מיר דאָרט? — טיפן טרויער אין אויסבליק, אומאויפגעקלערטן שיקזאַל, פ אַ ר וו אָ ס ? אָן אַן אויס־וועג, ווילן צו באַשיצן די שוואַכערע, דערהויפּט הילפלאָזע קינדער, פאַראַכ־טונגס-בליק פון איידעלן קרבן צום בלוטבאַזויפטן גזלן, מאַרטירערישע רע־זיגנאַציע און סטאָאיש אויפנעמען דעם אומאָפּרופלעכן גזר־דין. ס'איז אָבער אין קיין שום צייכענונג נישט צו מערקן קיין שאָטן פון שרעק אָדער הכנעה. אַלץ איז איבערפולט מיט אינערלעך-געשלאָסענע ליידן און ליידן...

אַמאָל, אין רואיקע צייטן, האָט מען זיך ליידנשאַפטלעך געאַמפּערט וועגן דעם טיפן זינען, וואָס שטעקט אינעם פּראָצעס פון גייסטיקע יסורים, וועלכע זענען אין תוך באַרופן צו לייטערן דעם בר נש. ביי דאָסטאָיעווסקי זענען די ליידן, וואָס אַ מענטש לעבט טיף איבער, אַפילו דערהויבן גע־וואָרן צו אַ מיטאָס. דער הייליקער זאָסימאַ בוקט זיך פּשוט פאַר איוואַן קאַראַמאַזאָוון שוין צוליב דעם פאָרגעפיל אַליין, וואָסערע גרויסע ווייען עס שטייען קאַראַמאַזאָוון פאַר איבערצולעבן. היינט־צו-טאָג וואָלט זיך די גאַנ־צע וועלט געדאַרפט בוקן פאַר אונדז, דעם איוב־פאָלק, מחמת אונדזער אומאויפהערלעך קאָנוולסיוו צאַפּלען אויף דער אומזיניקער גיגאַנטישער

עקדה, אויף וועלכע אכזריותדיקע פעלקער האָבן אונדז ווילד אוועקגע־שליידערט.

⁂

ווען מען טראַכט וועגן שיקזאַל פון וואַרשעווער געטאָ קומט אויפן זכרון דער ענלעכער גורל פון מיינצער יידישן פערטל. עס קומט עפּעס אויס ווי דער גאַנג פון דער יידישער געשיכטע וואָלט געווען פרעמד די קאָנטי־נואיטעט לענג־אויס, גיכער קרייזט ער אין אַ באַשטימטן ציקליזם אין דער ברייט. פאַר אונדזער יעדער היסטאָרישער קאַטאַסטראָפע זענען כאַראַקטע־ריסטיש כמעט די זעלביקע באַגלייט־דערשיינונגען.

דער צוואַנציקסטער דיכטער ישראל שטערן דערלאַנגט אין וואַרשע אין יאָר 1943 די האַנט דעם אויפגעטרייסלטן מיינצער „מאור הגולה" פון יאָר 1020. דערשלאָגן פון אייגענעם און פאָלקס־פּיין ווענדעט שטערן זיינע טענות צום קאַלטן הימל: עד מתי? ער ביטערט הלמאי דער טאַטע האָט פאַרלאָזן זיינע אויסדערוויילטע קינדער אין אומגליק, אלי, אלי, למה עזבתנו.

ווען זיינע תחנונים־רופן האָבן נישט קיין פּעולה, דערקלערט ער דעם הימל אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד נישט ווידערשפּעניקנדיק דערבײַ מיט קיין איינציק לעסטער־וואָרט. צי איז דאָס נישט קיין וואַריאַנט פון רבנו גרשומס סליחות, — וועלכע באַשטרעבן צו שפּאַלטן די הימלען „דיינע אויסדערוויילטע, אָ, גאָט, ווערן באַדרענגט דורך די שונאים. ביז ווי לאַנג נאָך זאָל איך פון מיין ענגעניש שיקן צו דיר תחנונים? דערהער מיך דאָך אין דיינע הימל־הייכענישן, דו, וואָס ביזט אַלמעכטיק".

לאָמיר ווי אַ אילוסטראַציע צוגעבן די בייסיקע רייד פון פּרצעס לץ:

און ער וואָס האָט דערמיט געמיינט?
דער, וואָס האָט אייך אויסדערוויילט.
איז עס געווען זיין שטראָף?
האָבן אים וווּנדער פאַרפעלט?
פאַרוואָס זאָגט ער נישט האַלט?

אויף א מהלך פון טויזנט יאָר רופט זיך איבער דער מקובל ר׳ הלל ציטלין מיט זיין פאָרגייער ר׳ אמנון פון מיינץ. פונקט ווי ר׳ אמנון איז ר׳ הלל קיין שום אויפטרייסלונג נישט בכוח ארויסצופירן פון זיין גלויבנספעסטקייט. אין די סאַמע פינצטערע טעג שטייט דער מחבר פון „יופי של מעלה" נישט אָפּ פונעם בעל „ונתנה תוקף" אין דער אמונה, אין דער הייליקייט פון קומענדיקן טאָג. זיין אויפמונטערן די מיטגייער, אַז מ׳דאַרף זיין ראוי אומצוקומען על קידוש השם, דערמאָנט ר׳ אמנונס פעלזנפעסטן גלויבן אין „קדושת היום" און איבערמענטשלעכער עקשנות זיך נישט אונטערצוגעבן. ביידע האָבן תמיד געהאַט פאַר זיך די וויזיע פון מעטאַפיזיש-ענדגילטיקן „לעתיד לבוא".

א גייסטיקע קרובהשאַפט איז אויך פאַראַן צווישן דעם וואַרשעווער געטאָ-אויפשטענדלער און מיינצער העלדישן זעלבסטפאַרטיידיקער. די בונטאַרישקייט פונעם מיינצער קעמפער וואַקסט אויס דערעיקרשט צוליב דעם, וואָס ער האָט געלעבט אין מיטלאַלטער בעת אַלץ איז געווען פאַרוועבט אין הוילער רוחניות און תמיד פאַרקוקט אין הימל. אין יענער צייט האָט מען מער געגלויבט אין א סיעתא דשמיא און גרינגגעשעצט יעדן פיזישן ווידערשטאַנד. פונדעסטוועגן האָבן ביידע געפירט אַן אומגלייכן און אויסזיכטלאָזן קאַמף, ביידע האָבן ארויסגעוויזן הייליקע פאַרביסנקייט, ביידע האָבן נישט געוואָלט לעבעדיקערהייט זיך איבערגעבן דעם שונא און ביידע זענען אומגעקומען אין שרפה-פלאַמען.

נישט אָפּגעריסן איז אויך דער אומשטאַנד, וואָס די נאַציסטן האָבן געלעסטערט אַלע אויסנווייניקסטע הייליקייטס-סימנים, צעאַקערט די בית-עלמינס, געברוקירט די גאַסן מיט יידישע מצבות. צי דערמאָנט דאָס נישט די געפונענע מיינצער שטיין-איינשריפטן, וואָס לאָזן וויסן, אַז שוין די אור-זיידעס פון די היינטיקע נאַציסטן האָבן די ארויסגעריסענע מצבות פאַרנוצט ווי בוי-מאַטעריאַל פאַר הייזער.

איצט, נאָכן אָפּלויפן פון איבער א יאָר זינט די געדיכטע קאַשמאַרקייט איז שוין געוואָרן אביסל שיטערער און די לעבנגעבליבענע רעשטלעך זענען ארויס פון די בונקערס און היילן, איז כדאַי זיך ארומצוקוקן ווער

ס'גייט מיט אונדז ווייטער טראָגן דעם סבל הירושה און ווער ס'איז פון אונדז אוועק אויף שטענדיק, ס'שטעלט זיך ארויס, אז די מערהייט **אָפּגעראַטעוועטע** זאָגט זיך נישט אָפּ פון איר שטאַם, דאַקעגן אַ באַדייטנדער טייל יידן פון דער „ארישער זייט" האָט זיך ענג צונויפגעלעבט מיט דער נייער אומגעבונג און וויל באין אופן נישט אומקערן זיך אין דער אַלטער סביבה. דאָרט איז באקוועמער, און דערהויפּט זיכערער. בייט נאָר אַ ייד אין וואַרשע אוים זיין אַלט־יוחסדיקן נאָמען שניאור אויף שאַניאַוווסקי און וויל זיך עד היום מיטן לעצטן נישט שיידן. אויך דער דאָזיקער אומשטאַנד איז נישט קיין צופעליקער און האָט פּרעצעדענטן נישט נאָר אין מיינץ נאָר אפילו שפּעטער אין טאָלעדאָ און קאָרדאָבאַ.

מערקווירדיק, איבער די וואַרשעווער גאַסן זעט מען אָפט אַ יונגע פרוי געשלייערט אין טרויער; אויף איר ברוסט טראָגט זי אַ גרויסן צלם, זי קוקט זיך ארום מיט אומרואיקע בליקן. ווער איז זי? — דאָס איז אַ יידיש קינד, אַ רבניש אייניקל, דערצויגן אין אַ הויז פון אַ יידישן שרייבער, וואָס שטאַמט פון הויך־רבנישן יחוס. בעת דער היטלער־אָקופּאַציע איז זי אוועק פון יידן און יידישקייט און איצט וויל זי גאָרנישט וויסן פון דער פאַרגאַנגענהייט. ווען דער פאָטער האָט איר מעבר לים צוגעשיקט זיינס אַ נייַ־בוך, האָט זי עס תיכף פאַרברענט, בכדי זיך פאַר די שכנים חלילה נישט „קאָמפּראָמיטירן" מיט יידישע אותיות.

איז אויך אָט דער פאַקט נישט קיין נייער. ס'איז גענוג צו דערמאָנען דעם פאַל מיטן רבינו גרשומס זון אין מיינץ, וועלכער האָט זיך לכתחילה געשמדט לפּנים און שפּעטער שוין נישט געוואָלט צוריקגיין צו יידן. דער אומגליקלעכער פאָטער האָט גאָרנישט געקענט אויסווייטיקן די אבדה סיי פאַר דער און סיי פאַר יענער וועלט.

איצט, נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין אביסל איבערגעכאַפּט דעם אָטעם און ווילן פאַר צוקונפטיקע דורות פאַרשרייבן אין פּנקס אַלץ, וואָס איז מיט אונדז געשעען און באַגלייך מזכיר זיין די קדושים, טראַכטן מיר אין וואָסערן נוסח דאָס זאָל געטאָן ווערן. אָבער אָנשטאָט צו טרוקענען דעם מוח דערוועגן, וואָלט אפשר געווען כדאי אויפצומישן ס'אַלטע מיינצער „מי-

מורבוך". אַט וואָס מיר לייענען דאָרט: „און זאָל דער באשעפער דערמאָ־נען די נשמות פון די אלע קהילות־מיטגלידער, וועלכע זענען געוואָרן דער־הרגעט, פאַרשטיינערט, פאַרברענט, געשאָכטן, דערטרונקען, ראַדגעבראָכן, לעבעדיקערהייט באַגראָבן אין דער ערד דערפאַר, ווייל זיי האָבן נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זייער גלויבן".

אדרבא, זאָל עמיץ אויפקלערן פאַרוואָס מיר זאָלן נישט לויטן זעלביקן נוסח פאַרצייכענען אין וואַרשעווער פּנקס אונדזער איצטיקע קאַטאַס־טראָפע, וואָס איז דאָ פאַראַן צוצוגעבן און וואָס איז דאָ נייטיק אָראָפּצו־נעמען? — דאָס איינציקע וואָס לאָזט זיך ענדערן איז אויסמעקן דאָס וואָרט „געוואָלט", ד"ה אָנשטאָט „נישט געוואָלט אָפּטרעטן פון זייער גלויבן" דאַרף זיין „נישט אָפּגעטראָטן פון זייער גלויבן". אין דעם אייגנט־לעך ליגט דאָך דער אימאַנענט־דעטערמינירטער קידוש השם פון אונדזער זיין אויף דער וועלט.

תמיד ווערן מיר געהילט אין זעלביקן פאַרפּלאָנטערטן שלייער און תמיד באַמיט מען זיך אים אויפן זעלביקן שטייגער פונאַנדערצופּלאָנטערן. אמת, במשך פון דורות האָבן מיר אין זיך איינגעאָטעמט כּלערליי ווינטן פון פאַרשידענע זיך קרייצנדיקע קולטור־קלימאַטן, וואָס האָבן געהאַלטן אין איין אויספאָרמען אונדזער גייסטיקע פיזאָנאָמיע. אָבער דערביי איז צו זען, אַז בעת יעדער דערשיטערונגס־עפּאָכע (נישט געקוקט דערויף אין וועלכן לאַנד מיר ווינען) שווימען ביי אונדז אויף די זעלביקע שטייגער־דערשיינונגען, די זעלביקע פּסיכאָלאָגישע אומשטענדן, די זעלביקע האַר־בע פראַגן, וועלכע מיר האָבן אַמאָל באַהאַנדלט מיט גרויס גלויבן און איצטער זענען מיר מוטל בספק.

מיטן אונטערשיד פון באַזונדערע היסטאָרישע אָקסעסואַרן חזרן זיך יעדעס מאָל ציקלאַרטיק איבער די זעלביקע איבערברוך־פאַזן. עס איז אַ פּערמאַנענטע עקדה פון אַן אומאויפגעקלערטן זינען. עס ליגט אין דעם גרויס פּאַטוס, בלינדע באַשטימטקייט פון שיקזאַל, וואָס איז צילמעסיק אין זיין זינלאָזיקייט.

די קדושים פון מיינץ און וואַרשע פלעכטן די ביינערדיקע הענט אין

אן אריינגעצווינגענעם מארטירער־טאנץ ארום א גרויס דערלייזונגס-ליכט, וואָס דארף פון דער וועלט פארטרייבן די נאכטשאָטנס. ס'איז טראגישע געשפאנטקייט פון א פאָלק, וואָס איז אליין איבערפולט מיט באגער פון וועלט־פארבעסערונג און ווערט באגלייך פון דער זעלביקער וועלט כסדר געטרעטן. אָפּטימיסטן מיינען, אז אָט-דער אויסטערליש-געקייטלטער טאנץ גייט לויט א ספּיראלער ליניע, וואָס ווייזט נאָר אויגנשיינלעך אויסצו־דרייען זיך אויף איין־און-זעלביקן אָרט. אין דער אמתן זאָלן דאָ פונדעסט־וועגן איינטרעטן געוויסע שפּאנען פאָראויס. סקעפּטיקער ווידער זעען אין דעם בלויז א קרייז ארום זיך גופא אָן א וועלכן ס'איז פאָראויס־טריט. עס קומט גאָר אויס, ווי אונדזער לעבנסוועג וואָלט במשך פון זיין לאנג־לאנגן צייט־אומפאנג געוואקסן אין כמות אָבער נישט געשטיגן אין איכות. א כסדר זיך איבערחזרנדיקער טראגישע אויסגאנגסלאָזיקייט, וואָס גע־פינט נישט איר היסטאָרישן באשייד. ס'דערמאָנען זיך די ווערטער פון וואנדערער אין י. ל. פרצס „ביינאכט אויפן אלטן מארק", וועלכער סימ־באָליזירט די מיסטעריע פון נצח ישראל:

דער זעלבער הימל, די זעלבע שטערן
די זעלבע ערד...
און דאָס אויער הערט.
און ווערט נישט פול פון הערן
דאָס אויג — פון זען נישט זאַט.

פונוואנען קומט דער וואנדערער און וואָס איז דער תכלית פון זיין שפּאנען איבערן ערדקיילעך?

איך קום, פרעגט נישט פון וואַנען...
און איידער דער שאָטן צערינט
גיי איך פונדאַנען.
וואַהין? נישט פרעג...
אפשר ווייסט ווער אין דער הייך...
איך פון מיין לאַנגן וועג
בין עלטער געוואָרן, נישט קלוגער.

אַט דער „לאַנגער וועג" איז דורך אונדז געצייכנט געוואָרן מיט אייגן בלוט. אין פאָלקס־זכרון איז פארבליבן אַ קאָשמאַרע שורה פון געשפּענס־טער: נבוכדנצר מלך בבל, אנטיכוס עפיפאַנעס, טיטוס הרשע, אדריאַנוס דער אכזר, גאָטפריד פון בולאָן, לודוויק דער זיבעטער, קאָנראַד דער דריי־טער, גרויס־אינקוויזיטאָר טאָרקוועמאַדאַ, צורר חמי"ל, פּאָגראָמשטשיק פּעטליורא און פאַרלענד־טרעגער הימלער. די דאָזיקע אויפטרייסלונגען האָבן אונדז — יעדע בשעתה — געשטעלט פאַר אַ גרויסן נאַציאָנאַלן נסיון, וועלכן מיר האָבן ביז־אַהער צוליב דער גרויסער אמונה פון אונדזערע אָבות, בייגעשטאַנען דורך ארויסווייזן אַ געגוגנדיקן ווידערגעבורטס־כוח. איצט איז פאַר אונדז אויפסניי געשטעלט געוואָרן מיט אַ באַזונדערער שאַרפ־קייט די אָפּגרונט־פראַגע: און וואָס ווייטער?...

***

זאָל טאַקע די יידישע געשיכטע אויף אַן אמת זיין איינגעפאַסט אין אַ טויזנט־יאָריק אויסטערליש מעשהלע וועגן אַ פּרינץ, וואָס וואָגלט טאָג־איין און טאָג־אויס אין בעטלער־מלבושים איבער דער גאָרער וועלט. אַ מעשהלע, וואָס הייבט זיך ס'רוב אָן פריילעך און ענדיקט זיך כמעט שטענ־דיק זייער טרויעריק, ווי זאָגט אונדז איציק מאַנגער:

דער אַלטער אליהו הנביא
גייט ווי אַ בעטלער פאַרשטעלט,
מיטן פידל אונטערן אָרעם
זייט יאָרן איבער דער וועלט.

אַ פאָלק, וואָס זיצט נישט נאָר גייט, שפּאַנט כסדר איבערן ערד־קיילעך; עס גייט נישט פּיליסטעריש־באַלעבאַטיש מיט געזעצטע השגות און פּראַקטישע אויסבליקן, נאָר ווי אַ צעפלאַמטער נביא־באַהעמיען, וואָס וועקט די וועלט פון אידייען־איינגעשלאָפנקייט און געדאַנקען־פאַרגלי־ווערטקייט. און זיין לשון זענען נישט קיין וואָכעדיקע רייד, נאָר אין יסורים

געלייטערטע פידל-שפּראַך. איז עס טאַקע אַ בלוטיקע חתונהקע, וואָס קיינער ווייסט נישט איר באַשייד. נאָכן אויסהוליען, אויסטאַנצן און אויסשוימען קומט דער מיד שווערער אויסזיכטלאָזער גרויער פרימאָרגן. די מחותנים זענען אוועק, די געסט זיך צעפאָרן, חתן-כלה פאַרשווינדן. די אויפגייענדיקע זון האָט שוין נישט מער פאַר וועמען צו שיינען. און דער באַגלייט-שאָטן פאַרנעמט זיך ווייטער אין דעם אומבאַקאַנטן וועג.

אויף דער שוועל שטייט אליהו הנביא,
אַ קלעזמער פון נעכטיקע טעג,
ער נעמט די לבנה אין טאָרבע
און לאָזט זיך ווייטער אין וועג —

איך נעם זיך נישט אונטער עמיצן „לאָגיש" אויפצוקלערן וווהין דער ווייטערדיקער וועג פירט, נאָר איך פיל בחוש, אַז ער מוז פירן צו ווידערגעבורט. איך ווייס נישט פונוואַנען מיר וועלן שעפּן אונדזערע ווייטערדיקע לעבנסזאַפטן, איך בין אָבער אינערלעך איבערגעזען אין וויטאַלן כוח פון אונדזער שטאַם. איך קאָן קיינעם נישט אָנווייזן די ישועות, וואָס זאָלן אונדז דערוואַרטן אין די נאָענטע חדשים. איך בין אָבער פול מיט גלויבן אין ליכט פון קומענדיקן טאָג. דער דאָזיקער גלויבן האָט אונדז קיינמאָל נישט פאַרלאָזן, זאָל ער אונדז אויך אין די היינטיקע שווערע טעג וואַרעמען און קרעפטיקן.

יידיש און יידישע ליטעראַטור אין דער יידישער שול*)

איידער איך טרעט-צו זאָגן פאַר אייך אַ פּאָר ווערטער וועגן יידיש און יידישער ליטעראַטור אין דער יידישער שול, בין איך אין אַ שטיקל פאַרלעגנהייט. כ׳ווייס פּשוט נישט צו וועמען זיי אַדרעסירן, ד״ה ווי אַזוי ווענדן זיך צו אייך. געוויינלעך ווענדט מען זיך — „חשובע פאַרזאַמלטע״. אָבער די באַצייכענונג „פאַרזאַמלטע״ איז דאָך אַ צופעליקע, וואָס איז צו גאָרנישט מחייב. „פאַרזאַמלט״ קען דאָך זיין גוטס און שלעכטס. אַנדערע באַנוצן זיך מיט „חשובע קאָלעגן״. דאָס באַצייכנט אָבער מענטשן, וואָס באַלאַנגען צו איין און דעם זעלביקן פאַך. מ׳העלפט זיך אויך אַרויס מיט „חשובע פריינט״. דאָס ווייזט שוין אָן אויף געוויסע באַרירונגס-פּונקטן. גאָר אָנגענומען איז לעצטנס די ווענדונג — „חשובע חברים״. אָבער אין אָנבליק פון אונדזער בולטער פּאַרטיי־ דיפערענצירטקייט איז דאָס ווייט נישט קיין אַדעקוואַטער טערמין.

היות איר זענט דאָך לערער און דערציער, וואָס לערנען אונדזערע קינדער און ממילא לערנט איר אויך אונדז, דערלויב איך זיך ווענדן צו אייך אויף דעם אַלטן יידישן שטייגער — מ ו ר י ו ר ב ו ת י !

ובכן — מורי ורבותי! איך בין זיך מודה וועגן נאָך אַ פאַרלעגנהייט: איך פּיבער איצט אַביסל מיט אימתא דציבורא. איך בין שוין זיבן יאָר אָפּגעריסן פון אַ ריין־יידישער סביבה און בעתן אָפּריכטן גלות־מלחמה איז מען אַוודאי פאַרגרעבט געוואָרן און ס׳איז שווערלעך עפנטלעך אויפ־

*) רעדע געהאַלטן אויפן ערשטן לערער־צוזאַמענפאָר אין באַנייטן פּוילן אין נאָוועמבער 1946.

צוטרעטן פאַר אַן אווידיטאָריע פון געבילדעטע מענטשן. פון דער אַנדערער זייט ווידער האָט איר אויך דורכגעמאַכט דעם שווידערלעכן מלחמה־וועג און ס'איז אפשר אויך נישט צום הארצן און צום געדולד איצט אויסצוהערן מיר־מאַכנדיקע רייד. איך טרייסט זיך אָבער מיט דער באַקאַנטער תלמודישער פעסטשטעלונג וועגן די מעגלעכע אופנים פון אויפנעם־פעאיקייטן. ס'איז פאַר יעדן בן־אָדם קלאָר, אַז אַ ליידיק געפעס איז מסוגל אויפצונעמען (כלי ריקן — מחזיק), דאַקעגן אַ פול געפעס קען גאָרנישט אויפנעמען (כלי מלא — אינו מחזיק). גאַנץ קאַפּויר זעט די זאַך אויס אין גייסטיקע ענינים. אויף אָט דעם געביט איז צו זען, אַז וואָס פולער די „כלי" איז, אַלץ מער קען זי אויפנעמען, און וואָס ליידיקער זי איז, אַלץ ווינציקער איז זי מסוגל אין זיך עפּעס אריינצונעמען.

דערביי האָב איך נישט די אַמביציע אייך דאָ „מחזיק" צו זיין. איך בין גיכער אויסן אייך מיט אַ פּאָר ווערטער אָנצורעגן, געבן אייך איניציאַטיוו זיך צו פאַרטראַכטן איבער דעם באַהאַנדלטן קעגנשטאַנד, דאַקעגן דאָס מאַכן פּעדאַגאָגישע מסקנות געהערט אויסשליסלעך צו אייך, לערער און דערציער.

בנוגע דעם א. ג. יידישיזם, ד"ה דעם גאַנצן באַשטאַנד פון יידישער שפּראַך, ליטעראַטור, פאָלקלאָר און קולטור, דאַרף ער באַטראַכט ווערן נישט ווי אַ לאָגיש פעסטגעשטעלטע אידייע, נאָר בפירוש ווי אַ היסטאָרישע אידייע, וואָס איז אויפגעקומען אויפן שטח פון דער געשיכטע ביי באַשטימטע סאָציאַלע, ווירטשאַפטלעכע און פּאָליטישע באַדינגונגען און רעזשימען. אָבער דאָס איז אַ היסטאָרישע אידייע, וואָס האָט במשך פון צענדליקער דורות אויסגעהאַלטן און האַלט ווייטער אויס אין שפּעריש זינען דעם פולן דראַנג פון דער געשיכטע.

במשך פון דריי טויזנט יאָר האָבן יידן אין פאַרשידענע לענדער גערעדט און געשאַפן אויף כלערליי לשונות און מונדאַרטן, צווישן זיי: גריכיש, סיריש, פּערסיש, אַראַביש, טאַדזשיקיש, פראַנצויזיש, לאַדינאָ, פּאָלאַשיש אאַז"וו. אָבער דריי לשונות האָבן זיך אַרויסגערוקט אויפן פאָדערגרונט פון דער אַלגעמיין־יידישער קולטור־געשיכטע און זענען אריין אין בלוט פון יידישן שאַפונגס־וועזן.

דאָס זענען: לשון קודש, לשון ארמית און לשון יידיש.

העברעאיש איז די שפּראַך, אויף וועלכער ס׳איז אויסגעבויט געוואָרן דער קלאַסישער פּעריאָד פון דער אַלגעמיין-יידישער קולטור. זי איז בעיקר פאַרפיקסירט געוואָרן אין די גרויסע ווערק פון תורה, נביאים, כתובים און משנה. אָבער שוין אין פערטן יאָרהונדערט פאַר דער היינטיקער צייטרעכענונג איז זי אַרויסגעשטויסן געוואָרן פונעם טאָג־טעג־לעכן געברויך און איז אינגאַנצן איבערגעגאַנגען אין ספר. מיט דער צייט איז זי צוליב רעליגיעזע טעמים געוואָרן פאַרהייליקט ווי אַ שפּראַך פון די כתבי קודש און תפילה.

שפּעטער האָט אַרמית זיך איינגעפּעסטיקט אין יידישן לעבן, זי איז געוואָרן ביי יידן אַן אומגאַנגס־שפּראַך מיט אַן אייגנטימלעך־יידישן אויס־דרוק. לכתחילה איז דאָס געווען דערווידער דער דעמאָלטיקער יידישער אינטעליגענץ, וועלכע האָט זיך געמיאוסט מיטן דאָזיקן „לשון הדיוט״. ביסלעכווייז האָט מען אָבער אויף איר מתרגם געווען אַלע הייליקע ספרים און ס׳האָט אָנגעהויבן גילטן דער פּרינציפּ „שנים מקרא ואחד תרגום״. ווי אַ לעבעדיקע פאָלקס-שפּראַך האָט זי אַרומגענומען אַלע שיכטן. אויף איר זענען געשאַפן געוואָרן די ספרים — „דניאל״ און „עזרא״, דער גיגאַנטי־שער „תלמוד בבלי״, צענטראַל־ווערק פון דער יידישער מיסטיק, „זוהר״ און תפילות. אָבער אין אָנהייב זיבעטן יאָרהונדערט איז אויך אַרמית אַרויס־געשטויסן געוואָרן פון טאָג־טעגלעכן געברויך און איז רק פאַרבליבן אין ספר. זי האָט זיך אָבער טיף איינגעוואָרצלט אין דער פאָלקס־פּסיכיק. עד היום ווערט דער תלמוד באַגלייך מיטן תנ״ך געלערנט בכל תפוצות ישראל אדן אַרמית איז באַגלייך מיט העברעאיש פאַרהייליקט. אַפילו אונדזער היינטיק לשון איז דורכגעפלאָכטן מיט אַרמישע אויסדרוקן, שפּרוכן, זאַצן און רעטאָרישע ווענדונגען.

יידיש וואָס איז אַנטשטאַנען אין עלפטן יאָרהונדערט, האָט זיך אַנטוויקלט בעתן שפּעטן פעאָדאַליזם און דערגרייכט גאָרע פאַרשפּרייט־קייט ביים פולן אויפשטייג פון קאַפּיטאַליזם, ווען ס׳געדרוקטע וואָרט איז

געוואָרן צוגענגלעך פאַר ברייטערע שיכטן. מיט יידיש איז געשען אַ היס־טאָרישער נס, וואָס עס האָט ארומגענומען אַלע טיילן פון פאָלק און ארויס־געהויבן די פולע שעפערישקייט. יידיש האָט ארויסגעצויגן פון די פאָלקס־געוועלבן בלענדענדיקע גייסטיקע אוצרות: שפּריכוואָרט, פאָלקס־מעשה, פאָלקס־צאָרן, פאָלקס־שירה, פאָלקס־חלום און פאָלקס־וויזיע. און ווייל די אַנטוויקלונג פון יידישן וואָרט איז געגאַנגען אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, ד"ה נישט פון למדן צום הדיוט, נאָר פון פּראָסטן מענטש צום אינטע־ליגענט, האָט די יידישע ליטעראַטור זיך אויסגעצייכנט מיט צוויי עיקר־אייגנשאַפטן: ס אַ צ י אַ ל ן א ו י פ ר י י ס ־ ש ט אַ ף און א ו מ־מ י ט ל ב אַ ר ע ר ל ע ב נ ס ־ ז אַ פ ט י ק י י ט, ממילא זענען אירע גרונט־טענדענצן געווען פּראָגרעסיווע. ביז וואַנען ס'יידישע בוך האָט נישט באוויזן אריינצודרינגען אין דער יידישער שטוב, האָט אומעטום געהערשט ס'רבנישע ספר, אין וועלכן ס'האָט „אריינגעקוקט" דער בן־תורה. דאָס איז געווען אַ בלוט־אָרעמע ליטעראַטור, וואָס האָט זיך סומך געווען אויף הוילע אַבסטראַקציעס און כסדר געטריבן פון זיך יעדן שאָטן פון אַ וועלכן ס'איז לעבנסבילד. געדענקען מיר דאָך דעם מאמר וועגן „המהלך בדרך..." וועגן איינער שפּאַנט איבערן וועג צווישן פעלדער און לערנט, און פּלוצים ווערט ער פאַרכאַפּט פון אַ פּרעכטיקן לאַנדשאַפט און רייסט איבער אויף אַ ווײַלע ס'לערנען, אויסרופנדיק פול מיט אַנטציקונג: „מה נאה אילן זה" אָדער „מה נאה ניר זה" איז זיין שולד זייער גרויס, ס'קומט אים דערפאַר במעט טויט־שטראָף („כאלו מתחיב בנפשו"). און דערפאַר האָט מען טאַ־קע ביים „שיר השירים" אוועקגענומען דעם ערדיש־עראָטישן חן און אָריענטאַליש־הייסן אָטעם, ארומרינגלענדיק די פאַרביקע פּאָעמע מיט אויס־טערליש־אויסגעקוועטשטע מיטלאַלטערלעכע אַבסטראַקטע פּירושים.

להיפוך צו דער רבנישער ליטעראַטור האָט די יידישע ליטעראַטור לכתחילה געטריבן פון זיך יעטוועדע אַבסטראַקציע, קוויקנדיק זיך רק מיט לעבנס־בילדער. מיט דער צייט האָט זי באַקומען אידייאישע אויסבליקן און אויך באַקומען אַ פּנים פון אַ לייטישער ליטעראַטור.

אוודאי דערציילן די פאָרשער פון אַלט־יידיש וועגן אַלט־יידישע פּאָע־

מען און ראָמאַנען פון פונפצנטן יאָרהונדערט. ס׳זענען אויך געווען איבערגעזעצטע און צו ביסלעך אָריגינעלע ריטער־ראָמאַנען, טעאַטער־שפּילן, נאָוועלן און מוסר־ספרים, ד״ה די יידישע ליטעראַטור האָט שוין אַ שפּאָרע פאַרגאַנגענהייט, אָבער דעם אמת דאַרפן מיר זיך דאָ זאָגן, אַז דער פּאַקטישער אָנהייב פון דער יידישער ליטעראַטור פאַלט צונויף מיטן אָנקומען פון די קלאַסיקער. ביז מענדעלע זענען געווען יידישע ביכער אָן אָן אָרגאַנישן צוזאַמענהאַנג, פון מענדעלע אָן האָבן מיר שוין אַ יידישע ליטעראַטור.

ווי אַ מבוא צו דער יידיש־קינסטלערישער ליטעראַטור דאַרפן באַטראַכט ווערן די שרייבער פון דער השכלה־צייט, — די אָריגינעלע און איבערגעזעצטע ווערק פון ריב״ל, מענדל לעפין, יוסף פּערל און בעיקר יצחק אַקסענפעלד און ד״ר שלמה עטינגער. די לעצטע גיבן רעאַליסטישן שטייגער און וועקן צום קאַמף מיט אָפּגעשטאַנענקייט און אויסנוץ. זיי ברענגען דאָס צום אויסדרוק דורך אָפּלאַכנדיקע סאַטירישע דראַמעס און פאַרביקע משלים. אַ באַזונדער אָרט אין דער יידישער שול דאַרף פאַרנעמען עטינגערס גראַטענער סאַטירישער משל „וויטעלע״, וועלכן יעדער תלמיד דאַרף קענען אויסנווייניק. אין שול־פּראָגראַם דאַרפן אויך אַריינגיין עטינגערס מעשהלעך, עפּיגראַמען און סענטענצן.

פאַרשטייט זיך, אַז דער יסוד פון ליטעראַטור־לימוד אין דער שול דאַרפן זיין די קלאַסיקער, ד״ה די דריי אָבות: מענדעלע, שלום־עליכם און י. ל. פּרץ.

מענדעלע וויקלט פונאַנדער אַ גרויס־קינסטלעריש שטייגער־בילד פון אַמאָליקער געשלאָסענער שטעטלדיקייט. ער האָט דער ערשטער ס׳צוגעשפּיצטע פּשטל פאַרביטן אויף אַ פאַרכאַפּנדיקן פּייזאַזש. ביז מענדעלע איז דער קאַבצאַנסקער ייד געבליבן גלייכגילטיק, אויב נישט פרעמד, לגבי דעם רייץ פון לאַנדשאַפט. מענדעלע האָט מיט זיינע יידישלעכע מעטאַפאָרן דערנענטערט דעם יידישן מענטש צו דער נאַטור. אָרגאַניש טיילט זיך אויס פון מענדעלעס בילד ס׳אָפּחוזקן פון דער יידישער לעבנס־פרעמד־

קיים און דער צאָרן קעגן די פאָלקס־אויסנוצער. דערביי איז ער מכשף פון געלייטערטן יידישן וואָרט.

נאָך מער אכט דארף געלייגט ווערן אויף לערנען שלום־עליכמס ווערק. ער גיט דעם ברייטסטן און געמיטלעכסטן לייוונט פונעם באַוועגלעכן יידישן שטייגער. ער איז מיט זיינע געשטאַלטן קינסטלעריש ממש פאַר־ברידערט: ער האָט זיינע „העלדן" הארציק ליב; אויב דער בייסיקער מענדעלע האָט זיינע טאַרבע־פיגורן ווי אויסגעשפּיגן, האָט שלום־עליכם זיינע געשטאַלטן ממש אויסגעקושט. דער שלום־עליכמישער קרומער שפּיגל פון דער כתרילעווקער טאָג־טעגלעכקייט איז באַגלייך אַ גרויסער באַשול־דיקונגס־אַקט אַקעגן דער וועלט, הלמאי מ'האַלט די יידישע פאָלקס־מאַסן פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג פון אוממענטשלעכער רעכטלאָזיקייט. שלום־עליכמס שאַפן נערט זיך מיט די לעבנסזאַפטן פון פאָלק. בכלל לייזט ער זיך אויף אין פאָלק גופא. ער ווישט אָפּ די גרענעצן צווישן זיך און פאָלק. „שלום־עליכם זאָגט" און „ס'פאָלק זאָגט" איז הינו־הך.

אַ ספּעציעלער דרוק דאַרף אין דער יידישער שול געלייגט ווערן אויף י. ל. פּרץ, ווייל ער איז דער צענטראַל־פּונקט פון דער מאָדערנער יידישער ליטעראַטור און קולטור. פּרץ האָט סינטעטיזירט ס'בילד מיט דער אידייע. ער האָט דער ערשטער אַריינגעפירט אין דער יידישער ליטעראַטור די נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע פּראָבלעמאַטיק. אַ שלל פון פאָלקס־געמיט — לויט דעם ספּעציעל־פּוילישן נוסח — ברענגט פּרץ אַרויס אין זיינע קאָלירפולע „פאָלקסטימלעכע געשיכטן" און „חסידיש". באַגלייך מיטן אַנאָנימען פאָלקס־מענטש באַקומט ביי אים אַ קינסטלערישן תיקון דער יחיד, די אַרויסגעהויבענע פּערזענלעכקייט, וואָס ראַנגלט זיך מיט די לעבנס־מניעות. „די גאָלדענע קייט" איז די ער־שטע טראַגעדיע אין אונדזער ליטעראַטור; אַ טראַגעדיע, וואָס איז יידיש לויט די קינסטלערישע אַקסעסואַרן און אַלגעמיין מענטשלעך לויטן אי־דייאישן אַספּעקט. לויט דער קאָנסטרוקציע דערמאָנט „די גאָלדענע קייט" אָפּט איבסענס „בראַנד", אָבער לויט דער אידייאישער סימבאָליק איז צווישן זיי פאַראַן אַ בפירושע נפקא מינה. בראַנד שטרעבט אויף די פיאָרדן אויפצובויען אַ טעמפּל, ר' שלמה וויל איינפירן אַ ייביקן

שבת. דאָרט איז שמחה, דאָ איז צייט. נישט בלויז דער יחיד, נאָר אויך דער קאָלעקטיוו ראַנגלט זיך פאַר אַ נייעם לעבנס־סדר און ברעכט זיך אײַן אין פּראָצעס פון קאַמף. (אין פּאָליש אויף דער קייט", „בײַנאַכט אויפן אַלטן מאַרק").

ווײַטער דאַרפן מיר זיך באַקענען מיטן נאָכקלאַסישן פּעריאָד אין אונדזער ליטעראַטור. ס'יידישע קינד וועט זיך גיך צובינדן צו אברהם רייזענס היימישער סקיצע און אוודאי ליב באַקומען רייזענס לידער „הוליעט, הוליעט בייזע ווינטן" און „מאַי קאָ משמע לן". מיט באַזונדערער געװירטקייט וועט דער תּלמיד פאַרברענגען מיט שלום אַש, דעם צאַרטן באַזינגער פון יידיש־פּוילישער חנעוודיקייט. צו אים „רעדט די ווייסל אויף יידיש". ער האָט באַוויזן צו פאַרשענערן אונדזער בידנע לעבן און דערהייבן אונדזער וואָכעדיקן טאָג צו אַ הייליקייט. דערצו האָט ער באַוויזן קינסטלעריש אַרויסצוברענגען די גרונט־רעפלעקטאָרן פון אונדזער געשיכטע: קידוש השם און הערטאַיזם. צום זעלביקן חוט המשולש באַלאַנגט אויך דער פּלאַסטישער שילדערער פון דעם גרויען טאָג אין שטעטלדיקן לעבן — י. מ. ווייסנבערג. ווי אַ באַגלייט־שיין צו דער דעמאָלטיקער פּראָזע, דאַרפן אין דער שול אַריינגעבראַכט ווערן די לידער פון די נאַציאָנאַלע דיכטער יהואש, ש. פרוג, ח. נ. ביאַליק (דער באַזינגער פון די „משהלעך און שלמהלעך") און דעם נאַציאָנאַל־פּראָלעטאַרישן דיכטער מאָריס ראָזנפעלד. פאַרשטענדעניש פאַרן פּוילישן געמיט האָט אַרויסגעוויזן אין זיינע פּאָעמעס דער דיכטער ז. סעגאַלאָוויטש, משה בראָדערזאָן מיט זיין ווירטואָזן וואָרט־שפּיל. אַ קוואַל ליכט זענען פאַרן תּלמיד אליעזר שטיינבאַרגס „משלים".

דער צייט־אָפּשניט צווישן ביידע וועלט־מלחמות האָט געברענגט צו אַ גרויסן אויפשטייג פון יידיש־שעפערישן וואָרט. דער נייער שרייבער טרעפט זיך אויג אויף אויג מיט די בלוטיקע רעזולטאַטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה. ס'איז אַ צעשויבערטע צייט, וואָס ווערט געטריבן דורך רע־וואָלוציאָנערע טאַטן און דערלייזערישע וויזיעס. עס קרייציקן זיך מיסטי־שע זעאונגען פון וועלט־באַנייאונג און רעאַלע שילדערונגען פון סאָציאַלן

איבערשיכטונגס־פּראָצעס. די דאָזיקע צייט האָט געבוירן דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן ראָמאַן. נישט קיין קליינע ראָל שפּילט אויך דער פּראָלעטאַרישער ראָמאַן, וואָס שילדערט די האַרטע נויט אין פּאָרשטאָט־געסל. פּאַראַלעל מיט דער בפירוש־אידייאישער ריכטונג אַנטוויקלט זיך דער ריין־שילדערישער נוסח, וואָס האָט צו פאַרצייכענען גרויסע דערגרייכונגען אין זינען פון פּלאַסטיק, נאַראַטיווקייט און קאָנסטרוקציע. צום לעצטן קרייז געהערן י. י. זינגערס „פּערל", „שפּינוועבס", „יאָשע קאַלב" (דעמאַסקירט צביעות פון די רבישע „הויף") און „ברידער אשכנזי"; א. מ. פוקס רעאַליסטישע דערציילונגען, וואָס באַזירט אויף פּסיכאָלאָגישן קווערשניט, אפרים קאַגאַנאָווסקיס נאָוועלן, וואָס צייכענען ס'לעבן פון פאָלקס־מענטש אין די וואַרשעווער הינטער־גאַסן, יואל מאַסטבוימס „נחומקעס וואַנדערונגען", ז. שגיאורס ראָמאַנען, וואָס ברענגען אַרויס דעם יידישן פאָלקס־כוח, שמעון האָראָנטשיקס ראָמאַנען, וואָס שילדערן על פּי רוב ס'לעבן פון יידישן מיטלשטאַנד און פאָלקס־מענטש, ישראל ראַבאָנס דערציילונגען וועגן סאָציאַל־אויסגעוואָרצלטן מענטש, וואָס ווערט כסדר געשליידערט דורכן גורל, מיכאל בורשטינס ראָמאַנען, וועלכע גיבן אַ דערציילערישן אַריינבליק אין נייעם שטעטל, וואָס האָט פאַרלוירן די אַמאָליקע אידילישע איינגעזעסנקייט, לייב אָליצקיס ראָמאַנען, וואָס גיבן ברייט פאַרשניטענע רעאַליסטישע שילדערונגען פון דער ערשטער אָקופּאַציע־צייט ביז דער „פערטער עליה", לייב ראַשקינס „מענטשן פון גאָדלבאָזשיץ", וועלכע בילדן דעם ערב־רב אין דעם נאָכמלחמהדיקן צעפאָרן שטעטל, רחל ה. קאָרנס „ערד", וואָס דערציילט וועגן שיקזאַל־מענטש, וואָס איז אָרגאַניש צענויפגעוואַקסן מיטן באָדן, יהושע פּערלס ראָמאַנען וועגן יידן פון אַ גאַנץ יאָר, וואָס זענען אויסגעוואַקסן אין דער גרויער פּוילישער סביבה אין קאַמף פאַרן ביסן ברויט, ש. בערלינסקיס נאָוועלן, וועלכע צייכענען זיך אויס מיט פּוילישער שטייגער־פּלאַסטישקייט, אברהם זאַקס „אונטער די פליגל פון טויט", י. באַשעוויסעס היסטאָרישע דערציילונג „דער שטן פון גאָריי" פון דער צייט פון שבתי־צבי־

באַוועגונג, י. אָקרוטניס דערציילונג וועגן שווערן מצב פון פאַר־מלחמהדיקן יידישן לעבן אין פּוילן אאַז״וו.

מיט נאָך מער שפּע איז אויפגעגאַנגען די פּאָעזיע אין דער צווישנ־צייט פוןביידע מלחמות. זי באַשטייט פון דריי גרופּעס.

די ערשטע גרופּע איז פון איין זייט אונטער דעם איינ־פלוס פון דער גרויסער פּרץ־ירושה; אַ געפלעכט פון פאָלקסטימלעכקייט, חסידות, באַלאַדע־פאַרחלומטקייט, וועלטלעכע יידישקייט, וועלט־דערלייזונג און מעטאַפיזישן אויסבליק. פון דער אַנדערער זייט איז קענטיק די השפּעה פון דער ערשטער וועלט־מלחמה און רוסלענדישער רעוואָלוציע, וואָס האָט אַריינגעבראַכט דעם אָפּקלאַנג פון בלוט־אויפגעשריי. די דיכטונג שרייט אויס דעם פּראָטעסט קעגן סאָציאַלן עלנט פון דערשלאָגענעם מענטש, וואָס ווערגט זיך מיטן אָרעמען ביסן ברויט.

ישראל שטערנס לידער זענען ראַפינירטע דיכטונג פון אַ רעליגיעז וועלט־געפיל. עס וועיעט פון זיי מיט וועלט־עלנט געפּאָרט מיט פאָלקסטימלעכער האַרציקייט. מרים אולינאָווער, די צנועה־דיקע יידישע טאָכטער־דיכטערין, לעבט בילדעריש אויף אַן אויסגעלאָשענע וועלט פון אַלטער היימישקייט. זי שעפּט אירע מאָטיוון פון קוואַל, פון דער געטרייער באָבעשים מויל, וואָס דערציילט וועגן יאָרן אַנגעזאַפּט מיט דערפאַרונג און חכמה. אַהרן צייטלין קומט צו דער נייער פּאָעזיע דורך אַלט־יידישע וועגן. ער זוכט אַ מאָדערנע אויסדרוק־פאָרם פאַר דער אַלט־יידישער קבלה־וועלט. אַלתר קאַציזנעס „באַלאַדן און גראָטעסקן” זענען אַ גלאָריפיצירונג פון עכט־פאָלקסטימלעכן עלעמענט. אורי צבי גרינבערג, דער דיכטער פון זעלבסט־פּיין; זיין פּלאַמיק וואָרט איז געבוירן אין נאַציאָנאַלן פּאַטאָס. מלך ראַוויטש דער זוכנדיקער גייסט, וואָס איז באַרוישט פון דער נייער צייט; ער זוכט אַ היסטאָרישן באַשייד פאַר דער יידישער אומה, וועלכע האָט בייזאַמען מיט ליכט אויך שאָטן־זייטן. קאַדיאַ מאָלאָדאָוו־סקי, אָט די סאָציאַלע פּראָטעסטאַנטין ווידערשפּעניקט קעגן דער יחי־דישקייט פון איר אייגענעם לירישן באַרוף. יוסף קירמאַן שפּינט זיינע לידער אין אַ סביבה פון אומעטיקער נויט און פאַרבאָרגענע

געפילן, „די וועלט אין מיין בלוט איז — נאַכט". ווייטער דאַרף די שול נעמען אין אַכט די ווערק פון דוד קעניגסבערג, בער האָראָוויטש, ש. י. אימבער, מ. ניגרעשעל און ל. אליצקים משלים „ווענט האָבן אויערן".

די צווייטע גרופּע איז שוין אינגאַנצן אויסגעניכטערט פון דער נאָכ־מלחמהדיקער שכרות און ווערט וואָס אַמאָל סאָלידער. זי שפּיגלט אָפּ דאָס איינברעכן זיך פון דער אַלטער יידישלעכער וועלט און געדראַנג צו אַ ניי לעבן. דער איבערגאַנג איז אָבער נישט קיין ראַשיקער, ער איז על פּי רוב באַגלייט מיט אַ ראָמאַנטישן סענטימענט פאַר דעם אונטערגייענדיקן. לעם די סאָציאַלע מאָטיוון זעען מיר אויסגעוואָרצלטע, וועלט־שמערצלערישע מאָטיוון. גרויס ליבע האָט זיך דערוואָרבן ביים לייענער איציק מאַנגער, דער פאַרוואָגלטער דיכטער, וועלכער רעדט אין אַ צערודערטער צייט מיט אַ ראָמאַנטישער לבנה־שפּראַך. ער איז דער באַנייער פון דער יידישער באַלאַדע. האַלט זיך פאַר אַ גלגול פון וואַנדערנדיקן פאָלקסזינגער וועלוול זבאַרזשער, אין וועמענס שאָטן דער דיכטער־וואַגאַבונד לאַכט „שיכור פון שטערן און ווייַן". יחיאל לערערס פּאָעמע „מיין היים" איז ממש אַ גליק פאַר דער יידישער שול. ער ווייַזט ווי דער אַלטער לעבנסשטייגער גוססט, עס גייט אויף אַ נייע וועלט. אויף אַן עפּיש־אידילישן שטייגער ברענגט ער דיכטעריש אַרויס די יידישלעכע טראַדיציעס. רחל ה. קאָרן ווייַזט אַרויס אַן אינטימע צונויפגעבונדנקייט מיטן דאָרפישן לעבן, מיט דער אוקראַאינישער לאַנדשאַפט, מיטן פּויער, וואָס פירט אַ האַרט לעבן פון נויט. אויך קלמן ליסעס פּאָעמעס אָטעמען מיטן וואָלינער דאָרף. ישראל אַשענדאָרף אַנטלויפט פון אַלע ראָמאַנטישע פליטערלעך און רופט צו בונט קעגן דער נויט. ער לעבט אין אַ סביבה פון אביונישקייט, ווו מ׳נעמט אַלץ „אויף באָרג". בינעם העלער דער בונטאַרישער דיכטער, וואָס וויל די וועלט פון אומעט פאַרטרייבן אויף פרייד, די שרעק אויף — חוצפּה. י. פּאַפּיערניקאָוו לעבט דיכטעריש צווישן דער פּוילישער און פּאַלעסטינישער לאַנדשאַפט. בער שנאַפּער, אַ וועלט־שמערצלערישער דיכטער, וואָס איז פול מיט קהלת־שטימונגען. ער

באקלאָגט זיך „קאַלט איז די וועלט פון אונדזער ליד”. מ ש ה ש י־מ ע ל — פון די טאָג-טעגלעכע צופעליקע געשעעניש[ן] סובלימירט ער אויס דאָס באַשטענדיקע, וואָס איז אין תוך פעסימיסטיש.

ד י ד ר י ט ע ג ר ו פ ע, די סאַמע יינגסטע איז ווייט נישט קיין איינהייטלעכע סיי לויט דער טעמאַטיק און סיי לויט דער פאָרם. עס קומט צום אויסדרוק אַ דריילינג דיכטער וואָס קומט פון אַ רעליגיעזער סביבה און איז פאַרבענקט אין עבר און איז אויך נשמהדיק צעריסן אויפן וועג צום נייעם.

ח י י ם ס ע מ י אַ ט י צ ק י ס קורצע לירישע תפילות זיינען דורכגעזאַפּט מיט גלויבן, וואָס קומט נישט פון שוואַכקייט און אומבאַהאָלפנקייט, נאָר פון גרויס ליבע צום גאַנצן וועלט-באַשאַף. ח י י ם ג ר אַ ד ע איז דיכטער פון לעבן און וועלט-אַפירמאַציע, וואָס שטעלט זיך אַנטקעגן דער אָפּהענטיקייט און גיט אַן אַנטשיידענעם יאָ-ענטפער. דער פאַרפאַרמעטער מוסרניק שיידט זיך מיט דער אַלטער אויסגעלאָשענער בית־מדרש־וועלט. י ש ר אַ ל ע מ י אָ ט דיכטעט וועגן מענטשנס איינזאַמקייט און זוכט אַ גייסטיקן אָנהאַלט.

אַ ב ר ה ם ס ו צ ק ע ו ו ע ר — אַ געמיש פון ליטע און סיביר. ער פילט אַ ווידערווילן צו די דיכטער מרה־שחורהניקעס, ווייל ער איז אינגאַנצן באַרוישט פון ערדישן געזאַנג וועגן אַ הילצערנעם לעפל. נ ח ו ם ב אָ מ ז ע אַן איינזאַמער דיכטער, וואָס וויל דורך זיינע לידער זיך איינפלאַנצן אין דער געאַנטער אייביקייט. אַ ל ח נ ן ו ו אָ ג ל ע ר דעדט מיט דער שפּראַך פון די אָרימע ליטווישע פעלדער און שטעטלעך. ער זעט דאָס לעבן דורך דער פּריזמע פון דער גרויסער מעטאַפאָרע. די „העלדן” פון זיינע פּאָעמעס זענען: אָלכעס, בעריאָזעס, פלוימען-סאָד א.ד.גל. י ו ס ף ר ו ב י נ ש ט י י ן איז פאַרכאַפּט פון דעם רייץ פון די וואַרשעווער גאַסן, וואָס טוליען זיך צו די פאַרביק-געלאָשענע שויפענצטער. ר י י ז ל ז ש י כ ל י נ ס ק י — אַ שטובּיקע דיכטערין, וואָס גייט נישט אַרויס פון איר מאַמעס רשות. אירע פערזן אַנטפּלעקן זיך פאַרן לייענער אומדערוואַרטעט אַ ביסל עקסטראַוואַגאַנטיש. דורכגעזאַפּט

מיט לעבנספּיין און יאוש זענען די לידער פון מישא טראַיאַנאָוו. די ווייסרוסישע לאַנדשאַפט געפינען מיר אין ליוב מאָרגענשטוים אויף „פּאַלעסיער ערד" און ס'וואַרשעווער „מקום" ביי מ. א. קנאַפּהיים.

אין די העברעע קלאַסן דאַרף געשטודירט ווערן די יידיש-דראַמאַטישע ליטעראַטור. די נייע יידישע דראַמע האָט בדרך כלל נישט געפונען דעם אוממיטלבאַרן וועג צו דער היינטצייטיקייט, נאָר על פּי רוב געקומען צו איר דורך היסטאָרישע, מיסטישע און גראָטעסק-שפּילערישע אומוועגן. פאַרן דאָזיקן דיסטאַנס-נוסח איז באַשאַפן געוואָרן א באַצייכענונג — גינאָסקאָפּיא, ד"ה טענדענץ צו קוקן אויף דער פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט דורך דער פּריזמע פון דער קעגנוואַרט. די הוה-באַשטרעבונגען ווערן איבערגעוואָרפן אויפן עקראַן פון עבר. קודם כל ווערן אין דער נייער יידישער דראַמע אַרויסגעפירט היסטאָרישע געשטאַלטן, וואָס ראַנגלען זיך מיט די אייגענע מאַכטליידנשאַפטן, ווייטיקן אויף זייערע דערלייזערישע וועגן, יחידים אַמפּערן זיך מיטן כלל און אַנטלויפן פון אויסגעצוווּנגענע באַרופן. ווייטער קומען מאָטיוון פון היינטצייטיקן ציוויליזאַציע-פּלאָנטער, סאָציאַלן עלנט, אייביקן מאַן-און ווייב-געפעכט, אַפּאָטעאָז פון פאָלקסטימלעכקייט, הומאַניסטישע באַשטרעבונגען און פרייהייטס-אידעאַלן. דער אויסנווייניקסטער רעקוויזיט איז טיילווייז א ריין-יידישער, דערפאַר איז דער אידעאישער אויסבליק צומערסט — אן אוניווערסאַלער.

דאָס קומט צום אויסדרוק ביי אלתר קאַציזנע („דער דוכוס", „הורדוס", „דעם יידס אָפּערע"), אהרן צייטלין („יעקב פראַנק", „ברענער", „אסתרקע און קאַזשימיעזש דער גרויסער" און „בעלמער חכמים"), יעקב פּרעגער („דער נסיון", „שלמה המלך", „שמחה פּלאַכטע"), מלך ראַוויטש („בלוט אויף דער פאָן"), גלאַנץ-ליעלעס („שלמה מולכו").

פון דער יידיש-סאָוויעטישער ליטעראַטור דאַרפן איינגעפירט ווערן די פּראָזע-ווערק פון דוד בערגעלסאָן, נסתר, איציק

קיפּנים, ש. גאָדינער, חיים גילדין, משה קול־באַק און אַרלאַנד. סאָוועטישער פּאָעזיע: פּרץ מאַר־קיש, שלמה האַלקין, איציק פעפער, לייב קוויטקאָ און דוד האָפשטיין.

פון דער יידיש-אַמעריקאַנער פּראָזע: אָפּאַטאָשו, ראַבאָי און שאַפּיראָ; פּאָעזיע — משה לייב האַלפּערן, מאַני לייב און ה. לייוויק, וועלכער קניפּט אָן אין דער פּרצישער דערלייזונגס־אידייע.

דער תלמיד פון דער יידישער שול מוז זיך אויך באַקענען מיט די ווערק פון די פּראָלעטאַרישע דיכטער: ווינטשעווסקי, עדעל־שטאַט און באָווישאָווער, וועלכע האָבן זייער דיכטער־וואָרט געלייטערט אין פלאַם פון רעוואָלוציאָנערן קאַמף.

די צווייטע וועלט-מלחמה האָט מיט איר ראַפינירטער אכזריות אונדז איינגאַנצן אויפגעטרייסלט. אונדזער געמיט איז דערשיטערט און ווער ווייסט צי מיר וועלן ווען עס איז דערגיין צו אַ וועלכן ס׳איז גלייכגעוויכט. אָט־די תקופה האָט דערוויילן נאָכנישט באַוויזן אָנצוערעגן אונדזערע פּראָזע־שרייבער ווייל דערצו איז נייטיק עפּישע מנוחה. דאַקעגן האָט די שטור־מישע צייט יאָ באַוויזן אָנצוצינדן ביי די יונגע פּאָעטן ס׳דיכטערישע וואָרט. די לידער פון רחל קאָרן, חיים גראַדע, אברהם זאַק, אברהם סוצ־קעווער, אלחנן וואָגלער, ל. אָליצקי, משה גראָסמאַן, יוסף רובינשטיין, בינם העלער, רייזל זשיכלינסקי, י. אַשענדאָרף, יצחק יאַנאַסאָוויטש, מ. א. קנאַפּהיים, חיים לייב פוקס, ישעיה שפּיגל, פּסח בינעצקי, מרדכי אָלעי, מאַטעס אָליצקי, לייב קופּערשמיד, גוטע גוטערמאַן, מ. וואַלדמאַן, וו. ה. איוואַן און אַנדערע זענען דורכגעזאַפּט מיט טיפן וויי און דערדריקנדיקן טרויער, אָבער זייער וויי איז אַ צאַפּלדיקער, אַ נישט געשטילטער; צווישן זיי און די חורבות איז לעת עתה נישטאָ קיין דיסטאַנץ, וועלכער איז דורכאויס נייטיק פאַר קינסטלערישער פאַרדייאונג. אין דעם פּרט שטייט דער לערער פאַר אַ זייער ערנסטן נסיון ביים אָנקלייבן אַנטשפּרעכנדיקן דיכטערישן מאַטעריאַל פאַרן שילער, וועלכער דאַרף דאָך וויסן דעם אונ־

טערשיד צווישן דער פאַרמלחמה־צייט און איצטיקע טעג פון אומגעהויערן חורבן.

טייערע פריינט, לערער און דערציער, מורי ורבותי!

פון דעם קורצן שפּאַציר, וואָס מיר האָבן געמאַכט איבערן גאָרטן פון דער יידישער ליטעראַטור, איז צו זען, אַז יידישע ליטעראַטור קאָן נישט באַטראַכט ווערן ווי אַ סעפּעראַטער קעגנשטאַנד, נאָר, אַז זי איז אָרגאַניש פאַרבונדן מיט דעם אַלגעמיינעם שאַפונגס־פּראָצעס פון דער מאָדערנער יידישער נאַציאָנאַל-וועלטלעכער קולטור, ווי אַזעלכע איז זי פאַרבונדן מיט אונדזער אַלעמענס געראַנגל פאַר אַ נייעם וועלטבאַנעם און קאַמף פאַר פּאָליטישער, נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער עמאַנציפּאַציע. מהאי טעמאַ איז פון איר דערהויפּט אָפּהענגיק ס'אונטערשטרייכן אין דער יידישער שול דעם צענטראַל־אידעאַל פאַר וועלכן דער שילער זאָל זיין מסוגל זיך צו באַגייסטערן. אין אונדזער אַלגעמיינעם שאַפונגס־פּראָצעס ווערט אַלץ אויף אַ נאַטירלעכן אופן דערפירט צום טרוים און ווילן צו דערלייזונג. אויך אונדזערע אבות האָבן כסדר געלעבט מיטן טרוים פון גאולה. אָבער זיי האָבן באַוויזן דעם טרוים וועגן פאָלקס-גאולה צו פאַרבינדן מיטן באַשטרעבן צו וועלט־גאולה, דעם משיחיזם. אונדזערע זיידעס און טאַטעס האָבן יעדן טאָג פייערלעך פאַרזיכערט, אַז זיי גלויבן אין ביאת המשיח „און הגם דער דערלייזער פאַרזוימט זיך שטאַרק, דערוואַרט איך יעדן טאָג זיין קומען". לערער און דערציער! איר מוזט זיין אָפּטימיסטן און גלויבן אין וועלט־דערלייזונג. דעריבער מוזן אויך מיר פאַרבינדן ס'שטרעבן פון פאָלקס־דערלייזונג מיטן אידעאַל פון וועלט־דערלייזונג. איר מוזט אין דער שול אריינברענגען דעם גייסט און גלויבן אין אָפּטימיסטישן און סאַמע דערהויבנסטן וועלט-דערלייזערישן אידעאַל — דעם **סאָציאַליזם**.

דאָס פּוילישע ייִדנטום

ביכער-סעריע פון דעם צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע ייִדן
אין אַרגענטינע
רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָוו

ביז איצט דערשינען:

1) מארק טורקאָוו: מלכה אָוושיאַני דערציילט... (אויספארקויפט)
2) ה. ד. נאָמבערג: י. ל. פּרץ (אויספארקויפט)
3) וו. גראָסמאַן - י. וויערניק: טרעבלינקע (אויספארקויפט)
4) פּרץ גראַנאַטשטיין: מיין חרוב שטעטל סאָקאָלאָוו (אויספארקויפט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט: חורבן לאָדזש (אויספאַרקויפט)
6) זרובבל: בארג חורבן (קאפּיטלען פּוילן) (אויספארקויפט)
7) אלחנן צייטלין: אין א ליטעראַרישער שטוב (אויספארקויפט)
8) ד"ר ח. שאָשקעס: פּוילן — 1946 (אויספאַרקויפט)
9) ז. סעגאלאָוויטש: טלאָמאַצקע 13 (אויספאַרקויפט)
10) מ. נודעלמאַן: געלעכטער דורך טרערן
11) ד"ר מאיר באַלאַבאַן: די ייִדן־שטאָט לובלין
12) ישראל אפרת: הײמלאָזע ייִדן
13) ד"ר יעקב שאַצקי: אין שאָטן פון עבר
14) דוד פלינקער: א הויז אויף גזשיבאָוו
15) ד"ר הלל זיידמאַן: טאָגבוך פון ווארשעווער געטאָ
16) קינדער־מארטיראָלאָגיע (זאמלונג פון דאָקומענטן)
17) חיים גראַדע: פּליטים
18) ש. קאַטשערגינסקי: פּארטיזאַנער גייען!... (ווילנער געטאָ)
19) פרידע זרובבל: נע ונד (פּארצייכנונגען פון א פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער: מאַידאַנעק
21) יעקב לעשצינסקי: אויפן ראַנד פון אָפּגרונט
22) ז. סעגאלאָוויטש: געברענטע טריט
23) אברהם טייטלבוים: ווארשעווער הייף
24) טאַניאַ פוקס: א וואַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שניידערמאַן: צווישן שרעק און האָפענונג
26) לעאָ פינקלשטיין: מגילת פּוילן

עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

יאָנאס טורקאָוו: אזוי איז עס געשען... (חורבן־ווארשע)
ש. איזבאַן: „אומלעגאַלע" יידן שפּאַלטן ימען
שלמה וואגא: חורבן טשענסטאָכאָוו
שמחה פּאָלאקעוויטש: כ'בין געווען אין טרעבלינקע
ר. שושנה־קאַהאַן: אין פייער און פלאַמען (טאָג־בוך)
יעקב פּאַט: הענעך (טאָגבוך פון א קינד)
מנשה אונגער: רביישע הייף
א. אלמי: מאָמענטן פון א לעבן
י. הירשהויט: פינצטערע נעכט אין פּאוויאַק

עס גרייט זיך צום דרוק:

יוסף אפּאַטאָשו: פּוילן
יוסף אקרוטני: אין קלעם
רחל אויערבאַך: מאטעריאַלן פונעם רינגעלבלום־ארכיוו
מיכאל באָרוויטש: אַרישע פּאַפּירן (דאָקומענטן)
הרב אברהם ביק: צען דורות פּוילישע גאונים
מיכאל בורשטין: ביי די טייכן פון מאזאָוויע
פּ. בימקאָ: אמאָל אין פּוילן
נח גריס: קינדער אינעם קאמף (דאָקומענטן)
יאנינא העשעלעס: מיט די אויגן פון א 12־יעריק קינד
הערשעלע: שבת אויפן טראקט
עוזר ווארשאווסקי: שמוגלארם
יוסף וואָלף: לייענענדיק פּרצן
ד"ר יוסף טענענבוים: דער לעמבערגער פּאָגראָם
ה. לייוויק: דער נס פון געטאָ
יחיאל לערער: מיין היים
נחמן מייזיל: דיכטער־מארטירער
צפורה קאצענעלסאָן־נאכומאָוו: יצחק קאצענעלסאָן
א. נחתומי: דאָס לעבן רופט
מ. נודעלמאַן: אָפּגעשפּילט...
יהושע פּערלע: יידן פון א גאַנץ יאָר
ד"ר יוסף קערמיש: אויפשטאנד אין ווארשעווער געטאָ
מ. קאָסטרינסקי: פּינסק
ד"ר עמנואל רינגעלבלום: צו דער געשיכטע פון יידן אין פּוילן
בער י. ראָזען: טלאָמאצקע 13
מיכאל און צבי ראַיאַק: חורבן גלובאָק
ד"ר יצחק שיפּער: קאפּיטלען געשיכטע
מרדכי שטריגלער: אין די פאבריקן פון טויט
ד"ר ח. שאָשקעס: א לעבן, וואָס איז פארביי...
ל. שפּיזמאַן: די חלוצישע באוועגונג אין פּוילן

BANCO ISRAELITA del RIO DE LA PLATA

CORRIENTES 2346
BUENOS AIRES

דעם 20-טן נאָוועמבער 57

צום
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פּוילישע ייִדן אין אַרגענטינע
שטאָט

זייער חשובֿע פריינד!

מיר האָבן דעם כּבֿוד אייך צו מעלדן, אַז דער דירעקטאָריום פון דער ייִדישער פאָלקס-באַנק האָט אויף דער זיצונג פון 19-טן ד.ח. איינשטימיק באַשלאָסן צו פינאַנסירן די אויסגאַבע פונעם 26-טן באַנד פון דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", דאָס פונדאַמענטאַלע ווערק וועגן פּויליש-ייִדישקייט „מגילת פּוילן" פון לעאָ פינקעלשטיין.

דורך דעם דאָזיגן באַשלוס האָט דער דירעקטאָריום פון דער ייִדישער פאָלקס-באַנק געוואָלט אויסדריקן זיין אָנערקענונג פאַר דער גרויסער קולטור-אַרבעט, וואָס אייער פאַרבאַנד האָט אונטערגענומען דורכן אַרויסגעבן די ערשטע 25 בענד פון דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", וואָס איז אַ שטאָלץ און כּבֿוד פאַרן גאַנצן אַרגענטינער ייִדישן ישובֿ.

די ביז-איצט דערשינענע 25 בענד פון דער סעריע זענען נישט בלויז אַ מאָנומענט פאַר דער רומפולער פאַרגאַנגענהייט פון דעם פּוילישן ייִדנטום, פאַר זיין מאַרטירערטום און העלדישן ווידערשטאַנד, נאָר עס איז אויך אַ וויכטיקער בייַשטייער צו דער היסטאָרישער ליטעראַטור און אַ קוואַל פון דאָקומענטן פאַר די צוקונפטיקע פאָרשער פון דער טראַגישסטער עפּאָכע אין דער געשיכטע פון אונדזער פאָלק.

די אָנערקענונג, וואָס אייער קולטור-אַרבעט האָט געפינען אין דער גאַנצער ייִדישער וועלט, די ענטוזיאַסטישע אָפּרופן וועגן דער ביכער-סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום", לייגט אַרויף אויף אונדזער ישובֿ די פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו זאָרגן, אַז די דאָזיגע אַרבעט זאָל ווייטער קענען אָנגיין מיטן זעלביקן דערפאָלג און דאָס פאַרפליכטעט אונדז אַלעמען מיטצוהעלפן אייך אין אָנגעהויבענעם קולטור-ווערק.

דער באַשלוס פון דער ייִדישער פאָלקס-באַנק איז אַן אויסדרוק פון די דאָזיקע געפילן בפֿרט נאָך ווען די גאַנצע הכנסה פון די ביכער איז באַשטימט אויף קולטור-הילף פאַר די שארית הפּליטה.

דער דירעקטאָריום פון דער ייִדישער פאָלקס-באַנק איז איבערצייגט, אַז זיין באַשלוס צו פינאַנסירן דעם 26-טן באַנד פון דער ביכער-סעריע, וועט דינען פאַר אייך אַלס סטימול אין אייער גרויסער אַרבעט און וועט זיין אַ ממשותדיקער אויסדרוק פון אונדזער מיטהילף צו פּאָפּולאַריזירן די ייִדישע קולטור און ייִדישע ליטעראַטור.

מיט גרוס און דרך-ארץ

(הירש טריוואַקס) סעקרעטאַר (באָריס קנאָבל) פּרעזידענט

TELEGRAMAS
"COPISBANK"

פרעסע-שטימען וועגן דער ביכער-סעריע

דאָס פּוילישע יידנטום

ש. קאַטשערגינסקי שרייבט צום דערשיינען פון די ערשטע 25 בענד פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום" אין זיין אַרטיקל „דער גרויסער נס" („אַרבעטער-וואָרט", פּאַריז, דעם 31סטן אָקטאָבער 1947):

מיט דער חרוב־געוואָרענער ירושלים אין הארצן, האָבן די פאַרטריבענע יידן פון ארץ ישראל אויך אין גלות געהאַט זייערע ירושלימס: סורא און פומפדיתא און שפּעטער פּעצס, קאָרדאָווע, טאָלעדאָ, טרוא ביז לובלין און ווילנע — האָבן ווייטער געטראָגן דאָס ליכט צווישן יידן אין זייער צעשפּרייטקייט.

אָבער אַ ירושלים ד'יידיש האָט די מאָדערנע יידישע קולטור־געשיכטע געהאַט נאָר איינע. און געווען איז דאָס ווילנע. דוכט מיר, אַז מלך ראַוויטש, האָט ווילנע געקרוינט מיט דעם דאָזיקן טרעפלעכן נאָמען, און אַזוי איז שוין אין דער וועלט ווילנע פאַרבליבן. — און אַזוי ווי אין די אַמאָליקע צייטן, ווען ס'איז חרוב געוואָרן איין ירושלים וואָס די יידן האָבן זיך אין גלות אויסגעבויט, — האָבן יידן אַ צווייט ירושלים ערגעץ אין אַן אַנדער אָרט פאַרפלאַנצט, אַזוי איז איצט אויך מיט ירושלים ד'יידיש.

ס'איז חרוב געוואָרן די פיל-גערימטע ווילנע און מיר האָבן אין ציטער מורא געהאַט אַז עס וועט זיך נישט געפינען קיין צווייטע ווילנע, וואָס זאָל ווייטער ממשיך זיין די גאָלדענע אַרבעט פון דער יידישער קולטור.

איז געשען אַ נס! ס'איז אויפגעשטאַנען אַ ניי ירושלים ד'יידיש און דאָס מאָל אין אַן אָרט, וווּ מיר האָבן זיך צום ווייניקסטן געריכט.

— אין אַרגענטינע איז דאָס מאָל אויפגעשטאַנען אַ לעבעדיק-אַקטיווער יידישער קולטור־צענטער, וואָס לויכט אויך אַריבער צו אונדז.

די הויפּטשטאָט איז געוואָרן נישט נאָר אַ ירושלים ד'יידיש פון אַרגענטינע נאָר פון דער גאַנצער יידישער קולטור-וועלט.

בוענאָס־איירעס... וואָס פאַראַ פינצטערע מחשבות עס פאַרבינדט יעדער יידן מיט אָט דעם נאָמען. נאָך מיט אַ צען־פופצן יאָר צוריק איז די בוענאָס-איירעס־טעמאַטיק געווען פון די פּאָפּולערסטע אין דער יידישער שונד־ליטעראַטור — און — טעאַטער. און וואָס פאַראַ גוואַלדיקער נס מיטאַמאָל: —

ס'איז פאַרשוווּנדן געוואָרן דאָס פינצטערע קאַפּיטל פון דער געשיכטע פון דאָרטיקן יידישן ישוב. די יידן, עמך, האָבן עס מיטן וואָרצל אויסגעריסן, כאָטש דער קאַמף קעגן די טמאים איז געווען גאָר נישט קיין לייכטער.

איצט האָבן מיר אין אַרגענטינע

און באַזונדערס אין בוענאָס־איירעס אָן אַ שיעור יידישע שולן, (וואָס שטייגן אַריבער אין זייער גרויס און קינדער־צאָל אַלע ביז אַהעריקע יידישע שולן) צייטונגען, זשורנאַלן, פאַרלאַגן, טעאַטערן, ייוואָ-אַפּטייל אאַ״יי אאַ״וו.

און אַז איך האָב דערמאָנט די פּאָזיציע פאַרלאַגן, וויל איך זיך דאָ באַזונדערס אָפּשטעלן אויף דעם יום־טוב וואָס ווערט די טעג געפּייערט אין איינעם פון די גרעסטע זאַלן פון אַרגענטינער הויפּטשטאָט, אַ יום־טוב וואָס יעדער ייד מעג פּייערן — לכבוד דאָס דערשיינען פון 25סטן באַנד פון פאַרלאַג — ביים דאָרטיקן צענטראַל־פאַרבאַנד פון די פּוילישע יידן. דער פאַרלאַג וואָס ווערט רעדאַגירט פון מאַרק טורקאָוו און אָנגעפירט פון אברהם מיטלבערג.

אין דער געשיכטע פון יידישן פאַרלאַג־וועזן, איז זיכער די צאָל אויסנאַבעס וואָס דער פאַרלאַג האָט שוין אַרויסגעגעבן אין אַזאַ קורצער צייט אַן איינצלנער פאַל.

אָן רעש, אָן באַזונדערע „קאָמפּיענס", אָן הילף פון וועמען, — איז אין משך פון ווייניקער ווי אַ יאָר אַרויסגעגעבן געוואָרן — 25 ביכער, וואָס איז שוין אַן און פאַר זיך אַ גרויסע דערגרייכונג נישט נאָר פאַרן יידישן פאַרלאַגס־וועזן.

און די ביכער ווערן נישט אַרויסגעגעבן אַבי סתם־אָפּגעפּטרט, ניין, יעדער בוך איז אויך עסטעטיש פיין אַרויסגעגעבן, גוטע ליכטיקע פּאַפּיר, ריינע, ציכטיקע שריפט, קאָרעקטע קאָרעקטור, פיינע איינבונדן — דאָס אַלץ דערהויבט די חשיבות פון בוך.

איך וויל זיך דאָ נישט אַריינלאָזן איצט אין אָפּשאַצן יעדער בוך באַזונדער, אַן אַרבעט וואָס ווערט געטאָן אין אונדזער צייטונג פון צייט צו צייט. קוק איך אָבער דורך בלויז די רשימה פון די 25 אַרויסגעגעבענע ביכער איז צו זען די פאַרשידנאַרטיקייט פון מאַטעריאַל פון וואָס עס וועט געשאַפן ווערן די געשיכטע פון יידישן ישוב אין פּוילן. לויט מיין מיינונג, זענען אויך די „צופעליקייטן" וואָס כאַפּן זיך אַריין צווישן אָט די צוויי אַ האַלב צענדליק ביכער, וויכטיק און באַלערעוודיק, פאַרן לייענער און פאַר דעם געשיכטע־פאָרשער — ערנסטע מקורות.

מאַרק טורקאָוון, אברהם מיטלבערגן און אַלע טוער פון דעם קולטור־היסטאָרישן פאַרלאַג אַ גרויסן יישר כּוח.

Este libro se terminó de imprimir en los Talleres Gráficos de Julio Kaufman, Corrientes 1976, Buenos Aires, el día 27 de Noviembre de 1947.